STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01873

AROPGELAKHT FUN HARTSN

Itzhak Brat

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק בראַט

*

אַראָפּגעלאַכט פון האַרצן

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון יידישן שרייבער
און זשורנאַליסטן-פאַראיין אין ישראל

יצחק בראַט

אַראָפּגעלאַכט פון האַרצן

הומאָר און סאַטירע

פאַרלאַג „המנורה" תל-אביב
תשל"ו — 1976

ITZCHAK BRAT

Aropgelacht fun Hartzn

יצחק בראַט / אַראָפּגעלאַכט פון האַרצן

שער־בלאַט און צייכענונגען: פּרץ ווײַנרײַך

פאַרלאַג „המנורה“, רח׳ זנגביל 24, תל־אביב

"Hamenora" Publishing House
24, Zangwill St. Tel-Aviv, Israel

©
Copyright by Itzchak Brat

כל הזכויות שמורות למחבר

Printed in Israel, 1976 נדפס בישראת תשל״ו

סידור: משה חמיאל
הדפסה: „חבצלת“, הרצליה

פון זעלבן מחבר:
„אין היימישן שפּיגל“, פאַרלאַג „המנורה“ (1974)

דינה

גערווידמעט



צייטן בייטן זיך

ווּ נעמט מען אַמאָליקע יאָרן?

„ווּ נעמט מען אַמאָליקע יאָרן, ווּ נעמט מען אַמאָליקע טעג״ — אַזאַ לידל, געדענק איך, האָט מען אַ מאָל געזונגען. דערמאַנט האָב איך זיך אין דאָזיקן לידל אין איינעם פון די פאַרנע אָוונטן, ווען כ׳בין געזעסן אויף דער וועראַנ־דע פון מיין וווינונג אין תל־אביב און דער רעש פון די אויטאָמאָבילן, עראָפּלאַנען, „מאָדערנער״ מוזיק האָט געצופּט מיינע נערוון. אוי, ווּ נעמט מען אַ ביסעלע רו? — האָב איך מיר געטראַכט. ווּ נעמט מען יענע צייט, ווען דאָ איז אַזוי שטיל געווען ווי אין אַן אויער. ווען די ערד אַרום און אַרום איז נישט געווען איינגעפּאַנצערט אין צעמענט און אין בעטאָן, האָט פריי געאָטעמט. די ביימלעך האָבן זיך געבויגן אין ווינט ווי זיי וואָלטן מתפלל געווען צו גאָט וואָס שפּייזט זיי מיט טוי בשפע. די ווילדע גראָזן האָבן געריסן זייערע שפּיצן צו דער זון.

איצט איז דאָס אַלץ פאַרשוווּנדן. הייזער און הייזער. געפלאַסטערטע שאָסייען. אויטאָס יאָגן זיך ווי רוחות איינער נאָכן אַנדערן. אַ קאָכעניש און אַ געברום. אַ פאַרפּעסטעטע לופט, אַ הו־האַ, אַ יאָגעניש, אַ פּלאָגעניש, אַ שוויצעניש — און איך בין אין מיטן.

קוק איך אַזוי אַריין אינעם צעשטערנטן הימל און איך פרעג דעם, וואָס לעבט דאָרטן, אַזאַ מין קשיא: גאָטעניו, וואָס האָסטו געמאַכט פונעם בידנעם בשׂר־ודם? ווער דאַרף דעם דאָזיקן טראַסק? און אַז די אַלע מאָדערנע שמד־שטיק זענען נישט געווען אויף דער וועלט, האָבן דען די מענטשן נישט געהאַט קיין קיום?

זאָג, אדרבה, וואָס איז, אַ שטייגער, געווען שלעכט אַזאַ ייד ווי מיין טאַטן, עליו השלום, וועלכער האָט געלעבט אין די נישט־מאָדערנע צייטן?

גאַנץ פרי, ווי נאָר עס האָט געגומען שאַריען אויף טאָג, האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ אינעם לאָדן פון מיין פענצטער. געצל אברהם־שׂרהס, דער לאַטוטניק, האָט אויסגעזונגען מיט זיין הייזעריקער שטים:

„יידן, שטייט־אויף צו תהלים, שטייט־אויף צו עבודת הבורא". מיר, די קינ־דער, זענען אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. דערנאָך האָבן מיר זיך נאָך מער איינגעוואָרעט אין דער איבערבעט און ווייטער געשלאָפן. דער טאַטע, אָבער, האָט זיך פאַוואָליע אַראָפּגעקאַראַבקעט פון דער ברייטער, הילצערנער בעט, אַ ווײַלע געזעסן אויפן ראַנד, אָפּגעקרעכצט, אָפּגעהוסט, אַרויפגעצויגן אויף זיך די ברייטע פלודערן, געוואַשן די הענט, אַרייַנגענומען אין מויל אַריין אַ ביסל וואַסער פון דער קופערנער קוואָרט, געמאַכט בול־בול, געגאָסן פאַוואָליע אויף די הענט און געוואַשן דאָס פּנים. אָנגעטאָן דעם אָפּגעשאָסע־נעם טיזליק, דאָס קיילעכדיקע היטל, און זיך געלאָזט אין שיל אַריין.

אין דרויסן איז געווען שטיל. דאָס שטעטל איז נאָך געווען פאַרזונקען אין שלאָף. ווו־נישט־ווו האָבן מאַטע פייערלעך זיך באַוויזן אין די פענצ־טער. אַ סימן, אַז נאָך יידן זענען אויפגעשטאַנען צו עבודת הבורא. דער טאַטע האָט געשפּאַנט מיט זיכערע טריט אין מיטן זאַמדיקן וועג. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר קיין אויטאָ, פאַר קיין פערד, פאַר קיין „פאָרד". אַפילו קיין קאַץ האָט מען נישט אָנגעקוקט. און הינט אַוודאי און אַוודאי נישט. די שטאָטישע ציג איז נאָך אויך געשלאָפן.

אין שיל איז געווען ליכטיק און וואַרעם. יידן האָבן געהאַלטן די סידור־רים אין די הענט און „געהאַקט" די קאַפּיטלעך תהלים, אַז עס איז אַזש געגאַנגען אַ רויך. מען האָט זיך געיאָגט, געפּוזשעט, געפּערעדעוועט, כּדי צוצוקומען וואָס גיכער מיט די תּפילות צום רבונו־של־עולם. אַז דער, וואָס לעבט אייביק, זאָל העלפן. ער זאָל געבן געזונט און פּרנסה. טאַטע זיסער, געזונט!

אָפּגעזאָגט, אָפּגעדאַוונט, אויסגעגאַנגען עלינו, אויסגעשפּיגן, האָט מען צונויפגעלייגט טלית און תפילין, אַ קוש געטאָן די מזוזה און געגאַנגען אַהיים צו ווייב און קינד. נאָך אַ טאָג האָרעוואַניע איז מען פאַרנאַכט ווידער גע־גאַנגען אין שיל אַריין, אָפּגעדאַוונט מינחה ומעריב און אין אָוונט, לייגנדיק זיך אין בעט אַריין, האָט מען נישט פאַרגעסן לייענען קריאת־שמע. וואָס צו גאָט — איז צו גאָט און וואָס צו לייטן איז צו לייטן. מען האָט נישט געוווּסט וואָס עס איז אַזוינס ראַדיאָ, וואָס פאַר אַ באַשעפעניש עס איז טעלעוויזיע. מען האָט אין שטוב נישט געהאַט קיין טעלעפאָן. אין שטעטל איז נישט געווען אַפילו קיין איין קינאָ. און דאָך האָבן יידן פאַרבראַכט, געזונגען, געטאַנצט אויף חתונות, אויף בריתן, ביי שלוש סעודות, פּורים, שמחת תורה, בעתן פּראַווען אַ קנס־מאָל. די חתונות האָבן אָפט מאָל גע־

דויערט עטלעכע טעג. מען האָט „געקנאַקט" די פּעטע זשאַרקאָיעס, פאַר־טרונקען מיט 96ער ספּירט. געהאָפּסלט, אַז אַ געדיכטער שטויב האָט זיך אַזש געטראָגן צו דעם סופיט. די קלעזמער האָבן געשפּילט יידישע מתיקות־דיקע ניגונים. הערצער זענען צעגאַנגען ווי פּוטער אונטער דער זון. כשרע יידישע בתולות האָבן זיך געדרייט אין אַ קאַדריל, געשוויצט אין די ענגע גאָרסעטן, אין די האַלקעס, אונטער־קליידלעך און אויבער־קליידלעך. גע־ווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. זיי האָבן געשייַנט און געלויכטן מיט טויזנטער חנען. מען האָט געקענט אָנקוקן בלויז די לאַנגע צעפּ, די שיינע פּנימלעך און די פינגער־שפּיצן. די בחורים זענען אויסגעגאַנגען פון נייגע־ריקייט צו זען כאָטשבי אַ שטיקל פלייטשקע, אַ ווייס געטאָקט העלדזל, אַ פּיסל — אָבער אַ נעכטיקער טאָג. אַפילו דער חתן האָט רעכט געקענט אָנקוקן זיין כלה ערשט נאָכן באַלייגנס. דערפאַר טאַקע האָבן די בחורים געטרוימט, געחלומט וואַכעדיקערהייט. עס האָט זיי געצויגן ווי מיט אַ מאַגנעט צו די מיידלעך, יעדער לייכטער באַריר האָט זיי ממש עלעקטרי־זירט.

אַ מאָדנע זאַך: אין חדר האָט מען די קינדער נישט געלערנט קיין סעקס. מען האָט נישט געפירט קיין ליבעס. די מערהייט יונגוואַרג האָט חתונה געהאַט דורך געריידעטע שידוכים. און דאָך איז אַ גט דעמאָלט געווען אַ זעלטנהייט. פאַר די משפּחות מיט אַ סך קינדער האָט די רעגירונג נישט געזאָרגט. מען האָט אין שטעטל נישט געבויט קיין קלובן. „ביטוח לאומי" האָט נישט געצאָלט פון דריטן קינד אָן. יונגע פּאָרלעך האָבן נישט באַקו־מען קיין דירות. מען האָט פון דייטשלאַנד נישט באַקומען קיין אָנטשעדיקונג. אַמעריקאַנער יידן האָבן נישט אַריינגעבראַכט קיין מיליאָנען. די רעגירונג האָט נישט אויסגעהאַלטן קיין חדרים, קיין ישיבות, קיין יידישע שולן. פון דעסטוועגן האָבן יידישע קינדער געלערנט, געהאַט שאַרפע קעפּ, „געגעסן טעג" — און געלערנט תורה. נישט געווען אין שטעטל קיין גנבים, קיין פאַרברעכערס אָדער רויבערס. ווער רעדט נאָך — אַ מערדער? — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! נאָר ביי גויים האָט מען אַזעלכעס געקענט טרעפן.

די מחשבותן באָמבלען זיך אין קאָפּ און איך טראַכט מיר ווייטער:

— און אַפילו איך אַליין — ווי אַזוי האָב איך געלעבט קומענדיק אין לאַנד אַריין?

עס איז געווען באַלד נאָך דעם ווי די מדינה איז „אויסגעבראָכן". קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס. אַ פּיסקליאַטע, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן

לערנען צו גיין. מענטשן האָבן נאָך געטראָגן קורצע כאַקי־הויזלעך. אין גאַנץ חיפה האָב איך נישט געטראָפן קיין איין מאַנצביל וואָס זאָל טראָגן אַ שניפּס. אַפילו אין תל־אביב האָט מען אויף די פינגער געקענט אויס־ציילן די פּריוואַטע אויטאָס אויף די גאַסן. צו דער אַרבעט אין תל־אביב בין איך פון רמת־גן געפאָרן אויף אַ ראָווער. מיין חודש־געהאַלט איז גע־ווען הונדערט ישׂראלדיקע לירות און איך בין געווען העכסט צופרידן. די סוכנות האָט מיר קיין דירה נישט געגעבן. געקומען אין לאַנד אַריין בין איך, ווי מען זאָגט: „גאָלע״. און יאַקאָש האָב איך מיר אַן עצה געגעבן. איך האָב צו קיינעם קיין טענות נישט געהאַט. אַפילו צו משה רבינו, וואָס האָט די בני ישׂראל געפירט דווקא אַהער אין דער דאָזיקער חמימה און נישט, למשל, כאָטשבי אין דער שווייץ. פאַרפאַלן — האָב איך מיר דעמאָלט געטראַכט — מסתמא איז אונדז שוין אַזוי באַשערט. איין מעלה האָבן מיר — עס הייסט איך און מיין פרוי — געהאַט, מיר זענען תמיד געווען צו־פרידן. נישט באַקלאָגט זיך, נישט געפאָדערט פון קיינעם. ווי האָט מיין מאַמע עליה השלום געפלעגט בעטן: „בעסער די ביטערע בלאָט פון גאָט, איידער די זיסע פון די מענטשן״...

און איצט? דאָס לאַנד האָט זיך אויסגעברייטערט, די שטאָט — צע־וואָקסן. די מענטשן האָבן זיך געענדערט. דאָס לעבן האָט זיך געביטן. דער מענטש גאַלאָפּירט, טשוואַלעוועט. וווהין? — ער ווייסט אַליין נישט. און לויפנדיק וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ אַלע לאַסטן.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך האָב רחמנות אויף די מענטשן פון דער היינטיקער צייט. ווער ווייסט, וווהין זיי וועלן פאַרלויפן.

אוי, ווו נעמט מען אַמאָליקע יאָרן?

אויך מיר אַ לעבן!

אַנומלט, אין אָוונט, זענען מיר — איך און מיין צווייטע העלפט — געזעסן ווי געוויינלעך ביי דער טעלעוויזיע. און זיצנדיק אַזוי אין ברייטן פאָטעל פונעם גרויסן סאַלאָן, האָט מיין ווייבעלע ראַפּטעם אַ קוק־געטאָן אויף מיר און געזאָגט מיט אַ געמאַכט שמייכעלע:

— זע נאָר ווי זיי האַקן דאָרט, אין „קעסטל״, די פּעטע וועטשערע... מסתמא האָסטו אויך באַקומען אַן אַפּעטיט... אויב אַזוי, גיי טאַקע אַריין אין קיך און גיב עפּעס אַ מאַך פאַר מיינעטוועגן. פאַר מיר איז גענוג אַ גלאָז קאַווע, צוויי רעפּטלעך ברויט מיט פּוטער, אַ פּרעזשעניצע פון צוויי אייער, אַ גלאָז סמעטענע, אַ שטיקעלע הערינג, אַ ברעקל קעז, אַ ביסל סאַלאַט, אַ שאָלעכל טרוסקאַווקעס באַשיט מיט צוקער, נישט מער ווי צוויי בליני־טשיקעס און אַ זליבעדע רויטן ווייַן. דאָס איז אַלץ. זיי, דאָרטן אין דער טעלעוויזיע, האָבן ביי מיר צערייצט דעם אַפּעטיט, אָבער איך וועל נישט עסן קיין סך צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, בין איך אויף דיעטע און צווייטנס — אַ שטיקל פּאַמידאָרל קאָסט דאָך היינט אַ פאַרמעגן. טאָ ווער קען זיך דאָס דערלויבן אָפּצועסן אַזוי ווי אַמאָל, אין די גוטע צייטן?

אָפּזאָגנדיק דאָס, האָט מיין ווייבעלע צוגעגעבן — קוקנדיק מיט גרויס אינטערעס אין טעלעוויזיע־„קעסטל״:

— אַז דו ווילסט, כאַפּ אויך עפּעס איבער. אָבער מאַך עס שנעלער, ווייל באַלד הייבט זיך אָן דער פילם.

בין איך אַריין אין קיך. און פאַרענדיק זיך אַזוי ביים צוגרייטן דאָס עסן, זענען כל־מיני מחשבות מיר געגעבן אַ קום־אָן אין קאָפּ אַריין. און איך שפּעטער, ווען איך בין שוין פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָבן די דאָזיקע מחשבות מיך נישט אָפּגעלאָזט. עפּעס אַ מין שדל האָט זיך ראַפּטעם פאַרקליבן צו מיר אין מוח, און ער האָט גענומען איינטענהן צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— אַ וועלט געוואָרן! היינט לעבט מען און אַ מאָל האָט מען געלעבט!

אַט זיצט אַ פרוי און קוקט שוין העכער אַ שעה אין קעסטל, מאַכט קאַליע די אויגן. און וואָס האָט זי דערפון? און זי איז דאָך אַזוי מיד! די אויגן קלעפּן זיך ביי איר. זי האָט אַפילו קיין כּוח נישט צוצוגרייטן פאַר זיך דעם אָונטברויט. און ווי אַזוי קען זי כּוח האָבן, אַז אַ גאַנצן טאָג איז זי אויף די פיס. ווי נאָר זי איז היינט אויפגעשטאַנען און צוגעגרייט פאַר זיך דעם פרישטיק, האָט מען אַנגעזאָגט אין ראַדיאָ, אַז באַלד וועט מען איבערגעבן אַ געשפּרעך וועגן פרויען־קאָסמעטיק. נו, האָט זי דאָך געמוזט אויסהערן. פון אַזעלכע געשפּרעכן „כאַפּט מען" עפּעס. עס איז אינטערעסאַנט.

נאָכן אָפּעסן דעם פרישטיק, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט ביי דעם שפּיגל, צו רעכט געמאַכט דאָס פּנים. ביז זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט איר טואַלעט האָט גענומען אַ פּאָר שעה. דערנאָך איז זי אַוועק אין סופּערמאַר־קעט. פונעם סופּערמאַרקעט האָט זי געבראַכט די פּראָדוקטן און גלייך אַוועק אין פרויען־סאַלאָן — „מאַכן" זיך די האָר. איידער זי האָט זיך אַרומגע־קוקט איז געוואָרן מיטאָג־צייט. מען דאַרף אָפּעסן און זיך צוליגן כאָטשבי אויף אַ שעה־צוויי. נאָך אַ נס, וואָס דער מאַן עסט אין רעסטאָראַן (ווייל דאָס גייט, טיילווייז, אויפן חשבון פון דער פאַבריק) קען זי אַ ביסל רוען. דערנאָך קומט דער מאַן, לייגט ער זיך צו אויף אַ שעה. ווען ער שלאָפט, טאָר מען אים נישט שטערן. כאַפּט זיך די פרוי אַרויס צו דער שכנה — אַזוי זאָגט זי — ביז דער מאַן וועט אויפשטיין. אין אָוונט איז שוין דאָ די טעלעוויזיע. זיצט מען און מ'קוקט אויפן קליינעם עקראַן.

און דאָס דאָזיקע שדל האָט פאַרגעזעצט צו רייצן זיך מיט מיר:

— דאָס איז אַ לעבן, איז דאָס? דער מענטש איז פאַריאָגט, פאַרטראָס־קעט. ער לויפט, ער ליגט, אָדער ער זיצט ביים קעסטל. אַפילו ווען ער פאָרט אַרויס אין זיין אויטאָ אויף אַ שפּאַציר, יאָגט ער זיך. ער האָט קיין צייט נישט. די הויט ברענט אויף אים.

וואָס קומט אַרויס פונעם גאַנצן פּראָגרעס, אַז דער מענטש דאַרף לעבן אַזוי שווער. וואָס קומט אַרויס פון דער טעכניק מיט אירע אַלע פוילע שטיק, אַז זי האָט דעם מענטש נישט געבראַכט קיין גליק? מיט וואָס איז אים לייכטער געוואָרן, ווען די אַסטראָנאַוטן שפּאַצירן שוין אויף דער לבנה?

הער איך וואָס דאָס שדל טענהט אין מיר אַריין, און איך נעם טראַכטן מיט קאָפּ:

אַט, למשל, זעץ איך מיך, אויפן פרימאָרגן, אַריין אין עראָפּלאַן אויפן לודער עראָדראָם און אין דעם זעלבן טאָג בין איך שוין אין ניו־יאָרק.

און ווען איך דאַרף עקסטראַ — בין איך אויפן צווייטן טאָג צוריק אין דער היים. טאָ וואָס פאַר אַ הנאה האָט מען פון אַזאַ נסיעה?

אָבער אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, ווען עמעצער איז פון אונדזער שטעטל געפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער אַ גאַנץ יאָר זיך געגרייט צו דער נסיעה. און ווען גאָט האָט געהאָלפן, ער האָט באַקומען די פּאַפּירן — די וויזע מיט דער שיפס־קאַרטע, האָט ער זיך אָנגעהויבן פּאַקעווען. דאָס גאַנצע שטעטל האָט אים אַרויסבאַגלייט צו דער שיף. מען האָט געוווסט: דער מענטש פאָרט מעבר־לים, ערגעץ הינטער די הרי־חושך. מען וועט אים שוין מער נישט זען.

איז גאָר קיין חידוש נישט, אַז ווען דער באַלעגאָלע איז פאָרפאָרן מיטן גרויסן, דראַביניאַסטן וואָגן און מיט די צוויי גניאַדע פערדלעך נעמען דעם יידן צו דער שיף, האָבן זיך דערהערט געוויינען און שלוכצערייען ווי מען וואָלט דעם מענטשן געפירט, חלילה, אויפן עולם האמת... דאָס גאַנצע שטעטל האָט דאָס מיטגעלעבט. און ווען גאָט האָט געהאָלפן, דער מענטש איז אין אַ חודש־צוויי אַרום אָנגעקומען בשלום אין קאָלומבוסעס מדינה און געגעבן צו וויסן, אַז ער לעבט — איז געווען אַ שׂמחה אין שטעטל. מען האָט געמאַכט אין שיל „מי שברכס" און געטרונקען לחיים.

און ווען עמעצער פון יענע, אַמאָליקע יידן, האָט געוואָלט פּטור ווערן פון זיין שלאַק און טוישן זי אויף אַ יינגערע, אַ שענערע, אַ בעסערע, האָט ער זיך אויפגעהויבן, פאַרמאַכט דעם לאָדן — און והילד איננו. ער איז אַוועק קיין אַמעריקע. אויס! ווער קען אים דאָרט געפינען און ווער קען אַהין אָנקומען? — עק וועלט! גיי זוך אַ נאָדל אין אַ וואָגן שטרוי.

און, אַז אַזאַ איינער האָט יאָ געשריבן בריוו, האָט מען זיי אַרומגע־טראָגן איבערן שטעטל און געליינט. באַוויזן פאָטאָגראַפיעס. מענטשן האָבן הנאה געהאַט. אַלץ איז צוגעפּאַסט, לאַנגזאַם, פּאַוואָליע, לייכט. מען האָט נישט איינגעריסן קיין וועלטן. מען איז נישט געלאָפן, מען איז אין די נעכט נישט געזעסן ביי קיין קעסטלעך וואָס רעדן און ווייזן קאַרטינקעס. אויב מ'איז יאָ געזעסן — האָט מען מעיין געווען אין אַ ספר. מען האָט געלערנט אַ בלאַט גמרא, אַ פּרק משניות. און דאָס ווייב איז געזעסן און פאַרלאַטעט אַ העמד, פאַרצירעוועט אַ זאָק, אַ שקאַרפּעטקע. שבת, אַז מען האָט געהאַט אַ שטיקל פרייע צייט, איז מען געזעסן אויף דער פריזבע און געמוטלט מיט די שכנהס, מיט די חברטעס. דער מאַן איז אין שטוב געווען אַ מלך. איידער ער איז אַריינגעקומען אין שטוב, איז שוין דאָס עסן געשטאַנען

אויפֿן טיש. טאָמער וואָלט דאָס ווייב אַ מאָל, חלילה, פֿאַרגעסן אַרויפֿצו־שטעלן דאָס זאַלץ־מעסטל — וואָלט געקענט קומען צו אַ שרעקלעכן אויפֿ־רייס אין שטוב — דער אייבערשטער זאָל שומר ומציל זיין!...

גאָטעניו, וואָס פֿאַר אַ לעבן ס׳איז אַמאָל געווען! ביי אונדז אין שטעטל, געדענק איך, האָבן אַרומגעשפּאַצירט צענדליקער מיידלעך, איינס און איינס, ווי פֿרישע אתרוגים. האָבן זיי דען אויסגעשטעלט זייער גאַנץ דאָברע־מזל, כּדי מען זאָל זען וואָס זיי פֿאַרמאָגן? אָסור! קיינער האָט זיי נישט גע־טשעפּעט, נישט פֿאַרפּירט. זיי האָבן נישט געבעטן קיין טרעמפּן. זיי זענען נישט געגאַנגען אין דיסקאָטעקן. און האָבן זיי חתונה געהאַט, האָבן זיי געהאַט אייך וויכטיקע אויפֿגאַבע: קינדלעך. און זיי זענען זיך יאַקאָש באַ־גאַנגען אָן אַ דירה פֿון דריי־פֿיר צימערן, אָן אַ פֿרידזשידער, אָן אַן אויטאָ־מאָביל, אָן אַ טעלעוויזאָר. אַפֿילו קיין טראַנזיסטאָר האָבן זיי נישט געהאַט. און וואָס פֿאַר אַ גליקלעך לעבן זיי האָבן געפֿירט! אויף אַלץ האָבן זיי גע־האַט צייט. און וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט — האָט זיי געסטאַיעט. און אַז זיי האָבן גאָרנישט פֿאַרמאָגט — איז אויך נישט געווען קיין מאַליער. פֿון הונ־גער איז, חלילה, קיינער נישט געשטאָרבן. קבצנות איז געווען אין דער מאָדע.

יאָ, מענטשן האָבן אַמאָל שׂכל געהאַט צו לעבן. היינט לעבט מען נישט נאָר מ׳לויפֿט, מ׳פֿליט, מ׳פֿאָרט און אַז מען וויל זיך שוין אָפּשטעלן, איז מען שוין אָפּגעפֿאָרן. אויס. מ׳קען שוין נישט כאַפּן אויף צוריק — סיידן אין צווייטן גלגול.

אין הונדערט יאָר אַרום

אין איינער פון די לעצטע נעכט איז מיר צו חלום געקומען עפּעס אַ פּאַרשוין. איינגעהילט איז ער געווען אין אַ געדיכטן נעפּל. בלויז דאָס פאַר־מאַסקירטע פּנים זיינס האָט זיך אויסגעטיילט פון דער געדיכטעניש. איך האָב נישט געקענט זען, צי ער טראָגט הערנער, צי פליגל. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט איינער פון אונדזערע מענטשלעכע באַשעפעניש, מחמת ער האָט געשוועבט אין דער לופטן. פּלוצלונג האָט דאָס מאַסקע־פּנים געלאָזט הערן אַ קול: „בן־אָדם, וואָס גאַפיעסטו אויף מיר דיינע אויגאַלעס. כ׳בין אַ שליח פון אויבן — נישט קיין ציוניסטישער שליח. און געקומען בין איך דיך נעמען אויף אַ שפּאַציר אין די יאָרהונדערטער. האָב קיין מורא נישט, שטיי־אויף, אָט אַזוי, קום נענטער, מיר וועלן זיך לאָזן אין וועג אַריין״...

אין דעם מאָמענט האָב איך דערפילט ווי עפּעס אַ כּוח האָט מיך אַ הויב־געטאָן פון אָרט און איך האָב גענומען פליִען, ווי אין אַ סאַטעליט, פאָרויס, פאָרויס. „קוק״ — זאָגט צו מיר דער מיסטעריעזער פּאַרשוין — אָט זענען מיר שוין אינעם יאָר צוויי טויזנט. זעסט, ווי די וועלט האָט זיך געענדערט? און אָט געפינען מיר זיך שוין אינעם יאָר צוויי טויזנט פינף־און צוואַנציק. זעסט די פּלעקן אונטן, רעכטס? דאָס זענען אַמאָל געווען נאַפט־איינריכטונגען, פּאָרטן. פון דאָרט האָבן די אַראַבער געשעפּט זייער „שוואַרץ גאָלד״. זיי האָבן די גאַנצע וועלט געהאַלטן ביים גאָרגל, טעראָריזירט זי. דער נאַפט זייערער איז שוין לאַנג אויסגעטריקנט. זיי זענען געוואָרן אויס מיוחסים. נישטאָ קיין נאַפט, נישטאָ קיין געלט. זיי זע־נען איצט אין דער קאַטעגאָריע פון די גאָר אָפּגעשטאַנענע לענדער. אַמע־ריקע שטיצט זיי. ישׂראל באַשעפטיקט אַ סך הונדערטער טויזנטער פון זיי. דער ראַטנפאַרבאַנד גיט זיי נאָך אַלץ געווער און רייצט זיי אָן קעגן דער יידישער מדינה. אָבער ישׂראל פאַרמאָגט שוין צען מיליאָן איינוווינערס, אַ מיליאָניקע אַרמיי. זי אַרבעט אַליין אויס עראָפּלאַנען, וועלכע פליִען פיר

מאָל שנעלער ווי דער קלאַנג. זי איז שוין אַ גרויסע אַטאָם־מאַכט. אירע ראַקעטן קענען דערגרייכן אַ שטרעקע פון העכער זעקס טויזנט קילאָ־מעטער".

„אַז קיין נאַפט איז שוין נישטאָ, טאָ ווי אַזוי פאָרן די אויטאָס, מיט וואָס טרייבט מען די מאַשינען אין די פאַבריקן?" — פרעג איך דעם פאַרשוין.

„מיט אַטאָם. מען לייגט אַריין אין דעם מאָטאָר בלויז איין קייקעלע און דאָס סטאַיעט אויף אַ גאַנץ יאָר".

מיר פליִען ווייטער. אין דעם דערהערט זיך אַ שטים: „סטאָפּ! סטאַציע צוויי טויזנט פינף און זיבעציק!".

מיר לאַנדן אויף אַ הונדערט־שטאָקיקער געביידע.

„דאָס איז תל־אביב" — זאָגט דער פאַרשוין. היינט לאַנדעט מען דאָ אויף די דעכער. די וועגן זענען פאַרשטאָפּט. אַ שטיקל מיגרש קאָסט צענד־ליקער מיליאָנען. מען בויט נאָר אין דער הויך. זעסט — אומעטום וואָלקן־קראַצערס. און ווען ס'נישטאָ קיין וואָלקס — קראַצט מען זיך אויכעט".

„פאַר וואָס?" — פרעג איך.

„לאָמיר זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד און אַריינגיין אין אַ הויז, וועסטו אַליין הערן, וואָס די מענטשן זאָגן".

דער מלאך, צי, להבדיל דער שד, האָט מיך אַריינגענומען אין זיינע פעסטע אָרעמס און געגעבן זיך אַ לאָז אַראָפּ מיט מיר אויף דער ערד. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסאַרטיקער דירה פון זעלבן הויז, אויפן פּאַרטער. אַ יונג פּאָרל איז געזעסן ביים טיש און געגעסן עפּעס אַ מאכל, וואָס האָט אויסגעזעזן ווי שוים.

„זיצט" — האָט זיך אָנגערופן די יונגע, שיינע פרוי, „אָנגעטאָן" אין אַ „ביקיני". מיר קענען אייך מכבד זיין מיטן דאַזיקן מאכל — האָט זי צוגע־געבן — דאָס האָבן מיר געמאַכט פון טאַבלעטן. קיין ירקות, גרינצייג, פליִיש אָדער אַנדערע פּראָדוקטן נוצן מיר נישט, ווייל בלויז איין גראַם פון זיי קאָסט אַ שטיק גאָלד".

„איך זע, אַז איר האָט זיך, ברוך־השם, גאַנץ גוט איינגעאָרדנט — באַמערק איך — איר האָט דאָ יאַפּאַניש מעבל, כינעזישע שניצערייען, פּערסישע דיוואַנען, אַפריקאַנישע סקולפּטורן, פראַנצויזישע בילדער"...

„און אַן ענגליש ווייבל" — פאָרט־אַריין דער יונגערמאַן אין מיינע

רייד. אונדזער שפּראַך איז אויך ענגליש, כאָטש מיר זענען היי־געבוירענע שוין פון זעקסטן דור.

„ווי לעבט זיך אייך דאָ, אין תל־אביב?"

„נישט געהויבן. נאָר־וואָס בין איך געקומען פון די מילואים, פון רעזערוו־דינסט. טאָמער עפּעס־וואָס גיט מען מיך אַ נעם. מיין ווייב מיט די צוויי קינדער בלייבן אַליין. מיין עלעקטראָנישער וואַרשטאַט גייט צו גרונט. וואָס קען מען מאַכן? דאָס איז אונדזער גורל. מיר זענען אַ קליינע מדינה פון צען מיליאָן יידן. און גויים זענען דאָ אַזוי פיל — מיליאַרדן!

„פון דעסטוועגן עקזיסטירט שוין אונדזער מדינה, דאַנקען גאָט, הונדערט יאָר".

„ס'וואָלט אפשר נישט געווען אַזוי שלעכט" — רופט זיך ווייטער אָן דער יונגערמאַן — „אָבער די גרויסע שטייערן — דאָס איז פּאַר אונדז אַ זייער שווערע לאַסט. אַמאָל, ווען אין אַמעריקע זענען געווען זעקס מיליאָן יידן האָבן זיי געהאָלפן. תּמיד, ווען עס איז אין לאַנד אויסגעבראָכן אַ מלחמה מיט די אַראַבער, האָבן זיי געגעבן גאַנצע זעק מיט געלט. אָבער היינט, ווען ס'איז געבליבן אין ברוקלין בלויז אַ ביסל רעליגיעזע יידן, וואָס קענען זיי געבן? פאַרקערט, מיר דאַרפן זיי נאָך העלפן פון צייט צו צייט".

„פּאַר וואָס צאָלט איר אַזעלכע גרויסע שטייערן?" — פרעג איך.

„קודם כּל גייט דער גרעסטער טייל פונעם בודזשעט אויף זיכערהייטס־צוועקן. איין עראָפּלאַן קאָסט דאָך איצט פערציק מיליאָן דאָלאַר. חוץ דעם צאָלן מיר נאָך אַ סך חובות".

„וועלכע חובות?"

„די חובות פון דער מדינה ביז 1975, ס'הייסט מיט הונדערט יאָר צוריק, און אויך די שפּעטערדיקע חובות. חוץ דעם צאָל איך — זאָגט דער יונגערמאַן — מיינע אייגענע חובות: די משכּנתא פון דער דירה, וועלכע מיר האָבן געירשנט פון אונדזער באָבע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן. די דאָזיקע משכּנתא (די היפּאָטעק) אויף דער דירה איז געווען פאַרבונדן מיטן „אינדעקס". איך האָף, אַז אונדזערע קינדער וועלן שוין ענדיקן דאָס צאָלן".

„און ווי איז ביי אייך די לאַגע בכלל?"

„מ'שלאָגט זיך איבער די בענקלעך. דער „מערך" באַלעבאַטעוועט נאָך אַלץ. די פּאַרטיי, וועלכע בעגין האָט אַ מאָל געשאַפן, דער „ליכוד", איז אין אָפּאָזיציע. די רעליגיעזע גייען, ווי תּמיד, מיטן „מערך". מיט דער

מדינה פירן אָן, געוויינלעך, די אַלטע. אַ מאָל זענען זיי געווען גענעראַלן און היינט — זקנים. מיט העכער הונדערט יאָר צוריק האָט צה״ל נישט געטאָרט זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטיק און היינט זענען אַלע גענעראַלן — פּאָליטיקער און פּאַרטיי־טוער. זיי פירן, זיי באַשטימען, זיי באַזעצן די וויכ־טיקסטע פּאָסטנס. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן זינט דער יום־כיפּור־מלחמה — מיט העכער הונדערט יאָר צוריק. היינט איז עס שוין אַ נאָרמאַלע זאַך.

„און דער „מערך״ האָט נאָך אַלץ אַ מערהייט ביי כנסת־וואַלן?״

„וואָס דען? אַ „מחדל״ אַהין, אַ „מחדל״ אַהער. אָבער אַז קיין בעסערס איז נישטאָ, שטימט מען פאַרן „מערך״.

„און ווי זעט־אויס תל־אביב?״

„אַ, אָ! אַ שטאָט פון העכער דריי מיליאָן איינוווינערס. אַמאָל זענען געווען אַזעלכע שטעטלעך ווי רמת־גן, בני־ברק, חולון, בת־ים, פּתח־תקוה. היינט איז אַלץ פאַראייניקט. מען האָט שוין אַפילו אויסגעטריקנט אַ שטיק ים און אויסגעבויט וואָלקן־קראַצערס. איצט איז חודש אייר, דער הימל איז בלוי. אָבער איר זעט דען אַ שטיקל הימל? — אַ נעכטיקער טאָג! אַלץ איז פאַרשטעלט. ווען מיר ווילן זען אַ שטיקל הימל מוזן מיר אַרויפפאָרן אויפן דאַך פונעם וואָלקן־קראַצער״.

„ווי אַזוי פירט זיך די שטאָט־באַלעבאַטישקייט?״

„די שטאָט איז שמוציק, אָפּגעלאָזן. מען האָט געמיינט, אַז דער נייער שטאָט־טאַטע, דער גענעראַל וועט דאָ עפּעס פאַרבעסערן, פאַרשענערן, ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז נאָך ערגער געוואָרן. יעדן טאָג קומען אַהער אַריין איבער אַ מיליאָן מענטשן. ווען יעדער איינער פון זיי וואַרפט אויף דער גאַס אַפילו בלויז אַ שאָכטל, אַ ביסל שאָלן פון מאַראַנצן, באַנאַנעס, אָדער באַניקערן, ווערט די שטאָט פאַרמיסטיקט״.

„און וואַסער איז דאָ?״

„מיר האָבן ים־וואַסער, וואָס ווערט פאַרזיסט מיט דער הילף פון מאַ־שינען. איר זעט די מאַשינקע, אין ווינקל? אַהין לאָזט מען אַריין ים־וואַסער. עס קאָכט זיך איבער און ווערט זיס. דאָס איז איצט נישט קיין פּראָבלעם״.

„איר האָט אַן אייגענעם אויטאָ?״

„ווער נוצט היינט אויטאָס? ס׳דען דאָ אַ פּלאַץ ווו זיי אָוועקצושטעלן? מען פאָרט מיט העליקאָפּטערס. איך האָב אויך אַ שטיקל העליקאָפּטער, מיט וועלכן איך פלי צו דער אַרבעט. ער שטייט אויפן דאַך. אַ מאָל פיר איך אים

אַריין אין שטוב. ער זעט אויס ווי אַ שטול. איך זעץ מיך אַריין אַזוי ווי אין אַ פֿאָטעל. איך גיב אַ דריק אויפן קנעפּל — און איך פֿלי".

די גאַנצע צייט וואָס איך האָב געפֿירט דעם שמועס, איז מיין פֿאַרשוין געזעסן אין אַ זייט און געשוויגן. דאָ אָבער האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל-אויף און אַ זאָג־געטאָן צו מיר:

„ברודערקע, מיר האָבן נאָך פֿאַר זיך אַ לאַנגן וועג. קום!"

מיר האָבן ווייטער גענומען פֿליִען ביז... ביז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט.

נאַפט

אין ספר־הספרים ווערט דערציילט: „בימים ההם אין מלך בישׂראל, איש הישר בעיניו יעשׂה". מאַכט רש״י: אין יענער צייט איז נישט געווען קיין נאַפט, און יעדע מדינה האָט געטאָן אַלץ, כּדי נושׂא חן צו זיין ביי די אַראַבער.

קומען די מפרשים און זאָגט אַזוי: נאַפט איז אין יענער צייט יאָ געווען. הראיה: ווען דער אויבערשטער האָט אָפּגעטיילט די ערד פונעם וואַסער און צעשיקט די טייכן מיט די ריטשקעלעך אויף זייערע פּלעצער, האָט אים, אין איין אָרט, אויסגעפּעלט וואַסער. האָט ער גענומען און אויסגעפּילט דעם חלל מיט נאַפט. זאָגן, זאָגט מען, אַז דער דאָזיקער נאַפט איז געווען באַשטימט פאַר די בני־ישׂראל אָבער דער מלאך, וואָס איז געווען ממונה איבערן אַנטוויקלונגס־מיניסטעריום איז געווען אַ ביסל טויבלעך. ער האָט נישט דערהערט דעם אויבערשטנס באַפעל, האָט ער פאַרדרייט די יוצרות: אַנשטאָט צו די בני־ישׂראל האָט ער דעם נאַפט אַריינגעשיקט צו די בני־ישמעאל.

און אַז די אַראַבער האָבן באַקומען אַזאַ אוֹצר, האָבן זיי באַשלאָסן אים אויסצונוצן קעגן די ישׂראלים, אויף וועלכע זיי האָבן געטראָגן האַס זינט די צייטן פון אברהם אָבינו, פאַר דער מעשׂה הגר. דערנאָך איז צוגעקומען דער ענין פון שאַפן אַ יידישע מדינה. יידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען אין ארץ־ישׂראל. מען האָט אָנגעהויבן וואָיעווען מיט די אַראַבער. די געשיכטע פון די אַלע מלחמות זענען פאַדראַבנע פאַרשריבן אין ספר דברי הימים פון דער נייער צייט.

בימים ההם... אין יענע צייטן זענען געשען גרויסע ניסים. די ישׂראלים האָבן געשלאָגן די אַראַבער איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל און אויך אַ פערט מאָל. און וויפל די בני ישמעאל האָבן געפּרוּווט — מיט דער הילף פון די רויטע איוואַנעס — צו וואַרפן די יידן אין ים אַריין, האָט דאָס זיי זיך נישט איינגעגעבן.

ויהי... האָט ביי די אַראַבישע מלכים, פּרעזידענטן און גענעראַלן זיך צעפּלאָקערט דער צאָרן. האָבן זיי גערופן אַן אסיפה און באַשלאָסן אָנצוטאָן צרות די ישׂראלים און סתּם יידן אין דער גאַנצער וועלט. געהייסן האָט עס: טעראָר. אַראַבישע רוצחים האָבן גראַסירט אין דער גאַנצער וועלט, אָנגעוואָרפן אויף איר אַ פּחד. די גויים האָבן דערפון נישט געמאַכט קיין וועזן, מחמת דער טעראָר איז קודם כּל געווען געווענדעט קעגן יידן. און ווען די גויים האָט עס אויך ווען עס איז אָנגערירט, האָבן זיי געמאַכט אַ שווייג, ווייל זיי האָבן אויסגערעכנט, אַז אַזוי ווי די אַראַבער האַלטן ביי זיך די שליסלען פון די נאַפט־אוצרות, טאָר מען זיך מיט זיי נישט פאַררייסן.

מיט דער צייט איז ביי די אַראַבישע מנהיגים געוואַקסן דער אַפּעטיט. זיי האָבן אויף ס'ניי גערופן אַ גרויסע אַסיפה און דאָרט האָבן זיי געלאָזט הערן שאַרפע דיבורים קעגן די אומות העולם, דער עיקר קעגן די איראָפּעיִשע מדינות.

„מיר וועלן זיי אָננעמען ביים גאָרגל" — האָט געשריגן איינער פון די אַראַבישע מנהיגים — וואָס מיינען זיי, די שנאָרערס, נאַפט וועלן מיר זיי געבן? פאַרוואָס? מיר דאַרפן זייער געלט, דאַרפן מיר? גאָלד דאַרפן מיר? דאָס בעסטע גאָלד איז דאָס שוואַרצע, וואָס ליגט אין דר'ערד. זיין ווערט וואַקסט פון טאָג צו טאָג".

„זיי האָבן שוין נאָכגעגעבן אַלע אונדזערע תּביעות בנוגע ישׂראל — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער אַראַבישער מנהיג — אָבער דאָס איז ווייניק. מיר דאַרפן פאָדערן, אַז די פּרעזידענטן און פּרעמיערן פון די איראָפּעיִשע מדינות זאָלן קומען צו אונדז און מיר וועלן זיי אָנווייזן, וואָס צו טאָן. מיר וועלן שטעלן באַדינגונגען".

„ריכטיק, ריכטיק!" האָבן זיך געהערט געשרייען פון אַלע זייטן.

און אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן.

אין איינעם פון יענע טעג — דערציילט זיך ווייטער אין די דברי הימים פון דער נייער צייט — האָט דער סאַודישער קעניג אַרויסגערופן צו זיך די פּרעזידענטן און פּרעמיערן פון די איראָפּעיִשע מדינות. אויף אַ הויכער בימה, אין ווייכע פאָטעלן, זענען געזעסן: דער קעניג פון סאַודיע, דער פּרעזידענט פון ליביע, דער שייך פון קוווייט, פון דובאַי, פון קאַטאַר און פון גריפּע. אונטן, אויף פּראָסטע שטולן, זענען געזעסן די פירערס פון די מדינות, וואָס געהערן צום איראָפּעיִשן מאַרק.

דער קעניג פון סאַודיע, וועלכער האָט נאָר־וואָס אָפּגעגעסן אַ פּעטן „פּלאָוו״ האָט דעליקאַט אַ גרעבס־געטאָן, געגומען דעם גילדענעם האַמער אין האַנט אַריין און דרײַ מאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש. דאָס הייסט, אַז ער עפנט די וויכטיקע קאָנפערענץ. דערנאָך האָט ער צו די פאַרזאַמלטע אַזוי געזאָגט:

„מיר האָבן אייך גערופן אַהער, כדי איבערצוגעבן אונדזערע באַשלוסן און פאָדערונגען. זייט וויסן, אַז פון היינט־אָן וועלן מיר מיט אייך זיך נישט שפּילן אין קאַץ־און־מויז. מיינע הערן, איר וועט טאָן דאָס וואָס מיר וועלן אייך הייסן. פאַרשטאַנען?

„פאַרשטאַנען!״ — האָבן די אייראָפּעיִשע פּרעזידענטן און פּרעמיערן אויסגערופן — „רעדט ווייטער, אייער עקסעלענץ״.

דער סאַודישער קעניג האָט אַ פּיפּקע־געטאָן פון דער נאַרגילע און אויסגערופן:

„פּרעזידענט פון פראַנקרייך! ביטע אויפשטיין ווען איך רעד צו אייך. אָט אַזוי... איצט הערט:

„דאָס, וואָס איר זענט מסכּים איך זאָל אַלץ טאָן מיט ישׂראל... ווי איך פאַרשטיי און ווי איר העלפט אונדז... איז ווייניק. זאָגט מיר, איר ווילט אונדזער נאַפט?״

דער פראַנצויזישער פּרעזידענט האָט זיך טיף פאַרנויגט, און מיט גרויס דרך־ארץ אַרויסגעזאָגט:

„אַוודאי ווילן מיר... פאַר דעם זענען מיר גרייט צו טאָן אַלץ אין דער וועלט״...

„גוט!״ — האָט דער קעניג אַ שמייכל־געטאָן אין בערדל אַריין — „וויל איך פון אייך, אַז איר זאָלט מיר צושטעלן הונדערט פראַנצויזישע בתולות פאַר מיין האַרעם. איך שטרייך־אונטער: בתולות! אויב נישט, שליס איך דעם נאַפטקראַן. איר האָט פאַרשטאַנען? איר וועט נישט האָבן אַפילו אַ טראָפּן נאַפט אויף אַ רפואה. איך גיב אייך אַ טערמין פון אַ חודש צייט. מער קאָן איך נישט וואַרטן״.

„אַלץ וועט ווערן אויסגעפירט, עקסעלענץ!״ — האָט דער פראַנצויזישער פּרעזידענט געזאָגט מיט גרויס הכנעה. — „מיין אויסערן־מיניסטער וועט אייך פּערזענלעך צושטעלן די סחורה...״

„קאָנט איר אָנזאָגן דעם פראַנצויזישן פאָלק די בשׂורה, אַז דערווייל וועט דער נאַפטקראַן זיין אָפן. שפּעטער וועט מען ווייטער זען״.

דאָס וואָרט האָט דאַן באַקומען דער פּרעזידענט פון ליביע, וועלכער האָט געזאָגט:

„און איך וויל אייך שטעלן אַן אַנדער פאָדערונג. נעמלעך: אַלע ביר־גער פון די אייראָפּעיִשע מדינות זאָלן אָננעמען דעם מוסולמענישן גלויבן. די פרויען אייערע זאָלן טראָגן שוואַרצע קליידלעך און פאַרדעקן זייערע פּנימער. מיר ווילן, אַז זיי זאָלן לעבן פריי און גליקלעך אַזוי ווי די מוסול־מענישע פרויען לעבן ביי אונדז אין ליביע. דאָס איז מיין באַדינג. אויב נישט — דריי־איך־צו דעם נאַפטקראַן.

„חלילה!" — האָבן אויסגערופן די פירערס פון אייראָפּעיִשע מדינות. — „אייער נאַפט איז אונדזער סם־החיים. מיר קענען נישט לעבן אָן אים".

בלויז דער פאָרשטייער פון האָלאַנד האָט געקריצט מיט די ציין — און געשוויגן.

די שייכן פון אַבו־דאַבי און פון דובאַי, וועלכע זענען אויך געווען דערביי, האָבן צוגעגעבן:

„מיטן כּוח פון אונדזער נאַפט — אַט אַזוי ווי אַמאָל מוכאַמעד מיט זיין שווערד — ווילן מיר אויפצווינגען אויף אייך דאָס ליכט פונעם קאָראַן און דעם גרויסן פּראָגרעס פון אונדזערע פעלקער. אין משך פון אַ סך הונדערטער יאָרן זענט איר געזונקען אינעם תּהום פון פינצטערניש, קול־טורלאָזיקייט און הפקרות. מיר וועלן פאַר אייך פּלאַסטערן אַ נייעם וועג..."

„...מיר וועלן אויסוואָרצלען דאָס פאַרברעכערישקייט פון אייערע לענ־דער" — האָט זיך אַריינגעמישט דער פּרעזידענט פון ליביע — „איר וועט משפּטן לויטן קאָראַן: פאַר אַ קליינער גניבה וועט איר אָפּהאַקן די לינקע האַנט; פאַר אַ גרויסער גניבה — די רעכטע האַנט; פאַר אַ רציחה — דעם קאָפּ..."

„ווו וועלן מיר אַהינטאָן אַזוי פיל קאַליקעס?" — האָט אַ קרעכץ־געטאָן דער בריטישער פּרעמיער.

„נישקשה, מיר וועלן אייך העלפן" — האָט אים באַרויִקט דער ליבי־שער פּרעזידענט — „אַ פאַקט: מיר גיבן זיך אויך אַן עצה. דערפאַר אָבער וועט איר האָבן נאַפט..."

„נאַפט, נאַפט... איז די בעסטע סחורה, די בעסטע תּורה" — האָבן די מנהיגים פון די אייראָפּעיִשע מדינות געמורמלט אין דער שטיל — „נאַפט...

איז דער זיסטער זאַפט... דער בעסטער האַפט... די גרעסטע קראַפט. אָ, איר גרויסע אַראַבישע הערשער, מיר טוען פאַר אייך קניִען און פאַלן. טוט אונדז דעם חסד: פאַרמאַכט נישט פאַר אונדז אייערע נאַפטיקע קוואַלן".

און דערמיט האָט זיך געענדיקט די שפּיצן־קאָנפערענץ.

אַברהם אָבינו — אין ירושלים

אין די דאָזיקע שווערע טעג האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין ירושלים, צו דער כּותל המערבי. איך האָב מיר געטראַכט: דאָרט, אין דער אונ״אָ, לאָזט מען אונדז נישט רעדן, טאָ לאָמיך כאָטש גיין אויסגיסן מיין ביטער האַרץ ביי דער הייליקער וואַנט. אמת טאַקע, זי ענטפערט אויך נישט, אָבער צו איר קענט איר כאָטש רעדן וויפל איר ווילט.

אין דרויסן איז געווען כמורנע. דער הימל, וואָס איז דאָ תמיד אַזוי ריין און ציכטיק, האָט זיך דאָס מאָל פאַרצויגן מיט שוואַרצע כמאַרעס. אַ דריבנער רעגנדל האָט אָנגעהויבן טריפן. מיט אַ מאָל האָבן זיך דער־הערט שטאַרקע דונערן. בליצן, ווי שאַרפע און לאַנגע פיקעס האָבן דורכ־געשניטן די שווערע וואָלקנס און ערגעץ פאַרשוווּנדן. איך האָב מיך אָנ־געשפאַרט אָן דער הייליקער וואַנט. זי איז געווען נאַס, ווי די אַלטע שטיי־נער וואָלטן געוויינט.

פון דעם נעפּל אָפּער האָט זיך אויסגעטיילט דער הר המוריה. יענער באַרג, אויף וועלכן אברהם אָבינו האָט געזאָלט ברענגען זיין זון אויף דער עקידה.

לאָמיך זיך דערנענטערן צום באַרג — טראַכט איך — אברהם אָבינו האָט דורכגעמאַכט זיין לאַנגן וועג אַהער, געשלעפּט זיך מיט זיין אייזעלע, מיטן בינטל האָלץ און מיט איציקן און איך בין דאָ, שוין ביים באַרג. טאָ לאָמיך אים אָנקוקן.

און ווי איך קוק אַזוי אויפן הר המוריה, דאַכט זיך מיר, אַז פון די געדיכטע וואָלקנס לאָזט זיך אַרונטער אַ גרייז־גראָער זקן אין אַ קיטל. זיין לאַנגע, ווייסע באָרד איז צעפלאָשעט אינעם ווינט. נאָכן אַראָפּנידערן אויף דער ערד קוקט ער זיך אַרום אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. דערנאָך שפּאַרט ער זיך אָן אויף זיין לאַנגן שטעקן און לאָזט שווער אַראָפּ דעם קאָפּ.

געוויס איז דאָס אברהם אָבינו — טראַכט איך. ווער דען קען איצט באַזוכן דעם מוריה־באַרג? יאָ, ס׳איז ער, אונדזער אַלטער טאַטע. כּדאַי אַ פרעג צו טאָן ביי אים, וואָס מען קלערט דאָרט, אין די הימלען, וועגן אונדז. לאָמיר וויסן ווו מיר האַלטן אין דער וועלט.

— ר׳ אברהם, ר׳ אברהם, וואָס מאַכט איר — רוף איך זיך אָן צו אים — שוין אַזאַ לאַנגע צייט נישט געהערט פון אייך. וואָס טוט איר דאָ? אירווילט נאָך אַ מאָל ברענגען אייער זון צו דער עקידה? און ווו איז דער באַראַנטשיק?

אברהם אָבינו הוסט־אָפּ: קכע... קכע... — ער גלעט זיין באָרד, קוקט מיך אָן מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק און זאָגט מיט זיין הייזעריקער שטים:

— הפּנים אַז דער באַראַנטשיק ביסטו... אָבער האָב קיין מוֹרא נישט, איך וועל דיך נישט טשעפּען. זעסט דאָך, קיין מעסער האָב איך נישט. און קיין האָלץ אויך נישט. חוץ דעם, איך פיר נאָר אויס באַפעלן. און אַזאַ באַפעל אויף אַ נייער עקידה האָב איך נאָך נישט באַקומען. איידער איך האָב מיך געלאָזט אַהער, צו דער ערד, האָב איך אָנגעפרעגט ביי מיין „באַלעבאָס" און ער האָט צו מיר אַזוי געזאָגט: אברהם, אברהם, האָב קיין מוֹרא נישט. דיינע קינדער וועט גאָרנישט פּאַסירן.

ר׳ אברהם קוקט זיך ווידער אַרום, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט, און זאָגט:

— זע נאָר, ווי אַלץ האָט זיך דאָ געענדערט! איך דערקען דאָך נישט דאָס אָרט. דער באַרג איז גאָר קיין באַרג נישט. ווו איז דער שטיין? ווו איז דער מזבח?

— צייטן בייטן זיך, ר׳ אברהם — זאָג איך צו אים — היינט, אַז מען דאַרף ברענגען קרבנות נוצט מען נישט קיין האָלץ. אויף דעם איז דאָ גאַז. יאָ, גאַז, ר׳ אברהם. און נישט קיין מעסער באַנוצט מען — נאָר קוילן, ראַקעטן, סנאַריאַדן און נאָך „כּלים" פון דעם מין. די וועלט איז געוואָרן קליגער. זינט דו ביסט אַוועק אויף יענער וועלט, האָט מען דאָ געמאַכט אַזעלכע דערפינדונגען, אַז מיט איין קנאַק קען מען הרגענען מיליאָנען מענטשן.

— וואָס? כ׳פאַרשטיי נישט.

— וואָס פאַרשטייט איר נישט, ר׳ אברהם. אַ נייע וועלט איז אויפגעשטאַנען, מיט נייע מעטאָדן. איר האָט צעשמעטערט די אַלטע געטשקעס.

נו, מיינט איר, אַז מיט דעם האָט זיך געענדיקט? ס׳זענען געשאַפן געוואָרן אַ סך נייע אָפּגעטער — רויטע און שוואַרצע מכל המינים.

אברהם אָבינו גיט אַ טיפן זיפץ:

— געוועזן צייטן! צו הונדערט יאָר האָב איך נאָך געפּראַוועט אַ ברית. און ווי האָט מיין שׂרה אויסגעזען צו ניינציק יאָר — אַ שיינהייט! איך דערמאָן מיך, ווי די דריי מלאכים האָבן געפּאַדיעט אַרום איר. און ווי איך האָב מיך פאַרפּלאָנטערט מיט דער עוזרת, מיט הגרן. אוי־וואָ, איז דאָס געווען אַ חתיכה! ווי נאָר מיין שׂרה, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, האָט דערשנאַפּט, אַז די שיקסע איז פאַרקאָכט אין מיר ביז איבער די אויערן, האָט זי, שׂרה מיין איך, צו מיר אַזוי געזאָגט: אברהמל, ווער פּטור פון דער שיקסע. איך וויל, אַז איר זוואַניאַ זאָל זיך דאָ מער נישט געפינען. און זאָל זי אויך מיטנעמען דעם ממזרוק אירן, ישמעאלן.

— אוי, ר׳ אברהם, ווען איר ווייסט וואָס פאַר אַ צרות מיר האָבן פונעם דאָזיקן ממזרוק! ער דערגייט דאָך אונדז די יאָרן! בעסער וואָלט ער אויסגערונען אין זיין מאַמעס בויך. איר געדענקט דעם צוזאָג וואָס גאָט האָט אייך געגעבן? דאָס דאָזיקע לאַנד — האָט ער געזאָגט — וועט געהערן אייערע קינדער און קינדס־קינדער.

— וואָס זשע האָט פּאַסירט? — פרעגט דער זקן.

— איר ווייסט נישט וואָס עס האָט פּאַסירט? ישמעאל פּאָדערט דאָך איצט פאַר זיך דאָס גאַנצע לאַנד. ער טענהט, אַז דאָס איז זיינס.

— זיינס? אַ פּאָהיבעל זאָל קומען אויף אים, אַזאַ ממזרוק! איצט זע איך, אַז מיין שׂרה איז געווען גערעכט.

— די מערת המכפּלה — זאָג איך — ווילן די ישמעאלים אויך צו־נעמען.

— וואָס הייסט צונעמען? — גיט אברהם אָבינו אַ זעץ מיטן שטעקן — איך האָב דאָך געקויפט דעם גאַנצן מיגרש. באַצאָלט מזומן מיט שטיקער גאָלד. דער מיגרש איז מיינער! — האָט ער גענומען שרייען — איך האָב אויף דעם אַ קאָנטראַקט.

— ר׳ אברהם — זאָג איך — איר ווייסט כאָטש וויפל אַזאַ מיגרש האָט היינט די ווערט? — מיליאָנען!

— איך דאַרף נישט קיין מיליאָנען — זאָגט ר׳ אברהם — אין גן־עדן באַקום איך אַלץ אומזיסט.

— וויפל קאָסט היינט אַ קילאָ שור הבר אָדער לוויתן? — וויל איך וויסן — איז דאָרט, ביי אייך, לעצטנס נישט פאָרגעקומען קיין פּיחות? זענען די פּרייזן נישט געשטיגן? דאָ, ר׳ אברהם, טוט זיך חושך.

— אַז מען האָט עולם הבא — ענטפערט ר׳ אברהם — דאַרף מען נישט קיין עולם הזה. אָט בין איך איצט געקומען אַהער — אויך נישט אויף מיין חשבון.

— דאָס — זאָג איך — איז ביי מיר נישט קיין נייעס. דאָ פאָרן אויך זייער אַ סך מענטשן אויפן חשבון פון דער רעגירונג. לעצטנס רעדט מען שוין וועגן דעם, אַז פליייש פון שור הבר און פון לוויתן וועט מען נישט אימפּאָרטירן פון אויסלאַנד. מען וועט אַ ביסל איינציִען דעם פּאַסעק. האָט איר עפּעס אַ פּראָבלעם — פרעג איך דעם גאַסט — למשל, פון בענק וואָס האָבן געקראַכט און פון געלטער וואָס מען האָט אין זיי אַריינגעלייגט און עס איז נישטאָ וואָס אַרויסצונעמען?

— ביי אונדז פּראָוועט מען נישט אַזעלכע געשעפטן — מאַכט אברהם אָבינו — מיר האָבן דאָרט צו טאָן מיט בלויז אָרנטלעכע מענטשן. דער „באַלעבאָס" האָט גוטע משגיחים. און ער אַליין כאַפּט אויך אַ מאָל אַן אויג. עס איז נישט הפקר. ווען ביי אונדז — זאָגט ער — וואָלט געטראָפן אַזאַ זאַך, וואָלט מען אַזאַ איינעם, וואָס האָט געפּטרט פרעמד געלט, געפּאַקט און אַריינגעשליידערט אין גיהנום. און פון דאָרט וואָלט ער שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויס.

— אַזאַ וועלט איז היינט ר׳ אברהם. נישטאָ די אַמאָליקע צדיקים. איר געדענקט דעם בראַטשיק אייערן, לוטן?

— אַוודאי, וואָס דען, איך געדענק נישט?

— און די מעשה מיט די צדיקים אין סדום געדענקט איר אויך?

— אַ שאלה!

— נו, איר האָט דעמאָלט געפונען אַ סך צדיקים?

— אַ נעכטיקער טאָג!

— טאָ זייט וויסן, ר׳ אברהם, אַז היינט פאַרמאָגן מיר נאָך ווייניקער. די וועלט האָט זיך געענדערט, די מענטשן האָבן זיך געענדערט.

— אַ שאָד, אַ שאָד — גיט אברהם אָבינו אַ שאָקל מיטן קאָפּ — מען האָט גענומען אַזאַ שיינע וועלט און מען האָט זי פאַרפּאַסקודיעט. וואָלט איך געהאַט אַ ביסל מער כוח, וואָלט איך נאָך איצט צעבראָכן אַלע געטשקעס. אָבער איך בין שוין צו אַלט. אַ קלייניקייט, אַזוי פיל יאָרן ווי איך

ליג שוין אויף יענער וועלט. איך אַנטלויף פון דאַנען, איך אַנטלויף! — שרייט ער אויס — ס׳מיר נאָר אַ שאָד וואָס מיינע קינדער דאַרפן, נעבעך, זיך מוטשען אין אַזאַ וועלט...

און איידער איך האָב מיך אַרומגעקוקט — איז אברהם אָבינו שוין פאַרשוווּנדן.

אַ שטורמישע פאַרזאַמלונג

אין איינעם פון די מעת־לעתן זענען זיך צונויפֿגעקומען חברה ירקותני־קעס, פיש־הענדלערס, הינער־פליקערס, פערד־הענדלערס, קצבים און סתּם כּוח־גייערס. אויפן סדר־היום איז געשטאַנען די פראַגע: „דער אָנטייל פון אונדזערע יאַטן אין דער כּנסת". דער פאַרזיצער, אַ הויכער ברייט־ביייניקער פאַרשוין, מיט אַ קיילעכדיקן פּרצוף ווי אַן אַרבוז, האָט געגעבן אַ כמאַל אין טיש און איז אַרויס מיט לשון:

— חברה, ווען איך רעד, טאָ זאָל זיין שטיל! מיר זענען נאָך דערווייל נישט אין כּנסת. דאָ מוז זיין אַ שטיקל סדר. איך לייג־פאָר מיר זאָלן גלייך צוטרעטן צום עסק: מיר אַלע דאָ שאַפן, אין נאָמען פון אונדזערע צעכן, איין — כּנופיה — כ׳מיין איין צעך, ווי זאָגט מען דאָס: נו, איין פּאַרטיי אָדער פאַראיין — נישט וויכטיק ווי דאָס הייסט. איר ווייסט דאָך וואָס איך מיין — און מיר גייען אַלע אין איינעם צו דער כּנסת. העכער פינף־און־צוואַנציק יאָר האָבן געבאַלעבאַטעוועט יענע חברה־לייט ווי הייסן זיי דאָרט... נישט וויכטיק... וואָס האָבן זיי אויפגעטאָן? געלט איז געוואָרן בלאָטע. וויפל לייזן־מיר־איין אויפן מאַרק אין איין טאָג? טויזנטערס! און אַז מיר גייען קויפן אַ דירה קאָסט זי אַ פערטל מיליאָן! וויפל דירות דאַרפן מיר, חברים? יעדער איינער — אַ טוץ דירות! עמעצער פון אייך האָט דען ווייניקער פון צען קינדער? ניין! דעריבער, ווען מיר וועלן זיין אין כּנסת, וועלן מיר איינפירן נייע געזעצן — אַ דירה פאַר יעדן איינעם; מעבל פאַר יעדן איינעם; פּרנסה פאַר יעדן איינעם; אַ ווייב פאַר יעדן איינעם; קינדער — וויפל מען וויל — פאַר יעדן איינעם. געלט איז דאָ, אין דער מדינה, ווי מיסט אויפן מאַרק. מען דאַרף עס נאָר קענען אויפהייבן — און צעטיילן צווישן אונדזערע חברה. איך לייג פאָר מיר זאָלן דאָ, אויפן אָרט שאַפן אַ רשימה פון אונדזערע קאַנדידאַטן — ווער עס זאָל שטיין אויפן ערשטן און ווער אויפן צווייטן אָרט. איך אַליין בין גרייט זיך מקריב צו זיין פאַרן כּלל און גיין אויפן ערשטן פּייער, ס׳הייסט אויפן ערשטן אָרט.

פון צווישן דעם עולם האט זיך אויפגעשטעלט אַ מיטל־יאָריקער מאַנס־פּאַרשוין מיט אַ צעכראַסטעטע העמדל. ער האט אויפגעהויבן אַ האַנט און גענומען שרייען:

— מאַשיקאַ, העי מאַשיקאַ, שרייב מיך אַריין אויפן צווייטן פּלאַץ ווייסט דאָך, איך קען דערלאַנגען... וויפל קאָסט אַ בענקל — צען טויזנט?
— איך צאָל.

— און מיר פאַרשרייב אויפן דריטן אָרט! — האט אויסגערופן אַ גריבענער מאַרוויכער. דאָרט, ווו איך קריג מיך אַריין וועט אַ צווייטער. אַפּילו ווען ער זאָל באַקומען די ניכפּה, זיך נישט אַריינבאַקומען.

און אַזוי האָבן זיך אויפגעשטעלט, איינער נאָכן אַנדערן, די פאַרשטייערס פון אַלע צעכן און געפּאָדערט זיכערע פּלעצער אין דער ליסטע. די ירקותניקעס האָבן באַוויזן מיט פאַקטן, אַז אויב זיי וועלן גיין אַליין צו די וואַלן וועלן זיי באַקומען פינף־זעקס מאַנדאַטן. די קצבים האָבן געטענהט, אַז זיי קומט כאָטשבי זיבן פּלעצער אין דער כּנסת. די פיש־הענדלערס האָבן געפּאָדערט אַ סך ערטער, מחמת די פעטע העכטן געפינען זיך תּמיד ביי זיי. די הינער־פּליקערס האָבן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי דאַרפן האָבן אַ געזיכערטן מאַנדאַט, ווייל זייערס אַ מענטש איז דער בעסטער קאַנדידאַט אויף פינאַנס־מיניסטער.

דאָ האָט זיך אויפגעהויבן אַ דיקער פאַרשוין, מיט אַ בויך ווי אַ באַראַבאַן, און אַ ריטשע געטאָן:

— העי, אַדון הינער־פּליקער, מאַך צו דיין מויל־לאָך. ווער שינדט די הויט? — מיר, קצבים! קומט דעריבער אונדז דער דאָזיקער פּאָסטן!

דער פּאָרזיצער, מאַשיקאַ, האָט ווידער אַ כמאַל־געטאָן אין טיש און גענומען דאָס וואָרט:

— חברים! איך זע, אַז יעדער וויל אַ גרויסע פּאָרציע, דער אַפּעטיט וואַקסט. אָבער אָנגעגרייט האָט קיינער גאָרנישט. חאַנטאַריש! ווו זענט איר געווען, ווען איך בין איינער אַליין געשטאַנען, מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, מיט אַ קיאָסקל אויפן מאַרק? איצט זענט איר אַלע געקומען צום גרייטן. דער וויל דאָס צווייטע אָרט, דער — דאָס דריטע אָרט; יענער — כאָטש גיב אים פינף פּלעצער. אַן אַנדערער פּאָדערט זיבן פּלעצער. פאַר וואָס קומט עס אייך? וואָס האָט איר אויפגעטאָן? מיט וועמען קען איך דאָ גיין צום טיש? אַ ליאַדע שניעק וועט מיר זאָגן דעות, וועט ער מיר? איך שטעל־

צונויף די ליסטעס. איר פאַרשטייט? — איך, מאַשיקאַ! און ווער עס דאַרף גיין אין דער כּנסת — וועל איך באַשטימען!

— העי, מאַשיקאַ — האָט איינער פון די קצבים אַ שטעל־געטאָן זיין ווייַזפינגער צום לינקן אויג — פּראַווע נישט קיין פוילע שטיק. בלאָז זיך נישט ווי אַן אינדיק. מ׳גייט דאָ איינהאַנדלען אַ שטיקל סחורה, זענען מיר אַלע גלייכע שותּפים. בירגערס פון דער דאָזיקער מדינה זענען מיר? שטייערן צאָלן מיר?... כּ׳מיין, דאַרפן מיר צאָלן? נו, ווילן מיר גיין אין כּנסת אַריין. אויף דער עלטער מוז מען זיך באַוואָרענען מיט אַ לייכטער אַרבעט. וואָס דאַרף מען דען דאָרט טאָן — רעדן? שרייען? די דאָזיקע מלאכה קענען מיר. נאָך ווי אַזוי!...

— ער איז דאָך כּשר גערעכט — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די כּוח־גייערס — צו וואָס זאָלן מיר זיך בעטן ביי די דעפּוטאַטן, ביי די מיניסטאָרן, זיי זאָלן אונדז געבן, אַז מיר קענען פאַר זיך אַליין נעמען... אונדזערע חברה דאַרפן פּראַווען שטרייקן, מאָרדעווען זיך, האָבן צו טאָן מיט דער הסתּדרות. צו וואָס? מיר קענען אַליין זיין די באַלעבאַטים. מאַשיקאַ, איך וויל האָבן פאַר מיינע חברה אַ טוץ דעפּוטאַטן! און איך, אַז איך זאָג עפּעס — ווייסטו דאָך. אַ וואָרט איז אַ וואָרט. האָב איך עס נאָר אַרויסגעזאָגט — גיט מען! און אויב נישט גייען מיר באַזונדער.

— און מיר ווילן די זעלבע צאָל וואָס איר גיט די עופות־הענדלערס. אויב נישט איז אויס קאָמפּאַניע — האָט געסטראַשעט אַ ירקותניק. וואָס איז דאָ — אַ פערד־האַנדל? מ׳גיט יאָ, מ׳גיט נישט — ווער גיט? מיר אַליין נעמען! איר ווילט פאַר זיך אויסקלייבן די שענסטע עפּל און אונדז געבן ס׳פוילעניש? ווער איז היינט ס׳אויבערשטע פון שטויסל — נישט דער ירקותניק? איר ווייסט דען וויפל ווייבער ס׳וועלן שטימען פאַר מיר? איך דאַרף מיך נאָר באַווייזן אין דער טעלעוויזיע...

— אַז איך גיי אויספירן אַ שטיקל אַרבעט, גרייט איך מיר פריִער צו אַ פּלאַן — האָט זיך אָנגערופן אַ מאַרוויכער — און דאָ רעדט מען נאָר וועגן נעמען און נעמען. ווי אַזוי?

— האַק נישט אין קאָפּ אַריין מיט קיין פּלענער — האָט מאַשיקאַ זיך גענומען קאָכן — ווער מאַכט היינט פּלענער? מ׳פאָרט און שוין. חברה, הערט וואָס איך זאָג אייך: אויב איר וועט נאַכלאָזן פונעם פּרייז — וועט מען אַדורכקומען. אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ — און מען וועט צו־קלאַפּן. אָבער אַז איר זאָלט מיר שטעלן פאָדערונגען — דאָס נישט! יעדער

איינער פון אייך, קען זיך אַרויסזאָגן פריי, פאָדערן וואָס ער וויל — ס׳איז ווי זאָגט מען דאָס... דעמאָקראַטיע. אָבער באַשטימען — באַשטים איך. נישט וויכטיק צי מיר וועלן גיין צוזאַמען, צי באַזונדער. דער עיקר איז — מיר זאָלן אַריין. מיר מיינען דען זיך? — אָסור! אויב מיר טוען עפּעס איז נאָר אין נאָמען פונעם פאָלק — און פאַרן פאָלק. צעגייט זיך, חברה, און מיט געמיינזאַמע כּוחות וועלן מיר מנצח זיין...

קינדער־שטרייק

געהייסן האָט ער „קינדער־שטרייק", אָבער געשטרייקט האָבן נישט די קינדער, מחמת זיי זענען נאָך נישט געבוירן געוואָרן. דאָס האָבן די טאַטעס זיך פאַרלייגט אויף זיי און אויסגערופן: גענוג! מיר שטרייקן. די אַרבעט ווערט אָפּגעשטעלט.

דער שטרייק האָט אַרומגענומען ברייטע קרייזן, דער עיקר פון די מזרח־עדהס — משפּחות מיט אַ סך קינדער, איינוווינערס פון די אָרעמקייטס־קוואַרטאַלן.

נאָך איידער דער שטרייק איז פּראָקלאַמירט געוואָרן האָט זיך שוין געפילט אַ גרויסע שפּאַנונג אין אַ ריי שכונות. עס זענען פאָרגעקומען אַ סך געהיימע פאַרזאַמלונגען. שטאַפּעטן האָבן זיך געטראָגן אויף מאָטאָציקלען פון איין שכונה אין דער אַנדערער. אין די שפּעטע אָוונט־שעהען האָבן נערוועזע פאַרשוינען עפּעס געמאָלן אויף לאַנגע און ברייטע פּאַפּירן, געשריבן, געמעקט, אויסגעבעסערט. אַ געהיימע האַנט האָט אָנגעפירט אַ ברייט פאַרמאָסטענע אַקציע. וואָס עס גרייט זיך — האָט קיינער נישט געוווּסט. מען האָט נאָר געפילט, לויט דער געשפּאַנטער אַטמאָספער, אַז עפּעס וועט אויסברעכן.

און פּאַסירט האָט עס אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. נאָך אין די פרימאָרגן־שעהען האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען מאַסן מענטשן אויפן כּכּר מלכי ישׂראל, ביי דער עיריה פון תּל־אביב. אין אַ שעה־צוויי אַרום איז דער ריזיקער פּלאַץ שוין געווען פאַרפולט פון עק ביז עק. עס האָט געראַיעט ווי אין אַ בינשטאָק. באַלד האָבן אַ שיַין־געטאָן אין דער לופטן פּלאַקאַטן מיט אַזעלכע אויפשריפטן: „לא עושׂים ילדים" (מען מאַכט נישט מער קיין קינדער), „לא נהיה חוטבי עצים ושואבי מים אצל האשכּנזים" (מיר וועלן נישט זיין קיין האָלצהעקערס און וואַסערטרעגערס ביי די אַשכּנזים), „לא נקיים את מצוות פּריה ורביה" (מיר וועלן נישט מקיים זיין די מצווה פון פּריה ורביה) און ענלעכע אויפשריפטן אויף די פּלאַקאַטן, ווי: „די ווייסע אַשכּנזים ווילן אַ סך קינדער — זאָלן זיי אַליין אויספירן די שוואַרצע

אַרבעט". "מיר, די ספרדים וועלן זיך פירן אַזוי ווי די אַשכּנזישע משפּחות: זיי וועלן האָבן אַ סך קינדער און מיר וועלן זיי שטיצן". "מיר שטרייקן"!

אין איין אויגנבליק האָט זיך פאַרמירט אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע. פאָרויס זענען געגאַנגען די פּלאַקאַטן־טרעגערס. סאַלעך אבוטבול, דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער דעמאָנסטראַציע, אַ טאַטע פון אַכצן קינדער, האָט געטראָגן אויף אַ לאַנגן שטעקן אַ גרויס פּרויען־בילד איבערגעשטראָכן אין מיטן מיט אַ רויטן פּאַס, אונטער וועלכן עס האָבן אַראָפּגעלויכטן די ווערטער "זי שוואַנגערט נישט מער!"

די דעמאָנסטראַציע האָט זיך געצויגן איבער דער אבן־גבירול־גאַס. די גאַנצע קאָמוניקאַציע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. הונדערטער פּאָליציי־לייט האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די זייטיקע גאַסן. אַ העליקאָפּטער איז געפלויגן לענג־אויס דעם דעמאָנסטראַציע־צוג און איבערגעגעבן באַפעלן דער פּאָליציי.

די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך פאַרקערעוועט אין דער ריכטונג פון "היכל התרבות". צוקומענדיק אַהין, האָט סאַלעך אַבוטבול געהאַלטן אַ רעדע צו די דעמאָנסטראַנטן און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

"חברים, טאַטעס פון אַ סך קינדער און יונגע פּאָרלעך פון די מזרח־עדהס.

"איך בין אַ טאַטע פון 18 קינדער, כּמנין ח״י. אָבער קיין רעדנער בין איך נישט... (שטימען: נישט וויכטיק, אַבי דו ביסט אַ גוטער אַרבע־טער... רעד!). הייסט עס, אַז מיר זענען זיך דאָ צונויפגעקומען צו פּראָ־טעסטירן קעגן דער עוולה וואָס די שיכּנאַזים טוען אונדז אָפּ. זיי מאַכן אַ סך געלט — און מיר — אַ סך קינדער. גענוג! איצט ווילן מיר זיך טוישן מיט די ראָלן. די וותיקים טענהן, אַז זיי האָבן געטריקנט די זומפּן, געפלאַסטערט שאָסייען, געהאַקט שטיינער — און וואָס האָבן מיר געטאָן, חברים? מיר זענען געלעגן מיט פאַרלייגטע הענט, זענען מיר? כּדי צו האָבן אַ מדינה דאַרף מען מענטשן. און כּדי צו האָבן מענטשן דאַרף מען זיי שאַפן. און ווער האָט זיי געשאַפן? — מיר, די טאַטעס און מאַמעס פון אַ סך קינדער! מיין ווייב האָט אַכצן מאָל געמוזט קינדלען, כּדי די מדינה זאָל האָבן אַכצן חיילים. חברים, וויפל קינדער האָט איר? (אויסרופן: "צוויי", "פּופצן", "צוועלף", "דרייצן מיט אַ האַלבס"). ריכטיק!

און וויפל קינדער האָבן די שיכּנאַזים? (קולות: "צוויי", "איינס", "גאָר־נישט"). זיי פאָרן קיין אויסלאַנד, זיי זיצן אין די קאַפעען און די גאַנצע

לאַסט ליגט אויף אונדזערע ווייבער. זיי, די שיכּנאַזים, וווינען אין גרויסע דירות און מיר — אין ענגע צימערלעך. ווו מיר זאָלן זיך נישט אַ ריר טאָן, מוזן מיר זיך אָנשטויסן אין אונדזערע ווייבער. און צו וואָס פירט עס, חברים? צו אַ סך קינדער! טאָ וואָס־זשע וויל איך זאָגן? יאָ... געגוג! מיר שטרייקן. יעדער איינער פון אייך, חברים, זאָל היינט אויפהענגען ביי זיך אין שלאָף־צימער אַ צעטל: „כּאן שביתה". דאָ איז אַ שטרייק. אויב די ווייבער וועלן פּרווון אייך צורעדן צו ברעכן דעם שטרייק, זאָלט איר זיי גוט אָנברעכן די ביינער.

„איצט, חברים — זעצט ווייטער פאָר אַבוטבול — וויל איך אייך זאָגן, אַז די שטרייק־קאָמיסיע האָט באַשלאָסן צו באַפרייען מענטשן פון דער שטרייק־פליכט, אין פאַל ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט זיכערהייט אָדער מיט פּיקוח־נפש".

ביי די דאָזיקע ווערטער ברעכט־אויס אַ טומל. עס הערן זיך געשרייען: „זאָל די מדינה אונדז צאָלן געלט פאַר יעדן קינד!" „מיר דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי מדינה־אָנגעשטעלטע!"

אַבוטבול שרייט אין מיקראָפאָן: „שטיל זאָל זיין! לאָזט מיך רעדן! אדרבה, דאָס האָב איך דאָך געפאָדערט: זאָל די מדינה צאָלן פאַר יעדן קינד כּאָטשבי פינף הונדערט לירות אַ חודש, וועלן מיר נישט שטרייקן. יעדער איינער פון אונדז וועט ווייטער טאָן זיי פּאַטריאָטישע אַרבעט. אָבער די רעגירונג וויל נישט! מיט דעם וואָס זי וואַרפט אונדז־צו פון ביטוח לאומי קענען מיר דען אויסהאַלטן אַ סך קינדער? ניין! דערפאַר שטרייקן מיר. חברים, דאָ שטייען צענדליקער אויטאָבוסן, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט. מיר וועלן זיך אַריינזעצן אין זיי און פאָרן קיין ירושלים, צו דער כּנסת. אונדזער פאָדערונג איז: די סך קינדער וואָס מיר האָבן שוין — זאָל די מדינה אויסהאַלטן. און ווייטער: סטאָפּ!

„חברים — שרייט ווייטער אַבוטבול אין מיקראָפאָן אַריין — שטופּט זיך נישט שטאַרק אין די אויטאָבוסן, מחמת איר וועט זיי איבערקערן... און ווען מיר וועלן קומען קיין ירושלים, פאַרהאַלט זיך רויִק. אַז איר וועט אויסהאַקן אַ סך שויבן אָדער איבערדרייען אַ סך אויטאָס, וועט איר שפּעטער האָבן גרויסע צרות. וואַרפט נישט קיין גרויסע שטיינער אויף דער פּאָליציי. נאָר רויִק... עס איז אַ שטרייק. איצט איז ערב־וואַלן. איך פאַרזיכער אייך, אַז מען וועט אונדז אַלץ נאָכגעבן. זאָלן אונדזערע ווייבער האָבן אַ ביסל געדולד. דער נצחון איז אויף אונדזער זייט".

די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך אַריינגעזעצט אין די אויטאָבוסן און אָפּ־געפאָרן קיין ירושלים. אין דער הויפּטשטאָט פון ישׂראל איז אַנטשטאַנען אַ צערודערונג. די פּאָליציי איז געשטעלט געוואָרן אין גרייטקייט־צושטאַנד. דער פאָרזיצער פון דעם רעכטן בלאָק, האָט געפאָדערט צונויפרופן אַ דרינ־גנדע זיצונג פון דער כנסת כּדי צו באַהאַנדלען דעם ענין. ער האָט גע־דראָט, אַז אויב די רעגירונג וועט נישט אָננעמען קיין באַלדיקע מיטלען, וועלן זיינע מענטשן ברעכן דעם שטרייק. ווייל דאָרט ווו עס האַנדלט זיך וועגן דער צוקונפט פונעם פאָלק — האָט ער געטענהט — קען זיין באַוועג־גונג נישט שטיין פון דער ווייטנס.

דער פינאַנס־מיניסטער האָט אויף דעם רעאַגירט, אַז ער וועט קיין געלט נישט געבן — אַפילו ווען דער שטרייק זאָל זיך ציִען ביז משיח וועט קומען. אויף דעם איז דאָ אַ הסתדרות — האָט ער געזאָגט — זאָל זי זיך דערמיט פאַרנעמען.

אָבער ווען דער שטרייק האָט זיך פאַרצויגן אין דער לאַנגער באַנק אַריין זענען די ווייבער פון די שטרייקנדע געקומען צום בנין פון פרע־מיער־מיניסטער און אויסגערופן אַ הונגער־שטרייק. זיי זענען אין עטלעכע טעג אַרום שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דאָס איז שוין געווען פאַרבונדן מיט פּיקוח־נפש. און דערפאַר איז די אָרגאַניזיר־קאָמיסיע געווען געצוווּנגען איבערצורייסן דעם שטרייק.

היימישע מענטשן

העפלעכקייט

איר וועט נישט גלויבן: איך בין אַ העפלעכער מענטש. מיין ווייב זאָגט: סתּם אַן אידיאָט. הייגט, העפלעך, קען נאָר זיין אַ פּיוויש (איך הייס אַזוי), וואָס איז גערירט אויפן קאָסטן. איידלקייט — אַזוי זאָגט זי — איז שוין אַן אָפּגעריבענע מטבע. ווער ס'ציט היינט פאַר עמעצן דעם הוט, ווער עס נויגט זיך, בויגט זיך, מאַכט נאַרישע העוויות, איז סתּם אַ צעדרייטער, אַ משוגענער, אַ תּם, אַ לא־יוצלח, אַ שמעגעגע, אַ גאַרנישט, אַן אַלטער פאַרדראַטעוועטער לאָקשן־טאָפּ. היינט — גיט זי מיר צו פאַרשטיין — דאַרף מען געזונטע עלנבויגנס, אַ שטאַרקן רוקן, אַן אייזערנעם קאָפּ, אַ זויער פּנים, אַ גזלנישן בליק, אַ גנבישע זשילקע, אַ גרויסע חוצפּה — אַ נאַכאַלניק דאַרף מען זיין! נאָר אַזוי קען מען צוקומען צו עפּעס, צעפּירן די הענט. און דו, פּיוויש, ביסט אַ לעמעשקע. דו שטייסט־נאָך־אויף פאַר אַן עלטערן מענטשן, טרעטסט אים אָפּ דיין פּלאַץ אין אויטאָבוס, דו שטופּסט זיך נישט אין תּור. דו טראָגסט יענעם אונטער דעם „גוט מאָרגן״. דו ביסט העפלעך. קוקט מען טאַקע אויף דיר ווי אויף אַן אָפּגעריסענעם נאַר. ערשט נעכטן האָב איך געהערט ווי דיין חבר, זלמנקע, האָט געשריגן צו זיין שכן: אדון פינקלשטיין, איך בין נישט קיין פּיוויש... מיט מיר וועסטו נישט פּראָווען קיין פּוילע שטיק!...

וואָס זאָל איך טאָן? — אַזאַ מענטש בין איך. דאָס האָב איך, אַפּנים, געירשנט פון מיין טאַטן. אַפילו קיין פליג אויף דער וואַנט האָט ער נישט געטשעפּעט. האָט מען אים טאַקע גערופן: אברהם־הערש „דער בטלן״. און איך בין געראָטן אין אים. איך בין העפלעך. אָבער היינטיקע צייטן צו זיין העפלעך, איז פּונקט ווי צו גיין אין אַ טייך און זיך נישט איינגעצן. האָב איך, טאַקע, אַנומלט, געהאַט אַ פאַל, וואָס איך האָב שיעור נישט טייער באַצאָלט פאַר מיין העפלעכקייט.

הערט, זינט ס'איז געוואָרן דער יקרות, פאַרט מען מערער מיט דער באַן. ס'קאָסט ביליקער. בין איך אויך געפאָרן. פּונקט איז דאָס געווען אין

אַ פּרייטיק. אַ שטופּעניש, אַ דריקעניש, אַ געדראַנג — אַלע ווילן זיך דער־לאַנגען אויף שבת אַהיים, קיין תל־אביב. שטיי איך מיר אַזוי צווישן וואַליזעס און האַלט מיך אָן ביי אַ באַנק. האַרט נעבן מיר שטייט אַ דיקער פּאַרשוין מיט אַ קיילעכדיקער ליסינע און מיט אַ פּלייצע ווי אַ לאָקשן־ברעט. ער דריקט מיך אַלע מאָל פּאָרויס, ווען דער לאָקאָמאָטיוו האַמעוועט. אַ פּאָר מאָל האָט ער מיר אָנגעטראָטן, הינטערווײלעכטס, אויף די הינער־אויגן פון דער רעכטער פוס. כ׳בין אַזש אונטערגעשפּרונגען פון ווייטיק, אָבער אַזוי ווי איך בין אַ העפלעכער מענטש, האָב איך פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג פון ירושלים, האָט דער העלפאַנט — כ׳מיין דער דיקער פּאַרשוין — זיך אויסגעדרייט צו מיר. און ווי נאָר איך האָב דערזען זיין רויטן פּרצוף, האָט זיך פון מיין האַלדז אַרויסגעריסן אַן אויסגעשריי:

— לייזער!

און ער האָט צוריקגעשריגן:

— יאָסל!

מיר האָבן זיך אַזוי אַרומגעכאַפּט, אַז מיר זענען אַזש געפאַלן אויף די טשעמאָדאַנעס, וואָס זענען געשטאַנען ביי אונדזערע פיס.

איין קלייניקייט: לייזער! מיין בעסטער יוגנט־חבר נאָך פון דער היים, אין אַמאָליקן שטעטל. שוין אַ שאָק מיט יאָרן ווי כ׳האָב אים נישט געזען. ער איז אַ דירעקטאָר, אַ גרויסער מענטש, שליטלט זיך אַרום איבער דער וועלט און איך האָב אים ליב ס׳לעבן. ווייסט איר פאַר וואָס? ווייל ער איז אויך אַ העפלעכער מענטש.

— וואָס פאַראַ צופאַל! — האָט לייזער אויסגערופן, האַלטנדיק אַרומ־גענומען מיין לינקן אַקסל — יאָסל! אַז איך קוק אויף דיר, זע איך דיין טאַטן... ווי האָט מען אים גערופן? יאָ, אברהם־הערש דער...

— מעגסט זאָגן: „דער בטלן״.

— יאָ, דער בטלן — כאַ־כאַ־כאַ. אַ טייערער ייד געווען — אין אַ טייערער צייט. שטילער פון וואַסער און נידעריקער פון גראָז. דאָס שטעטל איז טאָג און נאַכט געשלאָפן. און אַז ס׳איז געווען וואַך, איז דאָס אויך גע־שלאָפן. ווי אויף אַ פאַרוואָרפן אינדזל האָבן געלעבט די מענטשן. און היינט?

— היינט, לייזערקע, איז די וועלט משוגע געוואָרן. זי ווילדעוועט, ברעכט, לאָמעט, מאַכט חרוב. אַ מענטש איז אַ בהמה.

— יאָ, אַ בהמה... אַ פּראָפּאָ: וואָס מאַכט דיין ווייב? נאָך אַלץ אַזוי שיין?

— ווען האָסטו זי געזען?

— מיט צוואַנציק יאָר צוריק.

— נו, צוואַנציק יאָר ביי אַ מענטש, בפרט ביי אַ פרוי... מען ענדערט זיך אַ ביסל... מען קען נישט זאָגן, אַז זי איז מיאוס. אָבער צו ליז טיילאָר קומט זי נישט... און וואָס מאַכט דיינע?

— מלכה? וואָס זאָל איך דיר זאָגן: קיין מלכה איז זי נישט. בלויז דער נאָמען איז געבליבן. מילא, פאַר אַ באָבע קען זי נאָך אָנגיין. כ׳האָב שוין צוויי אייניקלעך.

— שוין אַ זיידע? ווי די צייט לויפט. ווי לאַנג איז דען, אַז כ׳בין געוועזן אויף דיין חתונה... כ׳דערמאָן זיך: האָסט נישט געהאַט קיין חשק... ביסט אָבער אַריינגעפאַלן... האָסט געוואָלט אויסמיידן סקאַנדאַלן. ביסט אַ העפלעכער מענטש, האָסטו גענומען און חתונה געהאַט. איך געדענק. און היינט איז זי אַ דירעקטאָרשע, מאַכט אַ לעבן, בלאָזט אַוודאי פון זיך... מלכהלע די...

— די געשטופּלטע.

— יאָ, די געשטופּלטע. שאַדט נישט, זאָלסט אָנקוקן וואָס פאַר אַ מאַדאַם.

— און דו ביסט אַ גרויסער דירעקטאָר, מיט ביוראָס, מיט סעקרעטאַרקעס, מיט אויטאָס. מ׳פאָרט, מ׳גיט, מ׳נעמט, מ׳לייגט אַריין — מ׳רודעוועט, האַ? מען האָט דיך נאָך נישט געפּאַקט? די דירעקאָרן לאָזט מען דאָך היינט נישט אַרויס פון מויל. לייזערקע, ביסט כאָטש נישט פאַרמישט אין יענער מעשׂה, ווי הייסט זי דאָרט?...

— וואַדוז.

— יאָ. האָסט זיך נישט וואַדוזט?

— זיי רויִק. נאָך פאַראַן 10 צדיקים אין דאָזיקן לאַנד.

— און דו ביסט איינער פון זיי... אַ פּאַטריאָט, אַ ציוניסט, כאַ־כאַ־כאַ.

— לאַך נישט. נישט אַלע זענען פאַרדאָרבן. אָט, למשל, דו. און אַזעלכע זענען פאַראַן אַ סך אין דאָזיקן לאַנד. זאָג נאָר, וווינסט נאָך אַלץ אין רמת־גן?

— ניין, אין תל־אביב. שוין מיט צען יאָר צוריק אַריבער אין אַ נייער דירה.

— און איך ווין נאָך אַלץ אין ירושלים. יאָסל, אפשר קומסטו צו מיר היינט אין „הילטאָן״? מיר וועלן עסן אַן אָונטבערויט.

— קום מאָרגן צו מיר ווּעסטו עסן אַ גוטן טשאָלנט. פון יענע טשאָלנטן, וואָס מיר פלעגן עסן אַמאָל, אין שטעטל.

— דאָס איז אַ געדאַנק. אָבער דאָרטן וואָרט עמעץ אויף מיר...

— אַ געשעפט?

— יאָ. כ׳על מיך באַמיִען. ווען איך קום אַהער אויף אַ טאָג־צוויי, האָב איך הונדערטער געשעפטן צו דערליידיקן... זאָגסט טשאָלנט — איך וואַרף־אַוועק אַלע געשעפטן און כ׳קום צו דיר. יאָסל, איך קום! מיינע האָט פיינט טשאָלנט. זי איז דאָך אַ מאַדאַם און דער טשאָלנט דערמאָנט איר אָן זאַיאַ־דלאָווקע. מיט איר טאַטע־מאַמע די קבצנים. חוץ דעם, איז זי שוין געוווינט צו אַנדערע מאכלים. מיר זיצן אָפט אין די האָטעלן... ווייסט דאָך: מענטשן ענדערן זיך.

— אַוודאי, צו גוטס געוווינט מען זיך זייער שנעל צו.

ווי מיר האָבן אַזוי גערעדט האָט דער לאָקאָמאָטיוו געגעבן אַ לאַנגן, שנײַדיקן פייף — אַן אָנזאָג, אַז דער צוג דערנענטערט זיך צו זיין סוף־סטאַציע אין תל־אביב. איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, זענען שוין די וואַגאָנען שטיין־געבליבן אויפן פעראָן. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך גענומען שטופּן צום אַרויסגאַנג.

אַזוי ווי איך מיט לייזערן זענען, ווי געזאָגט, העפלעכע מענטשן, האָב איך געכאַפּט דעם טשעמאָדאַן, וואָס איז געשטאַנען נעבן זיינע פיס, און ער האָט געכאַפּט דעם טשעמאָדאַן וועלכער איז געשטאַנען נעבן מיינע פיס — און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וואָקזאַל אַריין. מיר האָבן צוגערופן אַ טאַקסי, כדי צו פאָרן אין שטאָט, קיין תל־אביב.

ווי מיר גרייטן זיך אַריינצוזעצן אין אויטאָ הערן מיר ווי אַ פרוי שרייט היסטעריש: „כאַפּט די גנבים, אָט זענען זיי! גיט אַהער די וואַליזעס! משטרה, משטרה!״

אַן עלטערע פרוי מיט אַ הויכן פּאַרוק אויפן קאָפּ, מיט גזלנישע אויגן און אַן אָנגעדראָלן, רויט פּנים, האָט זיך געוואָרפן אויף אונדז און גענומען שלעפּן די וואַליזעס: באַלד איז אויסגעוואַקסן פון ערגעץ אַ הויכער פּאָלי־ציאַנט מיט קורצע וואָנצעלעך און שטרענג באַפוילן: „תעודת זהות!״ ס׳הייסט, חברה, ווייזט אַהער די פּאַספּאָרטן.

מיין חבר לייזער איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט און איך — נאָך אים. מיר האָבן געמיינט, אַז אין די וואַליזעס געפינען זיך באָמבעס, וואָס מחבלים האָבן אַוודאי אַריינגעלייגט. דערנאָך האָט לייזער מיך אַ פרעג געטאָן:

— יאָסל, ס׳איז דיין וואַליזע?

און איך האָב אַ פרעג געטאָן מיין חבר:

— לייזער, ס׳איז דיין וואַליזע?

אונדזערביידנס ענטפער איז געווען: ניין. נישט איך האָב געפירט מיט זיך אַ וואַליזע און נישט ער האָט געפירט מיט זיך אַ וואַליזע. נאָר וואָס? ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז מיין באַגאַזש האָט ער מיר, אויס העפלעכקייט, געוואָלט העלפן און איך האָב אים, אויך אויס העפלעכקייט, געוואָלט העלפן, מיינענדיק, אַז דאָס איז זיין באַגאַזש. ווען אונדז איז אויפגעקלערט געוואָרן דער גאַנצער ענין, האָבן מיר זיך ביידע געכאַפּט ביי די בייכער און געגומען אַזוי לאַכן, אַז די יידענע, דער פּאָליציאַנט און די צענדליקער מענטשן, וואָס האָבן זיך נעבן אונדז פאַרזאַמלט האָבן געמיינט, אַז מיר זענען פון זינען אַראָפּ. ווען מען האָט אונדז אָבער אַריינגעזעצט אין גרינעם פּאָליציייאישן אויטאָ־קעטשל איז אונדז פאַרגאַנגען דאָס געלעכטער. מען האָט אונדז ביידע גאַנץ פיין איינגעיוֹשבט אין חד־גדיא. עס איז שוין געווען אויס האָטעל, אויס טשאָלנט. ערשט אויף צומאָרגנס האָט מען אונדז אַרויסגעלאָזט. און עס דערוואַרט אונדז נאָך אַ פּראָצעס אויך.

און דאָס אַלץ — צוליב אונדזער העפלעכקייט.

אַ „זעוּנג״

אויף דער אויטאָבוס־סטאַציע פון דער גרעסטער שטאָט אין ישׂראל רוישט און קאָכט ווי אין אַ קעסל. אַ געשריי און אַ געפּילדער. קרעמערס רופן־אויס זייערע סחורות; קבצנים שטרעקן אויס זייערע הענט און שרייען: „נדבה, נדבה!״ די גרויסע אויטאָבוסן אָנגעפּולטע מיט פּאַסאַזשירן, שפּייען אויס אַ געדיכטן שוואַרץ־גרינלעכן ריח. מיידלעך אין קורצע קליידלעך — ווייט איבער די קני און בחורים מיט צעכראַסטעטע העמדער, ווימלען ווי בינען אין אַ בינשטאָק. זיי מישן זיך אויס מיט פאַרשוויצטע מענער און פרויען וואָס איַילן זיך ערגעץ, אוןווישן דעם שווייס פון זייערע פּנימער.

ס'איז אַ כאַמסין־טאָג. די זון סמאַליעט. די היץ פאַרשלאָגט דעם אָטעם. אין אַזאַ פאַרנאָטע איז גוט צו ליגן אויפן ברעג פון ים, שווענקען זיך אין די קאַלטע כוואַליעס, וואָס שלאָגן צום ברעג.

אַ מאַנספּאַרשוין אין די מיטעלע יאָרן האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון קאַפע־הויז „עטרה״, ביי דער תחנה־מרכזית. אַריינקומענדיק אינעווייניק, האָט ער אַראָפּגענומען פון זיין קיילעכדיקן קאָפּ דעם שטרויענעם קאַפּעליוש און מיט אַ ווייס טיכעלע גענומען ווישן דעם שווייס פונעם גרויסן פּליך, פון פּנים און פונעם דיקן האַלדז. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ זייטיק טישל.

— אוף — האָט ער אַזש געפּרייכט — אַזאַ גיהנום! און פונקט היינט איז איר איינגעפאַלן דאָס משוגעת: איך זאָל אָנקוקן די נקבה... טאָמער, חלילה, מאַרגן, וועט מען זי אויסכאַפּן. וויפל ווייבער האָב איך שוין אָנגעקוקט? — מער ווי אַ טוץ, און כ׳זאָל דאָס געפינען כאָטש איינע אַ רעכטע!

— „דווקא די דרייצנטע וועט אייך זיין צום מזל — האָט די שדכנטע אין אים אַריינגערעדט — פאָלגט מיך, מאַכט אַ זעונג מיט איר״.

און דאָ האָט די שדכנטע גענומען אויסרעכענען די מעלות:

— איר זאָלט אָנקוקן אַ „פּאָסטאַווע״, אַ פיגור, אַ ביוסט, אַ פּנים, אַ קאָפּ האָר, אַ פּאָר פּיס — גאָלד מיט בריליאַנטן! לויט איר רעדן, לויט

איר גיין, לויט איר געשמאַק פֿון קליידן זיך, פֿאַרשטיי איך, אַז זי איז גאָר־גאָר אינטעליגענט. און נאָך אַ מעלה האָט זי: זי האָט נישט קיין קינדער. איר ווילט דען קינדער ביי די יאָרן? איר דאַרפט קינדער, איר קענט האָבן קינדער? אַ באַלעבאָסטע דאַרפט איר, וואָס זאָל אייך אויס־וואַשן אַ העמד, פֿאַרצירעווען אַ שקאַרפּעטקע, וואָס זאָל אייך צולייגן צום בויך אַ קישעלע מיט הייס וואַסער... ביי די יאָרן? פֿרעגט מיך! ווי אַלט זענט איר? — פֿופֿציק, זעכציק... עטלעכע און זעכציק? אַזוי פֿיל גוטע יאָר זאָל איך נאָך האָבן ווי אַלט איר זענט. נישט וויכטיק. אויף די פֿיס שטייט איר? געזונט זענט איר? פּרנסה האָט איר? — דאַרפֿט איר אַ ווייב.

אַזוי האָט איינגעטענהט די שדכנטע בראַניע. און ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „מילא, וואָס דערלייג איך דאָ? אַ טאָפּ אין וואָגן שאַדט נישט".

איז ער געקומען. ער וואַרט אויף זיין „באַשערטער". אפשר איז דאָס טאַקע אַ שידוך?

דער מאַנספּאַרשוין האָט גענומען אַ צייטונג איןביידע הענט און גע־לייענט. אַזוי האָט די שדכנטע בראַניע, אים אָנגעזאָגט: „איר וועט האַלטן די צייטונג אין ביידע הענט, וועט זי וויסן, אַז דאָס מיינט מען אייך".

אין טיר פֿון קאַפֿע־הויז האָט זיך באַוויזן אַן עלטערע פֿרוי אין אַ יונגער באַפּאַרבונג. זי האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און געשטעלט נישט זיכער אירע טריט צום טיש, וווּ ס'איז געזעסן אַ הער און געהאַלטן אין ביידע הענט אַ צייטונג.

— שלום — האָט זי העפֿלעך געזאָגט און אים דורכגעבויערט מיט אירע שאַרפֿע בליקן — דאָס זענט איר... כ'מיין פֿון בראַניען.

— יאָ — האָט ער געזאָגט — פֿון בראַניען. ביטע זיצט. איר וועט עפּעס טרינקען — קאַפֿע, טיי, אַ קאַלטן געטראַנק, עפּעס צובייסן?

— איך בין שוין אַ „געטייטע" — האָט זי אַ שמייכל געטאָן — שוין געטרונקען טיי. באַשטעלט, ביטע, אַ מיץ.

זי האָט אַראָפּגענומען איר גרויסן, ווייסן הוט און באַוויזן אירע פֿריש־אָנדולירטע, שוואַרצע האָר. צוויי גרויסע אויערינגען פֿון רויטן קאָליר האָבן זיך געבאַמבלט אונטער אירע האַלב־פֿאַרדעקטע אויערן. דאָס לענג־לעכע פּנים איז געווען פּאַכמעניש פֿאַרשפּאַכליעוועט. די אויגן־לעפֿלעך באַ־דעקט מיט אַ גרינלעכער פֿאַרב. דער דעקאָלט — אַ רחבותדיקער. זי האָט געטראָגן אַ לייכט געבלימט קליידל.

— מ׳רופט איך, דאַכט זיך, האַרי סטאַן — האָט זי געזאָגט.

— און איר הייסט פנינה ראָזנקראַנץ.

זיי האָבן זיך דערלאַנגט די הענט. אָנגעקוקט זיך אַ ווײַלע — און אַוועקגעזעצט.

ווען אײַך ווייס איך שוין אַ ביסל — האָט זי זיך, די ערשטע, אָנגערופן — פון דעסטוועגן דערציילט מיר, ביטע, עפּעס מער וועגן זיך.

— איך בין אַ טוריסט. געקומען פון דעטראָיט. אַן אַלמן — שוין העכער אַ יאָר. געהאַט אַ גאַנץ ווײַלע פרוי. אַן איבערגעגעבענע פרוי, אַן אָרנטלעכע, אַ טײַערע באַלעבאָסטע. איז זי, נעבעך, געשטאָרבן. מײַן סטאָר איז אָל־רײַט. די ביזנעס גייען גוט. קיין קינדער האָב איך נישט. די יאָרן שטייען נישט. שוין אַרײַנגעפאָרן אין די... נישט וויכטיק. די מעטריקע זאָגט גאָרנישט. דער עיקר איז דער מענטש אַליין. שוין. דאָס איז אַלץ.

— דאָס איז אַלץ? איך וויל וויסן פון וואַנען איר שטאַמט, ווו זענט איר געווען בעת דער גרויסער שחיטה אין אייראָפּע, און בכלל.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אינטערעס. דערבײַ האָט בײַ איר אין מוח אַ פּיק־געטאָן אַ מחשבה: „וואָס קען מען שוין דערוואַרטן פון אַזאַ פּול־יאַריקן מאַנספּאַרשוין? אָבער וועדליק די פאַרשימלטע זקנים, וועלכע איך האָב אָנגעקוקט — איז ער, דאַכט זיך, שוין דער בעסטער״.

— פון וואַנען איך שטאַם? פון וואָלין — האָט ער אַוועקגערוקט פון זיך די גלאָז — איר האָט אַ מאָל געהערט פון אַ שטעטל קוראָוואָליע? דאָרט בין איך געקומען אויף דער וועלט. מײַן טאַטע האָט געהייסן אברהם שמאַיע „מיטן קאָפּ״. אַזאַ צונעמעניש האָט ער געהאַט. מיר האָבן פאַרמאָגט אַ ציגעלניע. אויסגעאַרבעט ציגל. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה בין איך אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ לאָדזשער מיידל. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן: בלוט און מילך! אָבער אַן אויסוווּרף איז דאָס געווען, איר זאָלט מיר מוחל זײַן, אַ נקבה — פרעגט שוין גאָרנישט! ווי נאָר זי האָט דערזען אַ פּאָר הויזן, איז זי ממש משוגע געוואָרן. פון דעסטוועגן האָב איך זיך מיט איר פאַרשריבן אין „זאַגס״ *. אין רוסלאַנד דאַרף מען נישט קיין רב און להבדיל קיין גלח. מען פאַררעגיסטרירט זיך — און פּטור אַן עסק. אין אַ צײַט אַרום, איך קום אַהיים אין מײַן קיביטקע, אין קאַזאַכסטאַן — והילד איננו. די פאַרשוינטע איז פאַרשוווּנדן. און מײַנט

* רעגיסטראַציע־אַמט פאַר ציווילע חתונות.

איר מיט וועמען? — מיט מיין חבר. עפּעס אַן אויסוווּרף פון קעלץ. פון דעמאָלט אָן האָב איך איר טריפהנעם פּרצוף נישט אָנגעקוקט. וואָס זאָל איך אייך זאָגן: מסתמא איז דאָס נישט געווען קיין זיווג פאַר מיר. איך בין אַרויס פון דער תּפיסה — רוסלאַנד מיין איך — געקומען קיין אַמעריקע. זיך אַרויפגעאַרבעט. חתונה געהאַט איין מאָל, אַ צווייט מאָל. פון דער ערשטער בין איך אַוועק; די צווייטע איז פון מיר אַוועק — אויף יענער וועלט. ווען כ׳וואָלט געווען יינגער מיט אַ צוואַנציק יאָר, וואָלט איך נישט חתונה געהאַט. ווי זאָגט מען דאָס: אַליין איז די נשמה ריין. אָבער אויף דער עלטער איז אַזוי: קיין געדולד צו ווייבער האָט מען נישט. אָבער צו זיין אַליין איז נאָך ערגער. ס׳איז נישט! כאָטש, אַז איך דערמאָן מיך אין יענער לאָדזשער כלבטע, טראַכט איך מיר: הערשל, קריך נישט מער אין קיין בלאָטע. האָב נישט חתונה. אַנטלויף פון די ווייבער ווי פון פייער. דאָס איז אַ פאַרפירעניש, אַ פאַרבלענדעניש, אַ צרה. מייד־אויס די פרויען, וועסטו לאַנג לעבן. פון דעסטוועגן, ווען איך טרעף נאָך די לאָדזשער נקבה... אָבער ווער ווייסט צי זי לעבט נאָך.

— ווי האָט געהייסן יענע חברטע, וואָס איז פון אייך אַנטלאָפן? — האָט זי געקוקט אויף זיינע דיקע ליפּן.

— פאָליאַ. מסתמא האָט זי אַמאָל געהייסן פּעסעלע צי פּערעלע. איין שוואַרץ יאָר. אַזוי פיל יאָרן שוין אַוועק און איך האָב זי נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן...

זי האָט אַ שלוק געטאָן פון גלאָז אַ ביסל מיץ. ער האָט באַמערקט ווי אירע הענט ציטערן.

— איר הייסט סטאַן — זאָגט איר — און ווי האָט איר געהייסן אין רוסלאַנד? — האָט זי געפרעגט און נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים די אויגן.

— שטיינבערג — האָט ער געזאָגט — גערש שטיינבערג. געאַרבעט אין קיטאַיעווקער קאָלכאָז.

איר פּנים איז פּלוצלונג בלאַס געוואָרן, אָט אַזוי ווי זי וואָלט זיך גע־קליבן חלשן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אירע ביידע הענט.

— וואָס איז אייך? — האָט ער אויסגערופן מיט שרעק — ס׳איז אייך שלעכט געוואָרן? דווקא איצט, דאָ, אין קאַפע...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער דאָ האָט זי אַרויסגעריסן אירע הענט פון זיינע און זיי פאַרוואָרפן אַרום זיין האַלדז.

— דאָס בין איך, פּאָלאַ די לאָדזשערין... פּאָלאַ וואַלדמאַן. גאָט אַליין האָט אונדז ווידער צונויפגעפירט... הערשעלע, זיי מיר מוחל. ס'נישט געווען מיין שולד... איך וועל דיר אַלץ דערציילן, הערשעלע טייערער...

און זי האָט זיך צעוויינט.

פון אַלע טישלעך האָט מען געגומען וואַרפן פאַרוווּנדערטע בליקן אויף די דאָזיקע צוויי עלטערע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַזוי וואַרעם אַרומגע־כאַפּט דווקא אין אַזאַ הייסן, כאַמסינעוואַטן טאָג.

אויף אַ באַלעט

פּעסעלע סאַפּאָזשניק איז געווען יונגערהייט אַ מיידל אַ ברען. ביי איר טאַטן, דעם שניידער, האָט מען זי גערופן „די ווילדע ציג". דערצו האָט זי געהאַט נאָך צוויי מעלות: זי איז געווען שיין און נישט איבעריק קלוג. די חברטעס אירע, וועלכע האָבן איר מקנא געווען, האָבן תּמיד, הינטער אירע פּלייצעס, חוזק געמאַכט פון איר: „פּעסעלע" — האָבן זיי געזאָגט — „איז אַ שטיק פלייש מיט אַ פּאָר אויגן".

ווען די דייטשן זענען באַפאַלן רוסלאַנד, איז פּעסעלע, צוזאַמען מיט אירע עלטערן, אַנטלאָפן קיין טאַשקענט. דאָרטן האָט זי געטראָפן אַ יונגן בחור — זלמן וואַסערציַער האָט ער געהייסן — און זי האָט אָנגעהויבן שפּילן מיט אים אַ ליבע. זלמן איז דעמאָלט געווען אין די גאָר גרויסע פּעדערן: ער האָט זיך פּאַרנומען מיט שוסטעריי. עס הייסט, קיין שיך אָדער שטיוול האָט ער נישט גענייט. אָלא וואָס? ער האָט זיך אויסגעלערנט צו־צונייען אַ לאַטע, אַריינצוקלאַפּן אַ פּלעקל אָדער פון גומי־רעדער מאַכן שיך, וואָס אַפילו דער גראַף פּאָטאָצקי אַליין האָט אַזעלכע נישט געהאַט. אַ קליי־ניקייט, אין יענע צייטן אַ שוסטער! צו אים איז מען דאָך געגאַנגען ווי צו אַ גרויסן דאָקטאָר — געטראָגן לאַדישקעס מיט זויערמילך, שטיקלעך פּו־טער, געטריקנטן קעז און אַפילו ברויט אויך.

און זייענדיק פּאָר זיך אַ בחור מיט אַזאַ גרויסן יחוס און אַזאַ גאָלדע־נעם פּאַרדינער, האָט פּעסעלע זיך צוגעקלעפּט צו אים — ממש נישט אָפּ־צורייסן. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט מען שוין געוווּסט, אַז דאָ שניידט זיך אַ פּאָרל. מחמת, זומערצייט, אין די גרויסע היצן, ווען פּעסעלע מיט איר טאַטע־מאַמע זענען געשלאָפן אין דרויסן, ביי זייער קיביטקע, האָט זלמנקע אויך גאַנץ פיין געכראָפּעט נישט ווייט פון איר, פון פּעסעלען, אויף דער דיקער קאָשמע, מיט וועלכער דער באַלעבאָס, אַן אַלטער אוזבעק, האָט ביי טאָג צוגעדעקט זיין אייזעלע.

ווי זאָגט אַ ווערטל: אַז עס גייט — פּאַרט. איז זלמנקע אַרויס גאַנץ

פונעם רויטן גיהנום און מיט יאָרן שפּעטער זיך דערלאַנגט קיין ישׂראל. און דווקא נישט אַליין, נאָר מיט זיין ליבהאַרציק ווייבעלע, טאַקע זי, פעסעלע די „ווילדע ציג״, וועלכע איז שוין דווקא נישט געווען ווילד און נישט אַזוי שיין. ווי זאָגט מען דאָ: אַ ביסל אָפּגענוצט אָבער אין אַ גוטן צושטאַנד.

קומענדיק אין לאַנד אַריין האָט זלמנקע באַלד דערשנאַפּט, אַז בויען הייזער איז נישט קיין שלעכטע פּרנסה. עולים קומען אָן, קינדער קומען־צו — און זיי אַלע דאַרפן האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

האָט זלמנקע זיך אָנגעהויבן דרייען אַרום די קבלנים. אַזוי ווי אַ ציוניסט איז ער תמיד געווען, האָט ער זיך געשטעלט דעם הייליקן ציל: בויען דאָס לאַנד. עס הייסט אויפשטעלן הייזער — און מאַכן געלט.

תחילת איז דאָס צוגעגאַנגען אַ ביסל שווערלעך. ער האָט געהאַט ווייניק געלט. אָבער ווי נאָר ער איז צוגעקומען צום ערשטן שטיקל מגרש, האָט מען אים אָנגעהויבן טראָגן געלט ווי מצה־וואַסער. דאָס רעדל האָט זיך אָנגעהויבן דרייען נישט אויף קיין קאַטאָוועס. פון זלמן וואַסערציִער איז געוואָרן זלמן שואב־מים און פון פעסעלען פעסעלע איז געוואָרן גברת פנינה שואב־מים. די קליינע וווינונג אין רמת־גן האָט מען געטוישט אויף אַ גרויסער דירה אין תל־אביב. און די גרויסע דירה אין תל־אביב — אויף אַ גרויסאַרטיקער ווילע אין הרצליה.

אדון שואב־מים איז געוואָרן אַ פירמע. ער פאָרט אַרום אין אַ גראָען „וואָלוואָ״ און זיין ווייב, פעסעלע, אין אַ רויטן „פיאַט״. ביידע זין זייערע האָבן שוין חתונה געהאַט און דער טאַטע — אדון שואב־מים — האָט זיי פאַרזאָרגט מיט דירות און מיט שיין מעבל, אין צפון תל־אביב.

פעסעלע, די מאַדאַם שואב־מים, האָט אַ חוש פאַר שפּילן — זי אַליין שפּילט אויך — אין קאָרטן. די גרעסטע קבלנים קומען זיך צונויף יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס — לויט אַ ריי — און מען שפּילט ביז אין טאָג אַריין. פעסעלע איז אין אַזאַ אָוונט, אָדער נאַכט, אויפגערעגט. איר פּנים איז רויט און אָפּט פּאָפּיעלאַטע — אָבער זי שטייט נישט אָפּ פון די מענער — און פון די פרויען אַוודאי און אַוודאי נישט. דער מאַן אירער — זלמן — זאָגט, אַז זי איז אַ בריה אויף צו פאַרשפּילן. אָבער ער איז דאָך צופרידן. ווייל ווען זי איז פאַרטאָן אינעם שפּילן — קען ער רוִיק זיך צורוקן צו זיין שותפס ווייב, צו יאַדזיען, און מאַכן איר אַ פּאָר קאָמפּלימענטן. און אין

דער זעלבער צייט קיבעצט איר מאַן ביי דער זייט פון פּעסעלען. נו, מען איז דאָך עפּעס שותפים. איינער דעם אַנדערן דאַרף אַרויסהעלפן.

אויף קאָנצערטן גייט נישט פּעסעלע, די גברת שואב־מים. דער בעס־טער קאָנצערט ביי איר — איז אַ גוטער „פּאָקער". אָבער ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז דער „בת־שבע"־אַנסאַמבל וועט געבן אַ באַלעט און די גאַנצע „סמעטענע" פון תל־אביב גרייט זיך צו גיין אים צו זען, האָט פּעסעלע גע־בעטן איר מאַן, אַז ער זאָל אויך באַשטעלן צוויי בילעטן — אָבער אין דער ערשטער ריי — און אין מיטן. אַזוי וויל זי. פאַרוואָס ? — פרעגט נישט.

ווען זלמן האָט זי אַ פרעג געטאָן : וואָס עפּעס אַ באַלעט ? האָט פּעסעלע געענטפערט :

— איך האָב געהערט, אַז אויפן באַלעט וועלן קומען אַ סך „פּאַרנעמע" דאַמען, וויל איך זען ווי אַזוי זיי גייען אָנגעטאָן. אפשר וועט מיר געפעלן ווערן עפּעס אַ פאַסאָן.

— וואָס וועסטו דאָרט זען — האָט זלמן געפרעגט — היינטיקע פרויען און מיידלעך גייען דאָך מער אויסגעטאָן ווי אָנגעטאָן.

— זאָרג נישט, כ'על שוין זען. און דו קוק וויי'ניקער ווו מען דאַרף נישט, ליבהאַרציקער מאַן מיינער.

פּעסעלע מיט איר מאַן האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין דער ערשטער ריי אויף זייערע פּלעצער. פּעסעלע האָט זיך אַלע מאָל אויפגעהויבן, אַ ביסל געשטאַנען, אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן, נישט אַזוי זי זאָל עמעצן זען, נאָר דער עיקר אַז מען זאָל זי זען — אין וועלכער ריי זי זיצט און וואָס פאַר אַ קליידל זי טראָגט איצט. די נייע איטאַליענישע שיך האָט זי נישט געקענט ווייזן. דאָס — האָט זי געטראַכט — וועלן שוין זען די טענצער פון דער בינע־אַראָפּ.

פּלוצלינג איז אין זאַל פינצטער געוואָרן. עס האָט זיך באַוויזן אַ כאַפּטיע האַלב־נאַקעטע טענצערינס און טענצערס. איינער פון זיי האָט געכאַפּט אַ מיידל און זי אויפגעהויבן אויפן אַקסל ווי אַ שטיקל האָלץ. דער צווייטער האָט איבערגעדרייט אַ יונגע טענצערין און קונציק אַוועקגעזעצט זי אויף אַ קני, ווי ער וואָלט געגאַנגען זי שמייסן — מיט אַ קאַנטשיק. די אַנדערע האָבן גענומען שפּרינגען און מאַכן קאָזלקעס. איינע איז געשטאַ־נען און זיך געפּלעסקעט איבערן בויך. פּעסעלען איז שיעור נישט באַפאַלן אַ חלשות. אָט דאָס הייסט אַ טאַנץ ? — האָט זי אין דער שטיל גערעדט

צו זיך אַליין — זיי דרייען זיך דאָך ווי שדים אין די לאָזעס: ווידער אַ טאַנץ, ווידער אַ שפּרונג. און וואָס שטייען די מיידלעך אויף די שפּיץ פינ־גער? די פּיאַטעס טוען זיי וויי? ווער דאַרף די פּוילע שטיק?

— זלמן, וואָס פלעסקעט זי אַזוי יענע, די דאַרע, מיט די לאַנגע פּיס, דער בויך טוט איר וויי? — האָט פּעסעלע איינגערוימט איר מאַן אין אויער אַריין — זע נאָר די משוגענע שטיק וואָס זיי פּראָוועו דאָ. און דאָס הייסט באַלעט? וואָס מענטשן קענען דאָס אַלץ אויסטראַכטן! זעסטו — האָט זי צוגעגעבן — די בחורים איז שוין יאָ כדאי אָנצוקוקן. אָבער מיט אַזעלכע מוסקולן, זענען זיי קראַנק צו גיין אויפן בנין? אַזאַ איינער קען דאָך מיט איין מאָל אַרויפטראָגן אפשר צען בלאָקן אויפן זעקסטן שטאָק.

פּעסעלע האָט געמוזט איבעררייסן, ווייל אין דעם מאָמענט איז פון ערגעץ געקומען צו לויפן אַ שד מיט הערנער. ער האָט זיך גענומען לאַש־טשען צו דער דאַרער נקבה מיט די לאַנגע פּיס. ער האָט זי געוואָלט אַ קוש־טאָן, אָבער די הערנער האָבן נישט דערלאָזט.

דאָ האָט פּעסעלע שוין נישט אויסגעהאַלטן און אַזש אַרויסגעלאָזט אַ געשריי: זלמן, ער וועט דאָך איר, חלילה, אויסשטעכן אַן אויג!... זאָל ער אַראָפּנעמען די הערנער, דער שוואַרצער טייוול.

— פּעסעלע, זיי שטיל, מען קוקט שוין אויף דיר... דאָס איז אַזאַ מין חלום...

— אַ ווייסטער, פינצטערער חלום אויף מיינע שונאימס קעפּ — האָט זי אים איבערגעריסן — וואָס דאַרף ער הערנער? זאָל ער בעסער אָנטאָן אַ כאָמעט וועט מען וויסן, אַז ער איז אַ פערד, דער דאָזיקער אָקס. זלמנקע, הויב זיך שוין אויף, מיר׳ן גיין. אויב דאָס איז אַ באַלעט בין איך אַ רביצין. קום! עס קערט מיר די גאַל... אוי, וויי, די מענטשן זענען דאָך אַראָפּ פון זינען... אַזעלכע משוגעים! קריכן אויף די שפּיץ־פינגער, שפּרינגען ווי דעם רבינס באָק, דרייען זיך ווי אַ וויכער און איך דאַרף דאָס אַלץ צוקוקן און נאָך צאָלן געלט דערפאַר. אַ באַלעט זאָל קומען אויף די אַלע, וואָס האָבן דאָס אויסגעטראַכט. וויפל איז דער זייגער? — צען? מ׳עט נאָך קענען כאַפּן אַ קערטל. קום!

און זיי האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל. גייענדיק האָט פּעסעלע נאָך באַוויזן אויפצוכאַפּן די ווערטער פון דער פרוי, וואָס איז געזעסן נעבן איר, אין דער זעלבער ריי:

— דער פרוי אינעם לאַנגן קליידל מיט דער נאַקעטער פּלייצע איז נעבעך נישט גוט געוואָרן אין סאַמע מיט פון יעקבס חלום.

און די חברטע אירע האָט צוגעגעבן:

— דאָס איז דאָך די גברת שואב־מים. קענסט זי נישט? אָנגעשטאָפּט מיט געלט...

געפֿונען אַן אויסוועג

חיים גוטשטיין־אבן־טוב איז אַנומלט געזעסן מיט זיין ווייב פּערל־פּנינה ביי דער טעלעוויזיע. זיי האָבן אָנגעקוקט אַ פֿילם, וואָס שילדערט דאָס לעבן פֿון אַלטע לייט אין אַ מושב־זקנים. חיים האָט אַ טיפֿן קרעכץ געטאָן.

— וואָס קרעכצסטו, חיימקע — האָט זיין ווייב זיך אָנגערופֿן — פֿילסט זיך, חלילה, שלעכט?

— אַז מ׳קוקט־אָן די זקנים, ווערט קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן.

— חיימקע, מיר זענען שוין אויך זקנים. אַז איך קוק אויף דיין פּנים, זע איך ווי דו האָסט זיך געענדערט.

— און אַז איך קוק אויף דיין פּנים, פּערעלע, דערמאָנט זיך מיר דיין מאַמע, ציפּע־לאה, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן. אויף דער עלטער איז זי, נישט פֿאַר דיר געדאַכט, איינגעשרומפּן געוואָרן, האָט אויסגעזען ווי אַ קאַרליק. פֿון דעסטוועגן האָט זי אָנגעצויגן ביז זעקס און ניינציק יאָר.

— זי האָט געהאַט צען קינדער, די דאָזיקע קליינע מאַמעלע. אַלע אויסגעגעבענע. וועמען פֿון זיי ס׳איז געגאַנגען בעסער און וועמען — ערגער. פֿון דעסטוועגן האָבן זיי זיך אַלע געריסן איבער איר. יעדעס קינד האָט געוואָלט, אַז די מאַמע, די אלמנה, נעבעך, זאָל וווינען ביי אים. איז זי געגאַנגען פֿון קינד צו קינד. ביי איינעם געלעבט אַ פּאָר חדשים; ביים צווייטן — אַ פּאָר חדשים. מ׳האָט זי אויף די הענט געטראָגן. אַ קלייניקייט: אַ מאַמע!

— פּערעלע, דאָס איז געווען אַמאָל.

— אַמאָל זענען אויך געווען גענוג פּאַסקודניאַקעס. פֿאַרשטייט זיך, נישט אַזוי פֿיל ווי היינט.

— אַוודאי, די וועלט איז געגאַנגען פֿאָרויס.

חיים גוטשטיין־אבן־טוב איז אויפֿגעשטאַנען פֿונעם ווייכן, לעדערנעם פֿאָטעל, און אָנגעהויבן שפּאַנען מיט לאַנגזאַמע טריט איבערן צימער. פּערעלע האָט אָנגעקוקט זיין געבויגענעם רוקן, זיין גרויסן פּליך, וואָס האָט

געגלאנצט אונטער דעם עלעקטרישן שיין, און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: געווען אַמאָל אַ געזונטער יונג, אַ מאַנספּאַרשוין. די ערד האָט געציטערט אונטער זיינע פיס — און וואָס איז פון אים נעבעך געוואָרן...

און ער, חיים, האָט פאַרבייגייענדיק געוואָרפן אַ בליק אויף זיין געוועזענער כלה און געקרעכצט שטילערהייט: געווען אַ יאַדערדיקע מויד, אַ ברען, וואָס אַלע בחורים אין שטעטל האָבן איינגענומען די ניכפּה נאָך איר. און איצט — אָפּגענוצט, אָפּגעבליאַקעוועט, ווי אַן אַלטער מלבוש...

נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן האָט פערעלע זיך אָנגערופן:

— חיימקע, דו ביסט טאַקע שוין אַלט, אָבער פאַרגעס נישט, אַז מיר האָבן נאָך אַ טאָכטער חתונה צו מאַכן. מיר האָבן איבערגעלעבט אַזוי פיל מלחמות, חתונה געהאַט שוין נישט זייענדיק שטאַרק יונג. מוז מען זיך ערשט, אויף דער עלטער, אונטערגאַרטלען. רחלע גייט אַרום מיט אַן אָרעמען בחור. קיין געלט האָט ער נישט. ווען איך דערמאָן זיך, אַז מ׳וועט דאַרפן קויפן אַ דירה פאַר אירעטוועגן, באַפאַלט מיך אַ פּחד. ווו קענען אַזעלכע מענטשן ווי מיר, וואָס לעבן פון געהאַלט, נעמען הונדערטער טויזנטער לירות אויף אַ דירה?

— פון לוין, טייערינקע, קען מען קיין דירות נישט קויפן — מאַכט חיים און שטעלט זיך אָפּ נעבן איר. טאַקע וועגן דעם ברעך איך מיר דעם קאָפּ. איך טראַכט.

— נו, און האָסט שוין עפּעס אויסגעטראַכט?

— איך מיין, אַז יאָ.

— למשל?

— למשל, מיר וועלן רחלען געבן אַ דירה.

— געבן אַ דירה? — האָט פערעלע כמעט אויסגעשריגן פון גרויס פאַרוווּנדערונג — ווו וועסטו נעמען געלט אויף דעם? וועסט באַרויבן אַ באַנק? וועסט ווערן אַ גרויסער דירעקטאָר? ווער וועט דיר געבן אַזוי פיל געלט?

— איך דאַרף נישט קיין געלט — האָט ער געזאָגט מיט אַ רויִקן טאָן — די דירה איז שוין דאָ.

זיין ווייב האָט אים אָנגעקוקט מיט אַזעלכע אויגן, ווי מ׳קוקט אָן אַ משוגענעם:

— חיימקע, וואָס פּלאַפּלסטו? ביסט פון זינען אַראָפּ? ווו האָסטו אַ דירה?

— די דירה איז דאָ — האָט חיים איבערגעחזרט — דו דאַרפסט נאָר זאָגן „יאָ". בקיצור, עס ווענדט זיך אָן דיר. אויב דו וועסט נאָר מסכּים זיין, וועט רחלע שוין האָבן די דירה.

— פאַר מיין קינד בין איך גרייט אַלץ צו טאָן. וואָסי, איך בין נישט קיין מאַמע? די סך קינדער וואָס איך האָב? איך וואָלט אַפילו גרייט געווען צו ווינען אין איין צימער, אַבי מיין טאָכטער זאָל קענען חתונה האָבן.

— קענסט האָבן אַפילו צוויי צימערן.

— נו, און רחלע?

— רחלע קען אויך האָבן צוויי צימערן.

אַדרבה! איך בין שוין מסכּים.

— און דאָס קען דווקא זיין אַ דירה נעבן אַ דירה. צו יעדער מינוט וועסטו קענען זיין ביי איר און זי — ביי דיר. וועסט קענען ניאַנטשען דיינע אייניקלעך און זיי אָפּהיטן, ווען רחלע מיטן מאַן וועלן גיין אין קינאָ אַריין אָדער אויף אַן אָוונט צו חברים און באַקאַנטע.

— דאָס איז דווקא נישט קיין מעלה. איך בין נאָך נישט אַזוי אַלט, חיימקע, איך וויל נאָך אַליין אויך לעבן. איך האָב שוין גענוג געניאַנטשעט מיינע אייגענע קינדער, וויל איך נישט ניאַנטשען די קינדס־קינדער. מילא, פון צייט צו צייט אַריינקומען צו זיי — דאָס מאַכט נישט אויס. אָבער צו אָפּט — טויג נישט. רחלע וועט עס אויך נישט וועלן. יונגע מענטשן האָבן זיך זייער לעבן. זיי האָבן פיינט, אַז מ'שטערט זיי. אַמבעסטן איז — פון דער ווייטנס. אָבער אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה — מוז מען. ס'דאָך אַן אייגן קינד. מען דאַרף זיך אַ מאָל אָנשטרענגען.

— גלויב מיר, פּערעלע, אַז איך דאַרף אויך האָבן רו. די נערוון זענען אָנגעצויגן אַזוי ווי סטרונעס. אָבער אַז דער חלף ליגט אויפן האַלדז, מוז מען זוכן אַן אויסוועג. דאַרפסט וויסן, אַז רחלע שלעפּט זיך שוין אַרום מיטן בחור קנאַפּע צוויי יאָר. און היינט איז דאָך נישט אַזוי ווי אין אונ־דזערע צייטן איז געווען: מען איז געגאַנגען. היינט גייט מען נישט, היינט...

— גענוג! כ'ווייס שוין וואָס דו ווילסט זאָגן — האָט פּערעלע אים איבערגעריסן — אַוודאי, אויב זי וואָלט געווען געראָטן אין דיר... אָבער זי איז, גאָט צו דאַנקען, געראָטן אין מיר.

— היינט וואָלסטו אויך געווען אַן אַנדערע. אַמאָל איז געווען אַן אַנדער וועלט, פּערעלע.

— חיימקע, אַ מענטש ענדערט זיך נישט. ס׳וועגדט זיך אינעם כאַראַק־טער. איך, צום ביישפּיל, בין געבליבן די זעלבע.

— נאָר אינעם כאַראַקטער...

— דאָס געמלעכצע פון דיר צו הערן, חיימקע. דאָך בין איך מסכּים מיט דיר, אַז וואָס גיכער רחלע וועט חתונה האָבן, אַלץ בעסער וועט זיין פאַר אונדז ביידע. וואָרום ווי זאָגט מען דאָס: אַ לאַנגע קרענק איז אַ זיכע־רער טויט. אין אַ ריינעם, שיינעם פרימאָרגן קען דער בחור אַ זאָג טאָן: „רחלע, איך האָב דיר שוין גענוג, שלום!" איז דעריבער כּדאי צו קאָווען דאָס אייזן כּל זמן ס׳איז הייס. אַז עס וועט זיין אַ דירה, וועט אַלץ גיין ווי אויף פּוטער — אַזוי מיין איך.

— און דו מיינסט ריכטיק, פּערעלע, מען דאַרף נישט ציִען אין דער לאַנגער באַנק אַריין. מיר וועלן זאָגן דער טאָכטער: רחלע, דו האָסט אַ דירה, קענסט שוין חתונה האָבן.

— וווּזשע איז די דירה? דו רעדסט און רעדסט און דעם עיקר האָסטו מיר נאָך אַלץ נישט געזאָגט.

— האָסט נישט געהערט? — געבן אונדזז. ביסט דאָך מסכּים אויף דעם.

— אַוודאי בין איך מסכּים.

— געבן אונדז, פּערעלע, מיין איך... מיט אונדז... צוזאַמען. מיר וועלן האָבן צוויי צימערן און רחלע מיטן מאַן — צוויי צימערן. די קיך וועט זיין אַ בשותּפותדיקע... צו וואָס דאַרפן מיר אַזאַ גרויסע דירה?

פּערעלע איז געבליבן זיצן אַזוי ווי עמעצער וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. דערנאָך, ווען זי האָט אָפּגעדעכעט, האָט זי זיך געגעבן האַסטיק אַ שטעל אויף פונעם פּאָטעל און אויסגערופן:

— וואָס ס׳האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט און אין אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, זאָלן זיך סקאָשען און זאָלן זיך זווערשען אויף מיינע שונאימס קעפּ! דאָס איז די דירה? אַבי איך האָב געמיינט... אידיאָט אײנער! איך וועל מסכּים זיין צו וווינען אין איין דירה מיט דער טאָכטער און מיטן איידעם און נאָך אפשר מיט עטלעכע קינדערלעך? און זי, די טאָכטער דיינע, וועט יאָ וועלן וווינען מיט מיר? צוויי באַלעבאָסטעס אין איין קיך? דאָס איז דען מעגלעך?

— מיין שוועסטער מלכּהלע מיט איר מאַן און מיט אירע דריי קינדער האָבן אַמאָל געוווינט צוזאַמען מיט אונדז, ס׳הייסט מיט טאַטע־מאַמע און

שוועסטער און ברידער אין איין שטוב. מיר האָבן געהאַט נישט מער ווי פיר אַלקערלעך מיט אַ קיך.

מאַלע וואָס! אין מדבר האָט מען אַמאָל געוווינט אין סוכות. נו, וועסטו איצט וווינען פערציק יאָר אין אַ סוכה? היינט איז אַן אַנדער וועלט, חיימקע. מ׳וויל לעבן.

— וואָס־זשע טוט מען?

— איך בין דאָך נישט שולדיק, אַז כ׳האָב אַ מאַן אַ לעמעשקע. דאַרף איך דערפאַר אָפּקומען? ביי דיר בין איך שוין אָפּגעקומען אַלע שטראָף. גייסט מיר נאָך צוגעבן עטלעכע „יאָר״, אַזוי ווי עס פירט זיך אין רוסלאַנד? נישט ביי מיר!

— וואָס־זשע ווילסטו, אַז רחלע זאָל, חלילה, פאַרזיצן? ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז קיין דירה קענען מיר נישט קויפן. מיר האָבן נישט און מיר וועלן נישט האָבן קיין געלט. ווו־זשע איז דער אויסוועג?

— איך האָב! — האָט פערעלע געזאָגט, ציִענדיק דערביי די ווערטער — מיר וועלן אַוועקגעבן רחלען אונדזער דירה.

— און מיר — ווו וועלן מיר זיך אַהינטאָן? — האָט חיים זי אָנגע־קוקט אַ פאַרחידושטער. — וווהין וועלן מיר גיין?

— אין מושב־זקנים! — האָט פערעלע אויסגערופן — דאָס איז דער בעסטער אויסוועג — האָט זי צוגעגעבן, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ. — האָסט דאָך איצט געזען ווי פיין די אַלטע לייט לעבן דאָרט. נו, וועלן מיר אויך אַזוי לעבן.

— איך מיין אויך אַזוי — האָט חיים אויסגעקרעכצט — דאָס איז דער איינציקער אויסוועג. מיר וועלן גיין אין מושב־זקנים און אונדזער רחלע וועט האָבן אַ דירה. כ׳מוז דיר זאָגן, פערעלע: ס׳איז מיר אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ.

יאָסקע

מ׳רעדט דאָ אַ סך וועגן „באַהאַלטענער אַרבעטסלאָזיקייט״, וועגן ווייניק פּראָדוקטיוויטעט און נאָך אַזעלכע זאַכן. מ׳רעדט! קיינער דערמאָנט אָבער נישט, אַז ביי אונדז אין לאַנד זענען דאָ מענטשן, וואָס אַרבעטן כּמעט אין גאַנצן אומזיסט.

איך קען אַ סך אַזעלכע מענטשן, אָבער נישט אַלע קען מען דאָ אויס־רעכענען. מיר וועלן נעמען, למשל, אַזאַ איינעם ווי יאָסקע זינגפויגל־זמיר. ער אַרבעט אין אַ גרויסן תּבואה־שפּייַכלער.

צו דער באַשטימטער צייט איז ער ביי דער אַרבעט. ער „קלאַפּט־אָפּ״ זיין קאַרטע: גענוי האַלב אַכט אַ זייגער. קיין סעקונדע נישט ווייניקער. ער איז זייער פּינקטלעך, יאָסקע זינגפויגל־זמיר. ווייל פאַר זיין פּינקטלעכ־קייט באַקומט ער אַ צוגאָב, אַ תּוספת. דאָס אַליין שאַפט ביי אים אַ גוטע שטימונג. ער האָט נאָך נישט באַוויזן אַריינצוטאָן די האַנט אין קאַלטן וואַסער — און שוין האָט ער פאַרדינט געלט.

יאָסקע כאַפּט אַ קוק אויפן גרויסן מאַגאַזין. נעכטן האָט מען פון דאָרטן אַרויסגעפירט אַ סך תּבואה. ער גייט־צו צו דער נישע, אין ווינקל, נעמט אַ לאַנגן בעזים און הייבט אָן פאַרקערן די קערנדלעך. דאָס איז, לויטן הסכּם מיטן אַרבעטער־קאָמיטעט, אַ צוגאָב־אַרבעט. ער באַקומט דערפאַר עקסטרע באַצאָלט. קערט ער מיט חשק די קערנדלעך. דערביי סטאַרעט ער זיך, אַז דאָס קערן זאָל געדויערן וואָס לענגער, מחמת די תּוספת (דער צוגאָב) ווערט גערעכנט לויט די שעהען. יאָסקע איילט זיך נישט. פייגעלע, זיין פרוי, האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל שאַנעווען דאָס געזונט. זי זאָגט, אַז ער איז ביי איר אַן איין־און־איינציקער, דער געטרייעסטער. ער שלעפּט דעם גאַנצן עול, סיי ביי דער אַרבעט און סיי אין שטוב. אַ גאָלדענער באַלעבאָס איז יאָסקע.

די דאָזיקע ווערטער דערמאָנט ער זיך, ווען ער האַלט דעם בעזים אין ביידע הענט און שאַרט־צונויף די קערנער. ער שמייכלט גוטמוטיק.

איצט דאַרף ער נעמען אַ לאַפּאַטע און אַריינשיטן דעם ווייץ אין אַן עמער. פּאַר אַריינשיטן דעם ווייץ אין עמער אַריין באַקומט ער אַ ספּעציעלע תּוספת. גייט יאַסקע און ברענגט אַ בלעכענעם עמער. דערנאָך מאַכט ער אַזאַ מין חשבון: ס'איז נאָך נישט קיין האַלבער טאָג און כ'האָב שוין, ברוך־השם, דריי תּוספות — פּאַר קומען צו דער צייט; פּאַר צונויפשאַרן די קערנדלעך און איצט — פּאַר אַריינשיטן זיי אין עמער אַריין. דאַנקען גאָט, מ'קען לעבן...

יאַסקע שיט, לאַנגזאַם, דעם ווייץ מיט דער לאַפּאַטע אין עמער אַריין און ברומט־אונטער אַ לידל:

לאַפּאַטע, בעזים, עמער,
איך בין אַ גרויסער קרעמער.
דאָ, אין מאַגאַזין,
ווייס איך וואָס צו טאָן.
ווי זאָגט מײַן פעטער נחום:
מ'דאַרף נישט זײַן קיין חכם.
זײַ אַ תּם און זײַ אַן אידיאָט,
אַבי זאָלסט מאַכן וואָס מער תּוספות,
וועסטו עסן יעדן טאָג קאָמפּאָט
און זאָגן: דאַנקען גאָט!...

אָנגעשאָטן דעם ווייץ אין עמער, נעמט יאַסקע פון בוזעם־קעשענע אַרויס אַ קליין ביכעלע און פאַרשרייבט: „1 עמער". דאָס איז דערפאַר, ווייל די תּוספת איז פון דער צאָל עמערס וואָס ווערן אַריינגעשאָטן אין זאַק אַריין. איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס — זעקס לירות האָט ער שוין אויף ס'נײַ פאַרדינט פאַר אַריינשיטן די עמערס ווייץ. איצט דאַרף מען דאָס זעקל פאַרבינדן און פאַרנייען. פאַר יעדן שטאָך אַ צוגאָב, אַ תּוספת, לויטן אָפּמאַך צווישן דער דירעקציע און דעם אַרבעטער־קאָמיטעט.

יאַסקע האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגער: שוין צוועלף. מען דאַרף עפּעס איבערקייען. ער איז אַריין אין בופעט. דאָ קאָסט ביליק, ספּעציעל פאַר די אַרבעטערס. ער האָט באַשטעלט אַ גלאָז טערקישע קאַווע און, פאַרשטייט זיך, אַ גלעזעלע קאָניאַק צום אַפּעטיט.

אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, האָט יאָסקע ווידער געכאַפּט אַ קוק אויפֿן זייגער. שוין איינס. באַלד וועלן קומען די אַרבעטערס אויפֿצולאָדן די זעקלעך מיטן ווייץ. מ׳דאַרף זיי העלפֿן. פֿאַר יעדן זעקל, וואָס זיי וועלן צונעמען — זאָגט יאָסקע צו זיך אַליין — וועל איך האָבן אַ תּוספֿת. דערנאָך וועל איך גיין אַריינשיטן דעם ווייץ אין דער אָפֿענער מאַשין. עס וועט נעמען אַ סך צייט, אָבער איך באַקום אַ צוגאָב פֿון יעדן אויטאָ וואָס גייט אַרויס פֿון סקלאַד אין מיל אַריין.

ביים אָנשיטן די קערנער אין מאַשין, האָט אַ „שטראָם" ווייץ, צופֿעליק, „פֿאַרבלאָנדזשעט" אין אַ זייט און זיך צעשפּרייט אויף דער צעמענטענער פּאָדלאָגע. יאָסקע האָט דערביי באַמערקט: „ס׳מאַכט נישט, כ׳על שוין דאָס צוזאַמענגנעמען. דערפֿאַר באַקום איך פֿאַר „מאמיץ", פֿאַר אָנשטרענגען זיך. אַלץ איז פֿאַרויסגעזען אין אָפּמאַך מיטן אַרבעטער־קאָמיטעט. אַנומלט — זאָגט ער — האָבן די באַלעבאַטים געפּרוּווט מאַכן אַ „דריי": ס׳טייטש, האָבן זיי געטענהט, דאָס איז דאָך די אַרבעט פֿון יאָסקען. ער דאַרף דאָס צונויפֿנעמען, אין די ראַמען פֿון זיין געהאַלט.

דער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט אָבער אויפֿגעוויזן, אַז איך בין דאָס נישט מחויב צו טאָן. די באַלעבאַטים האָבן נישט געוואָלט נאָכגעבן. האָט דער ועד פּראָקלאַמירט אַ שטרייק. ס׳איז נישט געווען קיין ווייץ אין די מילן און קיין מעל אין די בעקערייען. האָבן די באַלעבאַטים נאָכגעגעבן. איצט באַקום איך אַ פּרעמיע פֿאַר צונויפֿנעמען דעם אויסגעשאָטענעם ווייץ".

ווען עס קומען אָן זעקלעך ווייץ, דאַרף מען זיי, פֿאַרשטייט זיך, אויסלאָדן אין סקלאַד אַריין. איז דאָ אַזאַ מין עלעקטרישע מאַשין מיט אַ לייוונט, אויף וועלכן מ׳לייגט די זעק און דער לייוונט פֿירט די זעקלעך אַראָפּצו. מ׳דאַרף נישט אויפֿהייבן, אַזוי ווי אַמאָל, דעם זאַק, אַרויפֿלייגן אים אויף די פּלייצעס — און טראָגן. דאָס נישט. מיר לעבן דאָך אין אַ נייער צייט. אַלץ איז געמאַכט געוואָרן כּדי צו פֿאַרלייכטערן דאָס לעבן. אָבער וואָס? די זעקלעך אויפֿן אויטאָ מוז מען איבערדרייען און אַרויפֿלייגן אויפֿן דאָזיקן לייוונט. דאָס פֿאָדערט „מאמיץ". און דערפֿאַר באַקומט יאָסקע באַזונדער באַצאָלט — פֿון יעדן זעקל.

יאָסקע היט זיין אַרבעט. ער לויפֿט נישט, אַזוי ווי אַנדערע, יעדן צווייטן טאָג, אין קופּת חולים. ער באַקומט נישט קיין „חופשת מחלה", קיין קראַנקהייט־אורלויב, און דערפֿון געניסט די אונטערנעמונג. דערפֿאַר באַקומט יאָסקע אַ ספּעציעלע פּרעמיע — פֿאַר זיין געזונט.

פאַראַן נאָך אַן אַרבעט: אויסלייידיקן די זעקלעך. דאָ באַקומט אויך יאַסקע פון יעדן אויסגעליידיקטן זעקל, אַ באַזונדערן צוגאָב. געוויס, ער גיט דאָך דאָ אַוועק זיינע כּוחות, טאָ זאָלן די באַלעבאַטים געבן געלט. זיי איז דאָך לייכטער. געלט קומט צו, אָבער קיין כּוחות קומען נישט צו. מ׳דאַרף זיי היטן אויף דער עלטער. „גאָט האָט דעם מענטשן געגעבן 70 קופּאָנען — זיבעציק יאָר — טראַכט יאַסקע — דאַרף מען זיי אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. אין דער צייט פון דער מלחמה — דערמאָנט ער זיך — האָבן די סאָוויעטן געגעבן קופּאָנען אויף 400 גראַם ברויט אַ טאָג. געווען מענטשן, וואָס האָבן שוין, ביזן האַלבן חודש, אויפגעפרעסן אַלע קופּאָנען, און אין דער צווייטער העלפט פון חודש אויסגעגאַנגען פון הונגער. איך, אָבער, האָב מיינע קופּאָנען געהיט. יעדן טאָג — נישט מער ווי 400 גראַם. און דערפאַר טאַקע האָב איך איבערגעלעבט״...

צווישנפגענומען דעם ווייץ פון דער פאַדלאָגע, האָט יאַסקע ווידער פאַר־שריבן אין קליינעם ביכעלע די עמערס און די צאָל זעק, און געשמייכלט: נישט אומזיסט האַלט פון אים אַזוי זיין פייגעלע. ער איז טאַקע אַ גוטער פאַרדינער. ער וועט איר אין אַוונט ווייזן, וויפל תּוספות און פּרעמיעס ער האָט היינט באַקומען. זי וועט אָנקוועלן און זאָגן: „ביסט אַ מזיק, יאַסקעלע, זע, קלייב אָן אַזוי פיל געלט, אַז איך זאָל קענען, היינטיקס יאָר, אַרויספאָרן כאָטש אויף דריי וואָכן קיין רומעניע. איך דאַרף מיך אַ ביסל אויסרוען״...

אָט ענדיקט זיך שוין זיין אַרבעטס־טאָג. יאַסקע גרייט זיך צו גיין אַהיים. ער וועט ווידער „אָפּקלאַפּן״ זיין קאַרטע אין דער באַשטימטער צייט. ווייל פאַר אַוועקגיין פינקטלעך פון דער אַרבעט באַקומט ער אויך אַ פּרעמיע.

יאָ, איך האָב פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז יאַסקע באַקומט נאָך אַ גאַנץ פיינעם חודש־געהאַלט אויך. אָבער דאָס — זאָגט ער — איז נישט וויכטיק. יעדער אַרבעטער דאַרף דאָך האָבן אַ סטאַבילן לוין, אַ יקרות־הוספה, סאָ־ציאַלע פאַרזיכערונג א.אַ.וו. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט ער. אָבער דער עיקר ביי אים זענען די תּוספות מיט די פּרעמיעס. אין דעם באַשטייט דאָך זיין אַרבעט. דער חודש־לוין איז סתם אַ צושפּרונג. אויך אַ מין צוגאָב. אָבער דאָס רעכנט זיך נישט — פאַקטיש אַרבעט ער כּמעט אומזיסט...

אַ לעקציע וועגן סעקס

לערערין: קינדערלעך, און איצט וועלן מיר צוטרעטן צו אַן ענין, ס׳הייסט צו אַ זאַך, וואָס אונדזער בילדונגס־מיניסטער האַלט, אַז איר דאַרפט אומ־באַדינגט וויסן. ווען איר וועט עלטער ווערן, פאַרלאָזן דעם גן* און אַריין אין דער פאָלקס־שול, וועט איר עס בעסער פאַרשטיין. דערווייל וועלן מיר זיך באַגנוגענען מיטן פראָגראַם, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר קינדער אין אײַער עלטער.

די קינדער: וואָס איז דאָס? עפּעס אַ שיינע מעשׂה?

לערערין: איר וועט הערן... אָט שטעל איך אײַך די ערשטע פראַגע: וואָס איז דאָס אַזוינס חינוך מיני, סעקסועלע דערציִונג?

שפּרהלע (4 יאָר אַלט): הענזל און גרעטל (אַלע לאַכן).

לערערין: דאָס איז אַ געשיכטע וואָס האָט צו טאָן מיט דער שפּיל פון טאַטע־מאַמע.

קינדער: יופּי, פיין, לאָמיר זיך שפּילן.

לערערין: איר וועט זיך נאָך שפּילן. איצט וויל איך אײַך אויפקלערן ווי אַזוי מען שפּילט זיך.

אַלע: ווי אַזוי?

לערערין: יוסי, זאָג מיר, ווי אַזוי ביסטו געבוירן געוואָרן?

יוסי: מיין טאַטע האָט באַצאָלט אַ בושל, אַ חסידה, און ער האָט מיך געבראַכט.

אודי: און מיין טאַטע האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן, האָט ער מיך אַליין געמאַכט. (אַלע לאַכן).

לערערין: אודי, אויסגעצייכנט! טאַקע וועגן דעם ווילן מיר דאָ לער־נען. היינט איז אַ צייט, ווען די קינדער דאַרפן לערנען די עלטערן וואָס צו טאָן.

---

* קינדער־גאָרטן.

צביקה: זיי זאָלן אונדז קויפן אַ סך מתּנות.

אודי: אַ ראָווער.

גאולה: שפּילצייג.

לערערין: יאָ, עס גייט אין שפּיל.

קינדער: וואָס פאַר אַ שפּיל?

לערערין: איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט: די שפּיל אין טאַטע־מאַמע.

שׂרהלע: ווי אַזוי איז געבוירן געוואָרן אָדם הראשון?

לערערין: גאָט האָט אים באַשאַפן.

שׂרהלע: טאָ פאַר וואָס האָט מיך גאָט נישט באַשאַפן?

לערערין: אַז ס׳געווען נאָר איין מענטש האָט ער אים באַשאַפן. אָבער אַז מיט דער צייט האָט מען געדאַרפט באַשאַפן אַ סך מיליאָנען מענטשן, האָט ער געזאָגט, אַז די מענטשן אַליין זאָלן זאָרגן וועגן דעם.

גאולה: אויב אַזוי וויל איך אויך מאַכן אַ מענטש.

לערערין: דו קענסט נישט. ערשטנס ביסטו נאָך אַ קינד און אַפילו ווען דו וועסט שוין זיין אַ בחורה מוז דיר אויך עמעצער העלפן...

גאולה: און ווער האָט געהאָלפן דער אמא׳לע?

לערערין: דיין אבא׳לע...

גאולה: וועל איך אים בעטן, אַז ער זאָל מיר אויך העלפן.

לערערין: דו פאַרשטייסט נישט.

גאולה: דער בילדונגס־מיניסטער זאָגט דאָך, אַז אַזעלכע ווי איך דאַרפן פאַרשטיין.

לערערין: יאָ, וועגן דעם רעדן מיר דאָך.

איציקל: און ווער האָט געהאָלפן דעם אָדם הראשון? ער איז דאָך געווען אַליין.

אודי: המורה, איך ווייס!

לערערין: וואָס ווייסטו?

אודי: גאָט האָט אויסגעשניטן ביי אָדמען אַ שטיק פלייש און אויסגע־קנאָטן דערפון אַ פרוי — חוהן.

שפרהלע: איך וועל אויך אויסשניידן ביים אבא׳לע און מאַכן דערפון אַ מענטש...

לערערין: דאָס איז געווען אַמאָל. היינט מאַכט מען שוין מענטשן אין גאַנצן אַנדערש. אַמאָל, למשל, זענען נישט געווען קיין אויטאָס — און היינט זענען זיי דאָ, אַמאָל זענען נישט געווען קיין עראָפּלאַנען — און

היינט זענען זיי דאָ; אַמאָל האָט מען אין די שולן געלערנט וועגן ציוניזם, ווי אַזוי מען האָט געטריקנט זומפּן, געשטאָרבן פון מאַלאַריע; ווי אַזוי עס האָבן געלעבט יידן אין דער וועלט; דערציילט די מעשׂה פון חיבת־ציון און נאָך אַזעלכע זאַכן. איצט אָבער איז דאָס אַלץ שוין פאַרעלטערט. דאָס וויכטיקסטע איז צו וויסן ווי אַזוי דער מענטש ווערט געבוירן: חינוך מיני.

אַלע קינדער: ווי אַזוי?

לערערין (גיט אַ קוק אויף משהלען): משהלע, וואָס האַלטסטו זיך מיט ביידע הענטלעך פון פאָרנט, ביי די הויזלעך?

משהלע: המורה, איך וויל פּיפּי.

לערערין: טאָ גיי, דאָרט און מאַך.

לערערין: קינדער, איר זעט, אָט האָט איר אַ ביישפּיל. אַליין קען אַ זכר גאָרנישט טאָן. ער דאַרף נאָך עמעצן...

קינדער: ער איז אַ קליינינקער, אַ קטנטשיק, דערפאַר קען ער נאָך נישט.

לערערין: ריכטיק. ער וועט אונטערוואַקסן, וועט ער קענען די מלאכה.

גדי: דער אבא׳לע און די אמא׳לע האָבן אויך געלערנט חינוך מיני?

לערערין: ניין.

גדי: מיסכנים...* האָבן זיי דאָך גאָרנישט פאַרשטאַנען.

לערערין: אַוודאי. זיי האָבן טאַקע געטאַפּט אין דער פינצטער.

שפרהלע: און איך ווייס יאָ וואָס הייסט מיני.

לערערין: דו ווייסט?

שפרהלע: יאָ, אַ מיני־קליידל...

לערערין: ווי אַזוי ווערט געבוירן אַ הינדעלע?

אַלע: מען לייגט אונטער די אייער.

צביקה: די הון וואַרעמט־אויס די אייער און שפּעטער קריכן־אַרויס הינדעלעך.

שפרהלע: טאָ פאַר וואָס וואַרעמט די אמא׳לע נישט אויס קיין אייער?

לערערין (צעטומלט): אַ פרוי איז דאָך נישט קיין הון. אַ פרוי איז אַ פרוי... דער אבא און די אמא האָבן אַ באַזונדערן שלאָף־צימער... ווער ווייסט פאַרוואָס?

דוידל: ווייל זיי שלאָפן צוזאַמען.

---

* נעבעכלעך.

לערערין: ריכטיק. און פאַר וואָס שלאָפן זיי צוזאַמען?

משהלע: ווייל זיי דאַרפן רעדן צווישן זיך. דער אבא איז ביי טאָג נישטאָ אין דער היים.

זרחל: איך ווייס! ווייל זיי דערציילן זיך מעשׂיות...

לערערין: ניין. אַז דער אבא שלאָפט מיט דער אמא ווערן געבוירן קינדער.

שפרהלע: איך האָב געזען ווי דער אבא׳לע איז אַ סך מאָל געשלאָפן מיט אונדזער עוזרת (ווען די אמא׳לע איז געווען אין טבריה) און די עוזרת האָט נישט קיין קינדער.

לערערין: שפרהלע, ס׳נישט שיין אונטערצוקוקן וואָס דער אבא׳לע טוט. אפשר איז דער אבא׳לע געווען קראַנק און מען האָט אים געדאַרפט מאַכן אַ קאָמפּרעס. (זאָגט ווי צו זיך אַליין: אבי איך האָב געמיינט, אַז ער איז אַזאַ נאַיִווינקער... פאַר מיר מאַכט ער דעם אָנשטעל פון אַ צדיק... איך וועל רעדן מיט אים).

שפרהלע: יאָ, מיין אבא׳לע איז זייער אָפט קראַנק. דער עיקר ווען די אמא׳לע איז נישטאָ אין שטוב...

לערערין: ווו־זשע האַלטן מיר?

קינדער: ביי דער מעשׂה פון שפרהלעס אבא׳לע.

אודי: ניין, פון דער עוזרת (אַלע לאַכן).

לערערין: איר האָט אַ מאָל געזען ווי אַ האָן טאַנצט אויף אַ הון?

קינדער: יאָ, געזען.

לערערין: דורך דעם ווערן געמאַכט אייער און פון די אייער ווערן געבוירן קינדער.

אודי: ווער האָט זיי דאָס אויסגעלערנט? ווי אַזוי מאַכן זיי דאָס אָן חינוך מיני?

לערערין: די נאַטור האָט זיך אירע געזעצן.

זרחל: וואָס איז דאָס אַזוינס נאַטור?

לערערין: אַלץ וואָס מיר זעען אַרום אונדז. די אייער פּיקן זיך אויס...

שפרהלע: המורה, לאָזט שוין אָפּ די אייער. דערציילט אונדז בעסער עפּעס אַ שיינע געשיכטע.

עוזי: לא רוצה מיני... רוצה לבית־שימוש...*

---

* איך וויל נישט קיין מיני, איך דאַרף אין בית־שימוש...

לערערין: משהלע, ווייסט דאָך שוין ווו — ווייז אים. (ביידע לאָזן זיך גיין).

קינדער: מיר ווילן זיך שפּילן אין טאַטע־מאַמע. המורה, ווייזט אונדז יוי מען מאַכט עס.

שפרהלע: איך וועל פרעגן מיין אבא׳לע.

לערערין: אים מעגסטו דווקא פרעגן. ער האָט געכאַפּט דעם שניט אָן אַ סעקסועלער דערציִונג.

שפרהלע: לא מבינה. איך פאַרשטיי נישט וואָס דו, לערערין, זאָגסט.

לערערין: איך פאַרשטיי אויך נישט.

גדי: איך וועל שלאָפן צוזאַמען מיט דעם אבא׳לע און מיט דער אמא׳לע און איך וועל זען ווי אַזוי עס ווערן געבוירן קינדער...

לערערין: פון די עלטערן באַדאַרף מען נישט לערנען. זיי זענען פון דער אַלטער וועלט. פאַרקערט, מיר דאַרפן זיי לערנען. און דאָס איז די אויפגאַבע פון יונגן דור. איר האָט פאַרשטאַנען?

אַלע: ניין.

לערערין: איך וועל אייך דאָס געבן צו פאַרשטיין בעת די קומענדיקע לעקציעס. אויף היינט וועט זיין גענוג. איר קענט גיין אַהיים. אייַערע מאַ־מעס וועלן אייך באַלד קומען נעמען. שלום!

עולים און יורדים

געדולד, ברידערלעך!...

געצל זינגפויגל שטאַמט פון קוראָוואָליע, אַ דערפל אין פינדרעווקער ראַיאָן, פעטוכעווסקער אָבלאַסט. אָבער אַז מ׳פרעגט אים: „פון וואַנען שטאַמט אַ ייד?״ ענטפערט געצל מיט שטאָלץ: שטאַמען, שטאַם איך פון קיִעוו. נאָר וואָס? דער טאַטע קומט פון מינסק און די מאַמע פון פינסק. ווען איך בין נאָך געווען אַ פיצל קינד זענען מיר אַריבערגעפאָרן קיין ראָוונע. פון דאָרט זענען מיינע עלטערן פאַרוואָגלט געוואָרן קיין קאָוונע. שפעטער, געדענק איך, בין איך צום ערשטן מאָל געפאָרן מיט דער באַן, קיין סווענציאַן. צום סוף געבליבן שטעקן אין סוכאָוואָליע. שוין דעמאָלט האָב איך געוווסט, אַז געבוירן בין איך אַ ציוניסט. נאָך דעם ווי איך האָב אַמאָל אויסגעהערט די הייסע רעדע פונעם ארץ־ישׂראלדיקן שליח אבנר קאָסאָוו, בין איך גלייך אַרויסגעפאָרן האַקן שטיינער אינעם הכשרה־פונקט, אין קליאָסאָוו. אָנגעבידעוועט זיך ווי עס דאַרף צו זיין, בין איך, מיט מזל, אָנגעקומען קיין ארץ־ישׂראל, געלעגן אין פאַלאַטקעס — זומער אין די היצן און ווינטער אין די רעגנס. געאַרבעט ווי אַן אייזל און קיין מאָל גאָרנישט פאַרמאָגט. אָבער כ׳האָב ליב געהאַט דאָס לאַנד, אויף קיינעם זיך נישט באַקלאָגט. כ׳האָב דאָ געהאַקט שטיינער, געפלאַסטערט שאָסייען, געבויט הייזער, געשלעפט ציגל, געקנאָטן ליים, געמישט צעמענט. דער שווייס פון מיר האָט זיך געגאָסן, די זון האָט געברענט. ערשט אין יאָרן אַרום בין איך צו עפּעס צוגעקומען. ס׳איז מיר געוואָרן אַ ביסל גרינגער. אָבער דאָס אַלץ — נאָר אַ דאַנק מיינע צען פינגער״.

ויהי היום, און פון געצל זינגפויגל איז געוואָרן גדי זמיר. און נישט ער בויט איצט הייזער — נאָר עמעצער בויט פאַר זיינעטוועגן. מחמת גדי זמיר איז אַ קבלן, אַ פּאַדריאַטשיק, אַן אונטערנעמער. נישט וויכטיק ווי אַזוי מיר וועלן אים דאָ טיטולירן. ס׳אַרט אונדז נישט פון וואַנען ער שטאַמט און פון וואַנען זיינע עלטערן שטאַמען. און דאָס וואָס ער פאַרמאָגט, הלוואַי, גאָטעניו, מיר זאָלן עס פאַרמאָגן אַלע צוזאַמען.

און זיין ווייב יענטע־ציפּע, אַ יידענע אַ שלאַק און אַ קליפּע. זי שטאַמט שוין יאָ פון אַ „געהויבענעם מקום". איר האָט אַ מאָל געהערט דעם נאָמען קאָניעקראַדעווקע? דאָרט איז זי געבוירן געוואָרן. דאָס איז אַ שטעטעלע גרויס ווי אַ גענעץ — אויף דער אַמאָליקער פּויליש־סאָוויעטישער גרענעץ. איצט איז זי: גברת צפּורה זמיר, פירט אַליין איר „פּרייוועט". די קליידער אירע נייט זי אין די גרעסטע סאַלאָנען, טראָגט טייערע רינגען מיט אַ סך קאַראַט און בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק. זי איז געוואָרן אַ מבין אויף קונסט. ביי די זמירס אין גרויסן סאַלאָן הענגען מאָדערנע בילדער. מ'שפּילט שוין ביידע ברידזש, בקאָמפּאַניע. פּאַרשטייט זיך, לויט אַ ראָטאַציע — איין מאָל אַ פּאַרטיע ביי זיי מיט אַ גרויסאַרטיקער וועטשערע און אַ צווייט מאָל — ביי גוטע פריינד. מיינט נישט, סתּם אַזוי ביי עמעצן. דער עיקר ביי חשובע מענטשן, דאָס אויבערשטע פון שטויסל, קבלנים. ווען מען קומט זיך צו־נויף רעדט מען וועגן געשעפטן. וויפל הייזער מען בויט, וואָס פאַר אַ נייע מיגרשים מ'האָט געקויפט, וויפל געלט מען האָט באַקומען פון די בענק אויף אינוועסטיציעס, ווער און ווו עמעצער איז געפאָרן קיין אויסלאַנד. לסוף, נאָכן אָפּעסן די געשמאַקע וועטשערע, נעמט מען זיך צו די קאָרטן און ס'הערן זיך דערביי אַזעלכע רייד:

— ווי קען זיין גוט, אַז ער פירט אָן מיט דער מדינה...

— ער פירט דען אָן? ס'גייט שוין פון זיך אַליין...

— ביי די ענגלענדער האָט מען געקענט מאַכן אַ לעבן. אָבער דאָ, אין ישׂראל? צווישן יידן? יעדער איינער וויל דאָך דיך איבערכיטרעווען.

— מיט יידן איז גוט קוגל עסן.

— טאָמער ס'פאַלט דיר אַ מאָל יאָ אַריין אַ גרעסערע סומע, הייבט מען דיך באַלד אָן פרעגן: ווו האָסטו גענומען דאָס געלט?...

— מ'לאָזט נישט אויפהייבן דעם קאָפּ. ווי קען מען לעבן, אַז די מס־הכנסה איז געוואָרן מיין שותּף.

— נאָך ווייניק וואָס איך בוי די מדינה, איך באַשעפטיק הונדערטער אַרבעטער, דאַרף איך נאָך צאָלן שטײַערן.

— דאָס אַליין, וואָס מיר שטיקן זיך אין אַזאַ הייסן קלימאַט, אין אַזאַ חמימה, איז שוין אַ גענוגנדיקע אָפּקומעניש. הער אַ מעשׂה: אַז איך דאַרף אַרויספאָרן אויף אַן אָפּרו אין דער שווייץ, אַ ביסעלע זיך אָטכאַיען, דאַרף איך צאָלן מס־נסיעות, פּאַדאַטקעס.

— צאָס סטראַשנעגאָ...

— נורא, נורא... שרעקלעך!...

— און טאָמער איז נאָך ווייניק, איז דאָ אַ נייע אָנשיקעניש...

— יאָ, די עולים פון רוסן־לאַנד.

— כרושטשאָוו האָט אונדז אַ טובה געטאָן, ימח שמו.

— וואָס רעדסטו? כרושטשאָוו, זאָגט מען, איז שוין לאַנג טויט. היינט הייסט דער צאַר אין קרעמל ניקאָלאַי ברעזשניעוו...

— נישט ניקאָלאַי ברעזשניעוו, נאָר לעאָניד פּאָדגאָרני.

— וואָס איז די נפקא מינה, איין שוואַרץ יאָר...

— שיקן זיי אונדז נייע עולים...

— גרוזינער.

— בוכאַרער...

— פון סאַמאַרקאַנד, טאַשקענט, טשימקענט...

— דאָס איז אַלץ פון אוקראַינע?

— פון סיביר...

— ניין, קיין סיביר.

— און אַלע ווילן דירות...

— איז דאָך גוט פאַר אונדז... זייער גוט!...

— זיי האָבן דען געלט?

— אַלץ ווילן זיי אומזיסט, „דאַיוט”. גיב זיי אַ שיינע דירה, אַרבעט, מעבל, אַן אויטאָ. ווי קען עס, אַזאַ קליינע מדינה ווי ישראל, אויסהאַלטן?

— זאָלן זיי גיין אַרבעטן!

— זיי ווילן דען? אַלע יאָרן זענען זיי געוווינט צו לאָדאַרעווען, קאָמבינירן... לקחנען... אין רוסלאַנד קען מען דען לעבן בלויז פון אַרבעט?

הערנדיק אַזעלכע ווערטער דערוועקט זיך ביי געצל זינגפויגל־גדי זמיר דער אַלטער ציוניסט. אָן עליה וועט זיין ביטער — זאָגט ער — די מדינה נויטיקט זיך אין אַ גרויסער עליה. דאָס איינציקע אָרט פון וואַנען יידן ווילן קומען — איז רוסן־לאַנד. אַז זיי קומען אין די טויזנטער — איז נאָך טויזנטער דירות. די פּרייזן שטייגן... איר פאַרשטייט? ס׳רודעוועט זיך. מיר בויען... די אַראַבער אַרבעטן... די מדינה וואַקסט. איר ווייסט וויפל הייזער... כ׳מיין אויטאָס קומען צו יעדן חודש? — טויזנטער! תל־אביב איז שוין אין גאַנצן פאַרשטאָפּט.

— זאָלן זיי קומען, אַדרבה! אַזוי ווי מיר זענען געקומען — רופט זיך אָן זמירס ווייב, צפורה. מילא, קיין זומפּן זענען שוין נישטאָ. טאָ וואָס

קענען זיי טריקענען — וועש. אָבער זאַמדן פעלן נישט, ברוך־השם, כּבישים דאַרף מען בויען. זאָלן זיי זיך באַזעצן אין פּאַלאַטקעס אַזוי ווי מיר זענען געזעסן. וואָסי, עס פּאַסט זיי נישט? מילא, מיר — זאָגט זי — זענען כאָטש געקומען פון רייכע היימען, פון גרויסע שטעט... אָבער זיי? וואָס האָבן זיי דאָרט געהאַט?

— צפּורהלע, פאַרגעס נישט, אַז היינט זענען אַנדערע צייטן — זאָגט איר מאַן גדי זמיר — מיר זענען געווען חלוצים, אָבער זיי זענען דערצויגן געוואָרן אין אַן אַנדער וולאַסט, ווי זאָגט מען דאָס? ריזשין... כ׳מיין רעזשים. יאָ, רעזשים. אַזעלכע מענטשן דאַרף מען מקריב זיין...

— נישט מקריב זיין נאָר מקרב זיין — הערט זיך אַ שטים.

— יאָ, מקרב זיין — זעצט פאָר דער אדון זמיר — מ׳דאַרף מיט זיי רעדן, געבן צו פאַרשטיין. אויפקלערן זיי וואָס דאָס איז אַזוינס ציוניזם. דערציִען די מאַסן. ווען זיי וועלן קומען צום שׂכל, אַז ציוניזם הייסט ליידן פאַרן פאָלק, לעבן פאַרן פאָלק, שטאַרבן פאַרן פאָלק, וועלן זיי אַלץ אָננע־מען פאַר גוט. זיי וועלן וויסן, אַז דאָס אַליין וואָס אַ ייד געפינט זיך אין הייליקן לאַנד, אין דער יידישער היים — אַז דאָס אַליין איז שוין אַ סיבה צו זיין גליקלעך און צופרידן. אָט, למשל, מיר: האָבן מיר זיך דען חלילה אויף עפּעס צו באַקלאָגן? וואָס פעלט אונדז? אָלא וואָס? מ׳דאַרף זיי זאָגן, די דאָזיקע עולים: יידעלעך, האָט אַ ביסעלע געדולד, כאַפּט נישט, ברענט נישט, סקאַנדאַלעוועט נישט — אַלץ וועט קומען מיט דער צייט. אָט זענען מיר דאָ נישט מער ווי עטלעכע און דרייסיק יאָר, נו, זעט ווי מיר האָבן זיך, ברוך־השם, אַרויפגעאַרבעט. סבלנות, ברידערלעך, געדולד! גאָט איז אַ פאָטער. אַוודאי, ביי אייך, דאָרט, אין רויטן לאַנד, האָט מען אים שוין לאַנג ליקווידירט. אָבער דאָ, אין ישׂראל, געפינט ער זיך אין יעדן ווינקעלע. ער האָט אונדז צוגעזאָגט אַ לאַנד. נו, האָט ער עס אונדז נישט געגעבן? אמת טאַקע, מיט אַ שטיקל פאַרשפּעטיקונג פון צוויי טויזנט יאָר... אָבער ער האָט געהאַלטן וואָרט, אונדזער גאָט. טאָ וואָס זשע איַילט איר זיך אַזוי? אַז ער פאַרלאָזט זיך אויף אייך, מעגט איר זיך גאַנץ רויִק פאַרלאָזן אויף אים.

צווישן יידן

מיינע אָבות אבותינו האָבן געלעבט צווישן גויים און געווען יידן און מיינע קינדער לעבן צווישן יידן און זיי זענען גויים. אַמאָל, אַז עס איז געווען אַ שׂמחה, זענען זיך צונויפֿגעקומען אַלע קרובים — זיידעס, באָבעס, פֿעטערס, מומעס, שוועסטערס, ברידערס — קרובים פֿון מאַמעס צד און קרובים פֿון טאַטנס צד. איינער האָט געקענט דעם יחוס פֿון צווייטן. יעדער איינער האָט געוווּסט די צרות פֿון צווייטן, די קרענק, די שטעכעניש און ברעכעניש. מען האָט געהאָלפֿן חתונה מאַכן אַ קינד. מען האָט זיך געפֿרייט אויף בריתן. און טאָמער עס איז חלילה געווען אַ לוויה — האָבן אַלע געוויינט, געקלאָגט, געקרעכצט, געטרייסט. אַפֿילו דער, וואָס איז געשטאָרבן האָט געוווּסט, אַז מען וועט אים דערמאָנען צום גוטן, מ׳וועט זאָגן קדיש נאָך אים, מען וועט צינדן ליכט פֿאַר זיין כּבוד וועגן. פֿאַר אַזאַ איינעם איז דער טויט נישט געווען אַזוי סטראַשנע. ער איז געווען זיכער, אַז אויך אויף יענער וועלט וועט ער נישט זיין סאַמאָטנע. ער וועט ווייטער לעבן צווישן אייגענע, נאָענטע, צווישן יידן.

מיין טאַטע, עליו השלום, פֿלעגט זאָגן: לעבן צווישן גויים אָבער שטאַרבן — צווישן יידן. בין איך געקומען אַהער. מיינט איר, אַז אין רוסלאַנד איז מיר געווען שלעכט? כ׳האָב, מיינט איר, געלעבט בלויז פֿון אַרבעט? פֿון דעם וואָס מען האָט מיר געגעבן? גלויבט מיר, כ׳האָב שׂכל געהאַט אַליין צו נעמען. פֿרעגט נישט ווי אַזוי. אַז מ׳האָט אַ שטיקל סמיקאַלקע גיט מען זיך אַן עצה. כ׳האָב געהאַט אַ שיינע דירה און אַפֿילו אַן אויטאָ אויך. נישט וויכטיק, וואָס ער איז געווען אַ קאַזיאָנער. געפֿאָרן מיט אים בין איך? שוין! וואָס האָט מיר געפֿעלט? יאָ, אַ מנין האָט מיר געפֿעלט.

אָבער צו וואָס האָב איך געדאַרפֿט האָבן אַ מנין? דער גאָט איז געווען סטאַלין און ער האָט ליב געהאַט, אַז מען זאָל אים לויבן ביחידות — אין טורמע, אין קאַרצער. און אַז איך האָב אים געשאָלטן, האָב איך עס געדאַרפֿט מאַכן ביחידות, אַז קיינער זאָל נישט הערן — אַפֿילו איך אויך נישט. איך

האָב מורא געהאַט, אַז איך אַליין וועל מיך מסרן. חוץ דעם, ווען מיין ערשט ווייב איז געשטאָרבן, האָב איך נישט געדאַרפט קיין מנין. נישט געדאַרפט קדיש זאָגן נאָך איר. זי איז געווען אַ גויע.

אַזוי ווי מיין צווייט ווייב איז אויך געווען אַ גויע, זענען מיינע קינ־דער, על פי דין, גוים. אָבער ביי די גוים זענען זיי געווען יידן. ווען מיין זון איז אונטערגעוואַקסן און געגאַנגען אין שקאָלע, האָט מען אים דאָרט געמאַכט אַ קאָמפּלימענט: „יעווריעסקאַיאַ מאָרדאַ״. אַמאָל פלעגט מען דאָרט זאָגן „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ״, אָבער היינט זענען דאָרט נישטאָ קיין „זשי־דעס״ נאָר „יעווריעיעס״ און מחוץ פון רוסלאַנד — ציוניסטן. שפּעטער, ווען מיין קאָלקע האָט געדאַרפט גיין אין אוניווערסיטעט — האָט מען אים נישט אָנגענומען, כאָטש ער האָט געהאַט די בעסטע נאָטעס. פאַרוואָס? ווייל ער איז אַ יעווריי, אַ ייד.

איז קאָלקע געקומען צו מיר מיט טענות: „איך — אַ ייד? — האָט ער געשריגן — אַ יעווריי? מיין מאַמע — אַ יעווריקע?״

דיין מאַמע — האָב איך אים באַרויִקט — איז אַ פאַלנע גויע. און דו ביסט, פאַ זאַקאָנו, אַ גוי גמור. דיין שוועסטערקע, גאַליאַ איז אַ שיקסע, פּונקט ווי דיין מאַמע איז אַמאָל געווען: פריִער אַ יונגע שיקסע און דערנאָך אַן אַלטע גויע.

„פאַרוואָסזשע האַלט מען, אַז מיר זענען יידן?״ — האָט קאָלקע שיער נישט געוויינט.

— מסתמא ווייל איך בין אַ ייד — האָב איך אים געגעבן צו פאַר־שטיין — נעמענדיק אויף זיך די גאַנצע שולד.

איין מאָל האָב איך אַ טראַכט געטאָן: אויב די גוים האַלטן, אַז איך בין אַ ייד, די קינדער מיינע זענען יידן, איז אפשר כדאי צו עמיגרירן אין יידישן לאַנד?

שפּעטער, ווען די דאָזיקע מחשבות האָבן מיך נישט אָפּגעלאָזט, האָב איך אַ זאָג געטאָן צו מיין ווייב:

שוראַ, דאָראָגאַיאַ. טייערע שוראָטשקע, כ׳האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם גרויסן ראַטנפאַרבאַנד און קומען אין קליינעם ישראל, אין דער יעווריעיסקע מדינה.

שוראַ האָט מיך אָנגעקוקט אַזוי, ווי עס וואָלט ביי מיר געפּלאַצט אַ קלעפּקע אין קאָפּ — און געזאָגט:

„ווילסט פאָרן צו דיינע יעוורעיעס — פּאָזשאַלויסטאַ, ביטע — אָבער אָן מיר״.

אַז איך האָב דערהערט דאָס וואָרט „אָן מיר״, האָב איך תּיכּף פעסט באַשלאָסן צו פאָרן אין מיין ראָדינע, אין איזראַיל. די קינדער האָבן זיך אויך דערפרייט: אויב יידן, טשאָרט וואָזמי, איז כאָטש אין יידישן לאַנד. דאָרטן וועלן מיר זיין נאַסטאַיאַשטשע יעוורעיעס.

ביז כ׳האָב מיך, פּאָ זאַקאָנו, באַפרייט פון מיין ווייב, פון שוראַן און ביז מיר האָבן באַקומען די פּאַפּירן צום אַרויספאָר — האָט גענומען אַ לאַנגע צייט. אָבער סוף־כּל־סוף זענען מיר אָנגעקומען מיט אַן עראָפּלאַן קיין לוד. איך האָב מיך נישט גערירט פון אָרט ביז מען האָט מיר נישט געגעבן קיין דירה אין חולון — און אָט זענען מיר צווישן יידן.

מיינע קינדער זענען געווען צופרידן: ענדלעך וועלן מיר זיך נישט שעמען מיטן וואָרט „יעוורעי״. מיר זענען דאָך יידן. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז פּאָ זאַקאָנו זענען זיי דאָ גויים, ווייל די מאַמע זייערע איז נישט געווען קיין יידישע. ווען עס וואָלט געווען פאַרקערט — איך אַ גוי און זי, דאָס ווייב מיינס וואָלט געווען אַ יידישע — וואָלטן מיינע קינדער געווען יידן.

זאָגט צו מיר מיין זון, קאָלקע: „טאַטע, איך האָב שוין נישט קיין כּוח מיט דער פאַרדרייעניש: ייד, גוי. מען דאַרף איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּ־שניידן — און פּטור אַן עסק״.

ביי דער טאָכטער, ביי גאַליעטשקען, איז דאָס אָנגעקומען לייכטער: אַ מיידל. אָבער קאָלקע האָט זיך גענוג אָנגעמאַטערט ביז ער איז געוואָרן אַ פולנער ייד. צו אַכט טעג איז עס לייכט. אָבער צו אַכצן יאָר — נישט פאַר קיין יידן געדאַכט. ברוך־השם, ער איז שוין איבערגעקומען. זיינע חברים האָבן געמאַכט פון אים ס׳גרעסטע געלעכטער: „צו וואָס האָסטו דאָס געדאַרפט? האָסט געהאַט אַזאַ גוטן באַוויז, אַז דו ביסט אַ גוי, בעמסטו און פראָוועסט גאָר אַ ברית — און אויס מיוחס. מילא, אַז אונדז האָט מען עס געטאָן, זענען מיר געווען פּיסקליאַטעס, אָבער דו, אַ דערוואַקסענער מענטש, טוסט אָפּ אַזאַ נאַרישקייט? ווו איז געווען דיין קאָפּ?״

„וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָ דער קאָפּ״ — האָט מיין זון געענטפערט. איך וויל זיין אַ ייד אַזוי ווי אַלע יידן דאָ אין לאַנד״.

„מ׳קען זיין געמלט — און זיין אַ גוי״ — האָבן די חברים אים גע־ענטפערט.

אָבער איך בין געווען צופרידן, וואָס כ׳האָב אַרויסגעראַטעוועט מיינע

צוויי קינדער. וואָס וואָלט פון זיי דאָרט געוואָרן? דאָ, אין ישׂראל, אַפילו, ווען זיי גייען נישט אין שיל אַריין, ווען זיי דאַוונען נישט און זענען נישט מקיים די מצוות, וואָס יידן דאַרפן מקיים זיין — זענען זיי נאָך אַלץ יידן.

ווי געזאָגט, האָט מיין זון קאַלקע, געוואָלט זיין אַ פֿאַלנער ייד. „איך בין גרייט — האָט ער געזאָגט — אַפילו אָנצוטאָן יעדן טאָג די צוויי „קלעצלעך" (געמיינט די תּפילין) און זיך מאַליען (מתפלל זיין) יעדן טאָג. דער עיקר אין די שבתים און יום־טובים, ווען איך בין פריי. אָבער די חברים לאַכן פון מיר: ווילסט זיין אַ רעליגיעזער כּניאַק — טאָ גיי אין אַ ישיבה. זיץ דאָרט און קוועטש די באַנק. מיר זענען מאָדערנע מענטשן און די רעליגיע שפּילט ביי אונדז קיין ראָלע נישט. מיר זענען ישׂראלים פּונקט אַזוי ווי אין ענגלאַנד זענען אַלע ענגלענדער און אין פראַנקרייך — פראַנצויזן".

די טאָכטער, ווידער, גאַליעטשקע, האָט זיך „פאַרליאַפּעט" אין איינעם פון קאַליטשקעס חברים און פאַרשווינדט אין די אָוונטן. איך ווייס נישט ווען זי גייט אַוועק, איך ווייס נישט ווען זי קומט. זי רעדט שוין וועגן גיין אין צבא.

בקיצור, מיינע קינדער זענען געוואָרן ישׂראלים פונעם נייעסטן שניט. ווען איך פּרוּוו זיך אַריינמישן, זאָגן זיי אַ דעה, מאַכן זיי מיך אָוועק מיט דער האַנט: „לאָז אָפּ, טאַטע, דו טאַפּטשעסט נאָך אין דער אַלטער וועלט. מיר זענען שוין געוואָרן ישׂראלים. פּונקט ווי אַלע אַנדערע דאָ אין לאַנד".

זאָג איך צו זיי: יאָ, איר זענט גערעכט. פריִער זענט איר געווען יידן צווישן גויים און היינט, זענט איר גויים צווישן יידן. איר ווייסט דען עפּעס וועגן יידישקייט?

און דו, טאַטע, ווייסט יאָ — ענטפערן זיי מיר מיט חוצפּה — ווען דו וואָלסט געווען אַ כּשרער, אָפּגעהיטענער ייד, וואָלטן מיר אויך געווען אַזעלכע. קוק־אָן: אונדזער מאַמע איז געווען נישט קיין יידישע, און פון דעסטוועגן זענען מיר יידן. מיר געפינען זיך אין דער יידישער מדינה. וואָס נאָך וויל מען פון אונדז? אין דער וועלט זענען דאָ אַ סך יידן. למשל, אין אַמעריקע. זיי קענען לעבן פריי, זיך מאַליען ביי טאָג און ביי נאַכט, פון דעסטוועגן גייען אַ סך פון זיי אַוועק צו די גויים. זיי ווערן אויס יידן. און מיר, וואָס אין רוסלאַנד זענען מיר געווען גויים — זענען געקומען קיין ישׂראל און מיר לעבן צווישן יידן. איי, מיר זענען נישט רעליגיעז? — אָט, למשל, אין ראַטנפאַרבאַנד איז די מערהייט נישט רעליגיעז, פון דעסט־

וועגן, הלוואי זאָלן מיר זיין אַזוי שטאַרק ווי די רוסן, כאָטשבי אין הונ־
דערט יאָר אַרום.

טראַכט איך מיר: אַזעלכע יידן, אַנדערע יידן, דער עיקר זיי זאָלן קומען אַהער וואָס מער און אַז מיר וועלן דאָ האָבן כאָטשבי אַ צען מיליאָן יידן. וועט זיך די וועלט מיט אונדז רעכענען. דעמאָלט וועלן מיר האָבן כּוח. און דער, וואָס האָט כּוח איז תּמיד גערעכט און יושרדיק. און אַפילו גאָט איז אויף זיין זייט. מיט אַ שטאַרקן וויל זיך קיינער נישט טשעפּען. מען מיידט אים אויס. מען האָט מורא פאַר אים. און הלוואי מען זאָל אויך פאַר אונדז מורא האָבן...

אַ בריוו פון אַ יורד

אַ נייער עולה פון ראַטנפאַרבאַנד האָט אונדז איבערגעשיקט אַ בריוו, וועלכן ער האָט באַקומען פון זיין קרוב אין ניו־יאָרק, אַ יורד, וואָס האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד מיט אַ צייט צוריק.

אָט וואָס דער דאָזיקער יורד שרייבט אין זיין בריוו:

ליבער סאַשאַ,

קודם־כּל וויל איך דיר צווויסן טאָן, אַז איך זיץ דאָ, אין ניו־יאָרק, אויף געהאַקטע צרות. דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן, אָמן סלה.

סאַשענקאַ, ווען דו ווייסט ווי אויפגעבראַכט איך בין אויף דיר! ווען איך טרעף דיך דאָ, אין דעם גרויסן כּרך, וואָלט איך דיך צעריסן ווי אַ הערינג. אָדער איך וואָלט דיך געשיקט, אין די אָוונטן, שפּאַצירן אין די פּאַרקן, אין די גאַסן פון די נעגערס צי פון די פּאָרטאָריקאַנער — וואָלט מען דיך סיי־ווי צעריסן.

געדענקסט, סאַשענקאַ, ווען מיר זענען געזעסן אין אַ קאַפע אין תּל־אביב און געשמועסט? דו האָסט אין מיר אַריינגערעדט, אַז דאָרט, אין ישׂראל, איז פאַר אַ נאַש־בראַט אוממעגלעך צו לעבן. נישטאָ קיין קולטור — האָסטו געטענהט — די גאַסן זענען שמוציקע, די אויטאָבוסן — פול מיט מיסט. די סאַבּרעס זענען חוצפּהדיקע, האָבן נישט קיין אָפּשיי פאַר עלטערע מענטשן.

אין די קינאָס און אין די טעאַטערס גראַגערט מען אויף אַ שפּראַך, וועלכע מיר פאַרשטייען נישט. בילעטן צו קאָנצערטן קאָסטן טייער. מ׳קען זיך נישט אויסלעבן קולטורנע. חוץ דעם קוקט אויף דיר יעדערער קרום, ווי מ׳וואָלט צוגענומען זייער פּרנסה. מ׳ליידט אונדז נישט, די נייע עולים פון רוסלאַנד — האָסטו געזאָגט.

איך האָב געפּרווט טענהן: מיר זענען דאָך נאַר־וואָס געקומען אין לאַנד אַריין. אַוודאי — האָב איך געזאָגט — מיר זענען געוווינט צו ברייטע „פּראָספּעקטן״, צו רחבותן. די „מאַטושקאַ ראָסיאַ״ איז גרויס. דאָרטן האָבן

מיר געהאַט אַ „ראַזמאַך״. דאָ איז אַלץ קליין, פּיטשעמאַנטשיק, ענג, אָבער פּאַרט יידן. מ׳איז ביי זיך אין דער היים. מיר האָבן דאָך אַזוי לאַנג גע־שטרעבט, אַזוי לאַנג געחלומט צו קומען אין דער אייגענער „ראַדינע״, קיין איזראַיל. מיט דער צייט וועט מען זיך צוגעוווינען צום נייעם לעבן. אַ דירה האָט מען, אין אַטשערעדן שטייט מען נישט — גוט! די קינדער זענען צופרידן. זיי פּלאַפּלען שוין העברעיִש. און די ווייבער האָבן שוין געכאַפּט דעם נייעם שניט. מ׳פאַרבט זיך די האָר, מ׳איז אַנדערש געקליידט. אָלא דער קלימאַט? — ס׳איז הייס! און אַז דאָרטן, אין רוסלאַנד, איז געווען קאַלט? — האָט מען דאָך געלעבט. קיין סיביר איז דאָ נישטאָ, קיין קאַ־גע־בע אויך נישט. מ׳קען שלאָפן רויִק. מילא, פאַר דעם איז כדאי אונטערצו־שוויצן.

האַסטו, סאַשענקע, געטענהט: אמת, מיר זענען געפאָרן אין דער איי־גענער „ראַדינע״. אָבער געזאָגט האָט מען אונדז, אַז דאָרט גיט מען: „דאַיוט״. איז וואָס־זשע האָבן מיר באַקומען? — אַ דירה. זייער שיין. אָבער די דירה קען מען דען עסן? דאָרטן, אין ראַטנפאַרבאַנד, אַז איך האָב גע־האַט אַ פּאָסטן אין „גאַרפּישטשעפּראָמקאָמבינאַט״, האָב איך טאַקע באַקו־מען אַ קליינעם געהאַלט. אָבער צום געהאַלט וואָס האָב איך געהאַט? דו ווייסט דאָך, איך דאַרף דיר נישט דערציילן. פון דער „זאַרפּלאַטע״ (לוין) האָב איך דען געלעבט? אמת, כ׳האָב מורא געהאַט, נעכט נישט געשלאָפן, אָבער מ׳איז געווען געוווינט צו דעם. אַלע האָבן געטאָן דאָס זעלבע. ווען מען מ׳האָט געכאַפּט — האָט מען געכאַפּט. אָן אַ ריזיקע האָט מען צו גאָרנישט געקענט קומען. און דאָ, פעדיאַ — האַסטו געזאָגט צו מיר — איז אַלץ דאָ — „וסיאָ יעסט״ — אָבער קיין געלט איז נישטאָ. אין דער זייט קען מען גאָרנישט מאַכן. טאָ ווי איז מעגלעך צו לעבן בלויז פון דער „זאַרפּלאַטע״? מ׳עט דאָך אויסציִען די קאַפּיטעס!

האָב איך מיך געלאָזט איינרעדן — און ס׳איז מיר איינגעפאַלן צו פאַר־לאָזן דאָס לאַנד און אַרויספאָרן אין דער גאָלדענער אַמעריקע. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז גאָלד וואַלגערט זיך דאָ אין די גאַסן. אַ קלייניקייט: אַמעריקע!

סאַשענקאַ, ווען דו ווייסט וואָס פאַר אַ בראָך ס׳האָט מיר דאָ געטראָפן! איך בין אַריינגעפאַלן ווי אַ בלינד פערד אין גרוב אַריין. איך האָב מיך אַריינגעזעצט ערגעץ אין אַ לאָך, צווישן די שוואַרצע חיות, ווו נישט נאָר קיין יידן, אַפילו קיין ווייסן גוי קענסטו דאָ נישט זען. איך זיץ ווי אין אַ

טורמע. כ׳האָב מורא אַרויסצוגיין. ווען איך בין געקומען אין מאַגיסטראַט — אין „גאַרקאַמיטעט" און געקלאַפּט אין טיש, געפאָדערט אַן אַנדער דירה, האָט מען מיך גלייך איינגעזעצט. דאָרטן, ביי אייך, אין ישׂראל, האָב איך דאָך געהאַט אַ סוכנות, אַ קליטה־מיניסטעריום. ווי נאָר כ׳האָב גענומען קלאַפּן אין טיש, האָט מען מיך איידל באַרויִקט — און מ׳האָט מיר אַלץ נאָכגעגעבן. ווער שמועסט נאָך, אַז כ׳האָב געמאַכט אַ הונגער־שטרייק ? דע־מאָלט האָבן אַלע פּקידים געפאָדיעט אַרום מיר. ס׳זענען געקומען צו מיר דעלעגאַציעס, מיניסטאָרן, הויכע באַאַמטע. מ׳האָט געציטערט, טאָמער וועל איך אָפּפאַלן פון וואָג. די צייטונגען האָבן זיך צעשריבן, די טעלעוויזיע האָט מיך פאָטאָגראַפירט פון אַלע זייטן. ביי טאָג האָב איך געשטרייקט — און ביי נאַכט, ווען קיינער האָט נישט געזען, האָב איך מיך גוט אָנגעפרעסן. אויפן פערטן טאָג האָט מען מיר אַלץ נאָכגעגעבן. אָבער דאָ, אין ניו־יאָרק ? דאָ ביסטו אַ מוראַשקע, אַ מילב, אַ פליג. ווער קוקט זיך אום אויף דיר ? איך ווייז מיין דיפּלאָם, איך שריי איך בין אַ דאָקטאָר מיט לאַנג־יאָריקער פּראַקטיק, זאָגט מען מיר : גיי מאַך דורך אַן עקזאַמען. און אַז איך וועל אויסהאַלטן דעם עקזאַמען, דאַרף איך ערשט לערנען נאָך פיר יאָר, כּדי מ׳זאָל מיך צולאָזן צו דער אַרבעט. פון צוויי הונדערט דאָקטוירים האָבן בלויז עטלעכע אויסגעהאַלטן דעם ערשטן עקזאַמען. סאַשענקאַ, וואָס זאָל איך טאָן ? די שפּראַך קען איך נישט, קיין שטיצע גיט מען מיר נישט. טאָ ווי אַזוי קען איך עקזיסטירן ?

בקיצור, איך האָב באַקומען אַ צייטווייליקע אַרבעט. איך בין געוואָרן אַ שמש אין אַ רעפאָרם־סינאַגאָגע. די רביצין איז דאָרט אַ פרוי. זי איז אויך די חזנטע. האָט זי דערהערט : אַ דאָקטאָר, העלפט זי מיר אַרויס. אָבער ווי לאַנג וועל איך מיך קענען דרייען אַרום דער רביצין ? זי איז שוין אַ פרוי אין די יאָרן.

סאַשאַ, מיעלניקאָוון געדענקסטו ? — דער וואַסער־אינזשיניער. ער האָט דווקא יאָ געפונען אַ גוטע אַרבעט : ער וואַשט טעלערס אין אַ סטאָ־לאָווע. נו, פעלט אים נישט קיין עסן. אָבער וווינען, וווינט ער אין איין הויז, צוזאַמען מיט מיר, צווישן די נעגערס. אַ שוואַרץ יאָר אויף זיי. וואָס פאַר אַן אומריינקייט ! איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, ווי איינער פון די שוואַרצע חברה האָט אַראָפּגעגאָסן דעם פּאָמישאַף פון צענטן שטאָק — גלייך אויף די דורכגייערס. פּונקט בין איך געשטאַנען אונטן...

סאַשענקאַ, זײַ וויסן, אַז נישט נאָר איך בין אַזוי אויף צרות. אַלע

אונדזעריקע, וועלכע זענען געקומען דירעקט אַהער, פון ווין, אָדער יורד געווען פון ישׂראל, זענען נישט אין קיין בעסערער לאַגע. מיט יורדים איז נאָך ערגער. די יידן ווילן זיי נישט „פּריזנאַיען". זיי זאָגן: מיר גיבן געלט פאַר די סאָוויעטישע יידן זיי זאָלן זיצן אין ישׂראל — אָבער נישט אין אַמעריקע.

בעט איך דיר, סאַשענקאַ, גיי אין דער סוכנות און דערצייל זיי דאָרט, אַז איך וויל זיך צוריקקערן קיין ישׂראל. אויב שוין יאָ אָפּקומען — איז בעסער ביי זיך אין דער היים, צווישן יידן, ווו מ׳קען קלאַפּן אין טיש, ווו מען מעג שטרייקן, ווו מ׳קען רעדן רוסיש. סאַשאַ, איך וויל קומען צוריק! זאָל ברענען אַמעריקע מיט טויזנט פייערן, מיט איר גאָלד און מיט אירע דאָלאַרן. דאָס איז נישט פאַר מיר. בעסער וואָלט קאָלאָמבוס דער־טרונקען געוואָרן איידער ער האָט זי אַנטדעקט, די דאָזיקע אַמעריטשקע. דאָס איז דאָך איין גרויסער בלאָף. און מיך האָט מען איינגערעדט, אַז דאָ־לאַרן וואַלגערן זיך דאָ אין די גאַסן, ווי איז מיר. מענטשן וואַלגערן זיך דאָ אין די גאַסן — און איך צווישן זיי.

סאַשענקאַ, איך פאַר צוריק! האָסט געטאָן ווי אַ חכם, וואָס דו ביסט געבליבן דאָרט, אין ישׂראל. כ׳וויס, דאָרט לעקסטו אויך נישט קיין האָניק, אָבער דאָ איז גאָר ביטער. איידער אַזאַ לעבן ווי איך האָב — איז שוין בעסער צוריקפאָרן קיין ישׂראל.

דיין פעדיאַ

וואָס עס געפעלט זיי נישט

אַלע שרייען, אַז מיר דאַרפן אַ גרויסע עליה. והראיה: אַ דאַנק די עולים האָבן מיר דאָך אַ מדינה. יידן זענען געקומען אַהער, געאַקערט מיט דער נאָז די ערד, געטריקנט זומפּן, געפלאַסטערט כּבישים, געבויט הייזער. פריִער זענען דאָס געווען די ראשונים, די גרויסע אידעאַליסטן. דערנאָך זענען געקומען פּשוטע יידן, וואָס האָבן געוואָלט זיין מיטן פאָלק. אַזוי ווי די זומפּן זענען שוין געווען אויסגעטריקנט און די כּבישים אויסגעפלאַסטערט, האָט מען געשאַפן אינסטיטוציעס, כּדי צו געבן אַרבעט די פּאַרטיי־לייט, די עסקנים, די רעדל־פירערס. איצט, ווען עס קומען די אחרונים — פון רוסלאַנד — זענען שוין אַלע פּאָסטנס באַזעצט; אַלע הויכע אַמטן פאַרנומען; אַלע פּאַרטייען — געשאַפן. און דער וואָס זיצט אויף אַ פּאָסטן — צי ער טויג יאָ, צי ער טויג נישט — ער וועט זיצן אַזוי לאַנג ביז משיח וועט קומען. אַפילו ווען ער איז אַ טויגענישט, אַ לעמעשקע, אַ לא־יוצלח, אַ טעמפּער קאָפּ — באַזייטיקן אים קענט איר נישט.

אין אַזאַ צייט האָבן זיך אַ יאַווע געטאָן די עולים פון רוסלאַנד. אונדזערע מנהיגים האָבן איבער זיי געמאַכט אַ שהחיינו, מען האָט זיי איינגעאָרדנט פייערלעכע באַנקעטן, מען האָט זיי צוגעזאָגט הרים וגבעות, מ׳האָט זיך געצאַצקעט מיט זיי — און דערמיט האָט זיך געענדיקט. למשל, מחותנים און געסט קומען צו אַ יונג פּאָרל אויף אַ חתונה. מ׳טרינקט, מען עסט, מען הוליעט, מען ווינטשט זיך כּל־טוב, מען קושט זיך אין די פּיסקעלעך, מען טיילט מתּנות, מען דערלאַנגט טשעקן. לסוף גייען אַלע אַוועק און מען לאָזט איבער חתן־כּלה אויף גאָטס באַראָט. ווי איינער זאָגט: קינדערלעך, מיר האָבן שוין אונדזערס אָפּגעטאָן, איצט זענט איר אַליין באַלעבאַטים פאַר זיך, טוט ווי איר פאַרשטייט.

חוץ דעם איז דאָ אַן ענין פון צופאַסן זיך. די יידן פון רוסלאַנד האָבן געלעבט אונטער אַן אַנדער רעזשים. אין משך פון צענדליקער יאָרן האָט מען זיי „איבערדערצויגן", איבערגעקנאָטן, איבערגעניצעוועט, געמאַכט פון

זיי אַנדערע מענטשן. אָבער איצט, אַז מען וויל לעבן אונטער איין דאַך מיט יידן מוז מען זיך צופּאַסן. איז אַ פראַגע: ווער צו וועמען. פון אַ קאָמו־ניסטישן ביז אַ סאָציאַליסטיש־קאַפּיטאַליסטישן רעזשים — איז פאַלג מיך אַ גאַנג. אמת, לעצטנס האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צופּאַסן צו זיי: מען האָט ביי אונדז אויך אָנגעהויבן גנבענען. אָבער דאָס אַליין איז ווייניק. דעם ברייטן רוסישן ראַזמאַך האָבן מיר נישט. גרויסע מעגלעכקייטן פאַר גרויסע גניבות האָבן דאָ נאָר יחידים. און דער נייער עולה בלייבט שטיין אַ צע־טומלטער: וואָס זאָל ער טאָן? אין קיבוץ אַריין גלוסט זיך אים נישט גיין; באַפרוכפּערן דעם נגב — איז נישט פאַר זיינע כּוחות; גיין אין דאָרף אַריין — קען ער נישט. ער איז אַ שטאָטישער עלעמענט.

ביי אַזאַ מצב וואָלטן די אינסטיטוציעס און אַמטן וואָס פאַרנעמען זיך מיט עליה געדאַרפט קערן וועלטן, אַז די עולים זאָלן, ווי געהעריק, איינ־געאָרדנט ווערן. אָבער די דאָזיקע מענטשן צערייסן זיך נישט דעם ספּאָ־דעק. פאַרוואָס? ווייל אויב עס וועט אַפילו נישט זיין קיין איין עולה, וועט ווייטער עקזיסטירן די מחלקת העליה און דער משׂרד הקליטה און די שלי־חים וועלן פאָרן און געלט וועט מען נעמען און אַלע באַאַמטע וועלן זיצן אויף זייערע פּאָסטנס.

ווען איך האָב געזען, וואָס דאָ קומט פאָר, וויפל אַלטע עולים ווערן נייע יורדים, האָב איך באַשלאָסן אויסצופאָרשן דעם מצב.

אין חולון האָב איך באַזוכט די נייע עולה נאַדיאַ פּ. דאָס איז אַ פרוי מיט אַ היפּשן פאַרנעם. אויסגעבעט מיט אַ ברייטער האַנט, פון אַלע זייטן. מיט איין וואָרט: ס'דאָ אויף וואָס צו קוקן. תּחילת האָט זי געמיינט, אַז איך בין „פון יענע", ס'הייסט, פון דער סוכנות אָדער משׂרד הקליטה, האָט זי מיך גלייך געוואָלט משלח זיין. אָבער אַז זי האָט דערהערט ווער איך בין, האָט זי פאַר מיר אָנגעהויבן אויסגיסן איר ביטער האַרץ:

„עס איז זייער שווער צו לעבן אין דעם דאָזיקן לענדל — האָט זי געזאָגט — וואָס הייסט שווער? קאַטאַרגע. ווען איך בין געווען אין סיביר, האָב איך זיך געפילט שטאַרק ווי אייזן. האָב איך דען דאָרט אַ מאָל גע־שוויצט? איז מיר דאָרט געווען אַ מאָל פאַרנע? האָט מיך דאָרט געסמאַליעט די זון? אָבער דאָ, אין ישׂראל, גיסט זיך פון מיר ווי אין אַ שוויץ־באָד. איך ציִ־אויס די צונג. איך פּאַכע מיט דער נשמה, איך פרעגל זיך ווי אויף אַ סקאָוואָראָדע. ס'מיר הייס. איר פאַרשטייט? הייס! מילא, אַז עפּעס אַן אויסגעדאַרטע שטשאַפּע, אַ סוכאַר, אַ פערטל עוֹף סמאַליעט זיך אין דאָזיקן

קלימאַט, — אַרט עס איר נישט. אָבער איך — איך גיי אויס. טאָ ווי קען איך לעבן אין אַזאַ גיהנום? איר האָט דאָ אַזוי פיל פּראָפעסאָרן, אַזוי פיל וויסנשאַפטלערס, אַזאַ ווייצמאַן־אינסטיטוט, האָט איר דען ביז איצט נישט געקענט איבערמאַכן דעם קלימאַט? אין רוסלאַנד וואָלט מען עס שוין לאַנג געמאַכט. און אויב איר קענט עס נישט מאַכן, טאָ וואָס ברענגט איר אַהער עולים?"

אַ צווייטע נייע עולה האָט זיך געקלאָגט, אַזוי צו קלאָגן:

דאָס עסן דאָ, אין ישׂראל, איז שטרוי. וואָס פאַראַ אייער האָט איר דאָ? זיי האָבן דאָך נישט קיין יידישן טעם. שטוטשנע אייער. אָבער ביי אונדז, אין רוסלאַנד, איז אַן איי — אַן איי! אַזוי ווי קאַטשענע אָדער גענדזענע אייער. מסתּמא צאָלט איר די הינער פון יעדן איי, וואַרפן זיי מיט די אייער־לעך אַזוי ווי אַ ציג מיט באָבקעס.

דאָ דערמאָנט זי זיך אין עפּעס אַ קוריאָז און ברעכט אויס אין אַ הילכיק געלעכטער:

„אַנומלט בין איך געגאַנגען קויפן אַ הון. האָט מיר דער קצב, דער־לאַנגט אַזעלכע הינער ווי זיי וואָלטן אויסגעגאַנגען ערגעץ אין אַ לאַגער! אַלע בלאָע, דאַרע, אָפּגעפּליקטע — אַ שרעק צו קוקן! און דער פאַרקויפער באַרימט זיך נאָך: „איר זעט — גאָלדענע סחורה! אָן אַ ביסל פעטס".

„ביי אונדז, אין רוסלאַנד, אַז כ'האָב אַ מאָל יאָ געפּאַקט אַ הון — איז דאָס געווען אַ הון! כ'האָב פון איר אויסגעקאָכט עטלעכע גלעזער שמאַלץ! מ'האָט געשמירט אויפן ברויט און געלעקט די פינגער. און דאָ גיט מען דיר אַ ביסל ביינער מיט אַ בלאָער הויט און דאָס דאַרפסטו עסן. פּשוט: מען הייסט דיר אויסציִען די פּיס".

אַ מיטליאָריקער עולה אין חיפה, „אַ סיביריאַק" (אָפּגעקומען אַ „צע־נערל" אין סיביר) האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

„מ'האָט מיך פאַרבעטן צו איינעם אַ קרוב אויף דער חתונה. מען קען זאָגן, אַז עסן איז געווען „דאָסטאַטאָטשנאָ" (גענוג). איך, למשל, האָב גע־בעטן צוויי פּאָרציעס פלייש — האָט מען מיר געגעבן. אָבער אַז עס איז געקומען צום טרינקען — איז נישט געווען מיט וועמען. וואָס פאַר אַ נאַראָד איז דאָס, דער ישׂראלדיקער? די פלעשלעך בראָנפן, קאָניאַק, גוטע וויינען, שטייען אויפן טיש און קיינער רירט זיך נישט צו צו זיי! אויב אַפילו דאָס אויך נישט, טאָ וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן קאָן מען שוין האָבן?"

און ער האָט אויסגעפירט:

„ס׳טויג נישט. נישט אַזוי האָב איך מיר פאָרגעשטעלט ישׂראל״.

אַ יונגער מענטש, וועלכער איז מיט אַ יאָר צוריק עולה געווען פון מאָסקווע האָט געהאַט צו מיר אַזעלכע טענות:

„מען האָט געזאָגט, אַז די יידן זענען אַ „קולטורני נאַראָד״. ליידער האָב איך דאָס דאָ אין ישׂראל, נישט געפונען.

„ווי איר זעט בין איך אַ יונגער מענטש, כ׳האָב ליב צו פאַרברענגען אין געזעלשאַפט פון שיינע פרויען. איך בין נישט קיין אָפּגעשטאַנענער. אָבער איך זאָל דאַרפן אָנקוקן בילדער פון נאַקעטע פרויען אין די קיאָסקן, אין די צייטונגען, און אין די קינאָס — דאָס האָב איך מיר נישט פאָרגעשטעלט. „עטאָ ניע טאָ״ — עס איז נישט! דאָס פּאַסט נישט פאַר ישׂראל, אין הייליקן לאַנד. ווען איך שפּאַציר אויף דער דיזנגוף־גאַס און איך זע ווי די מיידלעך זיצן מיט די נאַקעטע פיס — ביז אַרויף — ווער איך צע־טומלט — דאָס געפעלט מיר נישט.

אַן עלטערער עולה פון לענינגראַד האָט געטענהט:

„וואָס מיינט איר, מיר זענען אידיאָטן? מיר קומען פון אַ ווילד לאַנד? מען זעצט מיך אַריין אין אויטאָ און מען פירט מיך ווייזן עפּעס אַ וואַנט אין ירושלים. וואָס איז דאַרטן דאָ וואָס צו זען? אַ וואַנט ווי אַלע ווענט. און מענטשן שטייען דאָרט און שאָקלען זיך. מיר, וואָס כ׳האָב געזען די קרעמליאָווסקע ווענט אין מאָסקווע און דעם מאַוזאָלעום פון לענין, גייט מען ווייזן אַ וואַנט אין ירושלים. נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן. איך וויל אייך זאָגן, אַז דער היגער נאַראָד איז אָפּגעשטאַנען. איז דען אַ חידוש, אַז מענטשן פאָרן אַוועק?

„און וואָס שייך אַרבעט — גיט ער צו — איז דאָך בכלל נישטאָ וואָס צו רעדן. ביי אונדז, אין קאָמוניסטישן סטראַי, קען אַ מענטש אַרבעטן אַפילו ביז 90 יאָר. און דאָ, טאָמער ביסטו איבער פופציק יאָר — שוין! קענסטו נישט באַקומען קיין אַרבעט. איז דאָס „אַ פּאַריאַדאָק״? קען מען אויף אַזאַ אופן ברענגען עולים? מען דאַרף די היגע מענטשן פריִער איבערדערציִען און ערשט דערנאָך זיך סטאַרען וועגן אַ גרויסער עליה, איר פאַרשטייט מיך?״

דער נייער עולה

די טעג, ווען כ׳בין געזעסן און געגריבלט זיך אינעם תנ״ך, בין איך אַנ־דרימלט געוואָרן. עס האָט זיך אַ שטעל־געטאָן פאַר מיינע אויגן אַן אור־אַלטער גאַסט. ווער מיינט איר? טאַקע ער, דער ערשטער און בעסטער פון אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד — אָדם הראשון.

— ס׳קאָצל קומט — האָב איך צו אים אַ זאָג געטאָן — וואָס מאַכסטו, אָדמקע, ווי גייט דיר? כאָטש דו טראָגסט אויף זיך די היינטיקע מלבושים האָסטו זיך גאָרנישט געענדערט. גאָרנישט! פון וואַנען קומסטו און וווהין גייסטו: און וואָס מאַכט חוה מיט די קינדער. או־וואַ, או־וואַ! וואָס פאַר אַ גאַסט, וואָס פאַר אַ גאַסט!

אָדם הראשון האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שטול, נעבן מיר. ער האָט טיף אָפּגעקרעכצט און מיט אַ הייזעריק קול אַרויסגעזאָגט די עטלעכע ווערטער:

— ס׳איז פּאַסקודנע... די היץ פּאַרעט... כ׳האָב אַריינגעכאַפּט אַ כריפּ־קע... נישט געוווינט צו דעם דאָזיקן קלימאַט...

ער האָט אָפּגעהוסט, האַלטנדיקביידע הענט אויפן טיש. זיין גראָער קאָפּ האָט זיך געשאָקלט אַרויף און אַראָפּ.

— ס׳איז ביטער ווען מ׳קומט אין אַ ניי לאַנד. כ׳קען דאָ קיינעם נישט. אַלץ האָט זיך געענדערט. עס דרייען זיך אַרום בלויז צוציקעס. מ׳ווינטשט זיך דאָ: „ביז הונדערט און צוואַנציק״ כאַ־כאַ־כאַ. אַמאָל האָט מען זיך גע־ווונטשן: „ביז טויזנט און צוואַנציק״... וואָס פאַר אַ מענטשן, וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס! אַ מענטש ווערט געבוירן, און איידער ער קוקט זיך רעכט אום — איז ער שוין נישטאָ. און איך האָב געלעבט ניין הונדערט מיט דרייסיק יאָר. ערשט ביי הונדערט מיט דרייסיק איז ביי מיר געבוירן גע־וואָרן דאָס ערשטע קינד. דאָס איז געווען אַ לעבן! שפּעטער האָב איך נאָך געלעבט אַכט הונדערט יאָר, האָב איך געקענט עפּעס אויפטאָן. און חוה! ביז פינף הונדערט יאָר האָט זי אויסגעזען ווי אַ מיידעלע פון אַכצן. זי האָט

נישט געוווּסט, וואס עס איז אַזוינס פּודער, וואס עס איז אַזוינס שמינקע. זי האט נישט געפּארבט די ליפּן. בלויז קליידער האט זי, מיין חוהלע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאל זי האבן, געטראגן די זעלבע ווי די היינטיקע מיידלעך.

— אַדמקע — האב איך געזאגט — וואס טוסטו דא?

— וואס הייסט וואס? — האט ער געענטפערט — איך בין אַן עולה חדש, אַ נייער עולה. געקומען זיך באזעצן אין הייליקן לאנד. ווי נאר כ'האב איבערגעטראטן די שוועל פון דער דאזיקער מדינה, האב איך שוין געהאט צרות.

— וואס פאר אַ צרות, אַדמקע?

— כ'האב נישט קיין דירה. מ'וויל מיר געבן אַ דירה, ערגעץ דארט, ביי דער גרענעץ. אַך און ווי איז צו מיר. כ'האב פארלאזט אַזאַ גן־עדן, אַזאַ גוטס, און דא גיט מען מיר פיר צימערלעך מיט אַ קיך. און וואס פאר אַ דירה? צונויפגעקלעפּט פון לעכערדיקע בלאקן און פון ליים. אַזאַ דירה וועט דאך נישט אויסהאלטן אַפילו קיין הונדערט יאר. און וואס וועט זיין שפּעטער? כ'על מיך גיין שלעפּן אין אַ נייער דירה?

— טא קויף אַ גרויסע דירה, עפּעס אַ פּענטהאַוז, אין צפון פון תל־אביב אַדער גאר אַ ווילע אין הרצליה — זאג איך צו אים.

— כ'האב שוין געהאלטן ביי קויפן — גיט ער אַ שווערן הוסט — מיר זענען שוין כמעט דורכגעקומען אויף אַ פּרייז — אַן ערך אַ מיליאן פונט — אָבער אַז עס איז געקומען צום צאלן, האט געפּלאצט דאס עסק.

— פאַרוואס?

— ווייל איך האב געפאדערט, אַז דער קבלן זאל די סומע צעלייגן אויף ראטעס.

— אויף וויפל ראטעס?

— אויף אַ קורצער צייט. נישט מער ווי אויף זעקס הונדערט יאר. דערהערנדיק דאס, האט דער קבלן אויסגעשאסן אין אַ הילכיק געלעכטער, ווי ער וואלט פלוצלונג פון זינען אראפּ. כ'פאַרשטיי נישט, פון וואס איז דא צו לאכן? איך קען דען אַנדערש קויפן אַ דירה? אָבער אַזוי, אין משך פון אַ זעקס הונדערט יאר וואלט איך פּאַוואלינקע אויסגעצאלט.

— וואסזשע טראכסטו צו טאן?

— אַסור אויב איך ווייס. איינער שיקט מיר צום צווייטן. און דער צווייטער — צום דריטן. און וועגן געבן אַרבעט ווילן זיי אַפילו נישט הערן. דערווייל שיקן זיי מיך אין אַן אולפּן צו לערנען העברעיִש.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גענומען רעדן מיט אַ געבראָכענער שטימע:

— אוי, חוה, חוה, וואָס האָב איך אויפגעטאָן? האָסט מיך געשיקט אויף דער וועלט און אַליין ביסטו געבליבן אויף יענער וועלט און מאַכסט דאָרט אַ לעבן.

— זאָרג נישט, אָדמקע, זאָג איך, אַ ביסל סבלנות, אַ קאָפּעטשקע גע־דולד, עס וועט זיין גוט. וואָס שפּילט ביי דיר אַ ראָלע עטלעכע יאָר? וועסט זיך, אם־ירצה־השם איינאָרדענען. פון וואַנען קומסטו איצט?

— וואָס הייסט פון וואַנען? פונעם גן־עדן.

— פון וועלכן גן־עדן? מ׳האָט דאָך דיך פון דאָרט אַרויסגעטריבן.

— דאָס מאָל קום איך פון רויטן גן־עדן. כ׳בין געזעסן אין סיביר. זיי האָבן מיר געגעבן צען יאָר. דערנאָך האָבן זיי מיר צוגעלייגט נאָך צען יאָר און נאָך צען יאָר. האָב איך מיך אויסגעלאַכט. כ׳האָב צו זיי געזאָגט: כ׳וועל אייך אַלע איבערלעבן. האָבן זיי געזען, אַז זיי קענען מיט מיר גאָר־נישט אויפטאָן, האָבן זיי מיך אַרויסגעלאָזט. טראַכט איך מיר: יידן פאָרן אין דער יידישער מדינה, מסתמא ווייסן זיי צוליב וואָס. בין איך אויך גע־פאָרן. און חוץ דעם: אַ ייד דאַרף זיין צווישן יידן.

— אַ ייד? ווען האָסטו זיך מגייר געווען? ביי וועלכע רבנים? — פרעג איך אים.

אָדם צעלאַכט זיך:

— מיך פרעגסטו צי איך בין אַ ייד? אַ שיינע מעשה! מ׳האָט דאָך ביי מיר אָפּגעשניטן אַ גאַנצע זייט.

— דאָס האָט מען געטאָן, כּדי צו שאַפן חוהן. אָבער כּדי צו זיין אַ ייד מוז מען נישט שניידן קיין זייטן.

— נאָר וואָס דען?

— איך בין נישט קיין מוהל. אָדמקע, אויב דו האָסט נישט קיין גיור־קוויטל פון אַן אָרטאָדאָקסישן רב, וועסטו האָבן צרות. אָבער עס מאַכט נישט אויס. אַ ייד צו זיין איז טאַקע שווער, פון דעסטוועגן לוינט עס זיך. פּשוט דערפאַר, ווייל די גאַנצע וועלט האָט אים אין זינען. אַלעמען איז ער גרויס אין די אויגן. זאָג מיר, ליבער מענטש, ווי אַזוי האָסטו געקענט אָנציִען אַזש ביז ניין הונדערט מיט דרייסיק יאָר?

— גאַנץ פּשוט: כ׳האָב מיך נישט געיאָגט. קודם־כּל זענען מיר — איך מיט חוהן — געזעסן אויף גאָטס קעסט, אין גן־עדן. שפּעטער, אַז

חוהלע האָט מיר אָפּגעטאָן די קונץ מיטן שלאַנג און מען האָט אונדז אַרויס־געשיקט אין גלות אַריין, האָבן מיר זיך, ווי עס איז, געדרייט. קיין מלבו־שים האָבן מיר נישט געדאַרפט, אין קיין דירה האָבן מיר זיך נישט גע־נויטיקט. מיר זענען פאַרקראָכן אין אַ הייל — און געוווינט. אין איין אָרט געלעבט אַ שטיקל צייט — אַ צוויי הונדערט יאָר — אין אַ צווייט אָרט אַ שטיקל צייט — אַ דריי הונדערט יאָר — און שוין. חוה האָט געגעסן כּלער־ליי קרייטעכצער און קיין מאָל נישט געהאַט קיין אולקוס. איך האָב ביז ניין הונדערט מיט דרייסיק יאָר נישט באַקומען קיין איין האַרץ־אַטאַק. נישט געהאַט קיין לומבאַגאָ און קיין אישיאַס. און ווער האָט געוווּסט פון אַ רעוומאַטיזם און פון אַנדערע חולאתן? — מען האָט אָפּגעלעבט די קרוב טויזנט יאָר — און געשטאָרבן — פּשוט פון לאַנגווייליקייט. איך האָב נישט געפירט קיין מלחמות, מיין חוה האָט נישט געפירט קיין מלחמות. אונדז האָט קיינער נישט פאַרכאַפּט. קיינער איז אונדז נישט דערגאַנגען די יאָרן. איז דען אַ חידוש, אַז מיר האָבן געלעבט אַזוי לאַנג? דו שטעלסט זיך פאָר, וויפל אַזאַ איינער ווי איך, וואָס האָט געלעבט קרוב טויזנט יאָר, האָט געהאַט קינדער? וויפל גוטס איך האָב אָנגעזאַמלט? וואָסזשע קומט אַרויס דערפון? עס איז געקומען דער מבול און האָט אַלץ אָפּגעווישט. איצט, וואָס קען איך דאָ אויפטאָן?

— געלט האָסטו?

— כ׳האָב געהערט, אַז דאָ גיט מען אַלץ, טאָ וואָס דאַרף איך געלט. חוץ דעם, די אַמעריקאַנער יידן גיבן אַזוי פיל, אַז עס סטייעט פאַר אַלעמען. מען זאָגט, אַז אַמעריקע אַליין גיט אויך. איין זאַך פאַרשטיי איך נישט — מאַכט אָדם — צו וואָס דאַרפן די אַמעריקאַנער יידן געבן עמעצן, אַז זיי קענען אַליין קומען אַהער און הנאה האָבן פון זייער געלט. פאַר וואָס קומען זיי נישט?

— ווייל זיי זענען געטרייע ציוניסטן — זאָג איך — זיי האַלטן, אַז אויב זיי וועלן נישט געבן קיין געלט, וועט נישט זיין ווער עס זאָל אויס־האַלטן די מדינה. און קיין סך געלט קאָן מען דאָ אין ישראל נישט שאַפן. אויך דאָ זענען פאַראַן יידן מיט געלט — אָבער זייער ווייניק. חוץ דעם גיבן זיי נישט, נאָר זיי נעמען.

אָדם האָט אַ קרעכץ געטאָן:

— איך פאַרשטיי נישט.

— ווּעסט פּאַרשטיין, אָדמקע, אין אַ צייט אַרום. איבעריקנס, מיר וועלן נאָך אַ סך שמועסן — אָבער אַ צווייט מאָל — האָב איך צו אים געזאָגט — און כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט פון דרימל.



אויפגעקומענע גבירים

ליניעס

נישט־פאַרגינערס אָדער שׂונאים, צי גלאַט בייזע צינגער, זאָגן אויף מיר: „סענדער פיגולקאַ איז געבוירן געוואָרן אין אַ זיידן הייבל. צו וואָס ער זאָל זיך נישט נעמען — גייט אים דורך טיר און דורך פענצטער״.

דער אמת איז, אַז איך בין אַ גרויסער שלימזל און אויב איך האָב מיך יאָ אַרויפגעאַרבעט — איז עס צו פאַרדאַנקען איר, מיין גיטעלען.

ווען איך זאָג: „גיטעלע״, קען מען מיינען, אַז דאָס איז סתם אַ ווייבל אַזוי ווי אַלע ווייבער. זי זיצט אין שטוב, טוט גאָרנישט און וואַרט, אַז דער מאַן זאָל איר אַריינברענגען די פּרנסה אין שטוב אַריין. און דאָס איינציקע וואָס זי האָט יאָ אין זינען, איז לויפן צו די שניידערקעס, צו די קאָסמע־טיטשקעס — פּוצן זיך, כּדי צו געפעלן ווערן פרעמדע מענער. ניין, טייערע. מיין גיטעלע איז גאָר אַן אַנדער סאָרט מענטש.

מיט יאָרן צוריק, ווען איך בין געקומען אין לאַנד אַריין, האָב איך מיך אַרומגעדרייט פּוסט און פּאַסט. כ׳האָב נישט געוווּסט צו וואָס זיך צו נעמען. און טאַקע: וואָס האָב איך געקענט טאָן? קיין פאַך האָב איך נישט, קיין גרויסער למדן בין איך נישט. בין איך אָבער געבענטשט מיט אַ קלוג ווייב. נאָר קלוג? און ווו איז שיין? וואָס הייסט שיין — נאָר צו שפּיגלען זיך אין איר פּנים.

גיטעלע, זאָל געזונט זיין, איז אַזאַ פרוי, וואָס אַלע טירן עפענען זיך פאַר איר. און דאָס איז נאָך היינט. בפרט, אַז מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק איז זי נאָך, פאַרשטייט איר מיך, געוועזן אַ ביסל שענער. האָט זי צו מיר, געדענק איך, דעמאָלט אַזוי געזאָגט:

— סענדערל, וואָס פאַר אַן אויפטוער דו ביסט, ווייס איך דאָך. איך ווייס נאָר נישט, פאַר וואָס איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט. אָט סתם, ביסט מיר אַריינגעפאַלן אין די אויגן אַריין. אָסור, אויב איך ווייס וואָס איך האָב אין דיר געפונען. ס׳טרעפט: עס גיט דיך אַ צי צו עמעצן און דו ווייסט נישט פאַר וואָס און פאַר ווען. איך האָב דערזען אַ הויכן, געזונטן יונג, מיט אַ פּאָר פעסטע ידיים, מיט אַ בלאָנדער טשופּרינע. אַ פאַרשוין,

וואָס קען אַ פּינטל טאָן ממזריש מיט אַן אויגל און באַווייזן אַ ריי געזונטע, ווייסע ציין — בין איך אַריינגעפאַלן אין דיין נעץ. דאָס הייסט אָבער נישט, סענדערל, אַז איך וועל זיך צאַצקען מיט דיר. ביסטו אַ מאַן — טאָ גיב זיך אַ ריר. טו עפּעס! נעם זיך אַריין אין קאָפּ, סענדערל: איך בין נישט פון די ווייבער וואָס איך וועל מיך פּלאָגן. האָסט געהערט ווער מיינע טאַטע־מאַמע זענען געווען? נגידים, ריסטאָקראַטן! פאַר דער מלחמה, וואָלט מען אַזאַ איינעם ווי דו, אַ פּראָווינצער יאָלד, אַפילו אין שטוב אַריין נישט אַרייַנגעלאָזט. און איצט ביסטו מיין מאַן. דו גיסט זיך כאַטש אָפּ אַ חשבון דערפון? ביי מיר אין שטוב וויל איך פירן דאָס רעדל — אַזוי ווי מיין מאַמע, עליה השלום, האָט געפירט. מיין טאַטע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, איז געווען אַ ייד אַ למדן. געהאַט סמיכות אויף רבנות. אָבער אין שטוב האָט געבאַלעבאַטעוועט די מאַמע. און אַז זי האָט געזאָגט: יאָ, איז געווען — יאָ. גאָטעניו, ווען דעם טאַטן זאָל, חלילה, אַ מאָל איינפאַלן זאָגן ניין, נו, נו... די גאַנצע שטוב וואָלט געגאַנגען כאַדראַם. סענדערל, אַן ערד־ציטערניש האָסטו אַ מאָל געזען? דאָס וואָלט געווען נאָך ערגער ווי אַן ערד־ציטערניש. האָט טאַקע מיין טאַטע תּמיד געפרעגט זיין ווייב: רחלע, ווי מיינסטו, וואָס דאַרף איך טאָן? רחלע, וואָס דאַרף איך עסן? רחלע, וואָס דאַרף איך אָנטאָן? און זי, רחלע, מיין מאַמע, זאָל רוען אין גן־עדן, האָט אים געזאָגט: טו דאָס, טו יענץ, גיי אַהין, גיי אַהער. אָט אַזוי ווי עס פּירט זיך ביי לייטישע פּאָרפעלקער. דערפאַר טאַקע האָבן זיי געלעבט אין נחת און אין פריידן. קיין מאָל זיך נישט געקריגט. שלום ושלווה האָט געהערשט ביי אונדז אין שטוב.

און מיין גיטעלע, אַ געזונט אין איר, האָט דעמאָלט אויסגעפירט אַזוי:

— פון דייטשלאַנד נעמט מען איצט אַ סך פּיצויים, אַנטשעדיקונג. איידער מיר וועלן באַקומען פּיצויים פאַר זיך, טאָ לאָמיר דערווייל נעמען מאַשינען, וואָס אונדזער רעגירונג גיט אויף אויסצוצאָלן אין ראַטעס. די מאַשינען באַקומט מען פון די דייטשן אויפן חשבון פון שילומים. ס׳הייסט, אויפן חשבון פון דער סומע, וואָס דייטשלאַנד האָט צוגעזאָגט אויסצוצאָלן פאַר ישׂראל. סענדערל, איך בין שוין געווען ווו מען דאַרף. איך האָב שוין אַלץ דערליידיקט. מיר וועלן נעמען טראַקטאָרן, בולדאָזערס...

— טראַקטאָרן, בולדאָזערס? — האָב איך אָנגעקוקט גיטעלען מיט פאַרוווּנדערונג — וואָס וועלן מיר טאָן מיט זיי?

אויף דעם האָט גיטעלע געענטפערט אַזוי:

— קודם־כל, אַז מ׳גיט — נעמט מען. מ׳עט שוין ווי עס איז אויס־צאָלן. און צווייטנס, איידער איך זאָל גראָבן מיט דער נאָז די ערד, וועלן עס טאָן די מאַשינען. דאָ האַלט מען אין איין בויען. דאַרף מען גראָבן. וועסטו, סענדערל, דערווייל אַליין אָנהויבן אַרבעטן אויפן טראַקטאָר. דער־נאָך וועט זיך דאָס געשעפט אויסברייטערן. דו וועסט אויפהערן צו אַרבעטן און אַנדערע וועלן אַרבעטן פאַר דיר.

וכך הווה: די ווערטער פון גיטעלען זענען אַרויס פון איר מויל און אַריין אין גאָטס אויערן. היינט האָב איך שוין, ברוך־השם, אַ טוץ טראַק־טאָרן מיט בולדאָזערס, לאַסט־אויטאָס און הייב־קראַנען. עס הערט דאָך קיינער נישט, טאָ קען איך אייך זאָגן, אַז איך בין, ברוך־השם, אַ גרויסער גביר. נאָך אַ גרעסערער ווי עס איז געווען מיין שווער. איך ווינטש אים אַ ליכטיקן גן־עדן נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט פאַר מיר אויסגעהאָדעוועט אַזאַ קלוגע און שיינע טאָכטער — ווי דאָס איז מיין ווייב, גיטעלע.

און נאָך ווינטש איך לאַנגע יאָרן אונדזער רעגירונג, וואָס זי פירט אַזאַ קלוגע פּאָליטיק, אַז מענטשן זאָלן האָבן פּרנסה. זי מאַכט פון אַ קבצן — אַ גביר, און פון אַ גביר — אַ מיליאָנער.

דערפאַר טאַקע, האָט גענומען די רעגירונג און האָט געזיגט אין דער 6־טאָגיקער מלחמה. מיר האָבן באַקומען אַ סך שטחים, מיגרשים, בנינים, און אַפילו נאַפט. מענטשן האָבן געקריגן אַרבעט, האָבן אָנגעהויבן באַלע־באַטעווען אין די פאַרנומענע געביטן. און איידער גיטעלע האָט מיך עפּעס געזאָגט, האָב איך, דאָס מאָל, שוין איר געזאָגט:

— גיטעלע, איצט איז געקומען מיין צייט, כ׳על אָנהויבן גראָבן. און אַז איך וועל גראָבן, וועל איך אויסגראָבן קופּעס מיט גאָלד. מען גייט מאַכן די בר־לב־ליניע *.

איך האָב אָנגעהויבן גראָבן מיט מיין טראַקטאָר און באַלד איז פון דעם איינעם געוואָרן צוויי און דריי און פיר. די טראַקטאָרן האָבן געגראָבן — און איך האָב געשריבן. און ווי אַזוי צו פאַרשרייבן האָב איך דווקא גוט געוווּסט, ווייל אין רוסלאַנד בין איך געווען אַן „אויטשאָטטשיק" — אַזאַ איינער, וואָס פאַרשרייבט וויפל אַרבעט מען האָט געמאַכט. מען קען זיך אויף מיר פאַרלאָזן. איר דאַרפט וויסן, אַז אין מדבר פעלן נישט קיין זאַמדן. ס׳דאָ וואָס צו גראָבן און וואָס צו פאַרשרייבן. בקיצור, מען האָט,

---

* באַפעסטיקונגען ביים סועץ.

מיט דער צייט, אויסגעבויט די בר־לב־ליניע — און איך בין שוין געווען אויך אַן אויפגעבויטער. דאָס פּנים פון מיין גיטעלען האָט אָנגעהויבן שיינען ווי די זון אין תּמוז. זי האָט זיך געקויפט אַ „פּריוועט", אַ טייערע לוקסוס־מאַשין, אַן „אויטאָמאַטיק" און פאָרט אַרום אין איר מיט אַזאַ גאווה, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ גבירס אַ ווייב. איך האָב אויך אַ נייעם אויטאָ. מיר האָבן געטוישט אונדזער קליינע דירה און אַריבער אין אַ „פּענטהאַוז", אין צפון פון תּל־אביב. אַלע ווייסן, אַז איך אַרבעט פאַרן משׂרד הבטחון*. קיינער וואָגט מיך נישט צו פרעגן וואָס איך טו, וויפל איך נעם, וואָס איך צאָל. דאָס זענען זאַכן וועגן וועלכע מען טאָר נישט רעדן. בטחון (ביטאַכאָן)!

נאָך דער יום־כּיפּור־מלחמה, ווען מיר האָבן פאַרלוירן די בר־לב־ליניע, און אַ סך מענטשן, דאָ אין לאַנד, איז געוואָרן ביטער, איז מיר, סענדערן, געוואָרן נאָך זיסער: איין ליניע האָט מען אַוועקגעגעבן — בויט מען אַ צווייטע. מיינע טראַקטאָרן און בולדאָזערס אַרבעטן שוין ווידער מיט דער פולער פּאַרע. איצט ווייס איך שוין אַז די אַרבעט וועט זיין אַ סטאַבילע. וואָרום ווי נאָר מען וועט ענדיקן די איצטיקע ליניע אין סיני, וועט מען באַלד אַריבער אויף אַ צווייטער ליניע — און מען וועט ווידער דאַרפן גראָבן און בויען באַפעסטיקונגען. און אַז מען וועט ענדיקן די דאָזיקע ליניע, וועט מען ווייטער אַריבערגיין אויף אַן אַנדער ליניע. נאָך יעדער ליניע וואַקסט, ברוך־השם, מיין קאַפּיטאַל.

איך בין שטאָלץ, וואָס איך קען באַפעסטיקן די ליניעס פון אונדזער מדינה. איך פיר־אויס אַ גרויסע פּאַטריאָטישע אַרבעט. און איך וווּנדער מיך, וואָס ביז איצט האָט נאָך אונדזער רעגירונג מיך נישט אויסגעצייכנט מיט עפּעס אַ מעדאַל — נישט אַזוי פאַר מיר ווי פאַר מיין גיטעלען. מחמת דער געדאַנק וועגן מאַשינען און גראָבן זאַמדן — איז געווען אירער. איך מיין, אַז אויך וועגן דעם וועט זי שוין עפּעס אויפטאָן. מען קען זיך אויף איר פאַרלאָזן. איך אַליין, וואָלט אויך צוגעלייגט אַ האַנט צו דעם — ווי זאָגט מען דאָס: אַז מען שמירט — פאָרט מען. אָבער איך האָב פּשוט קיין צייט נישט. נאָר־וואָס האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז מען דאַרף שוין צוגרייטן אַ נייע ליניע.

---

* זיכערהייטס־מיניסטעריום.

אַ שרייבער

מיין קוזין שייקע מאַכט פון מיר ס׳גרעסטע געלעכטער:

— זאָג נאָר, קרוב מיינער טייערער, וואָס מאַכסטו קאַליע פּאַפּיר? עמעצער לייענט דען וואָס דו שמירסט דאָרט, אין די גאַזעטן? ווער דאַרף היינט אַ צייטונג? ווער לייענט היינט אַ ביכל? בטלן איינער! זעסט דאָך, מענטשן פליִען שוין צו דער לבנה און דו מיינסט נאָך אַלץ, אַז דו האָסט נאָך יענע באַנק־קוועטשער, וואָס זענען אַמאָל געזעסן הינטערן אויוון, גע־לייענט די כלערליי נאַרישע שמירעכצן און געמאַכט פּאָליטיק. קוק־אָן מיך: ווייסט דאָך, כ׳בין דורכגעגאַנגען אַלע קלאַסן, נו, וועל איך מיר אַוועק־זעצן און לייענען דאָס, וואָס דו שרייבסט, וואָס דיינע חברים אָדער אַנדערע בטלנים שרייבן? מענדעלע, עפּן דיינע אויגאַלעס, קוק־אָן די היינטיקע וועלט, זע ווו דו ביסט. וואַרף־אַוועק דיינע נאַרישע איינרעדענישן, נעם־זיך צו אַ לייטיש פאַך. מאַך אַ לעבן אַזוי ווי איך.

— פון וואָס מאַכסטו אַ לעבן, שייקעלע?

— איך בין אויך אַ שרייבער, בין איך...

— דו — אַ שרייבער?! פון ווען אָן?... דו לאַכסט דאָך פון זיי! זאָגסט, אַז זיי זענען בטלנים.

— אַוודאי, איך זאָג טאַקע.

— איז וואָס פאַר אַ שרייבער ביסטו?

— אַ מאָדערנער: איך שרייב טשעקן.

— און דערפון האָסטו פּרנסה?

— אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן.

— און דיינע טשעקן האָבן דעקונג? אַ ווערט?

— דאָס איז דאָך נישט דיינס אַן אַרטיקל. מיינס אַן אונטערשריפט זאָגט עפּעס. דאָס איז געלט. דו פאַרשטייסט? — געלט! און וואָס פאַר אַ ווערט האָט דיינע אַ חתימה? אדרבה, שרייב אונטער דיינס אַן אַרטיקל און גיי דערמיט אין באַנק אַריין. זאָג דעם דירעקטאָר: „אָט דאָ האָט איר אַ

שאַפונג פון אייביקן ווערט. דאָס בעסטע, וואָס איך, מענדעלע, האָב ווען עס איז אָנגעשריבן. גיט מיר אַ הונדערטער״. ווייסט וואָס ער וועט דיר ענטפערן?

— „דאָ איז אַ באַנק. מיט סאָציאַלע פאַלן פאַרנעמען מיר זיך נישט״. דאָס וועט זיין גוט, אויב דו וועסט אָנטרעפן אויף אַן איידעלן דירעקטאָר. אַן אַנדערער קען דיר אַ זאָג טאָן פראָסט און פשוט: „דאָ איז נישט קיין משוגעים־הויז, ס׳איז אַ באַנק״.

דו פאַרשטייסט מיך, מענדעלע? אָבער אַז איך וועל דיר געבן אַ טשעקל מיט מיינער אַ חתימה, איז דאָס פונקט ווי ראָטשילד אַליין וואָלט דיר אונטערגעשריבן.

מיין קוזין גייט אַריין אין „טראַנס״ און ער נעמט רעדן גיך־גיך:

— מענדעלע, קלאַפּ זיך אַרויס פון קאָפּ די נאַרישקייטן. היינט פּטרט מען נישט קיין צייט סתם אַזוי. ווי זאָגט דער אַמעריקאַנער: „צייט איז געלט״. וואָס זאָל איך בעסער טאָן: זיצן און לייענען דיינע אָדער אַנדערע שמירעכצן, צי כאַפּן בעסער אַ קערטל, קוקן אין דער טעלעוויזיע, אָדער נעמען די מאַשין און אַרויספאָרן אַ ביסל אויף אַ שפּאַציר? וואָס איז וויכטיקער — פרעג איך דיך? מיך אינטערעסירט צי שמערל זאָגט אַזוי צי געצל זאָגט אַנדערש? און ווו איז מיין אייגענער שׂכל? אַך און ווי וועט זיין צו מיר, אַז איך וועל דאַרפן וואַרטן ביז דו אָדער אַן אַנדערער בטלן וועט מיר זאָגן, וואָס איך האָב צו טאָן. אַנומלט איז צוגעקומען צו מיר אַ יונג מיידל, מיט עפּעס אַ פראַגע־בויגן. זי האָט געוואָלט וויסן, צי איך בין פאַר אַ גאַנץ ארץ־ישראל אָדער איך בין מסכּים עפּעס אָוועקצוגעבן פאַרן פרייז פון שלום. איך האָב לאַנג נישט געטראַכט און אָנווייזנדיק אויף איר מיני־מיני האָב איך צו איר געזאָגט: „ווי מיינסטו, מיידעלע? למשל, ווען מ׳נעמט און מ׳גיט אַ שנייד־אָפּ נאָך אַ שטיק פון דיין מיני, ביי וואָס וואָלסטו פאַרבליבן?״...

דאָס מיידל האָט זיך פאַרשעמט און תיכּף זיך אָפּגעטראָגן.

איך האָב דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז מ׳האָט שוין ביי אונדז איין מאָל אָפּגעשניטן דעם עבר־הירדן. גענוג! דו פאַרשטייסט וואָס איך רעד צו דיר? איך בין פון די ס׳גאַל מענטשן, וואָס באַגניגענען זיך נישט מיט דעם וואָס זיי האָבן. פאַרקערט, וויפל איך האָב — וויל איך נאָך מער. ווי שטייט דאָס אין די קליינע אותיותלעך? דאַכט זיך אַזוי: „תפסת מרובה — לא תפסת״, אַז דו האָסט נישט געכאַפּט קיין סך איז פונקט ווי דו וואָלסט גאַר־

נישט געכאַפּט. גאָלדענע ווערטער! אַ שאָד, מענדעלע, וואָס דו לערנסט ווייניק. טוסט דאָך סיי־ווי גאָרנישט. ווען איך קום צו דיר — איז אָדער דו לייענסט אָדער דו שרייבסט. ווי אַזוי קען אַ מענטש זיין אַזאַ לאָדער? זאָג מיר, מענדעלע, דיין ווייב שווייגט דיר? כ׳מיין, זי וויל דאָס אַלץ ליידן? מיין געניעלע, וואָלט מיר אַראָפּגעריסן דעם קאָפּ. זעט אויס, אַז דו האָסט אַ גוט ווייב.

— זאָג מיר שייקעלע: לייענען, זאָגסטו, לייענסטו ווייניק, נו און נייעס הערסטו?

— נייעס? ווען איך פאָר אין אויטאָ הער איך די נייעס. אין די אָוונטן בין איך אין הילטאָן אָדער אין אַ גוטן קאַפע־הויז. איך טרעף זיך מיט געשעפטס־לייט. מ׳שמועסט, מ׳עסט, מ׳שרייבט־אונטער קאָנטראַקטן.

— מ׳שרייב טשעקן.

— אַוודאי. מ׳שרייבט טשעקן, מ׳באַקומט טשעקן. ס׳טוט זיך עפּעס, ס׳רודערט זיך. מ׳לעבט!

זינט מיר האָבן צובאַקומען דעם מיליאָן אַראַבער גייען די געשעפטן, ברוך־השם, בעסער. פאַרוואָס? — פרעג נישט. וועסט עס סיי־ווי נישט פאַרשטיין. דאָס איז אַן ענין פאַר פּראַקטישע מענטשן. דערפאַר זאָג איך: אַפילו קיין איין שפּאַן נישט צוריקגעבן!

— ס׳רעדט זיך אַזוי...

— זיי נישט קיין פּאַניק־מאַכער. מ׳עט זיך אַזוי שלאָגן ביזן אלף השישי אַריין.

— דו האָסט זיך שוין אַ מאָל געשלאָגן?

— איך? יאָ. מיט מיין געניעלען. אָבער שפּעטער האָבן מיר שלום געמאַכט.

— מיט די אַראַבער גייט עס אָבער צו אַ ביסל שווערער.

— מענדעלע, מ׳עט אַדורכקומען. נישט היינט איז מאָרגן. נישט מאָרגן איז איבער אַ יאָר. מיר האָבן זיי אין לויוויטש.

— און דאָס, וואָס יעדן טאָג פאַלן קינדער?

— מ׳פירט דאָך אַ מלחמה! הער, פון אַזעלכע זאַכן איז קיינער נישט באַוואָרנט. פינקעלשטיינען האָסטו געקענט? ניין? נו, דער, וואָס האָט אַ גרויס געשעפט אויף הערצל־גאַס. זיינס אַ זון, אַ סטודענט, האָט געמאַכט אַ לוסט־רייזע איבער דער וועלט. וואָסי, פינקעלשטיין קען זיך נישט דער־לויבן? נו, האָט געטראָפן אַן אומגליק. אין פּאַריז האָט זיין אויטאָ זיך

צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ צווייטן אויטאָ — און דער בחור איז שוין נישטאָ. דעריבער זאָג איך: ביי דעם איז נישט פאַראַן קיין קונצן. אַז ס'איז באַשערט טרעפט עס דיך אין פּאַריז, ציביים סועץ־קאַנאַל — אַלץ איינס. אין בעט שטאַרבט מען אויכעט.

— דו האָסט זין?

— ניין. בלויז טעכטער.

— איז דיר לייכט צו רעדן.

— הער, איך האָב פיינט פּאָליטיק. ווען יאָ — וואָלט איך „געלאָפן" אין כנסת. מיר האָבן דאָך אָנגעהויבן פון די טשעקן. טאָ הער מיך אויס: קיין שלום וועט נישט זיין. ווייסט פאַרוואָס? ווייל זייערע טשעקן, ס'הייסט זייערע רייד — די אַראַבערס מיין איך — האָבן נישט קיין דעקונג.

— שייקע, דו טענהסט, אַז דו ביסט שטאַרק פאַרנומען. נו, און אַז ס'טרעפט אַ מאָל אַ חתונה, אַ ברית, גייסטו?

— צי איך גיי? — אַ שאלה! און פאַר וואָס זאָל איך נישט גיין? ס'ווענדט זיך נאָר צו וועמען. פון קיין אָרעמע חתונות האַלט איך נישט. אַ חתונה הייסט ביי מיר, אַז מ'פאַרבעט כאָטשבי טויזנט געסט. דעמאָלט קען מען זיך ווייזן, מ'קען זען. מיין גענינעלע קען זיך בלאָזן אין איר ביי קלייד. ס'איז עפּעס! דעמאָלט לוינט זיך צו שרייבן אַ טשעק.

הערסט דאָך: מיט אַ צייט צוריק איז פאָרגעקומען די חתונה פון מיין שוואָגער פּיניע. מיין גענינעלעס ברודער. נו, פאַרשטייט זיך, אַז כ'בין געגאַנגען און אויסגעשריבן אַ טשעק, אַזש אויף — אַ טויזנטער! פאַרט אַ שוואָגער! אָנומלט באַקום איך עפּעס אַן איינלאַדונג. איך גיב אַ קוק: פּיניע גייט ווידער חתונה האָבן... דו פאַרשטייסט וואָס איך רעד צו דיר? אין דער קורצער צייט וואָס איך מיט גענינעלען זענען געוועזן אין אויסלאַנד האָט מיין שוואָגער שוין באַוויזן זיך גטן און ער האָט שוין אַ צווייטע כלה. הייסט דאָך דאָס, אַז איך דאַרף ווידער אים אויסשרייבן אַ טשעק. הע, דאָס נישט! דו גייסט אַלע מאָל זיך גטן, כּדי איך זאָל דיר אויסשרייבן טשעקן — נישט ביי שייקען! איך גיי נישט און איך שרייב נישט! איך האָב פיינט, אַז עמעצער וויל מיך פירן אין באָד אַריין. דו פאַרשטייסט וואָס איך רעד צו דיר?

אינפלאַציע

— פיניע, לעצטנס האַלט מען אין איין שרייבן אין די גאַזעטן, און אין איין רעדן אין לאַנד, אַז ס׳האַלט ביי אינפלאַציע. וואָס איז דאָס ווידער פאַר אַ צרה?

— אינפלאַציע? אַ שיינע פראַגע! ווער ווייסט עס נישט, וואָס ס׳איז אַזוינס אינפלאַציע? גאָך גוט וואָס דו האָסט עס געפרעגט מיך און נישט קיין אַנדערן. מען וואָלט דאָך פון דיר געמאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער. דבורהלע, ווי פּאַסט עס פאַר דיר נישט צו וויסן אַזאַ זאַך? הערסט, אינ־פלאַציע... אַ שיינע פראַגע...

— כ׳על דיר זאָגן פיניע: עס הייסט — הערן, האָב איך שוין יאָ גע־הערט. כ׳ווייס אָבער נישט ווי מ׳זאָגט עס ריכטיק אַרויס: אינפלאַציע, אינפאַלאַציע צי אינפלועגציע.

— אַזאַ זאַך ווי אינפלוענציע איז אויך דאָ. דאָס, זאָגט מען, איז אַזאַ מין קרענק. דאַכט זיך, עפּעס אַ שטעכעניש, אַ ברעכעניש, מ׳באַקומט הויכע היץ. נו, אַ גריפּע.

— הויכע היץ? און אַז מיר איז איצט פאַרנע ווי אין אַ באָד, איך בין באַגאָסן מיט שוויים, הייסט עס, אַז דאָס איז אינפלועגציע?

— ניין, דבורהלע, דאָס הייסט, אַז היינט איז אַ כאַמסין.

— און נישט קיין אינפאַלאַציע, מיין איך אינפלוענציע?

— ניין. נישט קיין אינפאַלאַציע נאָר אינפלאַציע.

— פיניעלע, רעד נישט מיט אַזעלכע אינטעליגענטע ווערטער. זאָג מיר פשוט, מיט אַ מענטשלעך לשון, אַז איך זאָל עס קענען צעקייען.

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס?

— פיניעלע, אַ ווייב פון אַ קבלן, פון אַ גביר, קיין עין־הרע, וואָס קומט אין אַ געזעלשאַפט, טרעפט זיך מיט חברטעס — ווייבער פון גבירים, פאַרט אין אַן אייגענעם אויטאָ, דאַרף זיך אויסקענען אויך אין פּאָליטיק.

— דבורהלע, איך זע, אַז דו שניידסט זיך אויף אַן אינטעליגענטקע.

— כ׳דאַרף עס האָבן ווי דעם פּאַראַיאָריקן כאַמסין. וואָסי, אָן דעם וועל איך נישט קענען אַרויספאָרן אין דער שווייץ אָדער קיין האָנג־קאָנג? אויף דעם דאַרף מען וואַלוטע — און נישט קיין אינטעליגענץ. כ׳האָב מיך שוין דאָרט אַליין אַן עצה געגעבן אַפילו אָן ענגעליש. אָבער וועגן דעם, וואָס כ׳האָב דיך געפרעגט האָסטו מיר נאָך אַלץ נישט געזאָגט.

— וועגן אינפלאַציע?

— יאָ.

— כ׳האָב דאָך דיר געגעבן צו פאַרשטיין. דאָס איז אַזאַ מין קרענק וואָס שטעקט־אָן אַפילו גאַנצע מדינות.

— טפו! אויף מיינע שׂונאימס קעפּ! און אַהער קיין ישׂראל קען זי, חלילה, אויך קומען, די דאָזיקע קרענק?

— יאָ, מ׳רעדט טאַקע דערפון.

— פון וואַנען קומט אַזאַ קרענק?

— פלוצלונג יאַוועט זיך אַ סך געלט...

— הערסט אַ קרענק?... אויף אונדז געזאָגט געוואָרן!

— יאָ, אָבער דער ווערט פונעם געלט פאַלט.

— בין איך דאָך גערעכט: הייסט דאָך דאָס טאַקע אינפאַלאַציע. ס׳געלט פאַלט. מילא, וועסטו איצט זיך סטאַרען, אַז מיר זאָלן האָבן מער „פאַלנדיק״ געלט. וואָס איז די נפקא מינה?

— כ׳האָב מיך שוין באַוואָרנט. אַלץ שטעקט אין הייזער, מיגרשים, פרעמדע וואַלוטע...

— פיניעלע, האָסט אַ גנבישן קאָפּ אויף זיך. ווי האָט מען דיך אַמאָל גערופן? „פיניעלע מזיק״.

— ס׳נישט אַזוי פשוט. דאָס קען אַ מאָל דערפירן צו אַ „מיתון״.

— וואָס איז דאָס ווידער פאַר אַ קרענק?

— דאָס דאַרף מען פרעגן אַ דאָקטאָר. אָבער לויט ווי איך ווייס, שאַפט זיך דעמאָלט אַזאַ מין לאַגע: עס הויבט אָן אויספעלן אַרבעט. מ׳קויפט נישט קיין דירות, קיין מיגרשים. ס׳ווערט אַ קריזיס.

— פיניעלע, מיר דאַכט זיך, אַז דו אַליין ביסט אַ קנאַפער בקי אין די דאָזיקע זאַכן. דאָ זאָגסטו, אַז אַלץ הויבט זיך און דאָ זאָגסטו, אַז עס פאַלט. אויב עס איז אַן אינפאַלאַציע טאָ ווי קען ווידער זיין אַן אינפלו־ענציע, אַ קרענק?

— דבורהלע, כ׳על דיר זאָגן דעם אמת; איך אַליין, האָב עס נאָך

אויך נישט גוט צעקייט. איך בין געווען אויף אַ זיצונג פון די קבלנים. איז דאָרט געווען איינער, אַן עקאָנאָמיסט. אַזוי רופט מען אים.

— מיינסט אַוודאי אַ קאָמוניסט.

— נייע, טייערע, אַן עקאָנאָמיסט. אויף העברעיִש הייסט עס: „כּלכּלן".

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— כ'האָב עס אַ מאָל געזען אין שמונה עשׂרה: דאָרט שטייט: מכלכּל חיים בחסד, מחייה מתים... —

— אוי אַ בראָך! כ'האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ אינטע־ליגענט...

— נו?

— נו, האָט דער דאָזיקער עקאָנאָמיסט אונדז געגעבן צו פאַרשטיין די זאַך אויף אַזאַ מין אופן:

— אינפלאַציע — האָט ער געזאָגט — פירט צו דעוואַלואַציע, און דאָס איז פונקט דאָס פאַרקערטע פון רעוואַלואַציע. און אַז דאָס געלט פאַרלירט דעם ווערט — ווערט ביטער. איצט פאַרשטייסטו שוין, וואָס דאָס הייסט אינפלאַציע?

— אַ נעכטיקער טאָג! פּיניע, אויף איין מינוט ווער אויס אינטעליגענט און גיב מיר צו פאַרשטיין אויף אַ פּראָסט־פּשוטן אופן. איך פרעג דיר: וואָס אַזוינס איז די דאָזיקע קרענק וואָס הייסט אינפלאַציע צי אינפּאַלאַציע? רעד קלאָרע דיבורים. דריי נישט מיט דער צונג. איך בין אַ פּראָסטע יידענע און איך וויל עס וויסן.

— אַז ס'ברעכט־אויס די אינפלאַציע ווערט אַ פליוך. דאָס געלט פאַר־לירט דעם ווערט און די פּרייזן שפּרינגען־אונטער ווי קוועקזילבער אין טערמאָמעטער בעת אַן אינפלוענציע, אַ גריפּע מיין איך, אָדער עפּעס אַן אַנדער כאָלערע...

— אָ, אַז דו רעדסט ווי אַ מענטש פאַרשטיי איך דיך. ס'ווערט אַ פליוך.

— יענער פליוך!

— וואָסזשע טוט מען אין אַזאַ פאַל?

— מ'דאַרף איבערוואַרטן די שווערע צייט. מ'דאַרף אויסהאַלטן.

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— כ'מיין, אַז קודם־כּל דאַרף מען זיך נישט כאַפּן צו פאַרקויפן. מחמת היינט פאַרקויפסטו אַ דירה, למשל, פאַר אַ פערטל מיליאָן און מאָרגן וועסטו שוין די זעלבע דירה נישט קענען קויפן פאַר אַ מיליאָן. דו פאַרשטייסט?

— נאָך ווי! אָבער, אַז עס קוועטשט, מ׳דאַרף געלט, מ׳האָט חובות?

— פאַרקויפט מען איין הויז און מ׳דעקט־אָפּ אַלע חובות. אַז מען איז שולדיק אין ישׂראלדיקע פונטן, צאָלט מען מיט פונטן. ערגער איז, אַז דער פונט איז געבונדן מיט עפּעס אַ פרעמדער וואַלוטע אָדער צום אינדעקס.

— ווי אַזוי איז ביי דיר געבונדן?

— אַזוי ווי ביי פּיניען... קענסט נישט דייַן מאַן? איך לאָז מיך נישט אויף קיין ריזיקעס... כּל־זמן ס׳געשעפט גייט — כאַפּ איך אַריין וויפל עס לאָזט זיך...

— אַ, פּיניעלע־גנבֿ!... דווקא מיט דעם האָב איך מיט דיר געטראָפן...

— טו איך אַזוי: איך בינד נישט, איך קניפּ זיך נישט. אָבער יענעם, דעם קונה מיין איך, — אים פאַרבינד איך און פאַרקניפּ אַזוי, אַז וועלכע אינפלאַציעס, אינפּאַלאַציעס, דעוואַלוּאַציעס און אַנדערע שלעק זאָלן נישט קומען, בין איך תּמיד אויפן פערד. איך שרייב קאָנטראַקטן מיט פּיטשי־מאָנטשיקע אותיותלעך, וואָס דער קונה לייענט זיי קיין מאָל נישט. און אַז ס׳קומט צו אַ פּראָצעס — איז תּמיד געווין איך. עס שטייט דאָך אין קאָנ־טראַקט שוואַרץ אויף ווייס... חוץ דעם איז אויך געזונט, אַז אַ שטיקל קאַפּיטאַל זאָל ליגן אין דער שווייץ... וועגן דעם טאָר מען נישט רעדן... דו פאַרשטייסט? מ׳דאַרף זיין אַגיל ואַשׂמחדיק — קיילעכדיק און פריילעך פון אַלע זייטן... פאַרלאָז זיך אויף פּיניען!...

— אוי האָב איך געטראָפן! נאָר אַ געזונט אין מיר!... איך האָב געהאַט עפּעס אַ „פשעטשוציע״, אַזאַ מין פאַרגעפיל, אַז מיט פּיניע־מזיק וועל איך מאַכן אַ לעבן. ווי לאַנג איז דען, אַז מיר זענען געקומען קיין ישׂראל אין גאַנצן גאָלע? און זע, גאָט צו דאַנקען, וואָס מיר האָבן שוין דערגרייכט. ווייסטו פאַרוואָס? ווייל דו האָסט אַזאַ ווייב ווי איך...

טאַטע און זון

איר האָט אַמאָל געהערט וועגן אַ שטעטל מיטן נאָמען פּערעפּאַלעווקע? אַ נעכטיקער טאָג! וויל איך אייך זאָגן, אַז דאָס איז אַ מקום אין וואָלין ווו עס שוואַרצן זיך גרויסע וועלדער, צווישן וועלכע עס ריזלען ריטשקע־לעך מיט קרישטאָל־ריינע וואַסערן. פּערעפּאַלעווקע גרענעצט זיך מיט יאַדעשלעווע און קוראָקראַדקע — צוויי דערפער מיט האָרעפּאַשנע פּויערים. די דאָרפישע פּויערים זענען געווען אָפטע געסט אין יידישן שטעטל, דער עיקר — בעת די יאַרידן. געקויפט דאָרט אַקער־אייזנס, לאָפּאַטעס, קאָסעס, כאָמעטעס, וועגענער, נאַפט און נאָך זאַכן אין וועלכע זיי האָבן זיך גע־נייטיקט. די יידן ווידער האָבן איינגעהאַנדלט ביי די פּויערים קאָרן, ווייץ, קאַרטאָפל, בוראַקעס, האָלץ — אַלץ וואָס זיי האָבן געדאַרפט פאַר זייער באַלעבאַטישקייט.

אין דאָזיקן שטעטל, פּערעפּאַלעווקע, איז געווען אַ ייד וואָס האָט גע־הייסן שמואל־חיים באָק. ווען מען האָט אים געפרעגט ווי אַזוי האָבן זיינע אור־זיידעס אויסגעקליבן דווקא אַזאַ נאָמען, האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז באָק שטאַמט פון באָקאַטשאָ, עפּעס אַ גרויסער יחוס. אָבער מיט דער צייט איז „אַטשאָ" פאַרלוירן געגאַנגען און דער „באָק" איז געבליבן.

האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז שמואל־חיים איז גאָר קיין באָק נישט. ער האָט אין פּערעפּאַלעווקע געעפנט אַ מאַנופאַקטור־געשעפט און געדרייט אַ לירע* אויף אַ גרויסן פאַרנעם. און דרייענדיק אַזוי די לירע, האָט ער זיך אַ ביסל פאַרדרייט. אַריינגעקראָכן אין חובות. אַזוי ווי באַנקראָטירן און „רעגולירן" האָט אים עפּעס נישט געפּאַסט: פאָרט אַ ייד אַ סוחר. און יונג איז ער געווען. אַ ציוניסט דערצו. אַ ביסל געלט האָט ער אויך געהאַט. האָט ער זיך געלאָזט קיין ארץ־ישׂראל.

ווי נאָר ער איז אַראָפּ פון דער שיף אין חיפהער פּאָרט, האָט זיך פאַר אים אַ שטעל־געטאָן אַ שווער פּראָבלעם: ווי אַזוי וועט ער הייסן אין היי־ליקן לאַנד? באָק איז עפּעס קיין פאַמיליע נישט. ווידער, ער זאָל העברעי־

---

* געמאַכט געשעפטן.

זירן דעם נאָמען דאַרף ער דאָך הייסן תּייש. איז דאָך די זעלבע צרה, נאָר אויף העברעיִש. איז ער געגאַנגען און האָט איבערגעמאַכט זיין פאַמיליע־נאָמען אויף באָקי. צום „באָק" האָט ער צוגעגעבן אַ „יוד", און געוואָרן איז ער אין נייעם לאַנד — אַ נייער מענטש.

האָבנדיק אַ סוחרישן חוש, האָט ער זיך באַלד געכאַפּט, אַז אין ארץ־ישראל איז פּאַרטייאישקייט, כּלל־טוערײַ, מנהיגותסטווע אַ פאַך. איז שמואל־חיים תּיכּף אַריינגעטראָטן אין דער גרעסטער פּאַרטיי. דאָ האָט ער דעם „שמואל" אויף פאַרוואָרפן אין אַ זייט און געבליבן בלויז ביים „חיים": חיים באָקי. דאָס קלינגט שענער. אויף יעדער שׂמחה וווּ מען האָט זיך געווונטשן לחיים, האָט באָקי געהאַלטן, אַז דאָס מיינט מען אים.

„אויך פון עסקנות קען מען מאַכן אַ לעבן" — האָט ער איין מאָל גע־זאָגט צו זיין ווייב שׂרה־פייגל — טאָ צו וואָס זאָל איך זיך נעמען ווידער צו מסחר? איז דען נישט בעסער זיך דרייען ביי קהל און מאַכן אַ לעבן? ביי מסחר מוז מען, קודם־כּל, האָרעווען, דרייען, קאָמבינירן. און ביז מען דער־גרייכט עפּעס, קומט עס אָן מיט גרינע ווערים. אָבער אַ מנהיג אין דער פּאַרטיי, אַ דירעקטאָר, אַז ער גליטשט זיך אַ מאָל אויס, איז דאָס ווערט נישט מער ווי אַ ציבעלע. העכסטנס באַקומט ער אַ פאַרוווּרף, אָדער מען פירט אים דערנאָך איבער אויף אַן אַנדער פּאָסטן, אפשר נאָך אויף אַ העכערן. חוץ דעם, האָט שמואל־חיים באָק, עס הייסט — חיים באָקי, גע־האַלטן, אַז לעולם דאַרף מען טאָן, און אויב ער טוט עס, מוז עס זיין גוט. ער ווייסט אין וואָס דאָס פאָלק נויטיקט זיך. אים, חיימען, דאַרף מען קיין דעות נישט זאָגן. ער האָט עס פיינט. אַפילו ווען זיין שׂרה־פעסל וואַרפט אַ מאָל אַריין אַ וואָרט: „דאַכט זיך, אַז דו טוסט נישט אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין", זאָגט ער צו איר: „שוין צייט, אַז דו זאָלסט פאַרשטיין, מיין ווייבעלע, אַז מיר מאַכט מען נישט קיין באַמערקונגען. איך ווייס וואָס איך טו. זאָלסט וויסן, אַז מענטשן זענען אַזוי ווי שעפּסן. זיי דאַרפן האָבן אַ פּאַס־טעך. מען דאַרף זיי פירן. אָבער עס איז נויטיק אַ בייטש כּדי זיי אונטער־צוטרייבן. דאָס איז דאָך אַ סטאַדע. גייסטו מיר זאָגן דעות? מיין זאָך איז — צו טענהן, אַז דאָס פאָלק פאָדערט. די מדינה נויטיקט זיך אין דעם".

אין דעם־אַ גייסט האָט ער דערצויגן זיין זון מענדל, וועלכן ער האָט דאָ אַ נאָמען געגעבן מנחם. חיים באָקי האָט צו זיין זון געזאָגט אַזוי:

„מנחם, זעסט דאָך וואָס דאָ טוט זיך. איך בין, ברוך־השם, אַ מענטש מיט אַ נאָמען. אַלץ האָב איך דערגרייכט מיט מיין האָרעוואַניע: איך האָב

גערעדט, איינגערעדט, געפּאָרן, געפלויגן — אַלץ לטובת דעם פאָלק און דער מדינה. ווען איך בין געקומען אין לאַנד אַריין, האָבן מענטשן געטראָגן כאַקי־הויזן, כאַקי־בלוזעס, סאַנדאַלן. געווען אַזעלכע, וואָס זענען נאָך אַפילו געזעסן אין פּאַלאַטקעס. נאָך איידער די מדינה איז אַנטשטאַנען, האָב איך זי שוין געבויט: איך האָב געזאַמלט געלט אין אויסלאַנד, אַרומגעפאָרן איבער דער גאַנצער וועלט, גערופן יידן עולה צו זיין — נאָך דעם ווי ישראל האָט אויפגעלעבט. מנחמקע, דו ווייסט וויפל רעדעס איך האָב שוין אין מיין לעבן געהאַלטן? וואָס פאַר אַ פאַרדינסטן פאַרן לאַנד איך האָב? און ווער האָט אַנגעפירט מיט דעם אַלעם? — איך, דיין טאַטע חיים באַקי.

„וויל איך דיר זאָגן, מיין זון: קודם־כל דאַרף מען לערנען. וואָס מער לערנען! איך מיין, זונעלע, ווי אַזוי אַריינצודרייען זיך אַהין ווו מען דאַרף. אויף דעם, מנחמקע, מוז מען האָבן גרויס פּראָטעקציע. אין תנ״ך שטייט דאָך געשריבן, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד איז אַן ארץ זבת חלב ודבש און... פּראָטעקציע. אָן דעם, זונעלע, ביסטו געגליכן צו אַ פויגל אָן פליגל. אָבער גאָט האָט דיר געבענטשט מיט אַ טאַטן וואָס הייסט חיים באַקי. און ער האָט שוין זיך אויסגעאַרבעט אַ פירמע. אומעטום האָב איך מיינע חברה. ווו דו גיסט אַ וואָרף מיט אַן אויג, דאָרט זיצט מיינער אַ מענטש. ווי נאָר מען האָט אַמאָל געוואָרפן אַ לאָזונג „כיבוש הקהלות״ — איז מיין פּאַרטיי געגאַנגען אויף דעם וועג, און האָט אומעטום אַריינגעזעצט אירע מענטשן. און ווער איז די פּאַרטיי? — איך!

וואָס איז דאָ לאַנג צו ברייען? מנחמקע איז געגאַנגען אין די וועגן פון זיין טאַטן. בפרט, אַז ער האָט שוין געהאַט אַן אויסגעטראָטענעם וועג. ווי נאָר ער האָט פאַרלאָזט דאָס מיליטער, האָט ער גענומען קלעטערן אויפן לייטער פון זיין קאַריערע. אָבער ער, מנחם, האָט שוין געהאַט אַ גרעסערן „ראָזמאַך״ פון זיין טאַטן. „מיין טאַטע — האָט מנחם געזאָגט — שטעקט נאָך מיט זיינע קליינלעכע אַמביציעס אין גלות. אָבער איך האָב ליב פאַר־נעם, גרויסע שטרעקעס — מרחבים!״

האָבנדיק הינטער זיך אַ שיינע מיליטערישע קאַריערע און דעם טאַטנס פּראָטעקציע, איז מנחם געוואָרן דירעקטאָר פון אַ גרויסער פאַבריק און דערנאָך גענעראַל־דירעקטאָר פון אַ באַנק. ער האָט אָנגעהויבן פּראָוון געשעפטן אויף מיליאָנען. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז דער גרעס־טער פאַכמאַן אויפן פינאַנסיעלן געביט. אַ פאַקט: ער שרייבט אונטער טשעקן אויף מיליאָנען! אויב מען האָט אים אָנפאַרטרויט אַזעלכע ריזיקע

סומעס איז דאָך אַ סימן, אַז ער איז געניאַל. טאָ ביי וועמען דאַרף ער פרעגן עצות?

זיין טאַטע חיים באָקי האָט אים געפּרוּווט אָפּהאַלטן: „מנחמקע — האָט ער צו אים געזאָגט — דאַכט זיך אַז דו שפּרינגסט צו הויך, קענסט זיך נאָך אַ מאָל, חלילה, פאַרטשעפּען — און פאַלן".

„לאָז אָפּ מיט דיינע גלותדיקע באַגריפן — האָט מנחמקע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — מיך דאַרף מען נישט לערנען וואָס צו טאָן. איך פאַרשטעק אַלעמען אין אַרבל".

„מנחמקע, דו רודעוועסט מיט פרעמדע געלטער — האָט אים זיין טאַטע געוואָרנט — מלוכהשע געלטער. מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק".

מנחמקע האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הילכיק געלעכטער.

אין אַ צייט אַרום האָט מען אָנגעהויבן מורמלען — אַז מנחם באָקי איז, נעבעך, פאַרקראָכן אין אַ בלאָטע. די מיליאָנען זענען ערגעץ פאַרשווונדן און מען ווייסט נישט וווהין.

איצט זוכט מען זיי, די מיליאָנען, מיט דער הילף פון פּאָליציי. דאַכט זיך, אַז אַפילו מיט די גרעסטע אָבלאַוועס וועט מען זיי נישט געפינען. אַ רחמנות, נעבעך, אויף מנחמקען: ער זיצט שוין אין „חד גדיא". וואָס וועט ער איצט טאָן?

און שמואל־חיים באָק — חיים באָקי זיפצט:

„איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין וואָס מיט מנחמקען האָט פּאַסירט. ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז מיינער אַ זון וועט זיך אַזוי אויסגליטשן? דאַכט זיך אַז כ׳וועל זיך צוריקקערן צו מיין אַלטן פאַמיליען־נאָמען".

מיט די אייגענע צען פינגער

איר זעט די־אָ דירה? שיין, האַ? דאָס איז נאָך גאָרנישט. איר האָט געדאַרפט זען די ווילע, וואָס איך האָב אויפגעבויט פאַר זיך, אין הרצליה. ממש אַ חלום! אַפּילו אין פילם קאָן מען דאָס נישט זען. ווען די ווילע וועט אין גאַנצן פאַרטיק ווערן, וועל איך פּראַווען אַ חנוכּת־הבית. דעמאָלט וועל איך אײַך אויך אײַנלאַדן. איר וועט נבהל ונשתּומם ווערן, צו וואָס זעליק משה־יאַנקלס פון קוראָוואָליע האָט דערגרייכט אין יידישן לאַנד. איך זאָג אײַך: פּלאי־פּלאים! אַבי מ׳דערציילט זיך אָן מעשׂיות פון אַמעריקע, אַז דאָרט קען אַ פּשוטער צייטונגס־פאַרקויפער ווערן אַ מיליאָנער. צווישן אונדז גערעדט: און וואָס בין איך געווען? אַ מענטש ביי יענעם, כ׳האָב צוגעהאָלפן ברוך־לייבן דעם געלן, פון קוראָוואָליע, צו פאַרקויפן אויף די יאַרידן זיין טאַנדייטנע סחורה. גאַטעניו, ווען מיין טאַטע, משה־יאַנקל, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, וואָלט דערזען, ווי אַזוי זיין זון, זעליק, לעבט איצט. און דווקא אין ארץ־ישׂראל, וואָלט ער, כ׳לעבן, געשטאָרבן נאָך אַ מאָל. איך געדענק, ער האָט, נעבעך, געהאָט אַ שוואַך האַרץ, מיין טאַטע. און פון גרויס איבעררראַשונג וואָלט ער נישט אויסגעהאַלטן.

און מיין מאַמע עליה השלום, ווען זי קוקט־אָן די ווילע מיינע, וואָלט זיך איר אויסגעדאַכט אַז זי געפינט זיך אין גן־עדן. דאָרטן, זאָגט מען, זיצן דאָך די צדיקים אויף גאָלדענע שטולן. און אויב מען שטעלט אַהין אַריין אַזאַ טייער מעבל, מוז מען דאָך האָבן גרויסאַרטיקע סאַלאָנען, ווי ביי מיר אין דער ווילע, אין הרצליה. גאָלד מיט ברילאַנטן! אַלץ איז אויסגעבעט, אויסגעגלעט, באַדעקט מיט האָלץ, מיט מאַרמאָר, מיט גלאָז, מיט שפּיגל. דעם טאַטן מיט דער מאַמען האָב איך אַהין אַריינגעבראַכט. די קיך אַליין איז אַ פּאַלאַץ! איר קענט דאָרט עסן און טרינקען און זיך אונטערהאַלטן וויפל דאָס האַרץ גלוסט. זי איז ביי מיר אַ מעכאַניזירטע, די קיך. אַלץ אַרבעט אויף מאַשינען. מיין צירעלע דאַרף נאָר אַרומגיין און דריקן אויף די קנעפּלעך. תּחילת, ווען זי איז אַריין אין קיך, האָט זי מיר גע־

שטעלט אַזאַ פראַגע: „זעליקל, אויב דאָ איז דער סאַלאָן, טאָ וווּ־זשע איז די קיך? און צו וואָס האָט מען אַהער אַריינגעשטעלט אַזוי פיל מאַשינען? עס איז דען אַ שפּיטאָל?

וואָס־זשע מיינט איר האָב איך געטאָן? כ׳האָב אַ דריק־געטאָן אַ קנעפּל און עס האָט זיך געגעבן אַן עפן־אויף אַ באַר מיט די טייערסטע ווײַנען. די פלעשלעך מיט די גלעזלעך האָבן געפינקלט אַזוי ווי גינגאָלד און אַרויס־געקוקט פון די שפּיגלען — פון אַלע זייטן. צירעלע איז געשטאַנען און געריבן זיך די אויגן. הזאת נעמי? האָט זי געמורמלט — און דאָס איז אַלץ פאַר מיינעטוועגן? „זעליקל״ — האָט זי אויסגערופן — „ניין, נישט פאַר מיר. איך האָב מורא פאַר אַן עין־הרע. מען טאָר נישט אויפרייסן די אויגן. מען וועט דיך רופן אין מס הכנסה. עס וועט זיך אָנהויבן אַ מעשה מיט שוואַרץ געלט... מיט ווייס געלט... זעליקל, איך דאַרף עס נישט!״

האָב איך געזאָגט צו מיין ווייב:

„צירעלע, מעגסט טאַקע וויסן, אַז אַ גביר צו זיין איז זייער שווער. קלאָפּאָטן אָן אַ שיעור. קאָפּ־פאַרדרייעניש, קאָמבינאַציעס מיט ביכער. מיט פאַרשרייבן, אָפּשרייבן, איבערשרייבן, מיט קבלות, אָן קבלות״.

איך קען נישט פאַרשטיין: אַז איך קויף ביי יענעם סחורה און כ׳צאָל אים מיט מזומן, דאַרף עס יענער פאַרשרייבן? צו וואָס? ווער דאַרף עס וויסן וואָס פאַר אַ געשעפטן איך פראַווע? און אַז איך פאַרקויף סחורה און באַקום מזומן געלט, דאַרף איך יענעם געבן קבלות? צו וואָס? און בכלל האָב איך פיינט די שרייבעכצן. מיין טאַטע פלעגט זיך פירן אַזוי, די רעכטע קעשענע איז ביי אים געווען די הכנסה און די לינקע קעשענע — די הוצאה. דאָס איז ביי אים געווען די בוכהאַלטעריע. און אַזוי וויל איך מיך אויך נוהג זיין. האָט אָבער נאַטשאַלסטווע זיך אָנגעזעצט: פאַרשרייב, פיר ביכער. וויל איך נישט! וואָרעם היינט הייסן זיי מיר פירן ביכער און מאָרגן וועלן זיי מיר זאָגן, וואָס איך זאָל עסן: אַ טשאָלנט מיט קישקע אָדער אַ זשאַר־קאָיע. ס׳הערשט דאָ דעמאָקראַטיע — אָדער נישט? און דעמאָקראַטיע ביי מיר הייסט: יעדער איינער קען טאָן וואָס ער וויל און יעדער איינער קען רעדן וואָס ער וויל. ווען איך וואָלט מסכים געווען, אַז נאַטשאַלסטווע זאָל מיר הייסן וואָס צו טאָן, וואָס צו רעדן, ווען צו שווייגן און ווען צו זיצן — וואָלט איך דאָך געבליבן אין רוסלאַנד. אויף דעם בין איך דען געקומען אַהער אין מיין אייגענער מדינה, אַז מען זאָל מיר דאָ זאָגן דעות? ניין, נישט ביי זעליקן!

און דאָס טאַקע האָב איך אַנומלט געזאָגט די חברה אין מס הכנסה: הערט יידן, האָב איך צו זיי געזאָגט — אויב איר וועט מיך נעמען פרעגן, פון וואַנען איך האָב גענומען דאָס, און פון וואַנען איך האָב גענומען יענץ, וועל איך אַלץ מאַכן צו געלט — און יאַזדאַ קיין אַמעריקע. איר זיצט דאָ — האָב איך געזאָגט — ביי די טישן, איר טוט נישט קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער. און די איינציקע אַרבעט, וואָס איר טוט יאָ — איז אויסצורעכענען וויפל איך פאַרדין און וואָס איך טו מיטן געלט. מיט מיין געלט! לאַדאַרעס — האָב איך צו זיי געשריגן — גייט אַרבעטן, וועט איר וויסן פון וואַנען מען נעמט געלט. קיין געלט שאַפט איר נישט, יורדים שאַפט איר!

אָט אַזוי האָב איך געסקאַנדאַלעוועט אין דער מס הכנסה. און טאַקע: וואָס האָב איך פאַר זיי מורא? אַלץ וואָס איך פאַרמאָג האָב איך געשאַפן מיט מיינע אייגענע צען פינגער. ווען איך בין געקומען אין לאַנד אַריין מיט זיבן און צוואַנציק יאָר צוריק האָבן מיר, עס הייסט איך און די מדינה געהאַט דעם זעלבן פּנים.ביידע זענען מיר געווען גאָלע. מיט דער צייט האָט די מדינה אָנגעהויבן נעמען און זיך אַרויפגעאַרבעט און איך האָב אויך אָנגעהויבן נעמען און זיך אַרויפגעאַרבעט. גלייבט מיר, איידער איך בין צוגעקומען צו עפּעס האָב איך געזען די באָבע פון יענער וועלט. אָבער זעליק איז דאָך זעליק — האָב איך מיר אַן עצה געגעבן. און אַלץ מיט די אייגענע כּוחות, מיט די אייגענע צען פינגער. ווי נאָר איך האָב זיך אַ קאָפּעטשקע געשטעלט אויף די פיס, האָבן שוין מענטשן ביי מיר געאַר־בעט. ביי איינעם האָב איך גענומען, דעם צווייטן — געגעבן. דאָ געכאַפּט, דאָרט אַריינגעלייגט, פון אַ דריט אָרט אַרויסגענומען, געקויפט, פאַרקויפט, פאַרדינט, קאָמבינירט, אויסגערעכנט, צוגערעכנט. דאָ ווייניקער אַ שטיקל אייזן, דאָרט ווייניקער אַ רער. אַלט־ביי אייזן. וואָס איז דען די נפקא מינה? אַלץ לייגט מען דאָך סיי־ווי אין דר׳ערד אַריין. נו, און אַז מען האָט שׂכל, זאַמלט מען אָן אַ ביסל געלט. און אַבי מען שאַפט שוין דעם ערשטן מיליאָן, גייט שוין ווייטער ווי אויף פּוטער. געלט גייט צו געלט. אָבער דער יצר־הרע איז אַזוי גרויס, אַזוי גרויס! מען וויל נאָך און נאָך. נישטאָ קיין גרענעץ.

אָפּט טראַכט איך ביי זיך: זעליקל, מעגסט זיין שטאָלץ. דאָס אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט, האָסטו געשאַפן מיט דיינע אייגענע צען פינגער — אָט אַזוי ווי די ראשונים, די ערשטע חלוצים, די פּיאָנערן, האָבן דאָ געשאַפן. זיי האָבן געטריקנט בלאָטעס און דו האָסט געבויט הייזער. זיי זענען געזעסן

אין פּאַלאַטקעס און דו זיצסט אין אַ ווילע. וואָס איז די נפקא מינה? מיר אַלע האָבן געבויט די מדינה.

איך קען נישט פאַרשטיין, אַז ביי אַזאַ לאַגע, זענען דאָ מענטשן וואָס באַקלאָגן זיך, אַז זיי זיצן אין ענגע דירות, אָדער זיי האָבן בכלל קיין דירות נישט. ווער, פרעג איך אייך, דאַרף עס זיי געבן? מיר האָט עמעצער געגעבן? מיט מיינע אייגענע צען פינגער האָב איך דאָס אַלץ פאַרהאָרע־וועט. און ווו שטייט עס געשריבן, אַז אַלע יידן אין ישׂראל מוזן דווקא זיצן אין ווילעס — אַזוי ווי איך? אומעטום זענען דאָ קבצנים — אַפּילו אין דער רייכער אַמעריקע. טאָ פאַר וואָס זאָלן מיר דאָ, אין ישׂראל, דווקא זיין אַן אויסנאַם?

פון דעסטוועגן, ווי איר קוקט מיך אָן, העלף איך אַ סך מענטשן. דער עיקר, פאַרשטייט זיך, מיינע שטאָטישע, די קוראָוואָליער. אָט האָב איך ערשט נעכטן געטראָפן מיין לאַנדסמאַן, בערל פּופּיק. ער האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז ער האָט נישט קיין אַרבעט. האָב איך צו אים געזאָגט: דעם דירעקטאָר פון „סולל בונה" קענסטו? האָט ער געענטפערט: ניין. אָבער איך קען אים יאָ — האָב איך אים געגעבן צו פאַרשטיין. טאָ גיי, זאָג איך און דערצייל אים, אַז איך האָב דיר געשיקט. ביסטו שוין פאַר־זאָרגט מיט אַרבעט.

און אַזוי העלף איך זייער אַ סך פון מיינע לאַנדסלייט. עס קומט מיר נישט קיין דאַנק דערפאַר. פּשוט, כ'האָב ליב צו טאָן יענעם אַ טובה.

יענע וואָך איז געקומען מיינס אַ שטיקל קרוב פון רוסלאַנד. האָב איך אים תיכף געשיקט אין „המשביר". סאַשענקאַ — האָב איך צו אים געזאָגט — ווילסט אַרבעט? אַוודאי, וואָס דען? טאָ גיי שוין אַריין צום דירעקטאָר און זאָג אים, אַז איך האָב דיך געשיקט. שיין פון מיין זייט? מיינט איר, אַז כ'האָב אים געגעבן מיין אַדרעס? אַ נעכטיקער טאָג! כ'האָב פיינט, אַז מען פאַרדרייט מיר דעם קאָפּ מיט זייטיקע זאַכן. דאָס וויכטיקסטע ביי מיר איז — ביזנעס, געשעפטן! אויף דעם קענסטו מיך אויפוועקן אַפילו נאָך האַלבער נאַכט — לויף איך.

אָט אַזאַ מענטש בין איך. איך בוי די מדינה אַזוי ווי די ראשונים — און אַלץ מיט די אייגענע צען פינגער...

מען שפּילט...

ביי גברת ביטערזאַלץ איז אַ פריילעכער אָוונט. דעם פּרייטיק־צונאַכטס איז איר ריי. פיר פּאָרלעך זענען זיך צונויפגעקומען שפּילן אין קאָרטן.

די טישן זענען באַלאָדן מיט כּלערליי סאַלאַטן, געהאַקטע הערינג, קרויט, אוגערקעס, דין־צעשניטענער ווורשט, ברויט־פענעצלעך, פלעשלעך קאָניאַק, ווערמוט, וויסקי און רויטער וויין. גברת ביטערזאַלץ איז אַ מותק. זי האָט געזאָרגט, אַז עס זאָל גאָרנישט פעלן. שפּעטער וועט זי נאָך דער־לאַנגען קאַלטס און וואַרעמס. ווען די געסט נעמען די „תהלימלעך" אין די הענט און מען נעמט „זאָגן", דערלאַנגט גברת ביטערזאַלץ הייסע פּיראָזש־קעס און שמייכלט דערביי זיס: „נעמט, וועט איר כּוח האָבן צו האָרעווען"...

די פיר פּאָרלעך זענען נישט קיין גאָר יונגע. אָבער אויפן ערשטן אויגנבליק איז שווער צו זאָגן מבינות. די פריזורן פון די פרויען — פריש־צאַפּלדיק געפאַרבט, געקעמט און באַדעקט מיט ספּרעי. די פּנימער — ווי נאָר־וואָס פון קאָסמעטישן אַנשטאַלט אַרויס. ביי אייניקע פון זיי גלאַנצן די פּנימער, ווי מען וואָלט זיי אויסגעשמירט מיט שמן־זית.

פרוי ביטערזאַלץ האָט ליב אויפנעמען געסט. זי האָט פאַרגעניגן ווען מען באַוווּנדערט איר קאָלעקציע קליינע קריגעלעך, וואָס שטייען אויסגע־שטעלט אויף די פּאָליצעס. זי ווייזט די געסט די פיל בילדער, וואָס הענ־גען אויף די ווענט און זאָגט, מיט אַ ליב שמייכעלע:

— איך האָב פיינט די פּאַטשקערייען, וואָס מען ווייזט היינט אין די גאַלעריעס. איך, אַז איך וויל הנאה האָבן פון אַ בילד, מוז איך עס אַליין אָנמאָלן. איר זעט די אַלע בילדער אויף די ווענט? דאָס אַלץ האָב איך אַליין געמאַכט. בילדער שאַפן אַטמאָספער. אַ צימער אָן בילדער איז אַזוי ווי אַ קליאַמקע אָן אַ טיר. ס'עפּעס נישט דאָס... איר פאַרשטייט מיך?

איידער די געסט זעצן זיך צום טיש מוזן זיי פריִער באַטראַכטן די וווינונג פון פרוי ביטערזאַלץ. זי פירט זיי אַרום איבער די צימערן און גיט אויפקלערונגען:

— איר זעט די וועראַנדע? דאָס האָב איך איבערגערוקט דאָס ווענטל. און דאָרט האָב איך איין פּענצטער פאַרמאַכט און אַ צווייטן געעפנט. די טיר האָב איך אויך איבערגעשטעלט. איצט האָב איך אַ לאַנגן קאָרידאָר און אַ ברייטע קיך.

ביי גברת ביטערזאַלץ איז אַלץ „איך" און „איך". איר מאַן אדון שמעלקע ביטערזאַלץ מוז שווייגן ווען זיין ווייב רעדט. דאָס איז ביי זיי אַזאַ נישט געשריבענער הסכם, זינט זיי האָבן, מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק, חתונה געהאַט. ער דאַרף נאָר אויסהערן, שאָקלען מיטן קאָפּ אויף יאָ — און געבן געלט.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דער דירה און מיט די בילדער, נעמט די גברת ביטערזאַלץ זיך באַרימען מיט די קריגלעך.

— קוקט אָן דעם קריגל — קוועלט זי — דאָס איז דאָך אַן אמתער אַנטיק! ווי נאָר די זעקס־טאָגיקע מלחמה האָט זיך געענדיקט, בין איך, צומאָרגנס, שוין געווען אין חברון און איך האָב איינגעהאַנדלט די מציאה. און דעם־אָ אַנטיק, האָב איך געבראַכט פון עזה. מענטשן האָבן געכאַפּט מציאות, און איך האָב געשלעפּט קריגלעך. וואָס זאָל איך טאָן? איך האָב ליב קונסט־זאַכן.

און אָנווייזנדיק אויף איר מאַן, גיט זי צו:

— און דעם אַנטיק האָב איך אויך איינגעהאַנדלט, ווייל איך האָב גע־רעכנט, אַז ער האָט עפּעס אַ ווערט...

די געסט לאַכן און גברת ביטערזאַלץ איז צופרידן. זי האָט געזאָגט אַ חכמה.

מען זעצט זיך צו די טישן. די פאַבריצירטע „בלאָנדינקעס", „ברונעט־קעס", „דזשינדזשיס", „פּלאַטינאָווע שאַטינקעס" פּאַרציִען דערביי אַ ביסל העכער זייערע קליידלעך, איבער די קני. אייניקע פון זיי פאַרלייגן אַ פוס אויף אַ פוס. ציִען־אויס זייערע פינגער מיט די רויט־לאַקירטע נעגל, צו די מאכלים. אין דעם מאָמענט פאַרגעסן זיי אין זייערע דיעטעס, אולקוסן, געשווירן — און מ׳עסט.

איין דאַמע פּרוּווט פאַרלייגן אַ פוס אויף אַ פוס. ערשט נאָר־וואָס האָט זי אָנגעטאָן נייע זאָקן און זי וויל זיי באַווייזן. אָבער ווען זי הייבט אונטער דעם פוס, גיט איר עפּעס אַ צופּ אין דער זייט. זעט אויס דער אישיאַס. דאָך אַנטפּלעקט זי די פאַררונדיקטע קני. זי דערפילט זיך אַ ביסל ייִנגער. מען דאַרף האַלטן פאַסאָן.

בשעתן עסן נעמט מען רעדן וועגן די קינדער און אייניקלעך. דערנאָך גייט מען אַריבער צו פּאָליטיק.

— קוקט אָן דעם „בריליאַנט" — מאַכט איינע פון די „ברונעטקעס" — דאָס איז מיין צווייט אייניקל. ס'איז אַזוי זיס, אַז איך וואָלט עס אויפגעגעסן. דאָס ערשטע איז אויך אַ מיידעלע. שאַדט נישט, קיין נדן פאַר זיי וועט מען נישט דאַרפן.

באַלד כאַפּן זיך די איבעריקע פרויען צו די טאַשן. מען נעמט פון דאָרט אַרויס פּעקלעך און אַלבאָמען מיט פאָטאָגראַפיעס און מען הייבט זיך אָן באַרימען מיט די טעכטער און אייניקלעך. אָבער דאָס עסן רייסט מען דערביי נישט איבער.

איינע נעמט באַהאַנדלען דעם מצב, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. זי זאָגט:

— איך האָב באַזוכט אַלע באַפרייטע שטחים אונדזערע. דאָס האַרץ צעגייט פאַר פרייד זעענדיק, וואָס מיר האָבן באַקומען. אָבער וואָס קומט אַרויס? מיר וועלן דאָס דען קענען איינהאַלטן? ווו האָבן מיר די מענטשן אויף דעם? ווער וועט עס באַזעצן? ווען איך בין געקומען אין לאַנד אַריין, האָב איך נישט געהאַט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. און זיי, די פון אַמעריקע און אַרגענטינע, צי פון בראַזיל ווילן, אַז מען זאָל זיי דאָ צוגרייטן פּאַלאַצן. הער אַ חוצפּה! מיר זענען דאָ געוואָרן אויסגערינן, כּדי זיי זאָלן דאָ האָבן אַלץ פון שענסטן און פון בעסטן. ווען מיר האָבן דאָ, כאָטשבי אַ זעקס־זיבן מיליאָן יידן, וואָלטן מיר זיך שוין אַן עצה געגעבן מיט די אַראַבער. אָבער אַז זיי, דאָרטן, ווילן נישט קומען! זיי דאַרפן אַ מדינה, דאַרפן זיי? אַבי זיי האָבן דעם עגל הזהב!

זי גיט אַ קרעכץ און זעצט פאָר:

— וואָס פאַר אַ יוגנט איז דאָרט אין גלות? גויים! איך וויל זיך אַליין באַרימען: מיין אוריתל איז אַ מיידל — און יענע דאָרט זענען מיידלעך. ווי נאָר מיין טעכטערל האָט פאַרענדיקט די צבא, איז זי גלייך געגאַנגען שטודירן אין אוניווערסיטעט. וואָס דען? דאָרט האָט זי זיך באַקאַנט מיט אַ סטודענט פון אַמעריקע. אין צוויי חדשים אַרום האָט מען חתונה געהאַט. איצט איז מיין אוריתל שוין אין סאַן פראַנציסקאָ. וואָס זאָל איך אייך זאָגן: אַ דירה האָט זי, אַן אויטאָ — אויף אַלע מיינע גוטע פריינד געזאָגט געוואָרן! זי איז שוין אַן אַמעריקאַנער בירגערין. זומער־צייט קלויב איך זיך פאָרן צו איר.

זי שיילט אָפּ אַ באַנאַנע, בייסט אָפּ אַ שטיקל און זאָגט ווייטער:

— איר הערט? מיין זונעלע, אַביגדורל, שטודירט אין לאָנדאָן. זעט אויס, אַז ער האָט שוין דאָרט עמעצן. זאָל אים זיין צו געזונט... אים געפעלט לאָנדאָן, געפעלט אים. וואָס זאָל איך טאָן? אַז אים איז ליב, איז מיר ניחא...

עס גייט אַוועק אַ גערעדעריי וועגן קינדער, וואָס געפינען זיך אין איטאַליע, אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך. די מאַמעס דערציילן ווי גוט עס לעבט זיך זיי דאָרט, און פירן אויס, אַז די דאָזיקע קינדער איַילן זיך נישט צוריקצוקומען אין לאַנד.

אַ „פּייערדיקע בלאָנדינקע" האָקט אַ סענדוויטש און נעמט דערציילן איר היסטאָריע:

— אַ וואָך פאַר דער מלחמה זענען מיר אַרויסגעפאָרן קיין עסטרייך. ממש מיטן לעצטן עראָפּלאַן. איר ווייסט דאָך וואָס מענטשן האָבן דעמאָלט דאָ געטראַכט: אָט באַלד קומען אַהער די אַראַבער און מען שעכט אונדז אַלע אויס. עס וועט חלילה זיין אַ צווייט אוישוויץ. נו, און אַז עס איז געשען דער נס, מיר האָבן זיך יאַקאָש אַריינבאַקומען אין עראָפּלאַן און אָפּגעפלויגן פון לוד, האָבן מיר געדאַנקט דעם רבונו־של־עולם. ווי נאָר מיר זענען אָנגעקומען קיין ווין, זענען מיר גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן: ווער ווייסט, וואָס דאָרט, אין ישראל, קומט פאָר? אָבער אין האַרצן האָבן מיר געוווּסט, אַז מיר וועלן זיגן. מיר האָבן דען אַן אַנדערע ברירה? איך זאָג אייך, עס איז אונדז נישט איינגעגאַנגען דער ווינער שניצל. און ווי נאָר די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, זענען מיר גלייך צוריקגעקומען... איר זעט די בראָשקע? דאָס האָב איך געקויפט ביי אַן אַראַבער אין יריחו. קען זיין, אַז זי שטאַמט נאָך פון רחב הזונה...

— און איך — רופט זיך אָן די „דזשינדזשי" — בין נישט קיין פּחדן. די גאַנצע צייט פון דער מלחמה בין איך געזעסן אין מיקלט — און שוין. וואָס דען? איך וועל גיין אַרויפלויפן און אַראָפּלויפן? נישט ביי זלאַטען! ווערדליק איך האָב צוגעגרייט פּראָדוקטן, האָט די מלחמה געקענט דויערן אַפילו אַ יאָר צייט... צוליב זעקס טעג וואָלט איך געשלעפּט אַזוי פיל פּעק? מילא, איך בין זיי אַלץ מוחל, אַבי ס'זאָל שוין זיין שלום. גדה־שמאַדאַ, גולן־שמאָלאַן, אַ כפּרה דאָס אַלץ, דער עיקר מיינע קינדער זאָלן נישט דאַרפן גיין נאָך אַ מאָל אין פייער אַריין. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: איך וואָלט דאָס אפשר נישט אַוועקגעגעבן, אָבער איך האָב שוין נישט

קיין נערוון. ווער האָט כּוח אויסצוהאַלטן פון די שטענדיקע מלחמות? ווי לאַנג איז דער שיעור? אַהער אָדער אַהין, אַבי אַ סוף!

— גברת „דזשינדזשי״ — נעמט אַ וואָרט איינער פון די געסט — איר זענט קעגן מלחמות? איך בין מקנא אייער מאַן. הלוואי וואָלט איך געהאַט אַזאַ גליק. „מיינע״ איז נישט אַזאַ פּאַציפיסטקע. טאָמער עפּעס, באַנוצט זי קעגן מיר דאָס מאָדערנסטע געווער. ביי איר גילט נישט קיין פייער־איבעררייס. זי פייפט אַפילו אויף דער אונ״אָ.

— הערט שוין אויף מיט דער פּאָליטיק! — פּאָרט אַריין אַ דריטע — איר ווייסט דאָך, איך האָב געהאַט צו טאָן מיט די לעבער. בין איך געגאַנגען צום פּראָפעסאָר. ער האָט מיר, דאַנקען גאָט, צוגעטראָפן. איצט פיל איך מיר שוין בעסער. אָבער מיט דער חוט־השדרה איז נאָך נישט בסדר.

— עפּעס מישט זיך מיר אין קאָפּ — רופט זיך אָן אַ „ברונעטקע״ — קען זיין, אַז מיטן בלוט איז עפּעס נישט גוט... אָבער איך האָב עס אין דר'ערד... זלאַטקע, דערלאַנג אַ שטיקל גענדזנס!...

די סעודה איז דערווייל געענדיקט. מען נעמט די „תהלימלעך״ און מען גייט „דאַווענען״. אייניקע פּרויען קיבעצן אין דער זייט פון די מענער, און אַנדערע נעמען זיך אַליין צו דער „אַרבעט״. די אַטמאָספער צעוואַרעמט זיך. מען שוויצט. אויס מלחמות, אויס אַראַבער — מען זעט נאָר די קאָרטן. מאָרגן איז שבת, קען מען איצט זיצן אַפילו ביז פּאַרטאָג. צו קיין אַרבעט דאַרף מען נישט גיין און אין שיל אַריין — אַוודאי און אַוודאי נישט. די נערוון זענען אָנגעשפּיצט, די בליקן — אָנגעשטרענגט, דאָס האַרץ קלאַפּט — מען וויל געווינען — און מען פאַרשפּילט. עס גייט נישט!... אָבער אַוועקגיין פון טיש — פּע. מען דאַרף שפּילן ביזן סוף...

און מען שפּילט.

שרה־חיה און משה כלאַצע
מיט זייערע שכנים

מחותנים

נאָך דעם ווי די מחותנים האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז די חתונה פֿון זייערע קינדער וועט פֿאָרקומען אָנהייב תּמוז, האָבן ביידע צדדים אָנגעהויבן זיך גרייטן צום גרויסן טאָג אין זייער לעבן.

די מחותּנתטע, גבֿרת דובדבני, האָט נישט געקענט אָפּרייסן זיך פֿון די נייע מחותּנים אירע — משה כלאָצע און שׂרה־חיה, זיין ווייב. זי, די גבֿרת דובדבני, האָט געהאַלטן די קלאַמקע אין דער לינקער האַנט און שטייענדיק אויסגעדרייט מיטן פּנים צום גרויסן סאַלאָן, האָט זי נישט אויפֿגעהערט שאָקלען מיט דער רעכטער האַנט היין און צוריק און ווינטשע־ווען: „נאָר אין אַ גוטער און מזלדיקער שעה רבונו־של־עולם. ס׳זאָל זיין, ווי מ׳זאָגט, מיטן רעכטן פֿוס. מיר זאָלן פֿון זיי גרויס נחת האָבן, גאָטעניו. וועמען־וועמען, אונדז קומט עס אַוודאי און אַוודאי״.

שׂרה־חיה איז געווען גערירט. די ווינטשעוואַניעס פֿון גבֿרת דובדבני האָבן זי ווייך געמאַכט און צעשמאָלצן ווי פּוטער אונטער דער זון. תּחילת האָט זי, מיט אַ ברייטן שמייכל, געשאָקלט מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ. געפּרוווט אויך עפּעס זאָגן, אָבער די גבֿרת דובדבני האָט איר נישט צוגע־לאָזט צום וואָרט. לסוף האָט שׂרה־חיה נישט געקענט זיך מער באַהערשן, האָט זי זיך מיט אַ מאָל צעכליפּעט, אַרויסגעכאַפּט פֿון דער גרויסער טאַש אַ ראָז טיכעלע און געגומען ווישן זיך די אויגן. דערביי האָט זי געמורמלט: „פֿון אייער מויל אין גאָטס אויערן, מחותּנתטע טייערע. אַזעלכע גאָלדענע קינדער... צוויי מלאָכים... אַ קלייניקייט: אַ חתונה!... אַז מ׳קען היינט פּראַ־ווען אַ חתונה — נאָך אין אַזאַ גרויסן זאַל, מיט אַזוי פֿיל הונדערטער געסט...״

— נישט קיין הונדערטער, נאָר ברוך־השם קנאַפּע טויזנט — האָט משה כלאָצע זיך אַריינגעמישט — אויף צעזעצעניש די שׂונאים. אויב יאָ פּראַווען אַ חתונה — איז מיטן גאַנצן קנאַק. איך האָב ליב ראַזמאַך און כ׳האָב פֿיינט קאַרגע מענטשן.

ביי די ווערטער האָט שׂרה־חיה אַ צי־געטאָן איר מאַן ביים אַרבל און צווישן איין שמייכעלע און דעם צווייטן; צווישן איין טרער און דער אַנדע־רער, צוגעוואָרפן, שטילערהייט, איר מאַן אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— משהניו, מאַך צו ס׳מויל. דו קענסט דאָך איר מאַן... אַ גאָלדענער מענטש... ער וועט זיך אויפהענגען פאַר אַ גראָשן... אַנגעשטאָפּט ווי אַ חזיר... זאָל נאָר זיין זונדל צעטראַסקען דאָס גלאָז... אַז צעטראַסקעט און צעזעצט זאָל ווערן דאָס פעסל פון צווייטן שטאָק... ווייסט דאָך וועמען איך מיין... משהניו, שליס שוין צו „ס׳קעסטעלע״... קענסט נאָך, חלילה, אַלץ קאַליע מאַכן.

דער גברת דובדבני איז, זעט אויס, נמאס געוואָרן צו האַלטן די קליאַמ־קע, האָט זי אַ צי געטאָן די טיר, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און געלאָזט זיך מיט איר מאַן, מיט ברוכן, גיין אַראָפּ־צו, איבער די טרעפּ, צום אַרויס־גאַנג. ווען זיי זענען צוגעקומען צו זייער אויטאָ, וואָס האָט אויף זיי, אונטן, געוואַרט, האָט די גברת דובדבני זיך אויסגעדרייט, געקוקט אויפן שיינעם בנין פון וועלכן זיי זענען אַקאָרשט אַרויס און אַ זאָג־געטאָן צו איר מאַן:

— אונדזער טעכטערל וועט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר באַ־קומען אַ גאַנץ שיינע ירושה.

אויף דעם האָט ברוך געענטפערט:

— מיך וועט נישט אַרן, אַז עס וועט זיין עפּעס ווייניקער פון הונ־דערט צוואַנציק. ווערליק דער אָ כלאָצע, צי קליאָטשע, זעט אויס, וועט ער לאַנג נישט אַנציִען. און זי, דאָס וויִב זיינע, די חיה...

— שׂרה־חיה...

— יאָ, שׂרה־חיה, איז דאָך אַזוי אויסגעדאַרט ווי אַ פּאָדעשווע. שיינע מחותּנים...

— און דיין יחוס איז אַ גרעסערער? איך ווייס דאָך יאָ.

— דערפאַר איז דיין יחוס גאָר אַ גרויסער — עפּעס אַ קליי־ניקייט — בערעלע קוראָלאָפּניקס אַ טאַכטער!

— ברוכל, הער אויף צו בעקען און לאָז שוין דעם מאָטאָר. האָסט גע־מאַכט אַ קאַריערע, מאַן מיינער. דיין טאַטע האָט געטריבן אַ פּאָר פערדלעך און דו טרייבסט אַ מאַשין. אדון דובדבני, ווי לאַנג איז דען, אַז דו האָסט געהייסן ווײַנשלזופּ?

לאָזנדיק דעם אויטאָ אין גאַנג, אויפן וועג קיין חולון, האָט ברוך דובדבני גענומען רעדן וועגן תּכלית:

— ער, דער כלאָצע צי קליאָטשע מיינט, אַז ער האָט דאָ געטראָפן יענעם נאַר... ער וויל, אַז איך זאָל דעם קודלאָטן בחורעץ זיינעם ממש אָפּ־גילטן... געטראָפן ס׳אָרט. ער קען מיך קושן דאָרט, ווו די יידן האָבן געקוש...

— האַלט זיך נישט אין גרויסן, ברוכל, — האָט זיין ווייב באַמערקט: ער כאַפּט נישט אַריין קיין גרויסע מציאה... זע, צי נישט איבער ס׳שטריקל. אויב דער קודלאָטער בחורעץ, גאָדעלע, דיין צוקונפטיק איידעמל וויל זי נעמען — דאַרפסטו אים צוצאָלן וויפל ער וויל.

— וואָס הייסט, „וויפל ער וויל?״ ער האָט זיך דאָך איינגעשפּאַרט, דער מחותן דיינער, מען זאָל איינלאַדן אַזש טויזנט געסט. ווייסט כאָטש וויפל ס׳קאָסט היינט איין פּאָרציע? אפשר פופציק פונט!

— הער, ברוך, וועדליק ס׳גייט דאָ, וועט דער נייער פינאַנס־מיניסטער סיי־ווי צונעמען ביי דיר דאָס געלט. טאָ זאָלן כאָטש די קינדער הנאה האָבן. פאַרגעס נישט — האָט פראַדעלע צוגעגעבן — אַז אַ ביסל טשעקן וועלן דאָך אויך אַריינפאַלן.

— טשעקן וועט מען טאַקע באַקומען, אָבער ווי אַזוי וועט מען דאָס מאַכן? זי, שׂרה־חיה, וועט שטיין אין איין זייט און כאַפּן טשעקן און דו וועסט שטיין אין דער צווייטער זייט און כאַפּן טשעקן. ווי אַזוי זשע וועט מען וויסן אַ חשבון?

— די טשעקן זענען דאָך פאַר די קינדער.

— אַלץ פאַר די קינדער!... וואָסי, איך צי שוין אויס די קאָפּיטעס? איך וויל נאָך אויך לעבן!

— הער אויף צו פּלאַסקען. עס וועט דיר סטייען אויף צוויי לעבנס — האָט זיין ווייב בייז אַ קוק געטאָן אויף אים.

— מען דאַרף נישט אויפרייסן די אויגן. איצט, נאָך אַזאַ ביטערער מלחמה, שאַדט נישט צו זיין אַ ביסעלע סקראָמנע. אַפילו די רעגירונג האָט שוין אָנגעהויבן שפּאָרן.

— ברוכל, דאָ איז נישט שיפּיליאָווע. דאָרט, אין דאָרף, האָסטו גע־מעגט זיין סקראָמנע. היינטיקע צייט, ווען מען גרייט שוין אַטאָם־באָמבעס, דאַרף מען אַריינכאַפּן וואָס עס לאָזט זיך און וויפל עס לאָזט זיך. ווער קען איצט וויסן וואָס מאָרגן וועט זיין? ווער קען היינט מאַכן פּלענער? קוק אָן: אונדזער דירה — אַ פּראַכט — האָט מיט זעקס יאָר צוריק געקאָסט נישט

מער ווי הונדערט טויזנט פונט. און איצט קאָסט אַזאַ דירה אפשר מער פון אַ האַלבן מיליאָן. און וויפל באַטרעפט היינט אונדזער מיגרש? מיר זענען דאָך מיליאָנערן, ברוכל. די קינדער האָבן מיר, ברוך־השם, פאַרזאָרגט מיט אַ שיינער דירה...

— ווער האָט פאַרזאָרגט? — איך!

— ווער דען דאַרף פאַרזאָרגן?

— משה כלאָצע האָט נישט געקענט צו שטייער געבן? יאָ, אַ סך געסט וועט ער אונדז יאָ געבן. ווען אַלע שפּאָרן, ווען אַלע נעמען, דאַרף איך גאָר געבן. און וועמען? ער זאָל כאַטש זיין אַ מענטש!

— זאָרג נישט, איך ווייס נישט צי דיין איידעמל וועט קענען פאַרדינען, אָבער אויסגעבן וועט ער יאָ קענען. און זיין פּריש ווייבעלע, דיין טעכטערל, וועט אים דערביי אַ סך צוהעלפן.

ווען עס איז געקומען דער גליקלעכער טאָג פון דער חתונה, ס'האָבן געשטראָמט די געסט אין גרויסן העל־באַלויכטענעם זאַל אַריין, זענען די מחותּנים געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, געסמאַטשקעט זיך מיט משפחה און קרובים — און גענומען די טשעקן. נאָך דער חופּה האָט עולם זיך אויסגעזעצט ביי לאַנגע און ביי קיילעכדיקע טישן — און גענומען „רייבן" די סעודה. נישט איינער פון די געסט האָט דערביי געטראַכט: ס'קאָסט מיר אַזוי פיל, לאָמיך אויסשלאָגן כאָטשבי אַ טייל פון די הוצאות — און מ'האָט געהאַקט די סאַלאַטן, די קיילעכדיקע חלהלעך, די פערטלען עוף מיטן אַרבעס — אויף וואָס די וועלט שטייט. דער חתן האָט בשעתן עסן געפירט זיינע אויגן איבערן זאַל און געציילט די געסט. ער האָט בערך אָפּגעשאַצט — וויפל געלט עס איז אים היינט אַריינגעפאַלן. טויזנט געסט — איז פינף הונדערט פאַרלעך. דאָס הייסט פינף הונדערט טשעקן. רעכענענדיק אַפילו, אַמווייניקסטן, פופציק פונט אַ טשעק איז אַ קימאַ־לן פון... דאָ האָט ער זיך פאַרהאַקט. עס האָט אים נישט געפּאַסט אַרויסצונעמען איצט, ביים טיש, אַ בלייפעדער פון טאַש.

אָבער אַז עס איז געקומען די גליקלעכע מינוט, די געסט זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָט חתן־כלה געאײַלט אַהיים, צו זיך אין דער נייער דירה. מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָבן זיי אַריינגעשפּאַנט אין זייער טונקל־באַלויכטענעם שלאָף־צימער. פון אונטער די רויטע אַבאַזשורן האָט זיך צעגאָסן אַ גאָלדיק ליכט. דער חתן מיט דער כלה האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון

זיך די אויבערשטע מלבושים, פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר און... גע־
נומען ציילן די טשעקן, כדי צו באַרעכענען, וויפל געלט זיי האָבן היינט
פאַרדינט...

שׂרה־חיה קלעטערט אויף מצדה...

— ווייסט, משהלע, איך האָב חשק זיך אַראָפּצוכאַפּן צו מצדה. מען זאָגט, אַז דאָס איז עפּעס אַזאַ מקום... — ממש פּלאַי־פּלאים!

— אדרבה, וואָס פאַר אַ מקום איז עס? — פרעג איך מיין שׂרה־חיה

— לאָמיך הערן פון דיר עפּעס אַ קלוג וואָרט. באַווייז אַז דו ביסט אויס־געקאָכט אין דער געאָגראַפיע פון אונדזער לאַנד.

— מצדה! — ווער האָט עס נישט געהערט פון מצדה? ער גייט מיר פרעגן, וואָס מצדה איז? דו, משהניו, הער־אויף צו פּראָוון עקזאַמענס... מיר גייט ער זאָגן וואָס מצדה איז...

— איצט איז מיר שוין אַלץ קלאָר — זאָג איך צו מיין מותקל — האָסט מיך שוין געגעבן צו פאַרשטיין... איז וואָס־זשע ווילסטו דאָרט זען?

— וואָס, מותקל, זעט מען דאָרט, וואָס? — בין איך ציעקאַווע צו וויסן.

— אַז דו וועסט זיין דאָרטן וועסטו שוין זען — משה כניאָקעלע — זאָגט צו מיר מיין ווייבעלע זיס און גיט צו: משה, דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט אַ סך צו רעדן. מיר פאָרן צו מצדה. זאָלסט שוין באַשטעלן צוויי פּלעצער.

נאָך אַזעלכע דיבורים זע איך שוין באַשיימפּערלעך, אַז מיר וועט אויסקומען שווער צו קעמפן מיט שׂרה־חיהן, זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון דאָזיקן פּלאַן, גיב איך אַ פאַר־אַריין מיט אַזעלכע דיבורים:

— שׂרהניו, דו ווייסט? — מצדה איז אַ באַרג, אויף וועלכן מען דאַרף קלעטערן ווי אויף גלייכע ווענט. איז ווי־זשע, כ׳מיין...

— גלויב מיר, אַז איך קום מיט דיר אויס, קען איך שוין קריכן אַפילו אויף גלייכע ווענט... מיר פאָרן!

— מילא, אַז דו האָסט זיך אַזוי איינגעעקשנט — איז אדרבה!

האָב איך באַשטעלט צוויי פּלעצער און יאַזדאַ, אין וועג אַריין.

אַרויספאָרנדיק פון באר־שבע גיבן זיך פאַר אונדז אַ צעלייג די וויס־

טעניש. דער שטויב נעמט קריכן דורך די פענצטער אין אויטאָבוס אַריין. שׂרה־חיהלען ווערט דושנע. זי ווישט זיך דעם שווייס און פּאַכעט מיטן פעכער. דערנאָך רופט זי זיך אָן צו מיר:

— אַ שפּאַציר האָט זיך אים פאַרגלוסט... מצדה האָט ער געוואָלט זען... און איך, נאַר, לאָז זיך אָנרעדן... ס׳דאַך אַן אמתער גיהנום... נישט אומזיסט לעבן דאָ נישט אַפילו קיין פליגן...

וואָס איז דאָ לאַנג צו ברייען? ביז איך בין אָנגעקומען צו מצדה, האָט מיך שׂרה־חיה געהאַלטן אין איין יאַדען. און זי איז דאָך גערעכט אויך: אַ מענטש מיט אַזאַ פּראָטעקציע ווי איך, זאָל דאָס נישט קענען אויספּועלן ביים רבונו־של־עולם, אַז ער זאָל אויפהערן אַזוי ברענען און בראָטן, בפרט דעמאָלט, ווען מיין ווייב פאָרט צו מצדה? וואָס פאַר אַ מאַן בין איך?...

דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָענט צום באַרג. מיר זענען אַרויסגעקראָכן און אויסגעגלייכט די ביינער. האָסט שוין געזען מצדה? — אָט האָסטו אים.

— ווען מיינסטו דאָס — האָט שׂרה־חיה אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פאַרחידושטע קוקערס — איך קען דאָ קיינעם נישט.

איך מיין מצדה, אָט דעם באַרג מיט די גלייכע ווענט. מיר וועלן באַלד נעמען קריכן אויף אים. דו זעסט, ווי די טויזנטער מענטשן פּאַכען מיט דער נשמה, אַ ליאַדע גליטש מיטן פוס — און אַדיע שׂרה־חיה... מען פליט גלייך אין גן־עדן אַריין...

— וואָס הייסט מען קריכט? — חידושט זיך מיין מותּקל — זאָלן מיינע שׂונאים קריכן אויף אַלע פיר — וואָס האָב איך דען דאָרט צו זען? אַ וויסטאַווע פון נייע פאַסאָנען? עפּעס אַ נייעם פילם? אַ קאַפע? צו וואָס זאָל איך קריכן אַהין? טפו זאָלסטו ווערן! זע נאַר, ווהין ער האָט עס מיך געבראַכט!

— כאַפּ אַ קוק, שׂרה־חיהניו, אָט קלעטערט דאָרט טעלצע די דיקע און מירקע די מכּולתניצע... און יענטעלע, מענדעלעס, שטעלט די דריבנע פיסעלעך...

— מיר גייען אויך! רופט־אויס שׂרה־חיה — אויב זיי קלעטערן, קענען מיר נישט אָפּשטיין... וואָס וועט מען זאָגן אויף מיר? קום!

מיר האָבן גענומען שטעלן פיס אויף דער שמאָלער שלאַנגען־סטעזש־קעלע, וואָס פירט צום שפּיץ פונעם באַרג. יעדער טראָט איז געווען באַגלייט מיט דער פראַגע: „נאָך וויט, משה, צום שפּיץ באַרג?... איך האָב מורא...

— הער־אויף אַזוי צו רעדן, קוק נישט אַרונטער... האַלט זיך!... אַט פליט אַ שטיין!...

מיר קלעטערן ווייטער, כאַטש די פיס ברעכט־זיך־אונטער. איך זאָג צו שׂרה־חיהלען:

— ווייסט, איך האָב דווקא ליב צו קלעטערן אויפן באַרג. אויפהייבן זיך אַלץ העכער און העכער! דאָס זעלבע אין דער פּאַרטיי. פון דער הויך זעען די מענטשן אויס ווי פליגן... מען פאַרלירט מיט זיי יעדן קאָנטאַקט... דאָס איז גוט!...

פאַר אונדז פירט מען דורך אַ גרויסע גרופּע בלינדע קינדער. זיי האַלטן זיך פאַר די הענט און ציטערן פאַר שרעק. איין מדריך * גייט פון פאָרנט און פירט זיי אַרויף־צו און דער צווייטער מדריך שטופּט זיי פון הינטן.

— וווהין שלעפּט מען דאָס די אומגליקלעכע קאַליקעס? — פרעגט מיך שׂרה־חיה.

— וואָס הייסט וווהין? מען פירט זיי ווייזן דעם באַרג, די מויערן אויבן, הורדוסעס פּאַלאַץ...

מיר קריכן, איבער דער סטעזשקע, ווי די מוראַשקעס. שׂרה־חיה גיט דערווייל אַ קוק אַראָפּ־צו און איך זע — אירע פיס ברעכן זיך אונטער. איך זעץ זי אַוועק אויף אַ שטיין, כאַפּ די וואַסער־פלאַש און באַשפּריץ זי מיט קאַלט וואַסער. זי באַקומט צוריק ס׳חיות... איך פאַרבינד איר דעם קאָפּ מיט אַ טיכל, איינגענעצט אין וואַסער. אַ שכן, וואָס גייט מיט מיר, עצהט מען זאָל איר פאַרבינדן די אויגן. „דאָס איז די בעסטע רפואה, זאָגט ער, מען זאָל קענען זען דעם באַרג. אַנדערש — נישט זי וועט אַרויף און נישט זי וועט אַראָפּ.

איך טו ווי דער שכן הייסט מיר. מיר נעמען פירן שׂרה־חיהן פאַר די הענט צוזאַמען מיט די בלינדע... עס גייט ווי אַ מזמור — ביז מיר קומען־צו צום אייזערנעם לייטער, ביים סאַמע שפּיץ. הונדערטער מענטשן שטופּן זיך אַרויף און אַנדערע הונדערטער — אַראָפּ. פּונקט ווי ביים אַריינגאַנג אין קינאָ, צום צווייטן סעאַנס... עמעצער ציט אַראָפּ דאָס טיכל פון שׂרה־חיהס אויגן. זי גיט אַ קוק ווי זי געפינט זיך און נעמט גלייך חלשן. מען בינדט זי צו מיט אַ דיקן שטריק צום לייטער און איך נעם געוואַלדעווען: יידן, ראַטעוועט! אַ העליקאָפּטער, שנעל אַ העליקאָפּטער!

---

* אינסטרוקטאָר.

ווען דער העליקאָפּטער קומט־אָן פאַל איך אויך אַוועק אין חלשות. אפשר — טראַכט איך — וועט ער מיך אויך פון דאַנען אַרויספירן... אָבער עס העלפט נישט. מען לאָזט אַראָפּ אַ שטריק, מען בינדט צו שׂרה־חיהן און איך זע, ווי זי נעמט זיך הייבן אַלץ העכער און העכער... עס ווערט מיר לייכטער אויף דער נשמה און איך קום באַלד צו זיך... מען שלעפּט מיך אַרויף אויפן שפּיץ פון מצדה. איך לאָז זיך גיין איבערן באַרג און באַטראַכט די חורבות פון די אַמאָליקע פעסטונגען, — דערביי טראַכט איך זיך: אויב איך געפין זיך דאָ, בין איך נישט קיין קלענערער העלד פון יענע גיבורים, וואָס האָבן אַמאָל דאָ געקעמפט... די איינציקע פראַגע, וואָס מאַטערט מיך איצט איז: „ווי אַזוי קריכט מען פון דאַנען אַראָפּ?"...

שוין אַ וואָך נאָכן שפּאַציר. שׂרה־חיה ליגט נאָך אַלץ אין בעט און שרייט פון היץ: „מצדה", „מצדה"... איך האָף, אַז עס וועט איר איבער־גיין. און אַז גאָט וועט העלפן, זי וועט קומען צו זיך, וועלן מיר, מירטשעם, אַרויספאָרן קיין אילת. דאָרט דאַרף מען נישט קריכן — נאָר ליגן אויפן זאַמד, אָדער פּליעסקען זיך אין די שוימענדיקע כוואַליעס.

אויף אָפּרו

אַנומלט זאָגט צו מיר מיין ליב ווייבעלע, שׂרה־חיה:

— משהניו, אויף די פיר יום־טוב־טעג וועלן מיר אַרויספאָרן קיין טבריה. באַשטעל שוין, באַצייטנס, אַ פּלאַץ פאַר אונדזערטוועגן.

— קודם־כּל — זאָג איך — האָבן מיר נאָר צוויי טעג יום־טוב. דער דריטער טאָג איז שבת. צוזאַמען, דאַכט זיך, מאַכט עס אויס — דריי. איז פון וואַנען־זשע איז ביי דיר געוואָרן פיר?

— און ערב יום־טוב איז ביי דיר נישט קיין טאָג? — חידושט זיך שׂרה־חיה. וועלכער אידיאָט אַרבעט עס דאָ ערב יום־טוב?

— איך.

— וועסטו דאָס מאָל נישט אַרבעטן — מאַכט מיין ווייבעלע — אַנשטאָט זיצן — אין משׂרד — וועסטו בעסער פאָרן קיין טבריה.

וואָס זאָל איך דאָ מאריך־זיין? איר פאַרשטייט שוין אַליין ווער עס האָט אויסגעפירט. מיינע אַלע טענות, למשל, אַז אין אַזעלכע היצן קען מען אין טבריה פּאַכען מיט דער נשמה; אַז אין אַזאַ דירה ווי מיר האָבן איז בעסער צו זיצן אין דער היים, עפענען דאָס קילונג־קעסטל און הנאה האָבן פון לעבן, אָדער אַז אויב שוין יאָ פאָרן, איז כאָטש קיין צפת אָדער מטולה — האָבן געהאָלפן אַזוי ווי אַ קאָמפּרעס פון ספּירט צו אַ צוויי־זייטיקן ברוך. שׂרה־חיה האָט זיך פאַרעקשנט: נאָר קיין טבריה. און פאַר וואָס דווקא קיין טבריה? ווייל איר חברטע פייגעלע, מיט איר מאַן דעם אינסטאַלאַטאָר, זענען אויך געפאָרן אַהין. קען זי, מיין שׂרה־חיה, נישט אָפּשטיין. מחמת אויף פייגעלען קען מען זיך פאַרלאָזן. יענע איז אַזאַ פייער, אַזאַ ברען, אַז מען קען רויִק פאַרמאַכן די אויגן און נאָכטאָן וואָס זי טוט.

נאָך מיט אַ פאָר טעג פריִער, איידער מען האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָט שׂרה־חיה געפּאַקט די טשעמאָדאַנעס, אַרויסגענומען קליידלעך, אַריינגעלייגט, צוריק אויפגעהאָנגען און ווידער אַרויסגענומען, באַטראַכט, געשפּיגלט זיך, געפרעגט ביי מיר אַ מיינונג און געטאָן, פאַרשטייט זיך,

פונקט דאָס פאַרקערטע. צום סוף איז אַלץ געווען פאַרטיק. די פיר גרויסע טשעמאָדאַנעס זענען געווען פאַרפאַקט. ערב יום־טוב האָב איך איינגעפאַקט אַלע מיינע זאַכן אין אַ פּיטשעמאָנטשיק וואַליזקעלע. און ווען שׂרה־חיה האָט זיך געפּאָרעט אין קיך האָב איך מיין וואַליזקעלע אַריינגעלייגט אין איינעם פון אירע גרויסע טשעמאָדאַנעס — און גענומען שלעפּן די פּעק אַראָפּצו, צו אונדזער „פּעזשאָ״. פאַר וואָס שלעפּן? ווייל פונקט איז קאַליע געוואָרן די עלעקטריע און די ווינדע איז געבליבן שטיין. נאָך אַ נס, וואָס שׂרה־חיה איז נאָך נישט געווען פאַרטיק, אַנדערש וואָלט זי געבליבן שטעקן אין דער ווינדע. און קען זיין, אַז דאָס וואָלט נישט געווען קיין קרומע זאַך. ווייל ווען אַזאַ נס פּאַסירט, וואָלטן מיר ביידע אויסגעמיטן אַ סך פּלאָגענישן און מאַטערנישן. אין אַזאַ צייט ווען אַ פּאָר מיליאָן מענטשן לאָזן זיך אין וועג אַריין איז שוין אַ סך, אַ סך בעסער צו זיצן אין דער ווינדע איידער אין אייגענעם אויטאָ ערגעץ אין פעלד, אונטער אַ גליִענדיקער זון וואָס שפּריצט מיט פייער.

בקיצור, איך האָב אויסגעסדרט די טשעמאָדאַנעס אונטן אין דער מאַשין און שׂרה־חיה האָט זיך אַוועקגעזעצט פון פאָרנט — אַ צעשטראַלטע מיט אַ נצחון־שמייכעלע אויף אירע ליפּן. „הייסט עס אַז מיר פאָרן דאָך קיין טבריה — האָט זי געזאָגט — תּמיד ווען דו וועסט מיר נאָר פאָלגן וועסטו קיין מאָל קיין חרטה נישט האָבן״ — האָט זי געקוקט צו מיר ווי אַמאָל, אין דער האָניק־וואָך.

איך האָב געלאָזט אין גאַנג די מאַשין און מיר האָבן „אַוועקגעפּאַטשט״ פון תּל־אביב קיין חיפה, אין דער ריכטונג פון טבריה. ווי נאָר מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון שטאָט האָב איך דערזען אַן אויטאָ־קאַראַוואַן, וואָס דער צווייטער עק זיינער האָט מסתּמא אָנגעשפּאַרט אין חדרה. די אויטאָס האָבן אויסגעזען ווי אַ געשלאָסענע קייט וואָס איז געלעגן אויף דער רעכטער זייט פון כּביש און זיך געסמאַליעט אונטער דער זון.

— איך האָב דיר שוין נישט איין מאָל געוואָרנט, אַז אַן אויטאָ מוז האָבן קילונג — האָט שׂרה־חיה געזאָגט ווישנדיק דעם שווייס פון פּנים און פונעם האַלדז. — אַז דו האָסט שוין יאָ געטוישט דעם אויטאָ, פאַר וואָס האָסטו נישט געטראַכט וועגן אַזאַ קלייניקייט ווי קילונג? אין אַזאַ כאַמסין, ווען עס פאַרשלאָגט דעם אָטעם און עס גיסט זיך פון דיר ריטש־קעסווייז דער שווייס, קען מען פאָרן אין וועג אָן קילונג? ווו איז געווען

דיין שׂכל? כ׳פיל דאָך, ווי עמעצער וואָלט מיך אַריינגעלייגט אין אַ וואַנע מיט וואַסער — און געשטיקט...

— איך האָב געוואָלט קויפן אַן אויטאָ מיט קילונג, האָט מען מיר אַריינגערוקט אַן אויטאָ מיט באַהייצונג. — האָב איך זיך געפּרוּווט פאַר־ענטפערן.

— ביסט אַזוי ווי יענער מלמד: ער איז געגאַנגען קויפן אַ ציג, האָט מען אים אַריינגערוקט אַ באָק. און דער באָק איז משה כלאַצע — מיין מאַן — האָט שׂרה־חיה גענומען זיך קאַכן.

— אין אַזאַ חמימה, טייערינקע, איז בעסער צו האַלטן פאַרמאַכט דאָס מויל, מחמת די היץ כאַפּט זיך אַריין אין דער געמבע און דער מענטש ווערט נאָך מער אָפּגעשוואַכט — גיב איך איר צו פאַרשטיין. — בפרט, זאָג איך, אַז מיר דאַרפן אַזוי שטיין כאָטשבי נאָך אַ דריי־פיר שעה אויף איין אָרט.

— פאַר וואָס איז דיר נישט איינגעפאַלן אַרויסצופאָרן ביי נאַכט אָדער מיט אַ טאָג פריִער?

— מיר איז אין גאַנצן נישט איינגעפאַלן צו פאָרן. דו האָסט געוואָלט טבריה, טאָ זיץ און פּרעגל זיך.

— איז אפשר פאָרן מיר צוריק?

— ווי אַזוי? איך קען זיך דען אַרויסבאַקומען? דער וועג איז דאָך פאַרלייגט. איצט קען מען זיך רוקן נאָר פאָרויס.

— מ׳רוקט זיך דען? מ׳שטייט דאָך אויף איין אָרט — האָט שׂרה־חיה געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטימע — גאָטעניו, איך וועל דאָ אויסגיין, אומקומען...

עס איז איבעריק צו באַשרייבן ווי אַזוי די נסיעה איז פאָרגעקומען. יעדער איינער קען זיך דאָס שוין פאָרשטעלן. איך האָב מיין שׂרה־חיהן אַראָפּגענומען אין טבריה פונעם אויטאָ אָט אַזוי, ווי מען נעמט אַראָפּ אַ געבראָטנס פון אַ הייסער פאַטעלניע. וואָס ווייזט זיך אַרויס? גאַנץ טבריה האָט אויסגעזען אַזוי ווי מען וואָלט זי ראַפּטעם אַ כאַפּ־געטאָן און אַריינ־געשליידערט אין אַ פלאַקערדיקן גיהנום. מיר האָבן מיט די לעצטע כוחות אַריינגעשלעפּט זיך אין האָטעל אַריין, געעפנט די קילונג און זיך אויסגע־צויגן אויף די בעטלעך. פון גרויס מידקייט איז שׂרה־חיה איינגעשלאָפן. איך האָב אויך צוגעמאַכט די אויגן און אַנדרימלט געוואָרן. אָט אַזוי זענען מיר אין די מלבושים אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

צומאָרגנס, ווי נאָר שׂרה־חיה האָט געעפנט די אויגן, האָט זי אָנגעהויבן רעדן:

— משה, וואָס זאָל איך דיר זאָגן: עס איז אַ גרויסער נס אַז איך לעב נאָך. נעכטן, בעת דער נסיעה, האָב איך געמיינט: שוין! דו ווערסט אַן אלמן. און אָט דער געדאַנק, אַז עפּעס אַ וויסטער שלאַק וועט מיך ירשענען, האָט מיך געגעבן כּוח איבערצוטראָגן די גרויסע היץ און איך האָב יאַקאָש אויסגעהאַלטן. איצט זיץ איך דאָ, אין צימער און ריר מיך נישט פון אָרט.

און טאַקע: אין די עטלעכע טעג זענען מיר געזעסן אין האָטעל און אָפּילו די נאָז פון דאָרט נישט אַרויסגערוקט. מוצאי־יום־טוב ביי נאַכט, ווען מיר זענען צוריקגעקומען אַהיים, האָט שׂרה־חיה זיך אָנגערופן צו מיר:

— מאָדנע, ווי מענטשן זענען דאָס פאַרנאַרישט! אויב זיצן די גאַנצע צייט אין אַ פאַרמאַכט צימער, האָבן מיר עס דאָך געקענט מאַכן אין דער היים — אין עטלעכע צימערן — געררים, באַקוועם, אָן שלעפּעניש, אָן שוויצעניש — און עס וואָלט אונדז אויך קיין געלט נישט געקאָסט. משה, ווו איז געווען דיין שׂכל? אַ מאַן ביסטו? ניין, אַ לעמעשקע. האָסט זיך געדאַרפט אָוועקשטעלן פעסט: שׂרה־חיהניו, דו ווילסט טבריה? — אָן מיר! און קען זיין, אַז דעמאָלט וואָלט איך אויך נישט געפאָרן. סיידן... סיידן מיט עמעצן וואָס האָט אַ גרויסע מאַשין — מיט קילונג...

ס׳איז איר אומעטיק

שרה־חיה איז געזעסן, ווי איר שטייגער איז, ביי דער טעלעוויזיע און זיך צוגעקוקט ווי אַ יונג פּאָרל פּירט אַ ליבע, מ׳קושט זיך, מ׳נעמט זיך אַרום און אַזוי ווייטער. איר מאַן, משה כלאַצע, איז געשטאַנען אין קיך און געוואַשן די כּלים. פּלוצלונג האָט ער דערהערט זיין ווייבס קלינגענדיק שטימעלע:

— משה, משהניו, קום אַהער, וועסטו זען ווי ווייט מען איז שוין פאַרקראַכן. טפו זאָלן זיי ווערן! אָן בושה! קום, וועסטו אָנקוקן דאָס אויסגעלאַסן פּאָרל. זע־נאָר ווי דער פּאַרשוין האָט עס זיך צוגעכאַפּט צו איר... עפּעס אַ שטיק לאָבוז, אַן אונטערוועלטניק, אַ גאָרנישט שבגאָרנישט... נאָר צו דעם טויג ער... אַ וועלט געוואָרן! און דאָס דאַרף איך צוקוקן ביי מיר אין שטוב.

— ווילסט נישט צוקוקן, ווער צווינגט דיך דען צו דעם? מאַך־צו דאָס קעסטל — און שוין. לייען אַ צייטונג, פּרעס־אויס דאָס וועש, וויש אַרום דעם שטויב. עס פעלט דען אַרבעט? מ׳דאַרף נאָר וועלן. פונעם זיצן יעדן טאָג ביי דער טעלעוויזיע, האָסטו שוין באַקומען אַזאַ „כ׳בעט דיך איבער", אַז ער גייט שוין אין פאָטעל נישט אַריין. און דווקא אין אַזאַ צייט, ווען פרויען פראַווען דיעטעס, ווערן אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט אַבי אויסצוזען ווי אַ ברעטל.

— משה־כניאַקעניו, האָסט שוין געעפנט דיין מיילעכל? ס׳שיט זיך שוין פון אים? קענסט עס צומאַכן, שפּאַן מיינער. גיי בעסער אין קיך אַריין און וויש נאָך אויס די פאַדלאָגע. זינט איך האָב אויפגעהערט אַכטונג צו געבן אויף דער עוזרת קען מען שוין אין קיך נישט אַריין. ווי קען זיין גוט, אַז דו פאָרעסט זיך דאָרט.

— חיהניו, פאַר וואָס פאָרעסטו זיך נישט אין קיך — ס׳פּאַסט דיר נישט? דיין מאַמע יאַכציע־דוואָסיע, האָט נישט געוואַשן קיין פאַלן? נישט געקאָכט קיין קרופּניק דעם מאַן אירן, מרדכי־מנשה רבקה־לאָהס? גע־

דענקסט נאָך מרדכי־מנשהן דעם לאַטוטניק? ער איז געווען דיין טאַטולעק און מיין גנעדיקער שווער — אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, און ער זאָל דאָרט עסן דעם שור־הבר מיטן לוויתן פון דיין מאַמעס געקעכץ, זי זאָל דאָרט רוען און פריען, עליה השלום. זי האָט דאָס מיר געשענקט אַ מציאה־לע, איר טעכטערל, נאָר קוויקן זיך מיט איר!...

— משהלע, האָסט חרטה אויפן שידוך? פאַרקערעווע דעם דישעל און פאָר צוריק קיין קוראָוואָליע, צו דיין טאַטן דעם האָניק־קוועטשער. ער האָט נישט געגעסן קיין קרופּניק אָבער זשאַרקאָיעלעך האָט ער יאָ ליב געהאַט. דו ביסט דאָך געראָטן אין אים — האָסט אויך ליב זשאַרקאָיעלעך. אָבער נישט ביי שׂרה־חיהן! האָסט אַ טריפהנע קישקע, ווילסט פרעסן זשאַרקאָ־יעלעך — גיי אין רעסטאָראַן, באַשטעל דאָרט — אַפילו פּעטע טשאָלנטס מיט קישקעס, געבראָטענע אינדיקעס, סטייק־פליישׂ, אייזל־פליישׂ, פערד־פליישׂ, קעמל־פליישׂ. עס פעלט דען אין לאַנד די דאָזיקע סחורה? און מיך לאָז־אָפּ. שוין גענוג, אַז איך דאַרף זיצן אין די אָוונטן און צוקוקן זיך צום דאָזיקן פּאַסקודסטווע וואָס מען ווייזט מיר דאָ.

— האָסט דאָך הנאה דערפון, שׂרה־חיהניו. ווען דו וואָלסט געווען אין אירע יאָרן, וואָלסטו אויך געטאָן דאָס זעלבע.

— אָבער נישט מיט דיר, משהניו, כ׳וואָלט מיר שוין געפונען מיינס גלייכן.

— נישטאָ קיין נאַראָנים. איין פערד איז געווען, האָט מען אים אויס־געכאַפּט.

— אַן אַלט פערד אויף צוויי פיס וואָס הייסט משה כלאָצע.

— און אַ חיה וואָס איז אַ מענטש און הייסט שׂרה.

— משהניו, שוין! לאָמיר אויפהערן. אַז נישט וועט מען זיך אָנהייבן זידלען און איך האָב פיינט מיאוסע ווערטער. דו זאָגסט, אַז איך זאָל צו־מאַכן דאָס קעסטל, וואָס־זשע זאָל איך טאָן? וואָלט איך געהאַט געזונטע נערוון, וואָלט איך גענומען אין האַנט אַריין אַ צייטונג, כ׳וואָלט געעפנט דעם ראַדיאָ. אָבער ווי נאָר מען עפנט דעם ראַדיאָ הערט מען נאָר ווי מען שיסט, ווי מ׳הרגעט. קאָאַליציעס, ווער איז אַ ייד, נייע שטייערן, מען רעדט און מען רעדט, מ׳פּלאַפּלט — נאָר משוגע צו ווערן. און אַזוי בין איך ווייניק נערוועיש? משהלע, וויפל מלחמות האָב איך שוין דורכגעמאַכט?

— אַ האַלבן טוץ — און אויב דו וועסט נאָך צוגעבן די מלחמה, וואָס דו פירסט מיט מיר, וועסטו שוין האָבן גאַנצע זיבן מלחמות.

— משה, ווער האָט דאָס אַלץ אויסגעטראַכט?

— וואָס?

— כ׳מיין, די אַלע טעכניקעס אויף צו הרגענען מענטשן, אויף משוגע צו מאַכן מענטשן. ווער דאַרף די דאָזיקע אַלע טעכניקעס? וואָס גיט מיר דאָס דאָזיקע קעסטל? איך דאַרף צוקוקן ווי זיי הליובקען זיך דאָרט? און אַזוי ווייס איך דאָס נישט? איך דאַרף מיך ביי זיי לערנען? פאַר דעם דאַרף איך צאָלן געלט? דאָס איז די היינטיקע „קולטור?"

— שׂרה־חיהניו, די וועלט גייט פאָרויס. אַמאָל האָט אַ פרוי אין די לאַנגע אָוונטן געשטריקט, געניייט, געפּרעגלט גריוון, געלייענט ביכלעך, געלאַטעט העמדער, געוואַשן און געצוואָגן די קינדער און היינט זיצסטוביים קעסטל און מ׳ווייזט דיר פילמען. מ׳רעדט צו דיר. אָט קוק־אָן יענע דאָרט, אויפן עקראַן. זי רעדט, יאָ? אָבער ווען איך וויל נישט הערן, ס׳נעמט מיר שלאָגן צו דער גאַל, גיב איך אַ דריק דאָס קנעפּל — און שוין. אויס. זי רעדט נישט מער. אָבער, אַז דו צערעדסט זיך, קען מען דיך קיין מאָל נישט אָפּשטעלן. פאַרשטייסט שוין דעם אונטערשייד?

— אַוודאי פאַרשטיי איך. ווען איך וואָלט געפּאַקט יענעם פאַרשוין, וואָס האָט אויסגעטראַכט די אַלע שמאַכטעס, וואָלט איך אים צעריסן אויף שטיקער. ווער דאַרף דאָס?

ס׳מיר סקוטשנע, משהניו. די טעלעוויזיע האָט אָפּגעשאַכטן די קאָרטן. מיט יאָרן צוריק זענען מענטשן געזעסן אין די אָוונטן און געהאַקט אַ קערטל, הנאה געהאַט פונעם לעבן. און היינט? — היינט זיצט מען טאָג און נאַכט און מ׳קוקט־אַריין אין קעסטל. וויי, וויי וואָס פון אונדז איז געוואָרן!...

ווי נעמט מען אַ דירה?

— משהלע, כ׳וויל מיט דיר רעדן.

— וואָס אַ שטייגער, למשל, ווילסטו מיט מיר רעדן?

— כ׳וויל דיר דערמאָנען, מאַן מיינער, אַז מיר האָבן אַ טאָכטער, הייסט זי רבקה.

— און איר אמא׳לע הייסט שׂרה־חיה.

— ווייסט דאָך יאָ. האָט די דאָזיקע רבקהלע אַ חבר, וואָס קומט צו איר אַריין.

— און דער חבר איז אַ בחורעץ מיט אַ לאַנגער טשופּרינע, אַ צע־כראָסטעטע העמדל, ענגע רויטע הויזן און ער פאָרט אויף אַ מאָטאָציקל. איך ווייס שטענדיק ווען ער קומט און ווען ער גייט אַוועק.

— פון וואַנען ווייסטו, ווען ער גייט אַוועק? דיין טעכטערל שליסט דאָך צו די טיר, מען זאָל איר, חלילה, קיין עין־הרע נישט געבן.

— יעדן פרימאָרגן, אַרום דריי אַ זייגער, ווען ער לאָזט דעם מאָטאָר פונעם מאָטאָציקל, וועקט־איך־מיך־אויף און כ׳קען מער נישט איינשלאָפן. דעריבער ווייס איך גענוי ווען ער געזעגנט זיך מיט דיין טעכטערל.

— משהניו, וואָס איז די נפקא מינה?

— שׂרה־חיהניו, ביי דיר איז שוין גאָרנישט קיין נפקא מינה? דו האָסט זיך אויך אַזוי אויפגעפירט?

— אַמאָל איז געווען אַן אַנדער וועלט. היינט אָבער לעבט מען פריי. מען דאַרף זיך נישט קרעמפּירן. וואָס אַרט דיר? זאָלן די קינדער הנאה האָבן. דו ווייסט דאָך יאָ: ביז מ׳האָדעוועט עס אויס אַ קינד!...

— שׂרהלע, די טבע פון דער וועלט איז, אַז קינדער האָבן נאָך קינ־דערלעך. און דיין רבקהלע, ווי איך ווייס, איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער געראָטן אין איר אמא׳לע. זי קרעמפּירט זיך אויך נישט. איז טאָמער וואָס־ווען...

— אָ, דאָס וויל איך טאַקע. האָסט געטראָפן אין סאַמע פּינטל אַריין. ווערדליק איך פאַרשטיי, האַלט עס שוין זייער ווייט...

— וואָס ? !

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן, מיינסט, אַז דאָרט, ביי רבקהלען אין צימערל, פּראָוועו זיי תּעניתים אָדער לערנען משניות ? ווען זי וואָלט זיך מיט איר חבר אַזוי געהאַלטן ווי אַמאָל איך מיט דיר פאַר דער חתונה, וואָלט דאָך קיינער צו איר נישט געקומען. זי וואָלט פאַרזעסן אין דעם גרויען צאָפּ אַריין. היינט, משהניו, מוז מען זיין העפלעך, צוגעלאָזן. און איך גיב שוין אַכטונג, אַז פון דעם אַלעמען זאָל, חלילה, נישט אַרויס־שפּרינגען עפּעס אַזוינס, מיר זאָלן דערפון צרות האָבן. די קינדער ווילן חתונה האָבן. צעעפּן־נישט אַזוי דאָס מויל. יאָ, זיי ווילן חתונה האָבן. אָט אַזוי האָט מיר רבקהלע געזאָגט. מ׳דאַרף עס מאַכן טשיק־טשאַק און שוין. מיר וועלן נישט פּראָוועו קיין גרויסע חתונות, קיין אויפנאַמעס. איך בין מוחל אונדזערע גוטע פריינד זייערע טשעקן. זאָלן זיי זיך וואַרגן מיט זיי געזונטערהייט. איך וויל נישט אויסגעבן און כ׳וויל נישט באַקומען. מ׳וועט עס מאַכן אין ראַבינאַט — און שוין.

— איז דאָך גוט. נו און אַ דירה, פּרנסה.

— וואָס שייך אַ דירה — איז ביטער. און מכּוח פּרנסה וועט מען שוין זאָרגן שפּעטער. אַ פּאָר געזונטע הענט האָט ער — זאָל ער גיין אַרבעטן. היינט פעלט נישט קיין אַרבעט.

— אַוודאי.

— וואָס איך קען אים פאַרזיכערן איז — אַז קיין קעסט וועט ער ביי אונדז נישט באַקומען.

— דאָס ווייס איך. אָבער וועגן אַ דירה דאַרף מען שוין אַ טראַכט טאָן.

— אויב ס׳האַנדלט זיך נאָר אין טראַכטן איז אונדזער רבקהלע שוין פאַרזאָרגט מיט אַ דירה. איך טראַכט שוין, שׂרה־חיהניו.

— משהניו, מאַך זיך נישט תּמעוואַטע. האָסט געוואָלט האָבן קינדער — דאַרף מען זיי פאַרזאָרגן.

— און ווער האָט מיך פאַרזאָרגט ? פון דעסטוועגן, וווינען מיר אין אַ גאַנץ שיינער דירה. האָסט שוין פאַרגעסן ? מיר זענען געקומען אַהער הויל און נאַקעט און פון דעסטוועגן האָבן מיר זיך יאַקאָש דאָראָביעט. היינט אַ דירה ? דו ווייסט וואָס דו רעדסט ? איך האָב אַ פערטל מיליאָן ?

— איז וואָס־זשע וועלן זיי טאָן — וואַלגערן זיך אויף דער גאַס ?

— זיי וועלן זיך פאַרשרייבן אויף אַ דירה פאַר יונגע פאָרלעך.

— ביז מען וועט זיי געבן אַ דירה, וועלן זיי שוין האָבן אַ האַלבן טוץ קינדער.

— איך הייס זיי דען האָבן קינדער? וואָסי, ס׳ברענט? מ׳נויט זיי פון קהל? זיי קענען נישט צוואַרטן? די גרויסע צדיקים מוזן שוין מקיים זיין די מצווה פון פריה ורביה? שוין?! דער גרויסער גערער חסיד מיט די קודלעס — דיין צוקונפטיקער איידעמל, קען אַ ביסל צוואַרטן, ער פּראַ־וועט דאָך נישט קיין תעניתים. דיין אמא׳לע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, וועט געוויס האָבן נחת וואָס איר אייניקל האָט גענומען אַזאַ תכשיט. אַלע ווייבער אין גן־עדן וועלן איר מקנא זיין...

— משהלע, געגוג געפּלאַפּלט. די פראַגע איז ווו נעמט מען אַ דירה? אַמאָל האָט אונדזער ערשטע דירה געקאָסט צווי טויזנט לירות; די צווייטע — צוועלף טויזנט; די דריטע — דרייסיק טויזנט; און די פערטע — ס׳הייסט די איצטיקע: פופציק טויזנט לירות. האָבן מיר געטוישט די דירות, גענומען משכנתאס — און פאַוואַליע אויסגעצאָלט. אָבער אַז היינט קאָסט אַ ליאַדע דירה אַ פערטל מיליאָן — טאָ פון וואַנען וועלן מיר נעמען אַזוי פיל געלט?

— ווו שטייט עס געשריבן, אַז דיין רבקהלע מוז חתונה האָבן דווקא מיט אַ יונגן בחור? דער עיקר איז דאָך — ער זאָל האָבן אַ דירה.

— דאָס קען האָבן נאָר אַ רייכער אַלמן.

— איך קען איינעם אַן אַלמן. אַזאַ יאָר אויף מיר. ער פאַררוקט אין אַרבל אַ טוץ אַזעלכע קודלאַטע בחורים ווי רבקהלעס.

— ביי מיר האָסטו געפּועלט.

— גוט. וועל איך רעדן מיט דיין טעכטערל.

ביידע האָבן זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און דערנאָך שווער אָפּגעקרעכצט.

— וואָס־זשע וועט טאַקע זיין? ווו נעמט מען אַ דירה?

איינשפּאָרונגען

— משהניו, וואָס קרעכצסטו? די געגרילטע הון האָט דיר נישט געשמעקט? דאַכט זיך, אַז דאָס פלייש איז אַזוי ווייך און ברוין, אַז סע צעגייט אין יעדן אָבר.

— נאָר וואָס? די ביינדעלעך צו דער יויך זענען נישט געווען געשמאַק? פונעם גלעזל וויסקי ביסטו נישט צופרידן? דער אַנאַנאַס אינעם קאָמפּאָט איז נישט פריש?

— מיין טייער ווייבעלע, ווער האָט צו דיר טענות? אין די בעסטע רעסטאָראַנען קאָן מען נישט באַקומען אַזאַ געשמאַקן, היימישן און באַטעמטן מיטאָג.

— וואָס־זשע קרעכצסטו?

— ווייל איך ווייס, אַז דאָס קאָסט אַזוי טייער.

— דו דערציילסט מיר וויפל דאָס קאָסט? אַ שטיקל ציבלקעלע קאָסט דאָך שוין אַ פונט. אַ זליבעדע ירקות קאָסט... ס'דען דאָ אַ פרייז? דער ירקותניק טוט דיר אַ טובה, אַז ער פאַרקויפט דיר אַ ביסל גרינצייג. און דער מכולתניק — ער וויל שוין בכלל מיט דיר נישט רעדן. ער זאָגט: „צו וואָס זאָל איך דיר פאַרקויפן היינט, פאַר דעם פרייז, אַז מאָרגן וועל איך פאַר דער סחורה קאָנען נעמען טייערער". אָבער זאָרג נישט, אויף דעם הייס איך שׂרה־חיה. איך, אַז כ'האָב נאָר געלט, קאָן איך אַלץ צוגרייטן. אויף מאָרגן קריגסטו ביי מיר אַ געבראָטנס, אַז דו וועסט זיך אַזוי פאַס־מאַקעווען, ווי דו וואָלסט געגעסן אין אַ האָטעל, אויף אַ גרויסער אויפנאַמע.

— מוחל. דאָרט קריגט מען אַ מכה אין אַ קליין טעפעלע.

— ביי מיר אָבער וועסטו, אם־ירצה־השם, קריגן אַ גוט שטיקל קישקע מיט אַ טשאָלנט דערצו.

— ביסט אַן אשת־חיל, שׂרה־חיהניו!

— אַבי דו ווייסט. אָבער זאָג מיר משהניו, ביי אַזעלכע פרייזן, ביי אַזעלכע שטייערן, ווי אַזוי וועט מען קאָנען לעבן? שאַ, האָסט געזען דאָס

אינדיק־פּלייש וואָס איך האָב איינגעהאַנדלט? און דעם ווורשט? — גאָלד און בריליאַנטן! און די אייער האָסטו געזען? אַזוי ווי פון אַ גאַנדז. איינס און איינס! צו וואָס דאַרף איך דעם מכּולתניק? — פונעם מושב ברענגט מען מיר פרישינקע אייער פאַר דעם זעלבן פּרייז. פון היינט אָן וועט מען מיר שוין ברענגען אויך מאַראַנצן און אַפילו באַנאַנעס — גלייך אין שטוב אַריין. איך וויל נישט אָנקוקן דעם פּרצוף פונעם ירקותניק. ווען איך פּרווו אויסקלייבן אַ ביסל פּאָמידאָרן עפנט ער אויף מיר אויף זיין ווערעמדיק מויל: „שׂרה־חיהניו, גברת כּלאָצע, וואָס טאַפּט איר אַזוי פיל? איר האָט דערפון הנאה? וואָס מאַכט איר קאַליע? איר ווייסט וויפל אַ פּאָמידאָרל קאָסט? גאָטעניו, זאָל איך האָבן אַזאַ שטיק גאָלד... איר ווייסט אַפּנים נישט וואָס ס׳טוט זיך היינט. פון וואַנען קומט איר — פון אַ נסיעהלע אין אויס־לאַנד?״

— וואָס נעמסטו זיך איבער, וואָס אַזאַ פּראָסטע כּלי בעלעמעטשעט דאָרט. איך האָב פיינט גראָשנדיקע קרעמערלעך.

— משהניו, ער מאַכט בעסערע געשעפטן פון דיר. דו, אַז דו וועסט דאַרפן חתונה מאַכן דיין טאָכטער וועסטו נישט האָבן קיין געלט צו קויפן פאַר איר אַ דירה. אָבער דער ירקותניק, האָט ברוך־השם באַוואָרנט זיינע צוויי טעכטערלעך מיט לוקסוס־דירות אין שיכּון בבלי. אַנדערש פּאַסט אים נישט.

— אפשר וועט דיין טעכטערל באַקומען אַ רייכן חתן?

— זי האָט דעם זעלבן מזל וואָס איר מאַמע. וואָלט מיין מאַן געווען אַ גביר, וואָלט מיין אײדעם אויך געווען אַ גביר. געלט גייט צו געלט. אָבער אַז מיר איז באַשערט געווען זיך מוטשען, האָב איך אַריינגעכאַפּט משה כּלאָצען.

— גוט. איצט וויל איך גיין אַ ביסל זיך אָפּרוען.

— נאָר דו דאַרפסט זיך אָפּרוען? עגאָיִסט! אָט בין איך שוין פון גאַנץ פרי אויף די פיס און דיר פאַלט גאָרנישט איין, אַז איך דאַרף מיך אויך „אַ ביסל אָפּרוען״. צען אַ זייגער פרי בין איך שוין געווען אויפן מאַרק און אַלץ איינגעקויפט. נאָך אַ נס וואָס רומאַ, מיין עוזרת, האָט מיר גע־האָלפן שלעפּן די פּעק אין אויטאָ און שפּעטער אין שטוב אַריין. דערנאָך בין איך געגאַנגען צו דער פריזיערקע, האָב איך מיך דאָרט ווידער אָנגע־מאַטערט אַ פּאָר שעה. געקומען פון דאָרט בין איך געלאָפן מעסטן דאָס קליידל. דיין קוזינקעלע, עטעלע האָט דאָך קומענדיקע וואָך אַ חתונה. איצט

דאָס קאָכן! איך גיי דאָך נישט אַרויס פון קיך! און אַז איך וויל מיט דיר רעדן אַ וואָרט, זאָגסטו אַז דו ביסט מיד... און ווען ביסטו נישט מיד? נאָר איך דאַרף זיין געזונט און אַלעמען באַדינען.

— וואָס־זשע ווילסטו, שׂרה־חיהניו? אַרויס מיט לשון!

— גיב אַ קוק: מיט די עטלעכע טויזנט פונט וואָס דו פאַרדינסט אַ חודש קומען מיר יאַקאָש אויס. פאַרשטייט זיך, אַז אַנדערע לעבן בעסער פון אונדז.

— ווילסט זאָגן — ערגער פון אונדז...

— וואָס קען שוין זיין ערגער? איך וועל גיין איינשפּאָרן קישקע־געלט? כ׳על מיר זשאַלעווען עסן? שוין גענוג, אַז היינטיקס יאָר זענען מיר אין ערגעץ ניט אַרויסגעפאָרן. צי עס זענען פאַראַן קבצנים, האַלע־דראַנצעס, שנאָרערס? — אַוודאי זענען זיי פאַראַן! אַז זיי האָבן אַזוי פיל קינדער, טאָ ווער קען זיי אַלץ נאָסטאַרטשען?

— ביסט גערעכט. מיר האָבן אויך געקאָנט האָבן אַ סך קינדער...

— ווער איז דאָס דער „מיר"? נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן... זע נאָר דעם גרויסן אויפטוער... משה כניאָקעלע! האָסט בלויז צוויי קינדער, זאָלן געזונט זיין, און דער קאָפּ ווערט מיר שוין אויסגעדאַרט ווי צו מאַכן זיי פאַר לייט.

— מ׳דאַרף שפּאָרן.

— פון וואָס זאָל איך שפּאָרן? אפשר וועסטו מיר זאָגן ווי אַזוי? עסן דאַרף מען? אַן אויטאָ מוז מען האָבן? אַנדערע האָבן צוויי אויטאָס — דער מאַן באַזונדער און דאָס ווייב באַזונדער. אָט האָבן מיר שוין איין מאַשין איינגעשפּאָרט. בענזין? וויפל מ׳דאַרף פאָרן — פאָרט מען — שוין! פאַר וואָס זאָלן די „אָרעמע שיכטן" — ווי מען רופט זיי — אויך נישט רוען איין מאָל אין וואָך?

— למשל?

— למשל, איין מאָל אין וואָך עסט מען נישט קיין פלייש, מ׳טרינקט נישט קיין אַראַק, קיין זיסע טיי, מ׳פרעגלט נישט קיין „טשיפּס" אויף בוימל. וואָס וואָלט זיי פּאַסירט, די „אָרעמע שיכטן"? אָט, למשל, עס איך נישט קיין ברויט, איך נעם נישט קיין פעטן מאכל אין מויל אַריין, איך טרינק טיי אָן צוקער און ברוך־השם: קוק, ווי איך זע אויס... טאָ וואָס־זשע האָבן די „אָרעמע שיכטן" געמאַכט אַזאַ טראַסק, וואָס מען האָט געהעכערט די פּרייזן פון ברויט, צוקער, בוימל און אַנדערע אַרטיקלען. זאָלן זיי

שפּאָרן! חוץ דעם, אין אַזאַ הייסן קלימאַט ווי ישׂראל איז געזינטער, אַז מען עסט וואָס ווייניקער. מ׳דאַרף נישט שטופּן אין זיך. ווו שטייט עס געשריבן, אַז יעדער איינער מוז אויפעסן צוויי אייער אַ טאָג? און איין איי איז ווייניק? אַז יעדער איינער פון אונדז וועט זיך אָפּזאָגן פון איין איי, וועלן מיר איינשפּאָרן — בלויז אין איין טאָג — 3 מיליאָן אייער! ווייניקער אַ לעפעלע צוקער — האָט איר שוין 3 מיליאָן לעפעלעך צוקער אַ טאָג! מאַך אַ חשבון, וועסטו זען, וויפל דאָס באַטרעפט, אַז איינער וועט עסן איין מוציא ברויט ווייניקער יעדן טאָג, וועט מען קאָנען ווידער איינשפּאָרן טויזנטער קילאָ ברויט! די צרה איז, וואָס דאָ האָט מען זיך איינגעוווינט צו לעבן מיט אַ ברייטער האַנט. אָט האָסטו געגעסן דעם היינטיקן מיטאָג אָן אַ שטיקעלע ברויט, נו, ביסט דען הונגעריק? אַזאַ איינער פון די „אָרעמע שיכטן” דאַרף האָבן אַ גוטע באַלעבאָסטע, וועט זי, אַפילו מיט אַזאַ קליינער סומע ווי איך, קענען פירן אַ שיינע באַלעבאַטישקייט. מיט אַ סך געלט איז דען אַ קונץ צו פּראָווען אַ שיין לעבן? מיט ווייניק געלט און מיט אַ קליינער פּרנסה גוט אויסצוקומען — דאָס דאַרף מען קענען! צו דעם דאַרף מען צוגעוווינען די משפּחות מיט אַ סך קינדער, די פּענסיאָנערן און בכלל מענטשן מיט שוואַכע פּרנסהס.

— אַ שאָד, שׂרה־חיהניו, וואָס דו ביסט נישט קיין מיניסטער...

— אויב די, ווי הייסט זי דאָרט... קאָן ווערן אַ דעפּוטאַטקע אין כּנסת, פּאַסט שוין מיר גיכער צו זיין מיניסטער. די צרה איז, וואָס איך האָב נישט קיין פּאַרטיי. גלויב מיר, ביי מיר וואָלט זיך געפירט אַ בעסערער טאָלק. איך וואָלט איינגעפירט פּריוויליקע איינשפּאָרונגען — מיט צוואַנג. ווער עס קען זיך דערלויבן — זאָל ער לעבן אַ גוטן טאָג. און ווער נישט — זאָל ער שפּאָרן. מיר האָבן דאָך אַ גאָלדן פאָלק, האָבן מיר! אָלא וואָס? — אַ מנהיג פעלט אונדז. ווען מיר האָבן איצט אַזאַ איינעם ווי למשל, משה רבינו, עליו השלום, מיט זיין שטעקן — וואָלטן מיר דאָך געלאָכט פון דער וועלט. אָבער ווו איז ער?

פאָרן — אַרויספאָרן

משה, מאַך־צו ס׳געשעפט, זאָג אָפּ די אָנגעשטעלטע, צאָל־אויס די אַרבעטער וויפל ס׳קומט זיי, נעם ס׳ווייב און יאַזדאַ אין דער ברייטער וועלט אַריין.

אַזוי האָט שׂרה־חיה געזאָגט, איין מאָל אין אַן אָוונט, צו איר מאַן משה כלאַצע.

— שׂרה־חיהניו, דו, אַזאַ אַלטע ציוניסטקע, ווילסט פלוצלונג פאַרלאָזן דאָס לאַנד? ווערן אַ יורדקע? וואָס האָט פּאַסירט?

— איך זאָל ווערן אַ יורדקע? נישט דערלעבן זאָל דאָס די גברת שחורי. דאָס שיינע פּנימל אירס, וואָס האָט שוין אַדורכגעמאַכט דריי פּלאַס־טישע אָפּעראַציעס, זאָל זיך איר שטעלן פּאָפּעריק, רבונו־של־עולם.

— וואָס האָסטו צו דער גברת שחורי? דווקא אַ לייטיש ווייבל, וואָס האָט שׂכל זייער אָפּט זיך איבערצוניצעווען. זי מאַכט איבער־זיך אַ שטיקל רעמאָנט — און איז תמיד יונג.

— נאָר אַזעלכע טפּשים ווי דו קען מען אָפּנאַרן. זי האָט דאָך אַ פּנים ווי אַ געדרוטעוועט טעפּל. און ביי דיר הייסט עס, אַז זי איז שיין. מירעלע שחורי — אויך מיר אַ מענטש; ס׳דאַ פון ווּעמען צו רעדן! נאָר דאָס ציג־געלע דרייט זיך ביי איר ווי אַ קאַטערינקע. אַז איבערדרייען זאָלן זיך ביי מיינע שׂונאים, די קישקעס אין בויך. מיינסט, משה, אַז איך האָב עפּעס צו איר? חס וחלילה! פון דעסטוועגן, ווען איך וואָלט נישט מורא געהאָט פאַר גאָט, וואָלט איך איר געווונטשן, אַז ווי נאָר זי וועט זיך זעצן צום רעדל און אָנהייבן טרייבן איר מאַשין, זאָל דער גלאַנציקער „שעווראָלעט״ אירער זיך איבערקערן צען מאָל און אויפן עלפטן מאָל זאָל ער איר אַזוי צעקנייטשן דאָס פּנים, אַז קיין שום פּלאַסטישע אָפּעראַציעס זאָלן איר מער נישט קענען העלפן.

— פאַר וואָס שעלטסטו זי? זי האָט דיר אַן עוולה געטאָן? באַליידיקט?

— מיך באַליידיקט? ווען זי זאָגט מיר אַ קרום וואָרט, וואָלט איך איר אויסגעדראַפּעט די קוקערס. הערסט: מיך באַליידיקן!...

— פּאַרוואָס־זשע ביסטו אויף איר אין כּעס?

— איך אין כּעס? פּאַר מיינעטוועגן מעג זי אַפילו צעזעצט ווערן. מיר אַרט נאָר, אַז ווען זי טרעפט מיך, זאָגט זי צו מיר: שלום, גבֿרת כלאַצע, אפשר דאַרפט איר אין שטאָט אַריין? איך פאָר מיט מיין מאַשין. זינט מיין מאַן האָט מיר געקויפט דעם נייעם „שעווראָלעט" האָב איך שוין פאַרגעסן ווי אַזוי מען גייט צופוס... ווי קענט איר, פרוי כלאַצע — זאָגט זי ווייטער צו מיר — אויסקומען אָן אַן אויטאָ? ווי קענט איר פאָרן אין אויטאָבוס אין אַזאַ פאַרנאָטע? מען קען דאָך אויסגיין פון דער חמימה... וואָסי, איר קענט זיך נישט דערלויבן צו קויפן אַ „פּריוועט"?

— זייער שיין פון איר זייט.

— ביי דיר איז זי תּמיד גערעכט. אָבער ווען דו וואָלסט אָנגעקוקט איר שמייכעלע אויף די געפאַרבטע ליפּעלעך, ווען זי האָט געזאָגט: „איר קענט זיך נישט אויסלערנען פירן אַ מאַשין? שאַדט נישט. אַפילו אַ בער קען מען אויסלערנען טאַנצן"... וואָס מיינסטו וויל זי? זי ווייסט דאָך יאָ, אַז איך בין אפשר אַ צען מאָל געגאַנגען צום טעסט — און דורכגעפאַלן. איז דערפאַר דאַרף זי מיר נעמען די לעבער? וואָס האָב איך דאָ חוטא בעגל געווען? מיין מאַמע האָט געטריבן אַ מאַשין? מיין טאַטע האָט געטריבן אַ מאַשין? אַ פערדל האָט ער יאָ געטריבן. איך, אָבער, דאַרף דאָך נישט טרייבן קיין פערד נאָר אַ „פאָרד", טאָ פון וואַנען זאָל איך דאָס קענען? איך מוז דיר זאָגן, משה, אַז אַזוי פאָר איך דווקא זייער גוט. אָבער ווען איך דערזע אַנטקעגן אַן אויטאָ, דאַכט זיך מיר, אַז ער פאָרט אויף מיר אַרויף. דענסטמאָל דערשרעק איך מיך און איך שטעל גלייך אָפּ די מאַשין. אַז נישט, וואָלט איך אויף עמעצן אַרויפגעפאָרן. פון דעסטוועגן, ווען איך וואָלט געווען אַ ביסל יינגער, וואָלט איך אָנגעטאָן אַ קורץ קליי־דעלע ביזן „כ׳בעט דיך איבער", מיט אַ נאַקעטער פּלייצע, וואָלט דער טעסטער נישט געקוקט ווי אַזוי איך פאָר. ער וואָלט געקוקט אויף מיר. און גלויב מיר, איך וואָלט גלייך אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען — נישט ערגער ווי די גבֿרת שחורי.

— ביסטו דאָך אָבער נישט.

— מילא, איך בין טאַקע נישט, אָבער וואָס ביסטו? אַן אַנדער מאַן האָט אַ שטיקל פּראָטעקציע. גלויב מיר, מען דאַרף נישט קענען פאָרן. מען דאַרף נאָר האָבן די „ליַיסענס". דערנאָך פאָרט־מען־זיך אַיין. פון די אַלע וואָס טרייבן אויטאָס, ווייסט אַ העלפט נישט מיט וואָס מען עסט עס.

והראיה: וויפל געהרגעטע פון קאַטאַסטראָפעס זענען דאָ אַ יאָר? דעריבער פּאַרדריסט מיר אויף דער גברת שחורי. מיינסט, אַז זי איז אַ גרעסערע מורה־מורינו פון מיר? און זי טרייבט... אַז טרייבן זאָל פון איר דאָס פּאַראַיאַריקע עסן, רבונו־של־עולם.

— הערסט דאָך — גיט שׂרה־חיה צו — אַנומלט טרעפן מיר זיך ביי דער פריזיערקע. רעדט מען אַזוי. דערציילט זי מיר, אַז זי וווינט אין דער שענסטער געגנט, אין צפון פון תל־אביב. און שטיל איז דאָרט, זאָגט זי, אַזוי ווי אין אַן אויער. הייס איך דאָך אָבער שׂרה־חיה, זאָג איך צו איר: ווי אַזוי קען דאָרט זיין שטיל אַזוי ווי אין אַן אויער, אַז נישט ווייט פון אייך געפינט זיך אַ שולע מיט אַ פּאָר טויזנט תלמידים? ווערט זי ביי זיך דווקא נישט געפאַלן און גיט מיר אַ זאָג: ווען איר האָט אַזאַ שולע נעבן זיך, וואָלט ביי אייך אויך געווען שטיל. עס איז — מאַכט זי מיט אַ שמייכעלע — אַ שולע פון טויב־שטומע קינדער, נישט פאַר אונדז געדאַכט.

בלייב איך איר אויך נישט שולדיק און איך דערצייל איר, אַז מיינע אַ חברטע וווינט אין אַ געגנט ווו עס איז נאָך שטילער. איר הויז, זאָג איך, געפינט זיך נישט ווייט פונעם בית־עולם אין חולון.

— שׂרה־חיהניו, דו האָסט אָנגעהויבן מיט פאָרן און דו ביסט גאָר אַרויפגעפאָרן אויף דער גברת שחורי. וואָס האָסטו געמיינט דערמיט?

— איך האָב געמיינט — גיט שׂרה־חיה צו פאַרשטיין — אַז אויב איך קען נישט פאָרן דאָ, טאָ לאָמיר פאָרן דאָרט — אין אויסלאַנד.

— צו וואָס?

— וואָס הייסט צו וואָס? דו ווייסט דען נישט וואָס עס טוט זיך אין דאָזיקן לענדעלע? זינט די פרייזן האָבן דאָ אָנגעהויבן שטייגן... ווי רופט מען דאָס אויף דעם אינטעליגענטן לשון? אינפלאַציע?

— יאָ.

— בקיצור, זינט די דאָזיקע אינפלאַציע האָט אָנגעהויבן בושעווען, האָט מען דאָ אָנגעהויבן מאַכן גאָלדענע געשעפטן. דאַרפסט גאָרנישט טאָן און דיין פאַרמעגן וואַקסט פון טאָג צו טאָג. דער מאַן פון דער גברת שחורי איז געוואָרן אַ מיליאָנער. וואָס מיינסטו האָט ער געטאָן? ער האָט געקויפט עטלעכע דירות און אַ פּאָר מגרשים. אין אַ קורץ שטיקל צייט אַרום, זענען די פרייזן פון דירות און מגרשים אונטערגעשפּרונגען ביזן הימל. מען זאָגט, אַז אַ גרויסע דירה אויפן צפון קאָסט שוין קרוב אַ מיליאָן! דו הערסט, משה, וואָס איך רעד צו דיר? — אַ מיליאָן! איז מיר איינגעפאַלן אַזאַ מין

גערדאַנק: מיר וועלן אַרויספאָרן אויף אַ האַלב יאָר — אַ יאָר קיין אַמעריקע אָדער קאַנאַדע — צי מיר וועלן גאָר מאַכן אַ רייזע איבער דער וועלט — און ווען מיר וועלן צוריקקומען, וועט אונדזער פאַרמעגן ווערט זיין מיליאָנען. דו פאַרשטייסט וואָס איך רעד צו דיר? איז צו וואָס דאַרפסטו נאָך אַרבעטן, דרייען זיך דעם קאָפּ, האַלטן מענטשן, צאָלן זיי געלט, אַז מען דאַרף גאָרנישט טאָן און דאָס פאַרמעגן וואַקסט ווי אויף הייוון. משהניו, ווען מיר וועלן, אין אַ צייט אַרום צוריקקומען קיין ישׂראל, וועלן מיר דאָך זיין מיליאָנערן. חוץ דעם, משהניו, וועלן מיר אויסמיידן אַ פּאָר מלחמות מיט די אַראַבער. מחמת, פריִער אָדער שפּעטער וועט מען זיך דאָ ווידער שלאָגן. מען האַלט דאָך אין איין רעדן דערפון. אמת טאַקע, אונדזערע מנהיגים האָבן ליב צו פּלאַפּלען, אָבער ווי זאָגט מען דאָס: אַז מען קלינגט אין קלויסטער — איז חגא. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת: איך קען נישט פאַרליידן דאָס טראָמביען פון דער סירענע וואָס מאַכט אָן אַ טרעוואָגע. איך האָב שוואַכע נערוון. זינט דער לעצטער מלחמה אין יום הקדוש, פּייפט מיר נאָך אַלץ אין די אויערן. אויב מען מוז שוין יאָ מאַכן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק מלחמות, טאָ זאָל מען כאָטש נישט טראָמביען. משהניו, וואָס שווייגסטו?

— איך שווייג, ווייל איך טראַכט וועגן דעם, וואָס דו האָסט מיר דאָ געזאָגט. כ׳לעבן, נישט קיין קרומער געדאַנק. גיי ווייס, אַז מיין שׂרה־חיה וועט האָבן אַזאַ איינפאַל. דאַכט זיך, אַז דאָ שניידט זיך אַ צווייטע גאָלדע... מותקל, עס קען טאַקע זיין, אַז מיר וועלן פאָרן.

„סטרעאַ"

תמיד, ווען מיין ידיד משה כלאַצע געפינט זיך אין עפּעס אַ צרה, קומט ער צו מיר כּדי אָראָפּרעדן זיך פון האַרצן. דאָס מאָל איז ער געקומען מיט זיין ווייב שׂרה־חיה אין אַ הייסן און פּייכטן אָוונט. צוערשט איז אַריינגעקומען זיין פלוניתטע און דערנאָך ער, משה כלאַצע. זי האָט מיר דערלאַנגט דעם „בעזים" גלאַדיאָלן איינגעפּאַקט אין אַ דינעם פּאַפּיר און דערביי אַ פרעג־געטאָן: „און ווו איז זיסעלע?" און ער, משה, האָט צוערשט אָפּגעווישט, מיט אַ טונקל נאָזטיכל, זיין שטערן און דעם האַלדז און דערנאָך האָט ער מיר דערלאַנגט אַ פאַרשוויצטע האַנט, זאָגנדיק:

— מענדעלע, שוין בעסער צו זיצן אין סיביר אײדער דאָ, אין די דאָזיקע היצן. כ׳בין אַזוי נאַס, כאָטש נעם און קוועטש מיך אויס. משה רבינו האָט עס אונדז געגעבן אַ לענדעלע — ממש אַ מחיה!

און שׂרה־חיה האָט צוגעגעבן:

— נו, יאָ, ער אַליין איז געבליבן אין אויסלאַנד, אין די בערג. אײַ, איז ער געווען אַ חכם! און מיר מוזן זיך דאָ פּאַרען אין דער חמימה.

משה כלאַצע איז אַריין אין גרויסן סאַלאָן, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברייטן, לעדערנעם פאָטעל און אָפּגעקרעכצט:

— מילא, לאָמיר זיך שוין אַזוי פּאַרען ביז הונדערט און צוואַנציק. אַמאָל, אין שטעטל, האָבן מיר געשריגן, אַז עס איז קאַלט, מען ווערט דערפרוירן און דאָ קלאָגט מען, אַז עס איז צו־הייס. דער מענטש איז קיין מאָל נישט צופרידן. צוליב וואָס זענען יידן געלאָפן קיין אַמעריקע? כּדי צו שאַרן גאָלד. יידן האָבן אַ ניוד. פאַרלאָז זיך אויף זיי. און אויב זיי זענען אַמאָל געלאָפן קיין ארץ־ישׂראל, איז זיכער דערפאַר, אַז מען האָט דאָ געקענט מאַכן גוטע געשעפטן. אײַ, דער קלימאַט? קען זיין, אַז ער האָט זיך געענדערט. ווען דאָ וואָלט טאַקע געווען אַזוי הייס ווי איצט, וואָלטן יידן נישט געקומען אַהער. מען האָט דאָך, פריִער, געשיקט שליחים. נו, האָבן

זיי דען נישט דערציילט ווי אַזוי מענטשן לעבן דאָ? וואָס פאַר אַ לאַנד דאָ איז?

— ווי האָבן די שליחים געקענט דאָ עפּעס זען, אַז ווי נאָר זיי זענען אָנגעקומען קיין יריחו האָבן זיי, קודם־כּל, זיך אַריינגעכאַפּט אין „פריילעכן הײַזל", צו רחב הזונה — האָט שׂרה־חיה אַ זאָג געטאָן, וואַרפנדיק אַ שאַרפן בליק אויף איר מאַן, משה כלאָצע.

— מענדעלע, האָסט עפּעס אַ קאַלטן טרונק? — טאָ זיי אַזוי גוט און ברענג אים אַהער. איך האָב אַ טבע, אַז איך וואַרט נישט מען זאָל מיך בעטן. דאָקטוירים זאָגן, אַז ווען מען שוויצט דאַרף מען אַ סך טרינקען. זיסעלע, דערלאַנג עפּעס אַ קאַלטס און אַ גוטס. וואָרום ביז דיין מאַן וועט זיך רירן, וועל איך אויסגיין פון דורשט — האָט משה געזאָגט הויך, אויפן קול, אַז די באַלעבאָסטע זאָל הערן, ווייל זי האָט זיך אין דעם מאָמענט געפּאָרעט אין קיך.

נאָך דעם ווי זיסעלע האָט אָוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ סיפאָן מיט סאָדע־וואַסער און אַ טעלער מיט קיכעלעך — האָט משה כלאָצע אָנגעפילט אַ גלאָז וואַסער און מיט אַ מאָל זי אויסגעליידיקט. דערנאָך האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע גרויסע ביר־אויגן און צו מיר אַזוי געזאָגט:

— וועסט דאָך פרעגן, מענדעלע, וואָס פאַר אַ גוטס האָט אונדז געבראַכט צו דיר אין אַ פּראָסטן מיטוואָך? — וועל איך דיר אויף דעם ענטפערן: ווען עס איז אָנגעזאַליעט אויפן האַרצן — צו וועמען קומט מען? — צו אַ פריינד. אמת טאַקע, איך ווייס, אַז דו קענסט מיר העלפן בלויז קרעכצן, פון דעסטוועגן ווערט לייכטער, אַז מען רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן.

— וואָס־זשע קוועלט דיר משהניו, האָב איך אים געפרעגט, דערצייל!

— מענדעלע עס איז ביטער — האָט ער שווער אַ קרעכץ־געטאָן — ווי דו קוקסט מיך אָן, בין איך אַ מענטש, וואָס האָב ליב רו. דער רעש, דער טומל, מאַכט מיך משוגע. שטעל זיך פאָר, אַז ביי דיר אין שטוב געפינט זיך אַ מאַשין וואָס אַרבעט, אָן אַ פּערעדישקע, כּמעט פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. וועסטו אויסהאַלטן? זעסט דאָך, און איך האַלט יאָ אויס. מיין שׂרה־חיהניו, אַ געזונט אין איר, אַרבעט — מיט דער צונג מיין איך — אין פולן טעמפּאָ — זי שטרייקט נישט, זי פאַרלאַנגזאַמט נישט — זי פאָרט, ברוך־השם, ווי אויף פּוטער. איז דאָך געגוג, האָ? ניין! איז נאָך דאָ אַ מעשׂה מיט שכנים.

לעצטנס איז געוואָרן אַ מאָדע, אַז יונגע בחורים שטעלן־אַריין אין

זייערע דירות כּל־מיני אַפּאַראַטן וואָס זיי רופן אָן „סטערעאָ". דאָס איז אַזאַ מין חולאַת, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יוגנט. ווי נאָר זיי גיבן אָן עפן־אויף דעם „סטערעאָ", דערהערן זיך אַזעלכע מיתה־משונהדיקע קולות ווי צענד־ליקער בהמות וואָלטן געריוועט — מיט איין מאָל. אָפט מאָל דאַכט זיך מיר, אַז קעץ מיאַוקען און הינט האַווקען, שאַקאַלן וואָיען. און אַלץ — אויף די העכסטע טענער. מענדעלע, אַז אויב איך בין נאָך, ביז איצט, נישט אַראָפּ פון זינען פון דעם „סטערעאָ" — בין איך שטאַרקער פון אייזן. אָבער ווי לאַנג קען איך דאָס אויסהאַלטן? איך בין דאָך נישט מער ווי אַ מענטש. און אַמאָל דאָס אויך נישט...

— אַבי דו ווייסט כאָטש — האָט שׂרה־חיה באַמערקט.

— דאָס נעמלעכע פון מיר צו הערן — איז משה כּלאָצע נישט געבליבן שולדיק — בקיצור, איך האָב געפילט, אַז איך ווער משוגע, און אַ ליאַדע טאָג וועט מען קומען און מען וועט מיך אַוועקפירן אין אַ משוגעים־הויז. בין איך אַוועק צו מיינע שכנים און געמאַכט אַ געוואַלד: איך קען נישט מער! אויב איר וועט נישט איינשטילן אייער „סטערעאָ", וועל איך גיין צו דער פּאָליציי, צו דער עיריה, צום פּרעמיער־מיניסטער אַליין, און אַפילו צום געריכט. הערט־אויף צו רעווען, ווייל איך גיי אַראָפּ פון זינען.

זאָגן זיי צו מיר, די שכנים:

— סטערעאָ־מוזיק באַרויִקט די נערוון. וואָס העכער די קולות, אַלץ גרעסער איז די גייסטיקע הנאה. זיי דערוועקן זיסע, באַהאַלטענע פאַרלאַנ־גען. און אויב דאָס ווירקט אויף אייך שלעכט — זאָגן זיי — טאָ זוכט אייך, שכן־לעבן, אַן אַנדער דירה, ערגעץ אין נגב.

האָב איך זיי געענטפערט:

— אויב איר האָט הנאה פון אַזאַ מוזיק, וואָס לעכערט דעם מוח און צופּט די נערוון; אַ מוזיק, ווו מענטשן זינגען נישט, נאָר רעווען — טאָ גייט איר אין דזשונגל, דאָרט וועט אייך קיינער נישט שטערן, און איך וועל פאַרבלייבן אין תּל־אביב.

מיינסטו, אַז עס האָט עפּעס געהאָלפן? — אַ נעכטיקער טאָג. וואָס־זשע האָב איך געטאָן? איך בין געגאַנגען און געקויפט צוויי „מזגנים" — קילונגס־אַפּאַראַטן. נאָכן אַריינשטעלן זיי האָב איך פאַרמאַכט אַלע פענצ־טער. דעם „סטערעאָ" האָב איך מער נישט געהערט, נאָר בלויז דעם רעש פון די קילונגס־אַפּאַראַטן. מילא, צום דאָזיקן רעש קען מען זיך צוגעוווינען. בפרט, אַז אין שטוב איז קאַלט און מען שוויצט נישט. און דאָ קומט ערשט

די ריכטיקע צרה — זאָגט מיין ידיד משה כלאָצע — ווי נאָר מיינע קילונגס־אַפּאַראַטן האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן זענען די שכנים געקומען צו לויפן מיט אַ ויצעקו: דער רעש פון די קילונגס־אַפּאַראַטן — האָבן זיי געטענהט — שטערט זיי צו הערן די „סטערעאָ״־מוזיק. און אויב איך וועל נאָך אַ מאָל לאָזן זיי אין גאַנג — האָבן זיי מיר געדראָט — וועלן זיי צעברעכן די אַפּאַראַטן אַפילו ווען זיי זאָלן דאַרפן גיין זיצן, אַ סך יאָרן, אין תפיסה.

און משה כלאָצע האָט אויסגעשטרעקט צו מיר זיינע הענט מיט אַ געבעט: — מענדעלע, גיב מיר אַן עצה, וואָס זאָל איך איצט טאָן?

אַ מאָדנער חלום

„די געשיכטע פון דער דאָזיקער מעשׂה איז אַזאַ מין היסטאָריע" — אַזוי זאָגט צו מיר מיין שכן פיניע ציפּע־זלאַטקעס, און ער גיט־צו מיט היץ:

הער, אייזיקל, אַז איך וועל דיר דערציילן די מעשׂה נוֹרא, וועלן זיך דיר די האָר שטעלן קאַפּויער. אַ שאָד נאָר, וואָס דו האָסט אַזאַ גרויסן פּליך. נאָך אַ נס וואָס מיין ציפּע־זלאַטקעלע ווייסט נישט דערפון, אַז נישט וואָלט זי מיך משלח געווען פון שטוב.

אייזיקל — זאָגט ער — דו ווייסט, אַז איך בין געווען אין רוסלאַנד אין דער צייט פון היטלערן? — ימח שמוֹ וזכרוֹ זאָל ער ווערן. נו, וואָס איז דאָ צו רעדן. איך בין געווען יונג, געזונט — און הונגעריק. נו, האָב איך מיך דאָרט, אין פאַרוואָרפן דערפל, זיך באַקאַנט מיט אַ מיידל — נינאַ איוואַנאָוונאַ האָט זי געהייסן. מילא, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? דאָס איז געווען אַ חתיכה, אַ שטיקל סחורה! אַז איך דערמאָן זיך היינט ווי זי האָט אויסגעזען, און ווי אַזוי עס זעט איצט אויס, להבדיל, מיין ציפּע־זלאַטקע, ווערט מיר קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. דאָס איז אַזאַ פאַרגלייך, ווי למשל, צווישן דער זון און דער לבנה. אָבער ווייסט דאָך: פאַראַן אַזעלכע, וואָס פליִען צו דער לבנה, כאָטש עס איז דאָרטן נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. בייטאָג, זאָגט מען, ווערט מען פאַרברענט פון דער היץ, און ביינאַכט ווערט מען געפרוירן פון קעלט. און איך, ווייסט דאָך, בין אויך געפלויגן... אָבער לאָמיר אָפּלאָזן ציפּע־זלאַטקען און זיך נעמען צו נינאַ איוואַנאָוונאַ. וויפל איז שוין דאָ, אַז איך בין אַנטלאָפן פונעם רויטן גן־עדן? — אַ קימא לן פון אַ יאָר דרייסיק. און דאָ, פלוצלונג, היינטיקע וואָך, ביינאַכט, גיט זיך צו מיר אַ יאָוועֶ־אַראָפּ נינאַ, פונעם וויטן קאַזאַכסטאַן — אָט אַזאַ ווי זי איז געווען אַמאָל. ממש בלוט און מילך. און ווי נאָר זי האָט זיך באַוויזן ביי מיר אין שטוב, איז גלייך געוואָרן אויס נאַכט. די זון האָט זיך צעשיינט מיט טויזנטער חנען און אַ ריח פון בעז און זשיוויצע האָט אָנגעפילט דאָס צימער. זי האָט געטראָגן אַ געבלימט סיצן קליידל, דווקא נישט קיין

מיני, נאָר אַ מידי. די האָר אירע, די בלאָנדע, זענען געווען צעשאָטן, ווי פריש היי, איבער איר נאַקן. זי האָט זיס געשמייכלט צו מיר, באַווייזנדיק דערביי אירע בלענדנד־ווייסע ציין ווי צווויי שנירלעך איידל־געשליפענע פּערל: „פּעטיאַ" — זאָגט זי (דאָרט, אין רוסלאַנד, האָט מען מיך אַזוי גערופן) — „שוין דרייסיק יאָר וויל איך זיך „קרעסטשען" און ווערן אַ יעווריעיקע און די „ראַווינעס", די רבנים דיינע, דערלאָזן נישט צו דעם. פאַרוואָס? קוק מיך אָן: וועל איך דיר דען נישט קענען ברענגען קיין געזונטע קינדער, קיין בראַווע סאָלדאַטן, וואָס זאָלן זיך קענען שלאָגן מיט די אַראַבער? דו ווייסט וועלכע טאַנקיסטן און וואָס פאַר אַ „ליאָטשיקעס" פון מיר וועלן אַרויסקומען, טשאָרט וואָזמי?! דו דאַרפסט נאָר זאָגן, דעם „ראַווין", דיינעם, אַז דרייסיק יאָר איז שוין גענוג צו שלעפּן מיין ספּראַווע. זאָל ער מיך אָפּשווענצלען מיטן הייליקן וואַסער פון דער מקווה, און לאָמיך שוין קענען גיין אין דער יידישער צערקווע זיך מאָליען, אַזוי ווי אַלע יעווריעיסקע ווייבער. פּעטיאַ, זאָג: אַ „מוזשיק", אַ מאַן ביסטו, אָדער אַ צעקראָכענע „זשענשטשינע"? וואָס שוויגסטו, ווען מען צאַפּט אַזוי דאָס בלוט פון דיין נינען? איך קען דאָך שוין אַלע יעווריעיסקע זאַקאָנעס: אין די שבתים צינדן ליכט; אָפּשערן זיך די האָר און טראָגן אַ פּאַרוק; זאָגן יעדן פרימאָרגן „כל נדרי"... עסן פריִער פלייש און דערנאָך מילך; נישט אויסלעשן די עלעקטריע, די טעלעוויזיע און דעם ראַדיאָ אין די שבת־טעג; ווען די שטוב וועט ברענען, זאָל מען נישט אויסלעשן די שׂריפה — אויב דאָס פייער ברעכט־אויס אום שבת — אַלע „זאַקאָנעס" קען איך אויף אויסנווייניק. העברעיִש רעד איך בעסער פון דיר און קיין „אָברעזאַניע"* דאַרף מען מיר אויך נישט מאַכן. איז ווען וועל איך זיין אַ פאָלנע יעווריעיקע — נאָכן טויט? פּעטיאַ — זאָגט זי — טו עפּעס!"

אירע רייד האָבן זיך געגאָסן ווי שטיקער הייסע בליי אויף מיין האַרצן — זעצט פאָר פיניע זיין סיפּור המעשׂה — איך האָב באַמערקט, ווי פון נינאָס שיינע, שוואַרצע אויגן, רינען פּערלדיקע טרערן. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכער רציחה און אַ געשריי־געטאָן:

„נינאָטשקאַ, איך וועל עס מאַכן, איך! זיי רויִק. וויין נישט. יעדע טרער דיינע, איז ווי אַ שטאָך אין מיין לייַב. ס'דאָ אַן עצה. איך וועל אַזוי טאָן ווי מען טוט אין דרום־אַמעריקע. פאַרלאָז זיך אויף מיר, נינאָטשקאַ".

---

* ברית־מילה.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט פּיניע אַזש אַ ציטער געטאָן פון גרויס איבערלעבונג און ער האָט ממשיך געווען:

„איך האָב מיך אויפגעהויבן און אַוועק אין ראַבינאַט.

„דרייסיק יאָר שלעפּט איר שוין דעם גיור פון מיין פרוי, פון נינאַ איוואַנאָוונאַ — האָב איך געקלאַפּט אין טיש — ווי לאַנג נאָך וועט איר אַזוי אָפּשלעפּן, פרעג איך אייך?!"

„ר' ייד, מאַכט נישט קיין טומל, דאָ איז נישט קיין בית־מדרש", דאָ איז אַ משׂרד — האָט דער רב מיך געוואָרנט — כ'על באַלד הייסן דעם שמש — זעסט, אָט דעם אָ, מיט די קנעפּלעך, וועט ער דיך באַלד אַרויספירן בכבוד גדול. דאָ פּסקנט מען אַלץ לויט דער הלכה. אַ שיקסע איז אַ שיקסע, און אַ גויע איז אַ גויע. אויב דו ווײַסט מיר באַווייזן, אַז דיין אישה — ווי הייסט זי דאָרט... דינה איוואַן, איז געשטאַנען ביים באַרג סיני און גע־נומען די תּורה, וועט מען זי, אם־ירצה־השם, בלי שהיות, מגייר זיין. וואָס ווילן מיר דען פון דיר? צוויי באַגלויבטע עדות, ירא שמים, וואָס דאַווענען אין רש"יס תפילין און אין רבינו תּמס תּפילין, כּשרע יידישע יידן, קלויז־ניקעס — זאָלן דאָס באַשטעטיקן — און דאָס איז גענוג. האָסטו נאָך אַ חוצפּה צו זאָגן, אַז מיר מאַכן שוועריקייטן?

„ווו קען איך נעמען אַזעלכע עדות? — האָב איך זיך גענומען בעטן ביים רב — דער בעסטער עדות וואָלט דאָ געווען משה רבינו. אָבער ווו נעם איך אים? נישט אין טעלעפאָן־ביכל און אַפילו נישט אין דער מס־הכנסה האָב איך נישט געפונען זיין אַדרעס. ער איז ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער באַפרייונגס־מלחמה, וואָס יהושע בן־נון האָט געפירט, און עד־היום ווייסט מען נישט ווו ער געפינט זיך. און דער בריוו צו יהושע בן־נון האָט זיך צוריקגעקערט מיט דער באַמערקונג: „אומבאַקאַנט". טאָ ווו קען איך נעמען עדות? איך וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת, רבי, עס זאָל אייך נישט פאַרדריסן. איך האָב אַפילו שוין אָנגעשפּאַרט אין יריחו. איך האָב געמיינט, אפשר וועל איך דאָרט טרעפן רחב הזונה, צו איר קומען דאָך אַזוי פיל מענטשן, וועל איך אפשר פּאַקן איינעם פון זיי, וואָס וועט קענען זיין אַן עדות פאַר נינאַן און באַווייזן, אַז זי, „ליטשנאַ", ס'הייסט פּערזענלעך, איז געשטאַנען ביים באַרג סיני אין „אָטשערעד" ווען מען האָט געגעבן די תּורה. אָבער אַ נעכטיקער טאָג! איך האָב דאָרט קיינעם נישט געפונען. די מענטשן וועלן דאָך נישט גיין זיצן אַזאַ צייט און וואַרטן אויף מיר.

„און וואָס איז די שלשלת היוחסין פֿון דיין אישה?" — פֿרעגט דער רב.

„זי שטאַמט פֿון שטרענג־רעליגיעזע קרייזן" — זאָג איך צו אים — איר טאַטע איז געווען אַ גלח און איר זיידע — אַ דיאַקאָן".

„און זי, דיין דינה?..."

„נישט דינה נאָר נינאַ".

„זאָל זיין נינאַ... פֿאַר וואָס וויל זי דווקא ווערן אַ יידישקע? מיר האָבן אַזוי פֿיל יידן וואָס זענען גויים, דאַרפֿן מיר נאָך האָבן גויים, וואָס זאָלן זיין יידן? זאָג איר, דיין אישה, אַז זי זאָל האָבן געדולד. וויפֿל וואַרט זי שוין — דרייסיק יאָר? נאָך אַזוי פֿיל וועט זי שוין נישט דאַרפֿן וואַרטן. מען וועט עס מברר זיין".

„נאָך אַזוי פֿיל וועט זי שוין נישט וואַרטן?" האָב איך אויפֿגעציטערט — וויפֿל דען? צען יאָר, פֿופֿצן יאָר?! איר האָט צייט?! גענוג! איך וואַרט נישט מער!"

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט מיך אָנגעכאַפּט אַזאַ כּעס, אַז איך האָב אַ כאַפּ־געטאָן דעם רב און אים, ווי אַ שפּענדל, געגעבן אַ טראָג־אַרויס אין דרויסן. איך האָב אים אַריינגעזעצט אין מיין אויטאָ און גענומען טרייבן די מאַשין ווי פֿייל־אויסן־בויגן. איך בין צוגעפֿאָרן צו אַ פֿאַרלאָזן הייזל אין פֿעלד, און פֿאַרשלאָסן דאָרט דעם רב. דערנאָך האָב איך זיך צוריקגעקערט אין שטאָט אַריין און אַריינגעוואָרפֿן אין ערשטן־בעסטן פּאָסט־קעסטל אַ בריוול בזה הלשון:

„איך, פּיניע שפּילפֿויגל, האָב פֿאַרכאַפּט דעם רב פֿון דער רבנות הראשית און איך וואָרן: אויב אין משך פֿון היינטיקן טאָג, ביז 12 אַ זייגער ביינאַכט, וועט מען מיין פֿרוי, נינאַ שפּילפֿויגל, נישט מגייר זיין, וועט איר דעם רב מער נישט זען קיין לעבעדיקן. איך וואַרט, ביז דער אָנגעגעבענער שעה, אויף אַן אייגנהענטיק בריוול פֿון מיין פֿרוי, אַז זי איז שוין אָפּגעטוקט געוואָרן אין מקווה כּדת משה וישׂראל און זי איז אַ כּשרע יידישע טאָכטער.

און פּיניע פֿאַרענדיקט זיין אויסטערלישע געשיכטע אַזוי:

„די רבנים האָבן אָנגענומען מיין אולטימאַטום. נינאַ איז אין משך פֿון אַ פּאָר שעה געוואָרן אַ כּשרע יידישע טאָכטער. איך האָב אַרומגעכאַפּט נינאַן און זי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך — און ביידע האָבן מיר זיך צע־וויינט פֿון גרויס פֿרייד..."

אין דעם מאָמענט האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן זעץ אין דער פּלייצע און דערהערט מיין ציפּע־זלאַטקעס קוויטשענדיק קולכל:

„פּיניע, וואָס האָסטו זיך אַזוי צערעוועט? טפו, טפו, אויף מיינע שונאימס קעפּ! וואָסי, די באָבע יאַכנע איז דיר געקומען צו חלום?"

אַ שטיין

תמיד, ווען מיין פריינד פּיניע גיט זיך אַ שטעל־אַריין צו מיר איינער אַליין, ווייס איך שוין, אַז צווישן אים און זיין ווייב, ציפּע־זלאַטקע, איז דורכ־געלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ. אויך דאָס מאָל, מוצאי יום־טוב, איז זיין פּרצוף געווען אַ פאַרזויערטער, אַן אָנגעכמורעטער, ווי אַלע זיינע שיפן וואָלטן פּלוצעם אונטערגעגאַנגען.

— מיר האָבן געהאַט אַזאַ פריילעכן יום־טוב און דו זעסט אויס ווי דו וואָלסט געפּראַוועט תשעה־באָב — מאַכט צו אים מיין זיסעלע און גיט צו:

— און וווּ איז ערגעץ דיין ציפּע־זלאַטקעלע? געגאַנגען פאַרברענגען מיט אַנדערע? אָדער איר האָט זיך שוין ווידער צעבוטשקעט?

— ווען מ׳קריגט זיך, איז אַ סימן, אַז מ׳האָט זיך ליב — זאָגט פּיניע קוקנדיק אויף מיר — און מיר דווקא צעווערטלען זיך זייער אָפט...

— וואָס האָט ווידער פּאַסירט? — איז מיין זיסעלע בייגעריק.

— גאָרנישט האָט פּאַסירט — גיט פּיניע אַ מאַך מיט דער האַנט — אַלע מאָל פאַלן־איר־איין נייע משוגעתן. דאָס מאָל האָט זי געוואָלט אַ שטיין.

— קויפט מען איר! — פּסקנט מיין זיסעלע — וואָסי, ווֶעסט שוין ווערן אָרעמער? ציפּע־זלאַטקעלע האָרעוועט ווייניק? ס׳איז נישט קיין אומגליק, אַז מ׳קויפט איר אַ מאָל אַ שטיינדל.

— טאַקע יאָ, גיב איך צו — וויפל קאָסט דען היינט אַזאַ שטיינדל?

— טויזנט, צוויי טויזנט, דריי טויזנט? זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז מ׳האָט דיך געפּאַקט ביי עפּעס אַ „לינק געשעפטל" און די מס־הכנסה, דער שטייער־אַמט, האָט ביי דיר אַרויסגעריסן נאָך אַ טויזנטער. און אַז ציפּע־זלאַטקע רייסט ביי דיר אַרויס, האָט זי כאָטש הנאה. פּיניעלע, דו גיסט זיך אַ מאָל אָפּ אַ חשבון, אַז דאָס איז דיין ווייב?

פּיניע גיט אַ טיפן זיפץ און אַ שאָקל מיטן קאָפּ:

— אײַ, גיב איך זיך אָפּ אַ דין־וחשבון! אויב איך פאַרגעס דאָס אַ מאָל דערמאָנט זי מיר יעדע מינוט, אַז איך בין איר מאַן. איך טענה צו

איר: ציפּע־זאַלטקעלע, לאָז אָפּ מיט די נאַרישקייטן, מיט די שמאָכטעס, וואָס דאַרפסטו דאָס? פאַר וועמען דאַרפסטו זיך פּוצן — פאַר דיין מאַן? מיר, ציפּקעניו, געפעלסטו אַפילו אַ נאַקעטע און אַ באָרוועסע. אָלאַ, אין גאַס? וואָס מ׳טוט אָן — טוט מען אָן! ס׳פעלן דיר דען קליידלעך? אַבי מ׳פאַרדעקט דעם זינדיקן גוף — און שוין. נו, נו, אַז איך האָב איר דאָס געזאָגט, האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייער, אַז כ׳האָב געמיינט, אַלץ גייט אַוועק מיטן רויך.

— היפּי! — האָט זי געגומען שרייען — ביטניק! האָלעדראַניעץ! פאַר וואָס פאַרלאָזטו זיך נישט קיין באָרד? לאָז וואַקסן אַ טשופּרינע אויף דיין פּליך, טו אָן אַ פּאַרוק, צעפּאַטל די האָר אַזוי ווי יענע ווילדע חיות... זיי דאַרפן אויך גאָרנישט. הער זיך אויף צו וואַשן, פּונקט ווי זיי... צעפּליק די הויזן און לאָז נאָכהענגען סטרעפּאַליאַסן. פּיניעלע, נעם אַ גיטאַרע און לייג זיך אַוועק אויפן טראָטואַר... זינג, פּיניעלע, וועט מען דיר צווואַרפן אַ גראָשן...

— איך האָב זי געפּרוווט באַרויִקן — זעצט פאָר פּיניע — אָבער ווען אַ ווולקאַן ברעכט אויס איז אים שווער איינצולעשן. איך זאָג איר: ציפּקעלע, ס׳גייט אַזאַ מלחמה, מ׳דאַרף אַזוי פיל געלט, רעדסטו וועגן אַזעלכע נאַרישקייטן? מיר טאָרן זיך דען דערלויבן אַזאַ לוקסוס? וואָס זענען מיר — אַמעריקע? ביי אונדז וואַלגערט זיך גאָלד אין די גאַסן? מיר זענען דאָך אַ קליינע מדינה מיט קליינע מעגלעכקייטן, זענען מיר. ביי אונדז, אַז עמעצער גנבעט אַוועק אַפילו נישט מער ווי עטלעכע מיליאָן — פעלט שוין דאָס געלט. ציפּע־זלאַטקעלע — טענה איך צו איר — ווי קענען מיר זיך דערלויבן אַזוי צו לעבן ווי למשל, אַפילו אַזאַ שווייץ? אַהין פירט מען אַריין געלט פון דער גאַנצער וועלט און ס׳בלייבט ליגן אין די בענק. און אַהער קיין ישׂראל — פירט מען אויך אַריין, אָבער ווו ליגט עס, דאָס געלט? אין אַ לעכערדיקן זאַק. פאַרוואָס? — ווייל מיר האָבן גרויסע הוצאות. ציפּקעלע, ווי מיינסטו? אונדזערע חיילים שיסן מיט פּסחדיקע קניידלעך? ניין! נו, און דאָס קאָסט געלט. און אויף וואָס פליִען אונדזערע פּילאָטן? אויף פּרוכתן? — ניין! זיי דאַרפן עראָפּלאַנען. און דאָס קאָסט ווידער געלט. איך רעד שוין נישט וועגן אַנדערע קלייניקייטן ווי: שיפן, טאַנקן, ראַקעטן, האַרמאַטן. דאָס אַלץ מוז מען דאָך קויפן. ווו וועלן מיר נעמען דאָס געלט, אויב מיר וועלן נישט שפּאָרן? חוץ דעם, פאַרגעס נישט, אַז מיר דאַרפן אויסהאַלטן אַזאַ אַרמיי, קיין עין־הרע, פון פּקידים,

פון אָנגעשטעלטע. אין תל־אביבער מאַגיסטראַט אַליין האָבן מיר, ברוך־השם, אַ וועלכע צען טויזנט. מ׳דאַרף זיי צאָלן געלטער? — אוודאי! אָפּזאָגן קענסטו זיי? — ניין! וואָס קען טאָן אַזאַ מענטש? קיין פּאַך האָט ער נישט, אַרבעטן וויל ער נישט — מוז ער דאָך זיין אַ פּקיד. חוץ דעם דאַרפסטו וויסן — גיב איך מיין ציפּקעלען צו פאַרשטיין — אַז מיר זענען אַ דעמאָקראַטיש לאַנד. די אָנפירונג באַשטייט פון אַ קאָאַליציע. דאָס זענען פּאַרטייען, וואָס וועלן בקרוב ווידער גיין צו וואַלן. פאַראַן פאַרשידענע התחייבותן לגבי מענטשן: דעם דאַרף מען געבן אַ גוטן פּאָסטן און יענעם דאַרף מען איינאָרדענען... ס׳קומט אים! ער האָט אַגיטירט, געהאָרעוועט, אַז זיין קאַנדידאַט זאָל אַריין אין דער לייטונג. פאַרשטייסט?

און פּיניע זעצט פאָר:

אָט אַזוי טענה איך צו איר און זי — כאָטש רעד צו דער וואַנט! „וואָס פּלאַפּלסטו וועגן אָץ, קלאָץ, נעכטיקע טעג — זאָגט זי — די פּאָליטיק, מיט דער עקאָנאָמיע און נאָך אַזעלכע שמאָנצעס — דאָס לאָז איבער פאַר אונדזער רעגירונג. — זאָלן זיי זיך ברעכן דעם קאָפּ. פאַר וואָס ווער איך נישט קיין מיניסטער? — ווייל איך וויל נישט קריכן מיט קיין געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט. חוץ דעם, צו באַלעבאַטישקייט טויג איך נישט״.

— דאָס איז ביי אונדז נישט קיין חסרון — רייס איך זי איבער — דו דאַרפסט נאָר אויסקלייבן די ריכטיקע פּאַרטיי.

— וואָס איז די גרויסע מעצאָצע צו זיין מיניסטער — זעצט פאָר מיין ציפּע־זלאַטקעלע — אויף דעם דאַרף מען ענדיקן קורסן? מ׳דאַרף האָבן אַן אַטעסטאַט? גלויב מיר — זאָגט זי צו מיר — אַפילו אַזאַ גאָרנישט ווי דו, אַזאַ לאָ־יוצלח, וואָלט אויך געקענט זיין מיניסטער. מ׳דאַרף נאָר, אַז די פּאַרטיי זאָל דיר שיקן. זע נאָר די קונץ! מ׳זעצט זיך אַוועק אויבן אָן, מ׳רינגלט זיך אַרום מיט אייגענע מענטשן, מיט שיינע סעקרעטאַרקעס, מ׳רעדט, מ׳שרייבט־אונטער פּאַפּירן — און שוין. די געשעפטן גייען.

— נו, און די מלחמה־געפאַר — וואַרף איך אַריין. מ׳דאַרף זיך גרייטן.

— מלחמה שמילחמה, ווער זעט זי? וועמען ס׳טרעפט — טרעפט, אָבער די מערהייט לעבט אַ גוטן טאָג. וויל איך דעריבער — זאָגט זי — אַז דו זאָלסט מיר קויפן אַ שטיין. אויף צעזעצעניש אַלע שונאים.

— זעסט — זאָג איך — וואָס־וואָס, אָבער קיין שטיינער פעלן נישט אין דאָזיקן לאַנד. אויב דו ווילסט אַזוי שטאַרק כ׳זאָל דיר קויפן אַ שטיין,

בין איך גרייט אַפילו צו פאָרן אין נגב אָדער קיין אילת און אים ברענגען פאַר דיינעטוועגן.

— וועגן וואָס פאַר אַ שטיינער רעדסטו דאָס — חכם מיינער? — ווערט ציפּע־זלאַטקעלע נייגעריק.

— וואָס הייסט וועגן וואָס פאַר אַ שטיינער? אַוודאי, אויב דו ווילסט, אַז כ׳זאָל דיר קויפן יענעם שטיין, וועלכן יעקב אָבינו האָט זיך אונטער־געלייגט צוקאָפּנס — דאָס, ליידער, קען איך דיר נישט שאַפן. קען זיין, אַז מיט דער צייט וועלן אים אונדזערע אַרכעאָלאָגן אויך געפינען. אָבער דער־וויל ווייסט מען נישט ווו ער שטעקט. וואָס איז דען די נפקא מינה? — אַ שטיין!

— אַ פּשוטן שטיין — זאָגט זי — האָב איך שוין. דער דאָזיקער שטיין שטייט מיר איצט פאַר די אויגן. ער הייסט פּיניעלע. איך מיין, אַז דו זאָלסט מיר קויפן אַן עכטן שטיין.

— אַ שטייגער, למשל? פון וויפל קאַראַט?

— נישט וויכטיק פון וויפל קאַראַט — שמייכלט זיס ציפּע־זלאַטקעלע. דער עיקר אַז דאָס זאָל זיין אַ שטיין, וואָס קיינער פון מיינע חברטעס האָט נאָך נישט — און קען נישט האָבן.

— אַ שטיין פון דער קעניגין עליזאַבעט? פון פאַביאָלאַ? פון דער פּרינצעסין אַנאַסטאַסיאַ?

— ניין, פּיניעלע, נישט די שטיינער מיין איך — זאָגט זי — איך וויל דו זאָלסט מיר פאַרשאַפן אַ שטיינדל פון דער לבנה. אַזאַ שטיין האָט נאָך קיינער נישט. און דאָס איז אַ סחורה פאַר מיר. איך שטעל מיר שוין פאַר וואָס ס׳וועט זיך טאָן, אַז איך וועל אים האָבן. אוי, גאָטעניו, ווי האָב איך אים שוין!... — גיט ציפּע־זלאַטקעלע אַזש אַ טאַנץ־אונטער פון גרויס פרייד — ווי האָב איך אים שוין!...

פריילעך און לוסטיק

ס׳מיר לוסטיק און פריילעך און גוט אויף דער נשמה — גאַנצע פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. ווען איך וואָלט אַ מאָל געוואָלט, למשל, זיך קריגן מיטן וויב, געוואַלדעווען, שרייען, קערן וועלטן — ווי עס פּאַסירט געוויינלעך ביי לייטישע משפּחות — האָב איך צו דעם קיין צייט נישט. איך בין פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן — סיי ביי טאָג סיי ביינאַכט: איך הער זיך צו, איך טראַכט, איך קוועל — ס׳מיר גוט. איך האָב טייערע שכנים, גאָלדענע מענטשן, אינטעליגענטע מענטשן — מלאכים!

אַ דאַנק די דאָזיקע שכנים מיינע שלאָף איך נישט ביי טאָג, איך כראָפּע נישט ביינאַכט. און דער עיקר: איך דאַרף נישט קיין זייגער. ער ליגט ביי מיר אין שופלאָד, דער גאָלדענער זייגער מיינער, און וואַרט אויף גנבים. ער גייט נישט. ער וויל אַז מען זאָל קומען צו אים.

מיין וויב גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז אַ מענטש דאַרף רו. אַ גרויסער רעש — זאָגט זי — פאַרקירצט דאָס לעבן פון מענטשן. זאָג איך צו איר: פריידעניו, רעש איז לעבן און שטילקייט איז בית־עולם. קינדער רעשן, אַלטע לייט קרעכצן.

זאָגט זי: דער רעש איז דאָ אַזוי גרויס, אַז מען קען משוגע ווערן. אָבער איך וועל דיר נישט אָנטאָן דעם פאַרגעניגן, ווייל אַז איך וועל אַראָפּ פון זינען, וועט מען מיך אַריינגעבן אין אַ משוגעים־הויז, וועסטו דאָך ווערן אַ פריי פויגל. דאָס וועל איך דיר נישט טאָן, פיניעלע.

אַזוי טענהט זי צו מיר, מיין ווייבעלע און איך לאַך. פון דער אַנדערער זייט איז מיר אַ רחמנות אויף איר: זי קען, נעבעך, נישט הנאה האָבן פון לעבן. אַפּנים, אַזאַ טבע האָט זי שוין.

איך מוז אייך זאָגן, אַז ערשט נישט לאַנג איז דאָס הויז וווּ מיר וווינען, אין תל־אביב, געשטאַנען אַליין־נקע צווישן זאַמדן און בלאָטעס. אָט אַזוי ווי די פּיאָנערן, די אַמאָליקע ראשונים, האָבן זיך געפּונען אין יענעם מקום וואָס איז שפּעטער געוואָרן פּתח־תּקוה. איצט איז די שטאָט געקומען צו

מיר. הייזער הויכע, מיט אַ סך פענצטער און וועראַנדעס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אַרום און אַרום ווי זעלנער בעת אַ פּאַראַד. אין די דאָזיקע הייזער וווינען יונגע פּאָרלעך מיט אַ סך קינדער, קיין עין־הרע. און די קינדערלעך, אַ געזונט אין זיי, טאַנצן און שפּרינגען און לויפן אַ גאַנצן טאָג אונטער מיין פענצטער. ווען זיי הויבן־אָן שליידערן דעם פוטבאָל, מיינט מיין פּראַדעלע אַז מען שיסט. זי דערשרעקט זיך. באַרויִק איך זי. „עפן דאָס פענצטער" — זאָג איך צו איר — וועסטו אויך הנאה האָבן אַזוי ווי איך. „קוק אָן די קינדערלעך. פון דער גאַנצער שכונה זענען זיי געקומען אַהער".

אָבער לאָמיר גיין כסדר:

גאַנץ פרי, עס איז נאָך פינצטערלעך. גאָט אַליין שלאָפט נאָך — און די מלאכים אוודאי און אַוודאי, דערהערט זיך, נישט ווייט פון אונדזער הויז, אַ טראָמביען. דער פייפער פונעם אויטאָ פייפט לאַנג און צעצויגן, אָט אַזוי ווי אַ תקיעה גדולה. דאָס רופט ער אַזוי די פרוי סטעלאַ פונעם זיבעטן שטאָק, אַקעגנאיבער. ער זאָגט איר אָן, אַז אונטן וואַרט אויף איר דער אויטאָ, וואָס פירט זי יעדן טאָג קיין לוד צו דער אַרבעט.

פון וואַנען ווייס איך, אַז די דאָזיקע פרוי הייסט סטעלאַ? ווייל פון אויטאָ אַפּער שרייט תמיד אַרויס אַ דינע פרויען־שטימע: „סטעלאַ, תרדי כבר, אנחנו מחכים למטה". ס׳הייסט, סטעלאַ, קום שוין אַראָפּ, מיר וואַרטן אויף דיר אונטן".

איז אָבער די דאָזיקע סטעלאַ, די שכנה מיינע, שטאַרק פאַרשלאָפן. ביז וואַנען זי רייבט־אויס די אויגן, ביז וואַנען זי „מאַכט זיך" ס׳פּנים, דויערט אַ ביסל. זיצן די מענטשן אונטן שטאַרק אומגעדולדיק. פייפט דער שאָפער מיט זיין פייפער און די פרוי הערט נישט אויף צו שרייען: „סטעלאַ, קריך שוין אַראָפּ". און סטעלאַ ענטפערט פון דער הויך: „רגע, רגע, איך קום שוין".

ווען דער אויטאָ גיט דעם לעצטן פייף און דער שאָפער לאָזט דעם מאָטאָר אין גאַנג ווייס איך, אַז עס איז געווי האַלב זעקס אַ זייגער.

דערמאָן איך מיר, אַז אין אַזאַ צייט איז מיין טאַטע, עליו השלום, תמיד אויפגעשטאַנען צו תהלים. דאַנק איך אין האַרצן דעם שאָפער וואָס ער וועקט מיך אויף אין דער זעלבער שעה. אויב איך זאָג נישט קיין תהלים, טאָ לאָמיך כאָטש טראַכטן דערפון. בפרט, אַז מחשבות רעכענען זיך ווי מעשים. ליג איך מיר אין בעט און נאָך איידער איך האָב רעכט געעפנט די אויגן האָב איך שוין פאַרדינט אַ מצווה.

שפּעטער, ווען איך האַלט שוין ביים אַריבערדרייען זיך אויף דער צווייטער זייט, דערהער איך אַ סקראָבען פון אַ בלעכענער לאָפּאַטע איבער די באַלאַטן פונעם טראָטואַר. דאָס קראַצט אַזוי דער גאַסן־קערער אָפּ דאָס מיסט און דאָס זאַמד וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון לעצטן טאָג. ער, דער גאַסן־קערער — קראַצט, און זיין טראַנזיסטאָר — שפּילט. ביידע ניגונים גיסן זיך צונויף אין איין קאַקאָפאַניע, און שאַפן אַ העכסט־מאָדערנע מוזיק. עס איז פונקט האַלב זיבן אַ זייגער.

ווען די שכנה — פונקט אַקעגנאיבער אונדזערע פענצטער, הויבט אָן אויסקלאַפּן די דיוואַנען ווייס איך, אַז עס איז זיבן. מיר דאַכט זיך דעמאָלט, אַז דאָס קלאַפּט אַזוי דער זייגער אויס די שעהען: איינס, צוויי, דריי... און אַז עס הערן זיך נאָך קלעפּ — איבער זיבן — איז אַ סימן, האַלט איך, אַז דער זייגער איז קאַליע געוואָרן.

האַלב אַכט הויבן־אָן די שכנים גרייטן זייערע קינדערלעך אין שול און אין גן אַריין. עס הערן זיך געשרייען, געוויינען פון קינדער און סתם קולות. די ראַדיאָס ביי די שכנים שפּילן דזשאַז־מוזיק. עס איז פריילעך. איך קלייב מיך אויך צו דער אַרבעט. פריידעלע איז אויסער זיך: „איך וועל פון זינען אַראָפּ" — וויינט זי אויס — „דער רעש וועט מיך פאַרטרייבן אויף יענער וועלט".

זאָג איך צו מיין ווייבעלע:

„אָט באַלד וועל איך אַוועקגיין צו דער אַרבעט, די שכנהס פון אַקעגנ־איבער וועלן אָפּפירן די קינדערלעך אין גן אַריין. עס וועט ווערן שטיל, ועסטו קענען כאַפּן אַ דרימל. ווער איז שולדיק, וואָס דו קענסט נישט שלאָפן אין רעש? אָט, למשל, מיר אַרט עס נישט. איך כאַפּ מיך אַלע מאָל אויף, אָבער כ׳שלאָף ווייטער.

פון דער אַרבעט קום איך ווען די שיינע תימנקע פון זעקסטן שטאָק קלאַפּט אירע דיוואַנען. עס איז פונקט דריי אַ זייגער. זי אַרבעט, די תימנקע, אין באַנק, האָט זי קיין צייט נישט צו רוימען די שטוב אין די פרימאָרגנ־שעהען.

אָפּגעגעסן מיטאָג, לייג איך מיך צו. שלאָפן, שלאָף איך נישט, ווייל פונקט ביים פענצטער רעמאָנטירט דער שכן זיין אויטאָ. יעדע מינוט לאָזט ער דעם מאָטאָר אין גאַנג און פאַרלעשט אים. און דווקא איז דאָס אַ ריזיקער לאַסט־אויטאָ. האָט דער מאָטאָר אַ טבע: ער פייפט איידער מען צינדט אים אָן און איידער מען לעשט אים אויס. אַ גרויסער מאָטאָר, אַ

יחסן, קען זיך דאָס דערלויבן. ער בלאָזט פון זיך. גיי איך צו צום פענצטער און איך קוק זיך צו ווי די שוואַרץ־חנעוודיקע תּימנקע בויגט זיך איבער איבערן ראַנד פון דעם מרפּסת־ווענטל און הענגט דאָס וועש. דערנאָך לייג איך מיך אויף דער סאָפע און הער פון שכנס ראַדיאָ די נייעס פון פינף אַ זייגער.

ווען עס פאַלט־צו די נאַכט צעצינדן זיך די ליכטער אין די שכנותדיקע בנינים. דעמאָלט דאַכט זיך מיר, אַז פריידעלע האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט אין אונדזער סאַלאָן. איך שטיי ביים פענצטער און קוק אין דער טעלעוויזיע פון מיין שכן, דעם איראַקער. דערוויל רעדט מען אַראַביש אין קליינעם „קעסטל". באַלד וועט מען אַריבערגיין אויף העברעיִש. יאָ, אָט הער איך טאַקע דעם סיגנאַל. אַ יונג מיידל באַוויזט זיך אויפן עקראַן און לייענט די נייעס פון האַלב ניין אַ זייגער.

פריידעלע איז אַרויס צו אַ שכנה. איך צינד נישט אָן קיין ליכט. צו וואָס? ביי מיר אין די צימערן איז ליכטיק פון די שכנישע פענצטער. איך הער מוזיק פון די שכנים; איך קוק אַריין אין זייערע טעלעוויזאָרן. עס קאָסט מיר נישט קיין געלט און איך האָב הנאה.

ווען דער טעלעוויזיע־פּראָגראַם ענדיקט זיך, גייען וויטער אָן די פּראָ־גראַמען פון ראַדיאָ. אַז איין שכן געפעלט נישט די מאָדערנע מוזיק, שטעלט ער אָן דעם פּאַטעפאָן. הער איך חזנות. אַז נישט, גיי איך אַריבער צו אַ צווייטן פענצטער און הער דזשאַז־מוזיק.

שלאָפן לייגן מיר זיך שפּעט, ווייל פּונקט אַקעגנאיבער אונדזער שלאָף־צימער וווינט אַ יונג פּאָרל וואָס ביי זיי איז ערשט נישט לאַנג געבוירן געוואָרן אַ בן־זכר. האַלט ער אין איין וויינען, דער דאָזיקער בחורעץ, אַז עס כאַפּט מיך אָזש אָן ביים האַרצן. וויל איך אים באַרויִקן. כאַפּ איך דעם גרויסן בער פון מיין קליין טעכטערל און שאָקל אין פענצטער צום וויינענ־דיקן בן־זכר:

„הער־אויף צו וויינען — שריי איך צו אים — אַז נישט וועט דיך דער בער איינשלינגען".

אַז עס ווערט שטיל ביי די שכנים ווייס איך שוין, אַז עס איז צוויי אַ זייגער ביינאַכט. ווערט מיר אומעטיק אויפן האַרצן און איך לייג מיך שלאָפן — ביז דער גאַסן־קערער וועקט מיך אויף.

ס׳קומט אַ נייער טאָג מיט נייער פרייד.

וואַרעם וואַסער

די שכנים פון גרויסן, שיינעם הויז אויף דער גיבורים־גאַס, אין תל־אביב, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער וווינונג פון אדון שחורי. ער, דער פאַר־זיצער פונעם הויז־קאָמיטעט, האָט גערופן די איינוווינער אויף אַ דרינגענ־דער באַראַטונג. אויפן סדר־היום איז געשטאַנען די פראַגע: וואַרעם וואַסער פאַר דירות.

איידער די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן, האָט די פרוי שחורי גע־פרעגט יעדן איינעם פון די שכנים וואָס ער ווינטשט זיך צו טרינקען: טיי — אָדער קאַווע. איר מאַן, מיעטעק שחורי, האָט שוין פריִער אַרויפ־געשטעלט אויפן טיש אַ פלעשל וויסקי, אַ פלעשל רויטן וויין, אַ סיפאָן סאָדע־וואַסער, אַ טעלער מיט קיכעלעך. אייניקע שכנים האָבן מיט גרויס אינטערעס באַטראַכט די נייע דיוואַנען, וואָס האָבן באַדעקט די פאָדלאָגע פון וואַנט צו וואַנט, דאָס מאָדערנע מעבל, די בילדער אויף די ווענט. די שכנטע, פרוי זינגערמאַן־זמיר פון אַקעגנאיבער, אויפן זעלבן שטאָק, האָט שטילערהייט אַריינגעשושקעט דער צווייטער שכנטע פון אויבערשטן שטאָק, גברת פינקלשטיין, אין אויער אַריין:

— וואָס זאָגסטו אויף די נייע דיוואַנען, אויפן מאָדערנעם מעבל, אויפן זילבער? מענטשן האָבן זיך דאָס נאָזשיִעט. און אַלץ פון קליינינקן קאָנ־פעקציע־געשעפטל, נעבעך. אונדזערע מענער האָרעווען ווי די בעלגישע פערד — און וואָס האָבן מיר דערפון? איך האָב געוואָלט אַריבערגיין אין אַ גרעסערער דירה. אָבער זינט עס איז געוואָרן די קלאָגעדיקע טייערניש, ווי קען מען גאָר טראַכטן וועגן דעם? ביי די איצטיקע פרייזן?

— זאָרג נישט — ענטפערט שטילערהייט פרוי פינקלשטיין — ווער עס האָט געלט — דער קויפט. מען דאַרף נאָר מאַכן גוטע געשעפטן. פאַר־שטייט זיך, אַז פון אַ פענסיע קויפט מען נישט קיין דירות.

די פרוי שחורי האָט אַריינגעטראָגן אויף אַ טאַץ די ערשטע פאָרציע

טיי און קאַווע. דער באַלעבאָס, אדון מיעטעק שחורי, דער פאָרזיצער פונעם הויז־קאָמיטעט, האָט דערוויל געעפנט די פאַרזאַמלונג.

— רבותי — האָט ער געזאָגט — ווי איר זעט זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען. איצט שטעלט זיך די פראַגע: צו וואָס זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען? וואָלט געווען פרייטיק־צו־נאַכטס, וואָלטן מיר געכאַפּט אַ קערטל. אָבער היינט איז אַ פּראָסטער מיטוואָך, איז צו וואָס־זשע זענט איר געקומען אַהער? — ווייל מען האָט אייך גערופן. איצט שטעלט זיך ווידער די פראַגע: צו וואָס האָט מען אייך גערופן? מיר וווינען שוין אין דעם הויז העכער צען יאָר, און קיינער פון אייך האָט נאָך נישט איבערגעטראָטן די שוועל פון מיין דירה, סיידן איר האָט געדאַרפט איינצאָלן דאָס חודש־געלט...

דאָ האָט אים פּרוי פינקלשטיין איבערגעריסן:

— שכן־לעבן, ווען איר לאַדט אונדז איין וואָלטן מיר דווקא יאָ געקומען.

דער אדון שחורי האָט זיך נישט פאַרלאָרן פונעם צווישן־רוף און ווייטער ממשיך געווען:

— יאָ, ווו־זשע האַלט איך? מיט חכמהלעך וועלן מיר דאָ נישט יוצא זיין. מ׳דאַרף דאָ באַשליסן: יאָ וואַרעם וואַסער — אָדער נישט וואַרעם וואַסער. יעדן איינעם קומט אויס צו צאָלן זעכציק פונט אַ חודש. אַז איר וועט געבן געלט — וועט מען קויפן סאָלער — און דער קעסל וועט ברענען...

— זאָלן זיי דאָרט ברענען אין דער חברה*, מיר דאַרפן זיי אויף טישטשי־ניינציק כפּרות. אַליין וועלן מיר קויפן סאָלער און אַליין וועלן מיר הייצן דעם קעסל — האָט אויסגערופן אַ שכן.

— גערעכט אדון זאַזוליאַ, סלושניע — האָט צוגעגעבן אַ צווייטער — מיר דאַרפן נישט אויסהאַלטן דאָרטן דעם שטאַב דאַרמאָיעדניקעס. אַליין איז די נשמה ריין.

דער באַלעבאָס פון דער דירה, אדון מיעטעק שחורי, האָט אַ קלאַפּגעטאָן מיט זיין שווערער האַנט אָן טיש:

— רבותי, חברים, רייסט מיך נישט איבער — דאָ איז נישט קיין זיצונג אין דער כנסת, דאָ איז אַן ערנסטע און וויכטיקע פאַרזאַמלונג. קוקט

* געזעלשאַפט, וואָס באַזאָרגט וווינונגען מיט וואַרעם וואַסער און באַהייצונג.

אין פענצטער, וועט איר זען, אַז עס כלאַפּעט אַ רעגן און אויף מאָרגן האָט מען שוין אָנגעזאָגט אַ קעלט פון אַכצן גראַד. עס דראָט אַ געפאַר, אַז מאָרגן פרי וועלן אויפשטיין די ווייבער און זיך וועלן באָדן, אָבער קיין וואַרעם וואַסער וועט נישט זיין. איצט שטעלט זיך די פראַגע: פאַר וואָס וועט נישט זיין קיין וואַרעם וואַסער? ווייל מען דאַרף געלט. און פאַר וואָס דאַרף מען געלט? ווייל מען דאַרף איינצאָלן פאַר סאָלער. אָן פערד שלעפּט מען נישט קיין וואָגן.

— טאָ זאָל מען צעטיילן וויפל יעדער איינער דאַרף צאָלן — זאָגט פרוי פינקלשטיין.

— ריכטיק, פרוי פינקלשטיין איז גערעכט — זאָגט ווייטער מיעטעק שחורי. דאָ אָבער הויבט זיך אָן די צרה, ווי אַזוי זאָל מען מאַכן די פאַר־טיילונג? די זאַך איז אַזוי: אַ בשותפותדיקן קעסל האָבן מיר. ריכטיק? — נו, דאַרפן מיר הייסט עס אָנפילן דעם קעסל מיט סאָלער, אַז ער זאָל ברענען...

— ברענען זאָל ער ווי טרוקענע שטרוי, דער־אָ זשלאָב — שושקעט אַריין די פרוי זינגערמאַן־זמיר איר שכנטע פינקלשטיין אין אויער אַריין. — ער דברט און דברט און קומט נאָך אַלץ נישט צום עיקר. און דאָס איז אַזאַ גביר, אַזאַ אָנגעשטאָפּטער דבר־אחר.

— יאָ, ווו־זשע האַלט איך? — ביי די פערד. זיי שלעפּן נישט אָן האָבער. דאָס מיינט, אַז יעדער איינער זאָל געבן זעכציק פונט „נאַ בראַטאַ" און מיר וועלן קויפן האָבער... ס'הייסט סאָלער פאַרן קעסל, ער זאָל ברענען...

פרוי זינגערמאַן־זמיר שפּאַרט־אונטער איר לינקע האַנט אונטער דער באַגוידערטער גאָמבעלע, איר בליק עקבערט דעם פעטן פּרצוף פון איר שכן, דעם אדון שחורי:

— פּאַניע שחורי, ווי קען זיין זעכציק פונט „נאַ בראַטאַ" — ווי איר זאָגט — אַז איך למשל, מיטן מאַן זעמיר נישט מער ווי צוויי אָסאָבעס, צוויי פּערזאָן, און איר מיט דער גברת שחורי און מיט די קינדער זענט עטך פינף פּערזאָן. דאַרף איך צאָלן דאָס זעלבע וואָס איר? וווּ איז יושר?

דאָ האָט פרוי שחורי אויסגעשאָסן:

— גברת זינגערמאַן, איך וויל אייך נישט באַליידיקן, ווייל איר געפינט זיך ביי מיר אין שטוב, אָבער ווען דאָס זאָגט מיר אַן אַנדערע, וואָלט איך איר געענטפערט, אַז בעסער זאָל זי ציילן די ציין פון מויל, איידער זי ציילט מיינע קינדער. און אַז איך, למשל, האָב פינף צימערן און איר האָט

נישט מער ווי צוויי — האָב איך ביי אייך גענומען געלט אויף דעם? איר ווילט יעדן טאָג וואָשן אייער „כ׳בעט אייך איבער״ — טאָ באַצאָלט. אין אַזאַ שווערער צייט דאַרף יעדער איינער טראַכטן וועגן זיך.

— פרוי שחורי — רופט זיך אָן דער שכן פון פערטן שטאָק, דער קצב אדון פליישער — וואָרפט זיך נישט אַזוי, איר זאָלט מיר מוחל זיין, ווי אַ געשאָכטענע בהמה. די יידענע, כ׳מיין די גברת זינגערמאַן סקאָוו־ראָנעק... זמיר איז דאָך כשר גערעכט. פאַר וואָס זאָל זי צאָלן פאַר אייערע ביקעס... כ׳מיין די דריי בחורים? ביי אייך זענען קאַנעהאָרע דאָ פינף אירע, דאַרפט איר צאָלן פאַר פינעף אירע, זי האָט צוויי זדעכלאַקעס — טאָ זאָל זי צאָלן פאַר צוויי. אַז איר, גברת שחורי, קויפט ביי מיר צוויי קילאָ פלייש, רעכן איך אייך פאַר פינף קילאָ?

— איז אפשר זאָלן מיר רעכענען פון צימער — מישט זיך אַריין אַ צווייטער שכן.

— פון צימער? — רופט זיך אָן דער קצב — ס׳אָן אַנגענומענער כּלל, אַז קבצנים האָבן אַ סך קינדער און ווייניק צימערן און גבירים פאַר־מאָגן אַ סך צימערן און ווייניק קינדער. אָן אויסנאַם איז בלויז דער אדון שחורי, וועלכער פאַרמאָגטביידע זאַכן, קומט־אויס, אַז אַ סך פאַרשווינען נוצן אַ סך וואַסער. דאַרף מען דעריבער מאַכן די פאַרטיילונג לויט דער צאָל נפשות און נישט לויט דער צאָל צימערן.

עס איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער טומל. איינער האָט געשריגן: „לויט צימערן!״ און אַ צווייטער האָט געליאַרעמט: „לויט נפשות!״ דער אדון שחורי האָט געברויזט פון צאָרן. זיין רויט פּנים האָט זיך נאָך מער אָנגע־בלאָזן, באַדעקט זיך מיט גראָע פלעקן. ער האָט געטראַסקעט אין טיש, אַזש די גלעזלעך אויף דער טאַץ זענען אונטערגעשפּרונגען ווי זיי וואָלטן גענומען טאַנצן.

— וואָס זענען מיר? מענטשן זענען מיר, צי געגנדז? שטיל זאָל זיין!

— האָט ער ווידער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש. איך האָב אַ נייעם פאַרשלאָג: אויב מען קען נישט דורכקומען צווישן זיך וועגן פאַרטיילן דעם אָפּצאָל — טאָ לאָמיר מאַכן אויס שותּפות! יעדער איינער וועט קויפן און אַוועקשטעלן אויפן דאַך אַ זון־קעסל. די זון וועט געבן וואַרעם וואַסער. וויפל שכנים האָבן מיר? דרייסיק? וועלן מיר האָבן דרייסיק קעסלען מיט שפּיגלען אויפן דאַך. מיר וועלן פּטור ווערן פון אַלע דאַרמאָיעדניקעס וואָס שינדן פון אונדז די הויט.

— איך בין שוין מסכּים! — רופֿט אויס די גבֿרת זינגערמאַן־זמיר — לעצטנס רעדט מען אַ סך וועגן אַ שיין ארץ־ישׂראל — „ארץ־ישׂראל יפֿה". וועלן מיר זיין די ערשטע וואָס וועלן באַווייזן ווי אַזוי אַ שיין הויז דאַרף אויסזען. די דרייסיק קעסלען מיט די שפּיגלען וועלן אַראָפּלייכטן פֿונעם דאַך. פֿון דער ווייטנס וועט עס אויסזען, ווי זעלנער וואָלטן געשטאַנען אויף אַ פּאַראַד. און ווען עמעצער פֿון אונדז וועט אויפֿן דאַך וועלן זיך אַ ביסל סמאַליען אויף דער זון, וועט ער קענען זיך שפּיגלען פֿון אַלע זייטן.

— די מעשׂה איז אָבער — רופֿט זיך אָן דער שכן פֿון אויבערשטן שטאָק, דער אדון פֿינקלקרויט — ווו וועט מען אַהינטאָן די דרייסיק אַנטענעס?

— די אַנטענעס וועט מען צופּעסטיקן צו די ווענט — זאָגט דער אדון שחורי, מחמת אויף איין צענטראַלער אַנטענע וועט קיינער נישט מסכּים זיין.

ביי די דאָזיקע ווערטער הויבט זיך אויף די פֿרוי פֿינקלשטיין. איר פּנים שטראַלט. זי פּאָכעט מיט די הענט:

— איך האָב, ליבע שכנים, איך האָב! אָנשטאָט דרייסיק קעסלען דאַרף מען מאַכן איין גרויסן קעסל מיט איין ריזיקן שפּיגל, וועלכער וועט לייכטן אין גאַנץ תּל־אָבֿיבֿ און פֿאַרשענערן די שטאָט...

דאָ שפּרינגט־אויף דער אדון פֿינקלקרויט:

— איך בין קעגן דעם! איך ווין אונטערן דאַך. און אויב דער קעסל וועט פּלאַצן, דער דאַך וועט איינפֿאַלן, וועט עס מיר אַ תּל־מאַכן פֿון גאַנצן מעבל.

— גערעכט! אַזאַ גרויסער קעסל מיט אַזוי פֿיל וואַסער, קען איינלייגן דעם גאַנצן בנין — זאָגט דער אדון שחורי. שוין בעסער דרייסיק קעסלען מיט דרייסיק שפּיגלען. אַזאַ קעסל קאָסט נישט מער ווי דריי טויזנט פֿונט. דאָס הייסט, אַז מיט נײַנציק טויזנט פֿונט וועלן מיר לייזן דאָס גאַנצע פּראָבלעם פֿון וואַרעם וואַסער. יעדער שכן וועט זיין אַ באַלעבאָס פֿאַר זיך. עס וועט נישט זיין קיין הויז־קאָמיטעט און מ׳וועט פֿאַרשפּאָרן מאַכן פֿאַר־זאַמלונגען.

דער פֿאָרשלאָג פֿון אדון שחורי איז אָנגענומען געוואָרן. דעם זעלבן טאָג האָט מען באַשטעלט די דרייסיק קעסלען מיט די שפּיגלען, וועלכע וועלן בקרובֿ שטיין גאַוהדיק אויפֿן דאַך פֿונעם גרויסן הויז אויף דער גיבורים־גאַס, אין תּל־אָבֿיבֿ, און אַרויסשיינען פֿון דער גאַנצער סבֿיבֿה.

אַ חתונה

— מענדעלע, דו ווייסט, אַז מיר האָבן אין גיכן אַ חתונה?

— וואָס פאַר אַ חתונה אין מיצקע דרינען? — פרעג איך מיין ווייבעלע. און איך פאַרשטיי, אַז דאָס שמעקט שוין ווידער מיט געלט — ווער זענען דאָס די חתן־כלה און די מחותּנים?

— זע נאָר, ווי ער מאַכט זיך דאָס געפּגרט — פאַרקרימט זיך מיין יענטעלע — האָסט נישט געזען די איינלאַדונג?

— אַוודאי האָב איך נישט געזען. איך קוק־דען־נאָך דיין פּאָסט?

— וואָס הייסט עס: „דיין פּאָסט?" ס'דאַך אָנגעקומען אויף דיין נאָמען.

— אויף מיין נאָמען באַקום איך נאָר מעלדונגען פון די בענק צו צאָלן די וועקסעלעך. די איבעריקע פּאָסט פאַרשווינדט ערגעץ.

— איך האָב דיר אַליין, מיט מיינע אייגענע הענט, נישט געוויזן די איינלאַדונג צו דער חתונה פון אברהם־מיכל האָבערגריץ און יאַדוויגאַ קוועקזילבער? — האָט יענטעלע געצויגן יעדעס וואָרט ווי מאַסטיק און אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר גזלנישע אויגן — האָסט נישט געלייענט די איינלאַדונג? אַ מאָדנע זאַך! ווען איך בעט ביי דיר נאָך אַ פּאָר פונט, ענטפערסטו מיר גלייך אויפן אָרט: „כ'האָב שוין דיר אַוועקגעגעבן מיין פאַרדינסט פאַר די קומענדיקע אַנדערטהאַלבן חדשים, איז וואָס־זשע ווילסטו נאָך?" דאָס געדענקסטו זייער גוט. אויף דעם האָסטו אַן אייזערנעם זכרון. און אַז כ'פרעג דיך, צי דו האָסט געזען די איינלאַדונג אויף דער חתונה — זאָגסטו „איך געדענק נישט"... אנו, דערמאָן זיך נאָר גוט, גיב זיך אַ קלאַפּ אין שטערן. דו האָסט דאָך אַליין געלייענט: „מיעטשיסלאַוו און זאָפיאַ קוועקזילבער פון כלהס צד און ברוך און שיינע־זיסל האָבערגריץ פון חתנס צד לאַדן אייך איין אויף דער חתונה פון זייערע קינדער אברהם־מיכל און יאַדוויגאַ". דו געדענקסט: האָסט נאָך דעמאָלט אַפילו אַ זאָג געטאָן: „ווער זענען דאָס די פּאָליאַקן — מיעטשיסלאַוו און זאָפיאַ וואָס לאַדן אונדז איין אויף זייער חתונה?" האָב איך דיר נאָך געהאַט געענטפערט: „דאָס זענען

נישט קיין פּאָליאַקן נאָר יידן. והראיה: די פאַמיליע זייערע „קוועקזילבער".
און דאָס זענען עולים חדשים, אַפּנים פון יענעם לאַנד ווו מענטשן לעבן
תּמיד אין פּחד. און אַפילו דאָ, אין ישׂראל האָבן זיי נאָך אַלץ מורא צו
ענדערן זייערע נעמען — אויף יידישע. טאָמער וואָס־ווען — קיינער ווייסט
נישט וואָס מאָרגן וועט זיין.

— אָ! איצט דערמאָן איך זיך שוין! — האָב איך אין פאַרלעגנהייט
אויסגערופן — אַנטשולדיק מיר זייער, מותּקל, ביסט גערעכט. איך האָב
טאַקע פאַרגעסן...

— צי איך בין גערעכט? — אַוודאי! איך בין תּמיד גערעכט —
האָט יענטעלע אויסגערופן מיט נצחון — נו, איצט אַז דו ווייסט שוין, וויל
איך דיר זאָגן, אַז מ׳דאַרף זיך גרייטן...

— מיר דאַרפן זיך גרייטן? — חידוש איך זיך — זאָל יאַדוויגאַ מיט
אברהם־מיכלען זיך גרייטן. האָסט געהערט אַ ביסל?

— הויבסט שוין אָן מיט דיינע שטותים? — פּאָרט יענטעלע אַריין
אויף איר שטייגער — די באָבע יאַכנע־דוואָסיע האָט דיר געלאָזט גריסן...
מיט אָט דעם קליידל קען איך גיין אויף אַ חתונה? לעבסט אויפן מאַרס?
אַוודאי, וואָלסט געווען צופרידן, אַז דיין ווייב זאָל גיין אין שמאַטעס, אַבי
דיר זאָל נישט קאָסטן קיין געלט... אָבער נישט ביי יענטעלען!

— פעלט דיר קליידלעך? דאַכט זיך, אַז די שאַפע ווערט שוין צע־
זעצט פון דיינע מלבושים. יעדן טאָג דאַרף מען אַ נייע שמאַטע? — האָסט
הנאה פון אויסגעבן געלט? דאָס מאָל וועסטו ביי מיר אַזאַ הנאה נישט האָבן
— האָב איך זיך אָנגענומען מיט כּוח און איר אַ זאָג־געטאָן מיט כּעס.

— זע נאָר, ווי ער האָט עס צעעפנט אויף מיר אַ געמבע? — מענ־
דעלע, וועסט טאַנצן אַזוי, ווי איך וועל דיר אויפשפּילן... איי וועסטו טאַנצן!...
אַ שאָד דיינע נערוון... נישט נאָר אַ קליידל וועל איך זיך אויפנייען... נאָר
אַ פּאָר שיך וועל איך מיר אויך קויפן... אַ ווייב פון אַזאַ „גרויסן צעלייגער"
ווי דו, דאַרף גיין אָנגעטאָן ווי אַ מענטש. צי דו ווילסט יאָ — צי נישט.
און וואָס אָנטאָן און ווען אָנטאָן — דאָס פאַרלאָז זיך שוין אויף דיין ווייב.
זי איז דאָך יאָ אַ מענטש!...

ווי פאַרשטייט איר? איך וועל גיין סקאַנדאַלעווען צוליב אַזעלכע זאַכן?
ווי זאָגט אַ גוי: „האָסט זיך אָנגערופן אַלס שוואָם, טאָ קריך אין קאָרב
אַריין"... אַ ברירה האָב איך?

אַ קיצור, יענטעלע האָט באַצייטנס באַשטעלט אַ קלייד אין באַקאַנטן

מאָדע־מאַגאַזין, אין תל־אביב. איך האָב אַפילו געפּרוּווט שטעלן אַ פראַגע: „פאַר וואָס דווקא אויף דיזנגוף? אויף דעם האָט יענטעלע געענטפערט: „דאָס איז דער עלעגאַנטסטער מאָדע־מאַגאַזין. והראיה: דאָרט קאָסט פּונקט דאָפּלט ווי אין אַלע אַנדערע מאַגאַזינען”... נו, און חוץ דעם האָט זי נאָך איינגעהאַנדלט אַ פּאָר עלעגאַנטע שיך און זי איז געווען פאַרטיק צו דער חתונה.

ווען ס׳איז אונטערגעקומען די גליקלעכע נאַכט פון אברהם־מיכל און יאַדוויגאַ האָבערגריץ, האָב איך זיך געלאָזט עלעגאַנט אָפּראַזירן די מאָרדע, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ פּאָר העלע פּלודערן און אַ טונקעלע מאַרינאַרקע ווי אויך אַ מינע פון אַ מחותן — און געווען גרייט זיך לאָזן צום אויטאָ־בוס. איך האָב אויסגערעכנט, אַז אַ האַלבע שעה איז גענוג כּדי אָנצוקומען אין „אולמי גיל” צו דער חופּה, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען זיבן אַ זייגער אין אָוונט.

זיץ איך מיר און כאַפּ דערווייל אַ קוק אין דער צייטונג. מיין יענטעלע שוויצט־אַרום אַהער און אַהין. אַלע שופלאָדן זענען אַרויסגערוקט, די שאַפעס — צעפּראַלט. עס טוט זיך אויף טישן און אויף בענק. אין אַזאַ מאָמענט, ווייס איך, איז געזינטער פאַר מיר צו זיצן שטיל אין אַ ווינקל און זיך נישט אָנרופן מיט קיין וואָרט. וואָרום די כוואַליע וואָס הייסט „יענטעלע”, קען מיך פאַרפלייצן, אַז מ׳זאָל מיך אין גאַנצן נישט אַרויסזען... זיץ איך, לייען די צייטונג — און שוויג. פּלוצלונג דערהער איך יענטעלעס זיס קולכל:

— מענדעלע, קום נאָר אַריין אויף אַ מינוט!

איך גיב אַ קוק, דער זייגער דערנענטערט זיך שוין צו זיבן. ס׳הייסט, אַז צו דער חופּה וועלן מיר שוין אַוודאי נישט קומען. אָבער צו דער וועטשערע וועלן מיר נאָך באַוויזן. און דאָס איז דאָך דאָס וויכטיקסטע — טראַכט איך. איך גיי אַריין אין שלאָף־צימער, זע איך ווי דער שווייס גיסט זיך פון מיין יענטעלען ווי זי וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פון אַ שוויץ־באָד. זי האַלט ביידע הענט אויף דער פּלייצע, וויל צומאַכן דאָס נייע קליידל — און עס גייט נישט.

זאָגט זי צו מיר אַזוי:

— העלף מיר צומאַכן דעם ריטש־ראַטש. אָבער פאָרזיכטיק!

איך האָב דעליקאַטנע אָנגענומען דאָס קעפּל פונעם ריטש־ראַטש און געפּרוּווט אַ ציִ טאָן — אַ נעכטיקער טאָג! עס גייט נישט. און ווי קען עס

גיין, אַז איין „פּלייצע״ פון דער אַנדערער איז אפשר אַ קילאָמעטער־ווייט.

רוף איך זיך אָן צו יענטעלען:

— די שניידערקע האָט דאָך דיר אָפּגעשאָכטן דאָס קליידל. עס פעלט דאָ אפשר אַ מעטער שטאָף. טאָ ווי קען איך עס צוזאַמענציִען?

— רעדסט ווי אַן אידיאָט! — מאַכט מיר יענטעלע אַ קאָמפּלימענט — וואָס הייסט, עס פעלט? ס׳דאַך געניית געוואָרן לויט אַ מאָס און איך האָב עס אפשר צוואַנציק מאָל אָנגעמאָסטן. מ׳דאַרף עס נאָר קענען צוזאַמענ־ציִען. גיי, גיב צו פאַרשטיין אַן אייזל־קאָפּ ווי אַזוי אַ גוט קליידל ווערט היינט געניית. דאָס איז דאָך ספּעציעל אַזוי צוגעשניטן, כּדי בולטער צו מאַכן די ליניע...

— איך קען דאָך נישט נעמען אַ קליידל, וואָס פּאַסט פּאַר אַ מיידעלע פון זיבעצן יאָר און שלעפּן עס אויף אַזאַ אָסאָבע ווי דו. ווי וועט עס קענען איינהאַלטן דיין „פיגור״? ס׳איז דען פון לעדער אָדער פון בלעך? — ווער איך אין כּעס און לאָז אָפּ דעם ריטש־ראַטש.

— איך וועל טיף אַריינציִען די לופט — און דו שלעפּ! — שרייט יענטעלע צו מיר און קוקט אין שפּיגל אַריין. — און אַז דו וועסט צונויפ־ציִען וועל איך די לופט אַרויסלאָזן — מאַכט זי צו מיר.

אַ קיצור איך נעם שלעפּן דעם ריטש־ראַטש און זי די לופט — עס גייט! ביז איבער דער טאַליע האָב איך שוין יאַקאָש צונויפגעצויגן. אָבער אַז ס׳איז געקומען העכער — סטאָפּ! גיי שריי חי־וקים!

— צי! — שרייט זי — אָבער פאַרזיכטיק, צי!

איך נעם־אָן דעם ריטש־ראַטש און גיב מיטן גאַנצן כּוח אַ צי — טראַך! דאָס קעפּל האָט זיך אָפּגעריסן און דער ריטש־ראַטש הויבט זיך אָן לאַנגזאַם צו עפענען דווקא אַליין אָן קיינעמס הילף... יענטעלע לאָזט־אַרויס אַ פאַרצווייפלטן געשריי און גיט זיך אַ כאַפּ מיט ביידע הענט ביים קאָפּ:

— פאַרטיק־געמאַכט דעם ריטש־ראַטש! אַזעלכע ליימענע הענט... אַזאַ שטיק אידיאָט... געפּטרט אַזאַ קלייד!... אַזאַ קלייד! און איך האָב זיך דאָס געגרייט די גאַנצע צייט צו באַווייזן אין דאָזיקן קליידל ספּעציעל צו דער חתונה... נו, נו, ער האָט דאָס מיר אָפּגעפּראַוועט אַ חתונה! איך וועל זי געדענקען אַ גאַנץ לעבן!...

מאנא-לשון

אויף איר חשבון

גיט מיר אַפּ מזל־טוב. איך האָב צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט. נאָך דעם ווי מיין מירעלע איז אַוועק פון דער וועלט, האָב איך געמיינט כ׳על אויך מיטגיין. אָבער ס׳איז אַריבער אַ חודש, צוויי, אַ יאָר. כ׳האָב געזען, אַז ווער עס שטאַרבט — ליגט אין דר׳ערד און ווער עס לעבט, וויל ווייטער לעבן. און ווי אַזוי קאָן מען לעבן אויף דער עלטער אָן אַ ווייב? האָב איך גענומען און כ׳האָב חתונה געהאַט.

מיט דער ערשטער ווייב, מיט מירעלען, האָב איך אָפּגעלעבט גאַנצע דרייסיק יאָר. זעט איר דאָך, פון דעסטוועגן האָב איך אויסגעהאַלטן. זי האָט מיר געבוירן אַ טאָכטער — פריידעלע הייסט זי. שוין אַ חתונה געהאַטע. איר זאָלט אָנקוקן צוויי אייניקלעך — ברילִיאַנטן. אַ לעבן אויף זיי! דאָס גרעסטע פאַרגעניגן האָב איך, ווען זיי קריכן מיר אויפן קאָפּ, אויף דער פּלייצע, זעצן זיך אויף די אַקסלען. דער עלטערער, אורי, האַלט צו מיר אין איין שרייען: „סבא, זיידע, מאַך צו אַן אויג" — און ער פאַרדעקט מיט זיינע הענטלעך מיינע אויגן. זאָג איך צו אים: אורילע, וואָס זענען דאָס פאַר אַ רייד? ווו האָסטו עס געהערט אַזעלכע ווערטער?

זאָגט צו מיר מיין אייניקל, דער חכם:

„די אמא׳לע זאָגט אָפט צום אבא׳לע: ווען דער אַלטער וועט צומאַכן אַן אויג, וועלן מיר אַריבערגיין אין זיין גרויסער דירה. דאָס מיינט זי דיך, סבא׳לע".

אָט אַזאַ חכם איז ער, מיין אייניקל. אַ געזונט אין אים. און דער צווייטער, דב׳עלע, וואַקסט גאָר אַ גאון. ער קען שוין יידיש אויך. זיך אויסגעלערנט פון מיר. ווען ער דערזעט מיך, זאָגט ער: „סבא׳לע, ליג אין דר׳ערד, איך וועל אַרויפקריכן אויף דיין בויך". לייג איך מיך אויף דער פּאָדלאָגע און ער רייט אויף מיר. דערביי שרייט ער אַזוי זיס: סבא סוס... סבא סוסעלע... ס׳הייסט, זיידע פערד, זיידע פערדעלע... איך זאָג אייך: אַ חכם עתיק.

די טאָכטער מיינע, פריידעלע, איז שטאַרק צוגעבונדן צו מיר. נאָכן

טויט פון דער מאַמען, בין איך דאָך אי אַ טאַטע אי אַ מאַמע. טענהט זי צו מיר: „אבא׳לע, טאָרסט נישט זיין אַליין אין אַזאַ גרויסער שטוב. טאָמער, חלילה, ס׳ווערט דיר שלעכט, דו חלשסט, איז דאָך נישטאָ ווער ס׳זאָל דיר דערלאַנגען אַפילו אַ גלאָז וואַסער. און ווער וועט דיר אָפּקאָכן אַ מיטאָג, אויסוואַשן אַ העמד, צורוימען די שטוב? אַזאַ מענטש ווי דו, אויף דער עלטער — זאָגט זי — דאַרף מען אָפּהיטן, דערלאַנגען — טאָ ווער וועט עס טאָן? בין איך גרייט, אבא׳לע, אַז דו זאָלסט אַריבער צו מיר. זאָג אַליין: דו דאַרפסט אַ דירה פון פיר צימערן? איינער אַליין? מ׳קען דאָך משוגע ווערן, אַראָפּגיין, חלילה, פון זינען אין אַזאַ גרויסער קאַזאַרמע. אָבער ביי מיר, אין קליין צימערל, וועסטו זיך פילן פריי. האָסט דאָרט אַ בעט, אַ טישל, און אַז עס וועט זיך געפינען נאָך אָרט, וועלן מיר דיר אַריינשטעלן אַ שאַפע אויך. אָבער צו וואָס דאַרפסטו אַ שאַפע? דאָס ביסל בגדים וואָס דו האָסט, וועסטו האַלטן ביי מיר אין שאַנק. און דאָס צירונג, דאָס געלט, וועל איך אַריינלייגן אין באַנק אַריין, אין מיין סייף. חוץ דעם, ווויין איך נישט ווייט פון קופת חולים. יעדן טאָג וועסטו קענען גיין אַהין, קיינער וועט דיר נישט שטערן. לעם שטוב געפינט זיך אויך דער שפּיל־פּלאַץ, וועסטו זיך קענען שפּילן מיט די אייניקלעך".

גיי ווייס, אַז כ׳וועל האָבן אַזאַ געטרייע טאָכטער. ווי זאָגט מען דאָ: אַן אמתער מותק. פון דעסטוועגן האָב איך איר געענטפערט אַזוי:

„פריידעלע, איך דאַנק דיר פאַר דיין גוטהאַרציקייט. געוויס מיינסטו נאָר מיין טובה. ביסט אין גאַנצן געראָטן אין דיין מאַמען, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן. זי איז מיר אויך געווען שטאַרק געטריי. גאַנצע דרייסיק יאָר. געוויס האָבן מיר זיך אַ מאָל געקריגט, זי האָט אַריינגעוואָרפן אַ שאַרף וואָרט, איך האָב אַריינגעוואָרפן אַ שאַרף וואָרט. אָבער, לויט ווי איך געדענק, האָבן מיר זיך קיין מאָל נישט געשלאָגן. אָפּגעקריגט זיך — זענען מיר אַ פּאָר חדשים געווען ברוגז און ס׳איז געווען אַזאַ שטילקייט אין שטוב, אַז ווען דער שכן פון זיבעטן שטאָק האָט זיך געקריגט מיטן ווייב האָב איך געהערט יעדעס וואָרט.

און נאָך האָב איך איר געזאָגט:

„טעכטערל, דו האָסט צוויי קליינע קינדער. זיי זענען נישט פון די שטילסטע. און איך דאַרף רו. מילא, די מאַמע, עליה השלום, האָט שוין אייביקע רו. אָבער איך וויל דערווייל אַ ביסעלע רו. בייטאָג, נאָכן עסן, האָב איך ליב זיך צולייגן, כאַפּן אַ געשמאַקן דרימל. זינט די מאַמע איז

נישטאָ, קען איך דאָך רויִק שלאָפן וויפל איך וויל. טאָ האָב נישט קיין פּאַראיבל, טעכטערל, וואָס דערוויל וועל איך בלייבן ביי זיך אין שטוב. אַ ביסל געלט אין באַנק האָב איך נאָך. וויפל איז מיר דען באַשערט נאָך צו לעבן? ס׳וועט מיר סטייען״.

בקיצור, אַז מיין טאָכטער האָט מיך גענומען איינרעדן, אַז איך טאָר נישט בלייבן אַליין, האָב איך אַ טראַכט געטאָן: דווקא אין דעם איז זי גע־רעכט. איך האָב מיך גענומען אויסטראַיען און גיין אין קאַפע־הייזער, אין טעאַטער. ווי נאָר די כּלערליי אלמנות און גרושות האָבן מיך דערזען אַליין, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צורוקן צו מיר. איך האָב מיר געטראַכט: אַז זיי איז ליב, איז מיר ניחא. פון ערשטן קוק זענען זיי מיר אַלע געפעלן געוואָרן. געווען צווישן זיי שוואַרצע, בלאָנדע און ברונעטע. און נאָך האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אַלע זענען זיי שענער פון מירעלען, אַ לייכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן. פון דעסטוועגן האָב איך גענומען איבערקלייבן. אַ שיינע דירה האָב איך, געלט האָב איך, אַ פּענסיע האָב איך אויך. טאָ פאַר וואָס זאָל איך נישט נעמען, אויף דער עלטער, עפּעס אַ יונג ווייבעלע, אָט אַזוי ווי דוד המלך האָט אַמאָל גענומען? וואָסי, איך בין קליגער פון אים.

איר ווילט וויסן דעם סוף? כ׳האָב געפּאַקט אַ ווייבעלע — אַ צאַצקע! זי איז טאַקע אַ ביסעלע עלטער פון מיין טאָכטער, פון פריידעלען, אָבער ס׳מאַכט נישט. דערפאַר האָט זי אַ פיגורקעלע, אַ פּאָר פיס, אַ פּאָר אויגן — נאָר צו קוויקן זיך אין זיי! זי איז אַן עולה חדשה פון רוסלאַנד און הייסן הייסט זי זשעניעטשקאַ. פון וואַנען זי קומט צו מיר? פון קופּת חולים. זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער. איין מאָל, ווען זי האָט מיר געמאַכט אַן איינ־שפּריצונג, האָב איך געכאַפּט אויף איר אַ קוק — און תיכף, אויפן אָרט באַשלאָסן: דאָס איז עס! אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — איך האָב זיך דערוווּסט אַז זי איז אַן אלמנה. און אַזוי ווי איך בין אויך אַן אלמן — זענען מיר דאָך אַ גלייכע פּאָר. אַז זי האָט דערזען מיין דירה, און איך האָב איר דער־ציילט וואָס איך פאַרמאָג — האָט זי באַלד געזאָגט: יאָ! איידער וואָס־ווען האָב איך זי אַריינגענומען צו זיך אין שטוב אַריין. דערנאָך האָבן מיר חתונה געהאַט כּדת וכדין. און מיר זענען אַרויסגעפאָרן צו פּראַווען דעם האָניק־חודש. מיר זיצן אין אילת, אין שענסטן האָטעל. ס׳קאָסט זייער טייער. אָבער דער עיקר איז, אַז מיין זשעניעטשקאַ איז צופרידן. מיר פאַר־ברענגען ביידע און לעבן אַ גוטן טאָג.

אַנומלט האָט מיך מיינער אַ באַקאַנטער אַ פרעג־געטאָן:

„ר׳ עליע, איר קענט זיך פאַרגינען אויסצוגעבן אַזוי פיל געלט?״
האָב איך אים געענטפערט:
„איך האָב אַ טייערע טאָכטער, זיץ איך דאָ אויף איר חשבון. כ׳מיין אויפן חשבון פון דער ירושה וואָס איך וועל איר, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, איבערלאָזן. אמת, זי וועט טאַקע, שפּעטער, האָבן דערפון גרויסע צרות, דערפאַר אָבער האָב איך איצט גרויס פאַרגעניגן.
ווי מיינט איר, בין איך נישט גערעכט?״

אַ שליח

איך בין אַ שליח. מ׳שיקט מיך — פאַר איך. ווי אַזוי? דורכן „שליסל״. כ׳געהער דאָך צו אַ פּאַרטיי. האָט מיר דער גורל צוגעשפּילט. איך זיץ אין אויסלאַנד.

אין דרום־אַמעריקע איז איצט זומער, הייס, האָב איך מיך אַראָפּגעכאַפּט אין לאַנד אַריין. דאָ איז קאַלט, די לופט איז פריש, וועל איך אַ ביסל קומען צו זיך. דאָרט, אין גלות, איז זייער שווער. קאַטאָרזשנע אַרבעט. טאָג און נאַכט בין איך פאַריאָגט, פאַרפּלאָגט מיט באַנקעטן, אָוונטן, צוזאַמענטרעפן. מ׳וואַלגערט זיך אַרום איבער די שענסטע האָטעלן. מ׳קומט אָפּט אָפּ אין די קאַבאַרעטן. מיט איין וואָרט: מ׳פּראַוועט ציוניסטישע אַרבעט.

פון תמיד אָן בין איך געווען אַ פּאַטריאָט. אָט דאָס טאַקע האָט מיך געבראַכט אין קיבוץ אַריין. ווען איר וואָלט געזען ווי איך האָב געמאָלקן די בהמות, וואָלט איר מיך אָפּגעפאָטאָגראַפירט און אַריינגעשטעלט מיין בילד אין דער טעלעוויזיע. זעלטן ווען אַ ייד זאָל נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות אַזוי קענען מעלקן. איך האָב דערצו זוכה געווען. און ווען די פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן אויסקלייבן קאַנדידאַטן — בין איך געווען דער ערשטער. מיט אַזאַ טאַלאַנט — האָט מען צו מיר געזאָגט — קענסטו זיין דער בעסטער שליח. און זיי האָבן זיך טאַקע נישט אָפּגענאַרט: איך פאָר, איך טו, איך רעד. מיין ווייבל — אביבה — העלפט מיר צו. זי האָט אין קיבוץ געהאַט צו טאָן מיט הינער, איז זי געווינט צו רעש, צו קהל. זי האָט געכאַפּט דעם שניט פון אַ שליחס אַ ווייב, ווי זי וואָלט אין דעם פאַך געבוירן געוואָרן. נאָר איין חסרון האָט זי: תמיד לעבט זיך אין פּחד טאָמער, חלילה, ווער איך אויס שליח און וועלן מיר ווידער מוזן גיין אין קיבוץ אַריין.

טענה איך צו איר: אביבהלע, וואָס האָסטו מורא? אונדזער פּאַרטיי שטייט דען חס־ושלום פאַר ליקווידאַציע? מ׳שאַפט דען אָפּ די שליחים? אַלע יידן פון גלות קומען, חלילה, קיין ישׂראל? אויב אונדזער שליחות וועט זיך ענדיקן אין דרום־אַמעריקע, וועלן מיר פאָרן אין אַן אַנדער לאַנד.

יידן געפֿינען זיך, ברוך־השם, אין דער גאַנצער וועלט. און דאָרטן ווו יידן — דאָרטן זענען מיר. ציטער נישט אַזוי, מ׳הייסט אונדז נאָך נישט זיך צוריקקערן קיין ישׂראל.

אַלץ וואָלט געווען גוט ווען נישט דאָס, וואָס יעדער איינער טייטלט אויף מיר מיט די פֿינגער: „זע נאַר, וואָס פֿאַר אַ ליכטיק לעבן דער דאָזיקער שליח מאַכט עס אין פֿינצטערן גלות און אין וואָס פֿאַר אַן אויטאָ ער פֿאָרט, אין וועלכער דירה ער וווינט, וואָס פֿאַר אַ טייערע קליידער זיין ווייב טראָגט!" כ׳פֿאַרשטיי נישט: וואָס איז דאָ דער חידוש, אַז אַ ווייב טראָגט? זי האָט עס דען ביי עמעצן צוגערויבט? ווי אַזוי דען זאָלן מיר זיך פֿירן? מיר רעפּרעזענטירן דאָך די מדינה!

די קינאה פֿרעסט זיי אויף. נישט נאָר יידן, נאָר אַפֿילו אַ סך גויים זענען אונדז מקנא. אַלע מורמלען: „זע נאָר וואָס פֿאַר אַ לעבן זיי מאַכן דאָ!"

זיי פֿאַרשטייען נישט, אַז אַ שליח פֿון אַזאַ לאַנד ווי ישׂראל, דאַרף זיך פֿירן מיט אַ ברייטער האַנט, מיט ראַזמאַך, מיט אַ פֿאַרנעם, כּדי אַזוי אַרום געווינען עולים. אַזאַ פּאָטענציעלער עולה, ווען ער זעט ווי אַזוי אַ ייד פֿון ישׂראל פֿירט זיך, גיט ער זיך באַלד אַ טראַכט: „זע נאָר דעם לוקסוס! אַפֿנים, אַז דאָרט, אין ישׂראל, לעבן מענטשן ווי אין גן־עדן".

און ער באַשליסט באַלד צו קומען אין הייליקן לאַנד אַריין.

ער פֿאַרשטייט, אַז ישׂראל איז נישט עפּעס אַן אינדיע, אָדער אַ כינע, ווו מענטשן קומען־אָפּ אויף דער וועלט, ווערן פֿאַרשמאַכט, מחמת די דאָזיקע לענדער זענען אָרעם און זיי מוזן אָנקומען צו פֿרעמדער הילף.

די צרה איז, וואָס אַנדערע מאַכן מיר קאַליע די גאַנצע אַרבעט.

אַנומלט האָבן אַ פּאָר שליחים פֿאַרענדיקט זייער אַרבעט און זיי האָבן זיך געדאַרפֿט צוריקקערן קיין ישׂראל. זענען זיי, נעבעך, אַרומגעגאַנגען מיט אַזעלכע פֿאַראומערטע און פֿאַרחושכטע פּנימער, אַז די יידן זענען געקומען צו מיר מיט אַ טענה: „איר פֿאָדערט פֿון אונדז מיר זאָלן עולה זיין קיין ישׂראל און דאָ האָבן די שליחים אַליין נישט קיין חשק זיך צוריקקערן אין לאַנד אַריין".

און די דאָזיקע יידן, די שליחים מיין איך, זענען כּשר גערעכט. צו גוטס געוווינט מען זיך שנעל צו. גלוסט זיך טאַקע נישט דאָס אַלץ איבערלאָזן. בפֿרט, אַז אַ מענטש האָט זיך שוין גוט איינגעפֿונדעוועט אין אויסלאַנד, האָט אָנגעבונדן גרויסע קאָנטאַקטן, געמאַכט אַ לעבן. איך אַליין קען

עטלעכע שליחים, וואָס האָבן פריִער געשיקט יידן קיין ישׂראל און איצט זענען זיי אַליין יורדים. די טענה איז: זיי זענען שוין אַריין אין אַן אַנדער לעבן און קענען זיך דערפון נישט אָפּרייסן. יאָ, זיי זאָגן מיר צו, אַז ווי נאָר זיי וועלן מאַכן דעם ערשטן מיליאָן, וועלן זיי זיך צוריקקערן קיין ישׂראל.

אַזאַ איינעם האָב איך געטראָפן אין אַ גרויסער שטאָט פון אַ דרום־אַמעריקאַנער לאַנד. דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי: אין די חדשים יאַנואַר־פעברואַר איז דאָרט געוויינלעך הייס. האָב איך גענומען מיין ווייבעלע, אביבהן, און מיר זענען אַרויסגעפאָרן אין אַ שיינער געגנט, וואָס גאַנץ שווייצאַריע קען זיך קעגן איר באַהאַלטן. ממש אַ גן־עדן! שניי און בערג נאָר צו לעבן און געניסן. אין איינעם אַן אָוונט גייען מיר פאַרברענגען אין אַ נאַכט־לאָקאַל. איך כאַפּ אַ קוק — ביי איין טישל זיצט אַ יפהפיה מיט אַ מיני שבמיני, געמאַכט פון פעדערן מיט אַ דורכזיכטיקער בלוזקע, וואָס אַנטפּלעקט אַלע פאַרבאָרגענע זאַכן... פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב מיך באַלד פאַראינטערעסירט: ווער קען דאָס זיין? און בשעת מיין אביבה האָט גע־כאַפּט אַ שמועס מיט אונדזערס אַ באַקאַנטן, האָב איך מיך פאַרזיכטיק צוגעשאַרט צו דער יפהפיה. וואָס ווייזט זיך אַרויס? זי איז די פרוי פון אַ געוועזענעם שליח. נאָכן פאַרענדיקן זיין שליחות איז ער ווייטער געבליבן אין יענעם לאַנד און איצט פראַוועט ער שליחותן פאַר זיין ווייב. דאָס מאָל האָט זי אים געשיקט קיין באַרילאָטשע — אַזוי הייסט דאָס אָרט — און זי אַליין האָט זיך אויך מיטגעכאַפּט.

קומענדיק צו די יידן אין גלות האָב איך מיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט: באַטראַכט דאָס לאַנד, איינגעקויפט שיינע זאַכן, געשלאָסן באַקאַנטשאַפטן מיט מענטשן. אביבה האָט זיך פאַרנומען מיט זוכן אַ דירה — ערגעץ אין שענסטן קוואַרטאַל פון דער הויפּטשטאָט. נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט, האָב איך געהאַלטן פאַר יידן מיין ערשטן רעפעראַט. כ׳האָב זיי געעצהט צו פאַרלאָזן אַלץ און קומען קיין ישׂראל— יונג און אַלט. נישט וויכטיק — האָב איך געזאָגט — צי זיי האָבן פאַכן, צי געלט. דער עיקר: זיי זאָלן עולה זיין. „די מוטער רחל וויינט און בעט זיך איר זאָלט קומען. די וויסטענישן וואַרטן מ׳זאָל זיי באַפרוכפּערן. די ברייטע שטחים בעטן זיך מ׳זאָל זיי באַזעצן. עס פעלן אַרבעטס־הענט. איר האָט יאָ קאַפּי־טאַל, איר האָט נישט — ישׂראל גיט אייך אַלץ — קומט מאַסנווייז! פאַר־לאָזט ענדלעך דעם פינצטערן גלות און קומט אין אייער ליכטיק לאַנד,

וואָס בענקט נאָך אייך, וויל אייך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס. אַ לאַנד, ווו אייערע ברידער זענען גרייט אייך אַוועקצוגעבן אַפילו זייער לעצטן ביסן פון מויל, זייער דירה, זייערע שטעלעס — אַבי איר זאָלט עולה זיין״.

דערנאָך בין איך אַוועק אין אַ יידישער שולע. כ׳האָב צו די קינדער געמומען רעדן העברעיִש. זיי האָבן אָבער נישט פאַרשטאַנען. האָב איך זיי אָנגעהויבן לערנען די שפּראַך. קיין העברעיִש האָבן זיי זיך טאַקע נישט אויסגעלערנט, דערפאַר האָב איך זיך אויסגעלערנט שפּאַניש. און איצט דערצייל איך זיי וועגן מיינע איינדרוקן אין יענעם לאַנד.

אַלץ איז גוט און פיין, אָבער די האָרעוואַניע איז גרויס. נאָך אַ נס, וואָס שבת און זונטיק, ווי אויך אין די יידישע און גוייִשע יום־טובים, אַרבעט איך נישט. דעמאָלט נעמען מיר אונדזער גרויסן „שעווראָלעט״ און מיר פאָרן שפּאַצירן איבערן לאַנד. און גלויבט מיר, ס׳דאָ וואָס צו זען.

און ווי נאָר כ׳קום פון דער נסיעה, אַ מידער, אַהיים, מוז איך שוין ווידער גיין צו דער אַרבעט. וואָס איך טו? פרעגט מיך בחרם. איך האָב נישט קיין ספּעציעלן אַרבעטס־פּלאַן. אָבער דער עול איז שווער. דו טראָגסט אויף זיך אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ביסט אַ שליח. דאַרפסט בויען דעם בריק צווישן גלות און ישראל. האָרעווע איך טאַקע: איך טרעף זיך מיט מענטשן. איך עס מיט זיי מיטאָגן אין גרויסאַרטיקע רעסטאָראַנען. איך פּראַווע ביי זיך אין שטוב בעלער פאַר הויכגעשטעלטע פּערזענלעכ־קייטן. מיין אביבה איז געוואָרן אַן עלעגאַנטע דאַמע. ווען איך וואָלט עמעצן דערציילט, אַז ערשט נישט לאַנג האָט זי געהאַט צו טאָן מיט הינער אין שטייג, וואָלט מען געמיינט, אַז איך בין פון זינען אַראָפּ.

אָט אַזוי מוטשע איך מיך אינעם פרעמדן לאַנד — נאָר דערפאַר, ווייל איך בין אַ פּאַטריאָט. כ׳וויס, אַז ישראל האָט נוצן פון מיר. כ׳טו עפּעס־אויף. אַ פאַקט: די מדינה וואַקסט, אַנטוויקלט זיך. צה״ל איז שטאַרק. און איך האָב הנאה.

יאָ, איך האָרעווע שווער. ווערדליק איך האָב אויסגערעכנט קומט מיר אויס — נאָכן אַראָפּרעכענען די יידישע און גוייִשע רו־טעג און דעם אור־לויב אין די הייסע זומער־חדשים — צו אַרבעטן אין משך פון יאָר גאַנצע הונדערט מיט פערציק טעג! און דאָס מוז איך אויסטראָגן אויף מיינע בידנע פּלייצעס. פאַרוואָס? ווייל איך בין אַן אמתער פּאַטריאָט פון דער מדינה. קיין שום זאַך איז מיר נישט שווער צו טאָן פאַר ישראל. איך האָב נאָר

מורא, אַז עמעצער זאָל מיר נישט אונטערשטעלן אַ פיסל און איך זאָל דאַרפן צונויפנעמען די מאַנאַטקעס און קומען צוריק אין קיבוץ אַריין. נישט איין מאָל חלומט זיך מיר אַזאַ בייזער חלום און איך כאַפּ מיך תמיד אויף אַ באַגאָסענער מיט קאַלטן שווייס.

אַ משפּחה מיט אַ סך קינדער

איר קענט מיך נישט? — איך בין פון די משפּחות וואָס זענען געבענטשט מיט אַ סך קינדער. דערווייל האָב איך, מיט גאָטס הילף, נישט מער ווי צוועלף. אָבער מיין פרוי, סאָביכאַ, איז נאָך גענוג יונג און איך גלויב, אַז דאָס קינדלען וועט זיך נישט אָפּשטעלן. וויפל? וויפל דער אויבערשטער וועט געבן.

מיר וווינען אין שיכּון צוזאַמען מיט „שיכּנאַזים" און זי, מיין פרוי סאָביכאַ, האָט זיך שוין אָנגעשטעקט פון זיי: „ניסים, זאָגט זי, אפשר שוין גענוג? קוק־אָן אונדזערע שכנים — זיי האָבן נישט מער ווי צו צוויי־דריי קינדער. זע, ווי זיי לעבן — און ווי מיר לעבן. ניסים גיב אַ טראַכט"...

אַז איך דערהער פון סאָביכאַן אַזעלכע דיבורים צינדט זיך אין מיר אָן אַ פייער: וואָס דאַרף מען דאָ טראַכטן — גיב איך אַ זעץ מיט דער האַנט אין טיש — דאָ דאַרף מען טאָן! די „וווּס־וווּסן" האָבן אַנדערע פאַרגעניגנס, למשל, אַרומפאָרן אין שיינע אויטאָס, זיצן אין גרויסע דירות, גיין אין טעאַטער, אויף קאָנצערטן, זיצן אין קאַפע־הייזער און איך, ניסים, האָב מיר אַן אַנדער פאַרגעניגן — איך האָב ליב קינדער. דאַרפסט זיין שטאָלץ מיט מיר — זאָג איך צו איר — וואָס דו האָסט אַזאַ מאַן ווי איך, אַזאַ אויפטוער! אונדזער פאָטער יעקב — האָסט אים געקענט — פרעג איך זי — נישט דער פון קאַסאַבלאַנקאַ מיטן בלינדן אויג — ער האָט אויך געהאַט צוועלף קינדער — כ'מיין דעם, פון אונדזער הייליקער תּורה — יעקב אָבינו, אונדז צו לענגערע יאָר. ער האָט אויסגעהאָדעוועט צוועלף זין איינס און איינס. ער האָט אָבער געהאַט צוויי ווייבער און איך האָב עס געמאַכט מיט איין ווייב. דו פאַרשטייסט שוין, ווער דיין מאַן איז? וואָס פאַר אַ ווערט ער האָט? און דו האָסט נאָך אַ חוצפּה מיר צו זאָגן: „ניסים, טו דאָס און טו יענץ. ניסים, מ'דאַרף קויפן די קינדער שיכעלעך, הויזעלעך, העמדע־לעך... מ'דאַרף זיי לערנען... עס איז ענג אין די דריי קליינע צימערלעך... מען דאַרף האָבן געלט, אַ סך געלט!..."

ווילסט אַ סך געלט — גיב איך אַ געשריי צו סאַביכאַן, טאַ גיי צו די „ווס־ווזסן״, צו די „שיכּנאַזים״! ביי מיר ועסטו נישט קריגן קיין סך געלט, נאָר אַ סך קינדער. צוועלף קינדער האָבן מיר, ברוך־השם, צוועלף שבטים! און ביי מיר, האָף איך, וועלן זיין נאָך מער שבטים ווי ביי אונדזער טאַטן, ביי יעקבן. מחמת איך בין נישט יעקב, איך בין ניסים.

דאָ מישט זיך ווידער אַריין מיין סאַביכאַ. „ניסים — זאָגט זי — פּאַר־שטיי, אַז בלויז מיט ניסים אַליין קען מען נישט לעבן...״

דערהערנדיק דאָס, גיט מיר דאָס האַרץ אַ שפּרונג אין גאַרגל אַריין: וואָס? איין ניסים איז דיר ווייניק? דאַרפסט נאָך עמעצן? און איך גיב זיך אַ יאָג צו איר, גרייט זי דורס צו זיין.

ברעכט־אויס סאַביכאַ אין אַזאַ געלעכטער, ווי עמעצער וואָלט זי פּלוצ־לונג געגומען קיצלען אונטער דער פּאַכווע: „חמור״ — זאָגט זי צו מיר זייער איידל, און זי האַלט דערביי אונטער איר דיקן בויך וואָס טרייסלט זיך פון געלעכטער — „פּרנסה דאַרף מען האָבן! די קינדער ווילן עסן. מען דאַרף זיי מאַכן פּאַר מענטשן״.

כאַ־כאַ־כאַ — מען דאַרף זיי ערשט מאַכן — צעלאַך איך זיך אויכעט. זיי זענען שוין געמאַכט. און וואָס שייך עסן, זאָרגט שוין פּאַר דעם אונ־דזער רעגירונג: חמורים, פערד און משפּחות מיט אַ סך קינדער האָבן גענוג ברויט. צוועלף לעבלעך ברויט אַ טאָג איז ווייניק? — טאַ קויף נאָך צוויי. זאָלן די קינדער קייען פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. וואָס נאָך דאַרפן זיי — מילך? דער פּרייז פון מילך איז אויך נישט געשטיגן — זאָלן זיי זשליאָקען מילך. אָבער וואַסער — וואָס ווייניקער. מחמת די עיריה האָט שוין ווידער געהעכערט דעם פּרייז פון וואַסער.

„נו, און וועגן אַ שטיקל פלייש?״ — פרעגט מיך ווידער סאַביכאַ.

פלייש האָבן זיי דווקא גענוג — זאָג איך צו איר — אָבער נאָר אויף צו קוקן. גאָר אַ היפּשע שטיק פלייש. זי הייסט — זאָג איך — סאַביכאַ און זי איז מיין ווייב. פלייש? מאַך אַ חשבון: איך און דו זענען מיר צוויי. דערצו רעכן־צו אונדזערע צוועלף „שבטים״ — זענען מיר שוין... איינס, צוויי, דריי... וויז נאָר מיר דיינע הענט, עס סטייען מיר נישט קיין פינגער... אָט אַזוי... צען, עלף, צוועלף, דרייצן, פערצן... פופצן... זעכצן... ניין, דער־וויל פערצן. וויפל קאָסט אַ קילאָ פלייש? צוואַנציק? פינף־און־צוואַנציק לירות? לאָמיר זאָגן, אַז מיינע קינדער איז גענוג וואָרעם, און זיי קענען עסן געפּרוירן פלייש. וויפל קאָסט געפּרוירן פלייש? — אַן ערך אַכצן

לירות אַ קילאָ. היינט רעכן־אויס: אַפילו 200 גראַם אויף אַן עסער דאַרפן מיר האָבן קנאַפּע דריי קילאָ פליישׁ אַ טאָג. דאָס הייסט, העכער פופציק לירות נאָר אויף פליישׁ. און אין חודש זענען דאָ, זאָגט מען, דרייסיק טעג. פרעג איך דיר, סאַביכאַ: קענען מיר עסן פליישׁ?

„נו און אָנטאָן, מלבושים" — פרעגט מיך ווידער מיין ווייב.

מלבושים — גיב איך איר צו פאַרשטיין — דאָס איז שוין נישט אַזאַ וויכטיקע זאַך. קודם־כל זיצן די קינדער אין שטוב. עס איז ענג, זיי זענען צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, איז זיי וואַרעם. און חוץ דעם, האָב איך געזען גאַנץ שיינע פּרויען און מיידלעך, וואָס גייען אַרום, אַפילו אין גאַס, כּמעט אין גאַנצן נאַקעט...

וואָס קען איך טאָן: איך בין טאַקע נישט מער ווי עטלעכע און פערציק יאָר אַלט, אָבער איך פיל מיך שוואַך. איך קען נישט אַרבעטן. איר פאַרשטייט? חולה * און אויסער אַרבעט — האָב איך אויך וואָס צו טאָן: יעדן טאָג גיי איך אין די „סאָציאַלע" און איך קלאַפּ דאָרטן אין טיש. איך פאָדער: גיט מיר! איך גיב דער מדינה קינדער — זאָג איך — און די מדינה דאַרף מיר געבן געלט. יעדן טאָג דריי איך דאָרט איבער אַן אַנדער טיש. צוויי מאָל האָט מען מיך שוין איינגעזוצט. אָבער איך גיי ווידער. ווער זאָרגט פאַר דער מדינה? — שריי איך דאָרט, אין די „סאָציאַלע" — איך! צוועלף קינדער, דאָס זענען דאָך פיר „שיכּנאַזישע" משפּחות! און יעדע משפּחה נייע עולים, קאָסט אייך דאָך, זאָגט איר, הונדערט מיט צוואַנציק טויזנט לירות זי צו באַזעצן אין לאַנד. טאָ וואָס דאַרפט איר די מענטשן ברענגען פון חוץ־לאָרץ אַז איך גיב אייך זיי דאָ אויפן אָרט, פאַרטיקע. איר קענט פון זיי מאַכן וואָס איר ווילט. און וואָס פאָדער איך דען? גיט מיר נאָר אַזוי פיל וויפל עס קאָסט צו ברענגען און באַזעצן דאָ בלויז איין משפּחה פון עולים. איך וועל מיך באַגנוגענען דערווייל אַפילו מיט נישט מער ווי הונדערט טויזנט לירות. די רעשט צוואַנציק טויזנט שענק איך אייך אַוועק. בין איך בסדר?

מיינט איר, אַז זיי גיבן מיר, די „שיכּנאַזים"? — הויבט זיך נישט אָן. איינע פון די „סאָציאַלע", אַ „שיכּנאַזישע", האָט נאָך געהאַט די חוצפּה מיר צו זאָגן: „ווער הייסט אייך מאַכן אַזוי פיל קינדער? פאַר וואָס האָב איך נאָר צוויי?"

---

* קראַנק.

ווייל די „שיכּנאַזים" ווילן — האָב איך איר געענטפערט אויפן אָרט — אַז מיר, די ספרדים, זאָלן פאַר אייך מאַכן די שוואַרצע אַרבעט און איר וועט זיך קענען באַרימען, אַז דאָס לאַנד וואַקסט, צה"ל איז שטאַרק. וועמען האָט איר צו פאַרדאַנקען, וואָס די באַפעלקערונג פאַרגרעסערט זיך? — אונדז, די משפחות מיט אַ סך קינדער! איר פאַרנעמט אומעטום דעם אויבן־אָן, און מיט אונדז ווילט איר פאַרשטופן אַלע לעכער.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן: מיין שוועסטער־קינד, יחזקאל יחזקאל איז געווען קליגער פון מיר. אַנשטאָט צו פאָרן אַהער, קיין ישׂראל, איז ער גע־פאָרן קיין פראַנקרייך. ער האָט דווקא אַ קליינע משפּחה — נישט מער ווי צוויי קינדער. אָבער דערפון, וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג גיט אים פאַר זיי, פאַר די קינדער, קען ער לעבן בריווח. ער שפּילט אַ גאַנצן טאָג אין שעש־בעש און ער האָט פּרנסה. און איך שפּיל אויכעט אַ גאַנצן טאָג אין שעש־בעש — האָב איך, מיינע שׂונאים, אַ קרענק. איך מוז אייך זאָגן, אַז זי, מיין סאַביכאַ, איז כּשר גערעכט: וואָס וועט זיין דער סוף? פריער האָב איך אין די „סאָציאַלע" בלויז איבערגעדרייט טישן, אָבער איצט קלייב איך זיך שוין האַקן פענצטער. און אַז דאָס אַלץ וועט נישט העלפן, וועל איך ברענגען מיינע צוועלף „שבטים" צו די „סאָציאַלע", און כ׳וועל זיי דאָרט אַלע איבערלאָזן. זאָלן זיי זיך וואַרגן מיט זיי, די „שיכּנאַזים". אָט אַזוי וועל איך טאָן. איך האָב נישט קיין אַנדער ברירה.

געסט

נאָך אַ שטיק צייט פאַר פסח, האָט מיין ווייבעלע שוין געהאַט צו מיר אַ זאָג־געטאָן, אַזוי צו זאָגן:

— איַיזיקל, אפשר וואָלט געווען אַ יושר מיר זאָלן אַרויספאָרן ערגעץ אויף יום־טוב? די זאַך איז אַזוי: פּראַווען דעם סדר ביי זיך אין שטוב האָב איך נישט בדעה. איך רעד שוין נישט וועגן געלט — כאָטש דאָס שפּילט היינט אויך אַ גרויסע ראָלע — נאָר די האָרעוואַניע, דאָס צוגרייטן, דאָס קאָכן, וואַשן די כּלים. איַיזיקל, דאָס איז נישט פאַר מיינע כּוחות. און אַז כ׳וועל מיך שוין גוט אָנהאָרעווען, געבן אַלעמען עסן פון שענסטן און פון בעסטן וועט מען מיך נאָך באַרעדן אויך. דיין שוועסטער־קינד — די בלאָנדע, געוועזענע קראַסאַוויצע, וועט מיט איר שאַרף צינגעלע אַ שניידט־טאָן: „אייזיקלס ווייב, זלאַטקעלע, האָט דווקא ליב צוצוגרייטן אַ סך. עס קען סטייען פאַר אַ פּאָלק סאָלדאַטן. אָבער אַלץ אויף אַזאַ פּראָסטן שטייגער, אָן געשמאַק... די פיש, דאָס פליייש, די יויך, זיי האָבן נישט קיין יידישן טעם, פונקט אַזוי ווי דאָס טונקעלע קליידל וואָס זי טראָגט אויף זיך: אַ פלייצע, אַ שניט, אַ דעקאָלט... פּראָווינץ בלייבט פּראָווינץ״.

— זלאָטקע־לעבן, צו וואָס דאַרפסטו זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט פּראַווען סדרים ביי זיך אין שטוב? אין גאַנצן לאַנד איז נישטאָ קיין שטיקל סדר, פון דעסטוועגן לעבט מען יאַקאָש. מיר וועלן בעסער גיין צו אונדזער קוזינקעלע, צו שיינדעלען. איך האָב דיר פאַרגעסן צו זאָגן, אַז אַנומלט האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז היינטיקן פסח וועלן מיר זיין ביי איר צום סדר.

— ביי שיינדעלען? — מהיכא תיתי! איר קאָכן טויג אַפילו אויף טיש־טשי־ניינציק כּפּרות, אָבער דאָס וואָס איך לייג אַריין אין געשעפט — לוינט זיך. אָבי זיך נישט פאַרען ביי די טעפּ. ווער דאַרף היינט פרעסן? יעדער איינער האַלט דאָך היינט אַ דיעטע.

— ביי זיך, אָבער נישט דעמאָלט ווען מען גייט צו עמעצן — באַמערק איך.

בקיצור, מיר האָבן געפּראַוועט דעם סדר ביי שײַנדעלען. אַלץ איז אַדורך גלאַטיק. מײַן זלאַטקעלע איז געווען צופרידן; איך בין געווען צופרידן. און מײַן בנ׳אָק — אַברהמעלע, איז אַוודאי געווען צופרידן: ער האָט פון אַלע קרובים און, פאַרשטייט זיך, אויך פון מיר, באַקומען אַ היפּשע סומע פאַרן צוריקגעבן דעם אַפיקומן.

איז דאָך גוט, האַ? זאָגט אָבער אַ ווערטל, אַז אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. דעם ערשטן טאָג חול־המועד, אין די פרימאָרגן־שעהען, מיר זענען נאָך געשלאָפן, דערהערט זיך אַ שאַרפער קלונג אין דער טיר. איך גיי צו און גיב אַ פרעג מיט כעס: „ווער איז דאָרט?" און באַלד באַקום איך אַזאַ מין ענטפער:

— אייזיקל, דו דערקענסט שוין נישט קיין מענטשן? דאָס בין איך, פראַדעלע. זעליק ברענגט באַלד די זאַכן. אָט טראָגט ער שוין די וואַליזעס. זלאַטקעלע איז שוין אויפגעשטאַנען? וואָס, זי פּאָפט נאָך? נישקשה, זי וועט שוין אויפשטיין. זאָג איר, אַז געסט זענען געקומען.

דאָ מוז איך מאַכן אַ שטיקל איבעררייס פון מײַן סיפור־המעשׂה און איך דערציילן ווער די געסט זענען:

פראַדעלע איז אַ ווייטע קרובה מײַנע, פון טאַטנס צד. איך וועל אייך געװיס אָפּמשלען, וואָס פאַר אַ קרובהשאַפט דאָס איז. זי, פראַדעלע זאָגט, אַז מײַן זיידע און איר זיידע זענען געווען לייבלעכע שוועסטער־קינדער. דערנאָך האָט אירע אַ מומע חתונה געהאַט מיט אַ פלימעניק פון מײַן מאַמעס צד און זייערע קינדער האָבן זיך אָנגעקערט מיט דער משפּחה פון איר מאַן, פון זעליקן. דאָס הייסט, אַז מיר זענען געקניפּט און געבונדן. נאָענט — וואָס נענטער קען שוין נישט זײַן. פראַדעלע רופט מײַן זלאַט־קעלען: „קוזינקע" און מיך — „קוזין". נו, איז אייך אַלץ קלאָר?

און פראַדעלע, דאַרפט איר וויסן, איז קיין עין־הרע זייער דיק. כ׳על אייך זאָגן, אַן אַ גוזמא: ווען זי וואָלט זיך אַוועקגעלייגט אין טײַך, וואָלט דער טײַך אַריבער איבער די ברעגן. זעליקל האָט מיר אַ מאָל דערציילט בסוד, אַז ווען ער האָט געבויט זײַן שיכון, האָט ער באַשטעלט אַ ספּעציעל גרויסע וואַנע פון אויסלאַנד פאַר זייער באָד־צימער. פון דעסטוועגן באָדט זיך זײַן פראַדעלע זיצנדיקערהייט. ווײַל ווען זי וואָלט זיך, חלילה, אַוועק־געלייגט אין וואַנע, וואָלט דאָס וואַסער פאַרפלייצט די גאַנצע שטוב. ווען

איר מאַן, זעליק, גייט מיט איר אין גאַס, מיינט מען, אַז דאָס פירט אַ מאַמע איר קינד אין גן אַריין. און כאָטש איך ווייזט זיך אויס, אַז דאָס גייט אַ העלפאַנט אויף צוויי פיס, איז פראַדעלע פון דעסטוועגן גאַנץ רירעוודיק. דער פליישיקער, רויטער און קיילעכדיקער פנים פאַרמאָגט צוויי קליינע גלאַנצנדיקע אייגעלעך. אויפן קאָפּ איז דאָ אַ האָר־טורעם פון אַ מיתה־משונה קאָליר און דער ביוסט אירער איז געגליכן צו אַ מרפּסת, צו אַ גאַניק, אין די נייע שיכּונים פאַר יונגע פּאָרלעך.

ווען פראַדעלע האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אַריין אין קאָרידאָר האָב איך מיר געגעבן אַ רוק אַוועק הינטערוויילעכץ, מחמת זי האָט אויסגע־פילט דעם קאָרידאָר פון וואַנט צו וואַנט. און ווען איך האָב מיין ווייבעלע, זלאַטקעלען, אָנגעזאָגט די בשורה, אַז איר קוזינקע, פראַדעלע, פון עפולה, איז געקומען צו גאַסט, האָט זי אויסגעשריגן, ווי מ׳שרייט־אויס אין אַ פאַל, ווען עס פּאַסירט, חלילה, אַן אומגליק: „אוי!״ דער „אוי״ איז אַזש דער־גאַנגען צו פראַדעלען און זי האָט גלייך אַ זאָג געטאָן מיט איר באַסאָווער שטימע:

— וואָס אויקעט זי דאָרט, דיין זלאַטקעלע, אַ שפּילקע האָט איר אַ שטאָך געטאָן אין וויכן חלק? זאָג איר, אייזיקל, אַז באַלד וועלן אַריינקומען אירע געסט — איך, זעליק און די דריי קינדער. דער פערטער, אורי, האָט נישט געוואָלט פאָרן מיט אונדז. ער האָט צוגעזאָגט צו קומען מאָרגן.

מיין זלאַטקעלע איז געוואָרן אַזוי צעמישט און דערשלאָגן, אַז זי האָט זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. זי איז געלעגן מיט פאַרגלאָצטע אויגן און געמורמלט: „אוי ווי איז מיר, נאָר דאָס האָט מיר געפעלט!... זעליקל, זאָג, אַז איך בין קראַנק, איך האָב אַ שאַרפע גריפע. די היץ ברענט... מען קען זיך פון מיר אָנשטעקן... עס איז אַ סכּנה...

— וואָס בעלעבעטשעט זי דאָרט, דיין יפהפיה — האָט פראַדעלע אויס־געגאָרגלט מיט אַ זויערער מינע. זי „לאַמאַיעט״ זיך דיין ווייבעלע, פּיעש־טשעט זיך ווי אַ כלה נאָך דער חופּה. נישקשה, זי מעג שוין אַראָפּקריכן פון בעט. מיר האָבן שוין היינט באַוויזן צו קומען פון עפולה. ווו איז זי דאָרט, איך וועל זי באַלד אַוועקשטעלן אויף די פיס...

און זאָגנדיק דאָס, האָט זי געגעבן אַ שפּאַן־אַריין אין שלאָף־צימער. איידער איך האָב איר באַוויזן אַ זאָג־צו־טאָן, אַז זלאַטקעלע איז נעבעך שטאַרק קראַנק, זי האָט אַ גריפּע — האָט פראַדעלע געגעבן אַ צי־אַראָפּ פון מיין ווייבעלע די וואַרעמע קאָלדרע און אויסגעשריגן באַפעלעריש:

— זלאַטקעלע, וואָס מאַכסטו זיך געפגרט, קריך־אַראָפּ פון געלעגער און נעם־אויף די געסט!

— זי איז נישט מיט אַלעמען — האָב איך שטיל געזאָגט — אַ שטיקל גריפּע...

— אַ גריפּע? ווייז־נאָר אַהער דעם קאָפּ — האָט פּראַדעלע געזאָגט און אַ טאַפּ־געטאָן מיט דער דיקער, פליישיקער האַנט זלאַטקעלעס שטערן.

— ווער האָט עס דיר איינגערעדט די קרענק? דו, זעליקל? — האָט זי שאַרף אַ קוק־געטאָן אויף מיר — זי האָט אַזוי אַ גריפּע, ווי איך בין איצט מעוברת. זלאַטקעלע, פּיעשטשען וועסטו זיך ביי דיין מאַן, אָבער ביי מיר ביסטו אַ קליינער מיוחס — געגאַנגען!

פּראַדעלע האָט איר צוגעוואָרפן דעם שלאַפראַק און צוגעגעבן:

— זלאַטקעלע, זיי אַזוי גוט, גיי אַריין אין קיך און מאַך טיי פאַר די געסט. נאָך דעם ווי מיר וועלן עפּעס איבערכאַפּן, וועסטו אונדז צוגרייטן אַ גוטן פרישטיק. איך האָב נעכטן געזאָגט צו מיין זעליקן: קום, לאָמיר געבן אַ פאָר־אַריין צו זלאַטקעלען. דאָרט וועלן מיר פאַרברענגען דעם חול־המועד און אויך זיי, אונדזערע טייערע קוזינען, וועלן נישט זיין סאַ־מאָטנע. אַזעלכע נאָענטע קרובים, וואָס וווינען אַזוי ווייט איינער פון אַנדערן, דאַרפן זיך האַלטן צוזאַמען.

אין גאַנצן אַ צעקאָכטע, ווי מ׳וואָלט זי אויפגעצווונגען מיט כּוח, איז מיין זלאַטקעלע אַריין אין קיך און זיך אָנגעהויבן פאַרען, קרעכצנדיק שטילערהייט, אַט אַזוי ווי מען נעמט־אויף געסט, וואָס קומען, חלילה, מנחם אָבל זיין.

פּראַדעלע איז דערווייל אַריין אין סאַלאָן, און אַראָפּלאָזנדיק איר שווערן קערפּער אויפן פאָטעל, האָט ער, דער פאָטעל, אַזש אַ קרעכץ געטאָן. און ביי מיר האָט דאָס האַרץ דערביי אַ ציטער־געטאָן: גיי זוך איצט סטאָלאָ־רעס... באַלד זענען אַריין אירע דריי בנים מיטשלעפּנדיק אַ גרויסן וואָלף־הונט. „מיר האָבן נישט געהאַט ביי וועמען אים איבערצולאָזן" — האָט פּראַדעלע זיך פאַרענטפערט — און איר מאַן האָט שטילערהייט צוגעגעבן: „ער איז דווקא אַ רויִקער, מיין „מוזיניק" — דאָס האָט ער געמיינט דעם הונט — מען דאַרף אים נאָר געבן, צו דער צייט, גוט צו עסן, און יעדן טאָג וואַשן. זעליקל — האָט ער זיך געוואָנדן צו מיר — זייַ אַזוי גוט, גרייט־צו די וואַנע מיט לעבלעך וואַסער, מיר וועלן באַלד אויסבאָדן דעם חברה־מאַן, ער איז „פאַרקוזשעט פונעם וועג"...

און פראַדעלע האָט צוגעגעבן:

— קינדער, פילט זיך דאָ אַזוי ווי ביי זיך אין דער היים. זעליקל, פּאַק־אויס די זאַכן. זלאַטקעלע וועט אונדז באַלד באַפּרייען אַ שטיקל אָרט אין דער שאַפּע, וועסטו אויפהענגען מיינע קליידלעך, זיי זאָלן זיך נישט צעקנייטשן.

מיין זלאַטקעלע האָט געגרייט דעם פרישטיק פאַר די געסט און דערביי געמורמלט צו זיך אַליין:

— אַזאַ אָנשיקעניש, אַזאַ אומגליק... נאָר זיי האָבן מיר דאָ געפעלט... און איך האָב דאָך אים געזאָגט: לאָמיר אַרויספאָרן אויף יום־טוב... האָט ער מיר נישט געפאָלגט, ווי איז מיר... גאָטעניו, איך וועל פון זינען אַראָפּ...

מיין ווייבעלע האָט נאָך עפּעס גערעדט צו זיך, אָבער איך האָב שוין מער נישט געהערט, ווייל אין דעם מאָמענט האָב איך געעפנט ביידע קראַנען פון דער וואַנע, געלאָזט דאָס וואַסער, כדי אויסצובאָדן דעם היג־טישן „מוזיניק" פון מיינע געסט. גלויבט מיר, איך האָב אים איצט מקנא געווען, דעם קודלאַטן כלב. דערביי האָב איך געטראַכט:

וואָס וועט זיין, ווען דעם העלפאַנט, פראַדעלען, וועט זיך פאַרגלוסטן באָדן אין דער וואַנע? כ'וועל דאָך מוזן אַרויסרופן די פייערלעשערס, זיי זאָלן אויספּאָמפּען דאָס וואַסער פון שטוב!...

געקניפּט און געבונדן

אַמאָל, מיט אַ סך יאָרן צוריק, האָט עפּעס אַ חכם אַ זאָג־געטאָן אַ קלוג וואָרט, איז עס אַזוי צוגעפּאַסט צו אונדז יידן, ווי ער וואָלט עס געזאָגט אין די איצטיקע טעג.

„ישׂראל — ערבין זה לזה״ — האָט געזאָגט דער דאָזיקער חכם. ס׳הייסט, יידן זענען ערוב איינער פאַרן אַנדערן. היינט וואָלט דאָס באַדייט, אַז איין ייד זשירירט פאַרן צווייטן; איינער איז אויסגעמישט מיטן צווייטן; איינער גיט אַכטונג, וואָס אַ צווייטער טוט. בקיצור, יידן זענען געקניפּט און געבונדן — סיי דאָ אין ישׂראל און סיי אין דער גאַנצער וועלט.

אין לאַנגן גלות האָבן זיך יידן אויפגעהאַלטן טאַקע אַ דאַנק דעם דאָזיקן כּלל. אויב אין עפּעס אַ פאַרוואָרפן שטעטל האָבן זיך אַ מאָל גע־פונען קבצנים, דלפונים, אביונים, וואָס האָבן קוים געזשיפּיעט, איז געווען אַ מתן־בסתר, צדקה־חברהס, סומך נופלים, רופא חולים און מתיר אסי־רים. מ׳האָט אַזאַ איינעם אַריינגעטראָגן אין שטוב אַריין פיש און פלייש און חלות אויף שבת; מ׳האָט געפּראַוועט הכנסת כלה, הלווית המת, מיט איין וואָרט: פונעם וויגעלע ביזן גריבעלע האָט מען אויף אים אַכטונג געגעבן, ער זאָל בכּבודיק זיך קענען מוטשען צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה. און איבער די הונדערט צוואַנציק, ווען ער, דער אביון אין זיבן פּאָלעס, האָט, נישט פאַר אונדז געדאַכט, געגעבן אַ שטאַרב־אָפּ, איז ער געווען זיכער, אַז אויפן עולם־האמת וועט ער זיין אַ גלייכער מחותן אַפילו מיטן גרעסטן נגיד פון שטאָט. אויב ס׳איז אים באַשערט, וועט ער עסן פעטע שטיקער פונעם שור־הבר און פונעם לויתן, פאַסמאַקעווען זיך אַזוי ווי דער גביר אויף דער וועלט. און ווען עס וועט אַ שאַל־טאָן דער שופר של משיח און מ׳עט צוויסן געבן דורך ראַדיאָ און טעלעוויזיע, אַז ס׳איז געקומען די צייט פון תחיית המתים, וועט דער קבצן צוזאַמען מיטן גביר אַ כאַפּ־טאָן די מאַנאַטקעס און נעמען זיך קאַטשען אין הייליקן לאַנד אַריין.

געקניפּט און געבונדן. גאָלדענע ווערטער, וואָס זענען צוגעפּאַסט צו

אונדז, יידן, ווי ס׳איז צוגעפּאַסט צו אַ מאַנספּאַרשוין אַ מלבוש פון אַ גוטן שניידער. נעמט אַ שטייגער די יידן אין די תּפוצות: זיי זענען אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט די גויים און מיט זייערע לענדער, אַז זיי קענען זיך פון דאָרט בשום אופן נישט אַרויסרייסן. חוץ דעם איז יעדער איינער פון זיי אַזוי צוגענעגלט צו זיינע הייזער און כּל־הגוטס — צו די גוייִשע, שוואַרצע און ווייסע משרתים און יוצר־משרתים, אַז ער קען זיך פון זיי נישט אָפּ־געוווינען. אויב עמעצער פון זיי, למשל, אין דער רייכער אַמעריקע, האָט חתונה מיט אַ לייטישער שיקסע, קען אַזאַ איינער פון איר אַוודאי זיך נישט אָפּרייסן. זיצט ער דערווייל דאָרט. ווען ס׳קומט־אונטער אַזאַ זאַך, אַ שטייגער, ווי עס איז געווען די זעקס־טאָגיקע מלחמה, גיט דעם ייד אין דער פרעמד אַ טיאָכקע אין האַרצן. ער איז שטאָלץ מיט דעם, וואָס די ישׂראלים האָבן נאָך צוויי טויזנט יאָר אָפּגענומען ביי די ישמעאלים דעם כּותל המערבי, די מערת המכפּלה, דער מוטער רחלס קבר. ער איז צו־פרידן, וואָס יידן האָבן אַן אייגענע מדינה. פון דער צווייטער זייט גיט אַזאַ ייד אַ טראַכט: אַזאַ צדיק ווי עס איז געווען אברהם אָבינו, עליו השלום, פון דעסטוועגן האָט ער זיך אויך געפונען צווישן גוייִם און אַפילו געמאַכט מיט זיי גרויסע געשעפטן. טאָ וואָס איז דער היינטיקער ייד, וואָס לעבט אין חוץ־לאָרץ, ערגער פון אים? און אויב ס׳איז דאָרט, צווישן די גוייִם אין דער וועלט, אַזוי ביטער און קלאָגעדיק, אַלץ אַזוי טריף, טאָ פאַר וואָס רייסן זיך אַזוי די ישׂראלים קיין אויסלאַנד? און וויפל סאַמעראַדנע ישׂר־אלים האָבן עס פאַרלאָזן די הייליקע ערד פון ציון און האָבן זיך אַריבער־געצויגן קיין אַמעריקע, קאַנאַדע און אַנדערע לענדער? איז דער תּירוץ: זיי זענען געקניפּט און געבונדן מיטן שווילטאָג און זיי קענען זיך פון אים נישט אָפּרייסן.

אַז מ׳זאָגט געקניפּט און געבונדן — איז דאָך נישט שייך.

וואָס אַ שטייגער וואָלטן יידן אין ישׂראל געטאָן אָן די יידן פון גלות? ווו וואָלטן מיר געקענט דורכפירן קאַמפּיינען, מגביתן, „באָנדס״־אַקציעס, זאַמלונגען פאַר דער הסתּדרות, פאַר וויצ״א, פאַר אוניווערסיטעטן, שפּי־טאָלן, ישיבות, מוזייען און אויף אַלץ, וואָס מען קען דאָ הערן און זען? ווו וואָלטן יידן געקאָנט זאַמלען אויף צדקה? וווהין וואָלט מען געקענט אַרויסשיקן שליחים? וווהין וואָלטן געפאָרן אונדזערע מיניסטאָרן? פאַר וועמען וואָלטן מיר דאָ געבויט צענדליקער גרויסע האָטעלן? — דאָס אַלץ טוען מיר דאָך פאַר זיי, פאַר די יידן, אין די תּפוצות, ווייל מיר זענען

מיט זיי געקניפּט און געבונדן. און דאָס אויף אַזוי ווייט, אַז מיר פרעגן זיי נישט וואָס זיי טוען, פון וואַנען זיי נעמען, וואָס זיי טראַכטן, צי זיי ווילן יאָ עולה זיין, צי זיי ווילן נישט עולה זיין — מיר שטעלן נישט קיין קשיות, מיר נעמען! איז עס נישט שיין פון אונדזער זייט?

זיי, ווידער, די יידן אין דער וועלט טענהן, אַז זיי זענען מיט ישׂראל געקניפּט און געבונדן. דערפאַר גיבן זיי געלט מיט אַ ברייטער האַנט, זיי קומען אַהער אויף באַזוכן, נישט אַלץ פאַרשטייט זיך, געפעלט זיי דאָ. אָבער דערפאַר האָבן זיי אַ פּריווילעגיע: אויב ס'פאַרשמעקט זיי נישט דאָס זיין הי, אין הייליקן לאַנד, זיי קרימען מיט דער נאָז, כאַפּן זיי די טשעמאָדאַנטשיקעס, באַצאָלן די פּעטע חשבונות אין די האָטעלן און ויסעו־ויחנו — פאַרלאָזן ישׂראל און שוין זענען זיי ביי זיך אין דער היים, אין גלות.

און אויך דאָ, אין ישׂראל זענען מיר געקניפּט און געבונדן. די גאַליציאַנער מיט די פּוילישע; די ליטוואַקעס מיט די וואָלינער; די רומענער מיט די רוסישע; די מאַדיאַרן מיט די טשעכישע; די יעקעס מיט די „אָסט־יודען״; די איראַקער מיט די טוניסער; די מאַראָקאַנער מיט די אַלזשירער; די תימנער מיט די פּערסישע; די לבנונישע מיט די מצרישע יידן — אַלע זענען זיי צווישן זיך געקניפּט און געבונדן — אַן אמתער מיזוג גלויות.

נאָך מער פילט מען די צוגעבונדנקייט אויף אַנדערע געביטן. אויב עפּעס אַ „גדול״ אַ שישקע, אַ שליח פון וועלכער ס'איז פּאַרטיי, באַזעצט זיך אויף אַ בענקל, איז ער צו אים אַזוי געקניפּט און געבונדן, אַז מען קען אים פון דאָרט נישט אָפּרייסן אַפילו מיטן כּוח פון אַ טראַקטאָר. ווען אַ פּקיד — אַפילו עפּעס אַ שמענעגע, אַ לעמעשקע, געפינט זיך אויף זיין פּאָסטן — און ער איז קבוע — נאָך עטלעכע יאָר נישט־אַרבעט, מעג ער אַ גאַנצן טאָג דרימלען און אַפילו כראָפּען ביי זיין טיש — איז ער אַזוי פאַרקניפּט און פאַרבונדן, אַז דו קענסט שרייען, ליאַרעמען, אָפּרייסן זיך דאָס האַרץ, חלשן, אויסשפּייען די גרינע גאַל — אָבער אָפּזאָגן אים וועסטו נישט קענען.

אַלץ, ווי געזאָגט, איז געקניפּט און געבונדן. די ישׂראלדיקע לירה — צום אַמעריקאַנער דאָלאַר; די זשורנאַליסטן זענען פאַרבונדן מיט די אינזשינירן; די אינזשינירן מיט די טעכניקער; די טעכניקער — מיט די דאָקטוירים; די דאָקטוירים — מיט די פּראָפעסאָרן; די פּראָפעסאָרן — מיט די דירעקטאָרן; די מענער זענען צוגעבונדן צו די ווייבער; די ווייבער

— צו דער מאָדע; די מאָדע — צו די סוחרים; די סוחרים — צום געלט; דאָס געלט— צו די גבירים; די גבירים — צו זייער עשירות; די קבצנים — צו זייער דלות; די אַלטע־לייט — צו דער זיקנה; די זיקנה — צו דער קרענק; די קראַנקע — צו קופּת חולים; די קופּת חולים — צו דער הס־תדרות; די הסתדרות — צו די שטרײַקערס; די שטרײַקערס — צו העכערע לוינען; די לוינען — צום יקרות; דער יקרות — צו די קונים.

אַפילו די שכנים זענען געקניפּט און געבונדן. אויב איינער פון זיי קויפט אַן אויטאָ, קריכןביים צווייטן אַרויס די אויגן פון קינאה. דאָס ווייב דערגייט אים אַזוי לאַנג די יאָרן, אַז ער מוז נעבעך אַריינקריכן אין די גרעסטע חובות אַבי אויך צו קויפן אַן אויטאָ — און נאָך אַ גרעסערן און שענערן. אויב דעם שכנס ווייב האָט געטוישט דאָס מעבל, מוז דאָס ווייב פון צווייטן שכן אויך טוישן דאָס מעבל. די חכמה באַשטייט אין נאָכקוקן, אין נאָכטאָן, אין נאָכלויפן, אין נאָכמאַלפּעווען יענעם. איינער וויל איבער־יאָגן דעם צווייטן. הערשט דעריבער אַ לויפעריי, אַ כאַפּעריי, אַ רייסעריי ווי ביי אַ שׂריפה, ווען עס ברענט און יעדער איינער סטאַרעט זיך אַרויס־כאַפּן, וואָס עס לאָזט זיך. אין דעם פאַל וויל יעדער איינער אַריינכאַפּן וואָס עס לאָזט זיך. און דאָס אַלץ — ווייל יעדער איינער וויל זיין געקניפּט און געבונדן מיטן צווייטן.

צי ס׳איז גוט? — איר זעט דאָך!...

נישטאָ קיין נחת

מיין מאַמע, עליה השלום, פלעגט זאָגן: „דער־אַ ווישקראַבאַק״ — געמיינט האָט זי מיך, דעם מוזיניק — „איז גאָר עפּעס אַ לאַ־עלינו — גאָט זאָל מיר נישט שטראָפן פאַר די רייד. דאָס נעמט זיך אַפּנים דערפון — האָט זי צו־געגעבן — וואָס דאָס־אַ באַשעפעניש איז געבוירן געוואָרן ערב שבת, פּונקט דעמאָלט, ווען די מלאכים האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט. האָט דער מלאך, וואָס איז ממונה איבער דער חכמה, געגעבן מיין פּיניעלען אַ וואָרף־צו אַ קווערטל שׂכל — און פאַרקלאַפּט דאָס פענצטערל. איז דער שׂכל צערונען געוואָרן און מיין מוזיניקל איז נעבעך געבליבן ביי גאָרנישט״.

ווען איך בין אונטערגעוואַקסן און אָנגעהויבן פאַרשטיין דער מאַמעס רייד, האָב איך צו איר איין מאָל אַזוי געזאָגט: „מאַמעלע, זיי ווייסן, אַז דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פונעם ביימעלע. אויב דו מיט דיין מאַן, מיין ליבהאַרציקער טאַטע — האָט איר געקענט צוקומען צו אַ הייזקע, וואָס ליגט כּמעט אין דר׳ערד, און אויסהאָדעווען קינדער, וועל איך אויך קענען באַווייזן אַזאַ קונץ. דו, מאַמע, זאָגסט, אַז דער מלאך, וואָס איז ממונה איבער דער חכמה האָט פאַרפּירט. עס איז אָבער דאָ נאָך אַ מלאך, וועלכער איז ממונה איבערן מזל. און יענער האָט זיך דווקא גוט ספּראַוועט. זיי רויק, מאַמע, וועסט נאָך פון מיר גרויסן נחת האָבן״.

פון וואַנען האָט מיין טאַטע געשעפּט זיין חיונה? ער איז אַרומגעפאָרן איבער די יאַרידן מיט טאַנדייטנער סחורה. ווען אַ דאָרפישער גויעץ פלעגט אָנמעסטן אַ מאַנטל און ער איז אויף אים געווען קליין, האָט מיין טאַטע אַ ציִ געטאָן איין פאָלע אַרויף און די צווייטע אַראָפּ, אַ קלאַפּ געגעבן דעם פויער איבער דער פּלייצע, געפּאַטשט אין זיין מאַזאָליעדיקער האַנט אַזוי, אַז יענעם זענען אַזש פונקען געפלויגן פאַר די אויגן. לסוף האָט ער דעם קונה איינגערעדט, אַז דער מאַנטל איז אויף אים נאָך צו גרויס. אָבער דאָס איז געמאַכט געוואָרן — האָט ער געזאָגט — אויף „וויראָסט״, דאָס הייסט, אַז ווען דער פויער וועט נאָך מער אויסוואַקסן, וועט דער מאַנטל נאָך אַלץ זיין גוט אויף אים.

גאָר שנעל האָב איך מיך אויסגעלערנט די דאָזיקע מלאכה. איך האָב געצויגן און געפּאַטשט, אַז עס איז אַזש געגאַנגען אַ רויך.

ווען היטלער, ימח שמו, האָט זיך גענומען צו יידן, בין איך אַנטלאָפן צו אַ באַקאַנטן פּויער. יונג בין איך געווען. געזונט בין איך געווען — און געלט האָב איך אויך געהאַט — איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס דעם פּויערס ווייב, יאַדזשיאַ, האָט מיך באַהאַלטן אויף די ווישקעס, אין שייער. ווי נאָר עס איז פינצטער געוואָרן, האָט זי מיר געטראָגן עסן. די פּויערטע האָט געהאַט אַ יונגע טאָכטער האָט זי מיר אויך געטראָגן עסן. ווי נאָר דער פּויער האָט דערשנאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער זיך דערשראָקן. נישט געוואָלט, אַז סיי דאָס ווייב און סיי די טאָכטער זאָלן טראָגן — און ער האָט מיך משלח געווען. בין איך אַוועק אין וואַלד. דאָרט איז געווען אַ „גאַיאָווע״, אַ וואַלד־שומר, האָבן די פּויערים אים ערגעץ אַוועקגענומען. געבליבן איז נאָר זיין ווייב מיט צוויי גרויסע הינט.

האָב איך איין מאָל, אין אַ פינצטערער נאַכט, דערקליבן זיך צו איר. זי האָט מיך אויך געקענט. איך האָב צו איר אַזוי געזאָגט:

„קאָכאַנאָ זאָסיו, צוויי הינט האָסטו שוין, טאָ זאָל זיין נאָך אַ דריטער. גלויב מיר, זאָסיע טייערע, אַז זיי, די הינט מיין איך, איז בעסער פון מיר״.

האָט זי אויף מיר רחמנות באַקומען, געמאַכט פאַר מיר אַ שטיקל בודע און איך האָב יאַקאָש ווייטער געזשיפּעט. זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויב איר מאַן, דער פּאַן וולאַדיסלאַוו, וועט זיך מער נישט צוריקקערן, און אויב די דייטשן וועלן מיך נישט דערהרגענען, וועל איך קענען ביי איר פאַר־בלייבן אַפילו נאָך דער מלחמה.

נו, פרעג איך אייך: דאַרף מען זיין קלוג? איך האָב מיר נאָך גע־טראַכט: איי, ווען איך האָב איצט דאָ מיין טייערע מאַמע, וואָלט זי געזען ווי איר מוזיניקל, דער תּם, האָט זיך ספּראַוועט — בעסער ווי טויזנטער חכמים.

בקיצור, איך האָב מיך געראַטעוועט. איך האָב געזען יידן לויפן קיין דייטשלאַנד — בין איך אויך געלאָפן. אין מינכען האָב איך געפּאַקט אַ יעקע פון גאָר גרויסן יחוס. עפּעס אַ באַראָן־פּאָן. האָב איך מיך אַריינבאַ־קומען צו אים. אויף אַ טיר פון איינעם פון זיינע צימערן האָב איך אויפ־געקלעפּט אַ צעטל „בעשלאַגנאַמט״, ס׳הייסט רעקווירירט פאַר אַ געוועזע־נעם קאַצעטלער — און דערביי האָט פיגורירט מיין נאָמען: וולאַדיסלאַוו פּאָטאָצקי. דער יעקע האָט געהאַט אַ יונגע טאָכטער. האָט זי מיך איין

מאָל אַ פרעג־געטאָן: ווי קומט אַ פּאַטאַצקי, אַ פּאָליאַק, צו זיין אַ קאַצעט־לער? האָב איך איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איינער פון די פּאַטאַצקיס האָט זיך אַ מאָל מגייר געווען, האָבן די דייטשן געמיינט, אַז דאָס בין איך. איצט, ווידער, קען איך נישט זיין אין פּוילן, ווייל די קאָמוניסטן טשאַטע־ווען אויף מיר. אַ קלייניקייט: אַ קאַפּיטאַליסט!

וואָס זאָל איך אייך זאָגן: האָב איך געמאַכט אַ לעבן ביים דאָזיקן באַראָן־פאָן! צוליב דעם אַליין האָט היטלער געמעגט קראַפּירן. איז אָבער די מעשה, וואָס איך האָב מיך פאַרפּלאָנטערט מיט דער שיקסע. טראַכט איך מיר: פּיניע, אַז דיין טאַטע וועט זיך אויף יענער וועלט דערוויסן, אַז דו האָסט דאָ צו טאָן מיט אַ שיקסע און נאָך מיט אַ באַראָן־פאָנס אַ טאָכטער, וועט ער דאָרט קיין רו נישט האָבן. פון גרויס בושה וועט ער קיינעם נישט קענען קוקן אין די אויגן אַריין. און די מאַמע — זי וועט זיך גלאַט נעמען דאָס לעבן — אַפילו טויטערהייט. האָב איך מיך שיין געזעגנט מיטן יעקע און מיט זיין יונג טעכטערל. געזאָגט זיי, אַז איך פאָר אויף עטלעכע טעג אין דער שווייץ אַרויסצונעמען אַ ביסל געלט פון מיין קאָנטע אין ציריך — און איך בין מיט גאָטס הילף אָנגעקומען קיין ישׂראל. אין ציריך בין איך טאַקע געווען — אָבער מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב געדאַרפט — נישט אַרויסנעמען — נאָר אַריינלייגן געלט אין אַ דאָרטיקער באַנק. אָבער דאָס זאָל בלייבן צווישן אונדז.

בין איך דאָך עפּעס אַ בר־מזל. טרעף איך אַ ייד אין תל־אביב — דאָס איז געווען מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק — מיטן נאָמען אברהם גוטמאַן. איז דאָס געווען אַ ייד — אַזאַ גוט יאָר אויף אונדז אַלע. פרעגט מיך דער ייד: „פּיניע, וואָס טוסטו?" ענטפער איך אים: „וואָס זאָל איך טאָן? מען דרייט זיך". פרעגט דער ייד ווייטער: „און אַ פאַמיליע, אַ משפּחה, האָסטו?" זאָג איך: „נאָר דאָס פעלט מיר. אַפילו אַליין קען איך מיך אויך קיין עצה נישט געבן".

מאַכט דער ייד: „דעם טאַטן דיינעם, וועלפל בעזנאָסיק, האָב איך גע־קענט. אַן אָרנטלעכער ייד געווען. איך האָב אַ פאַבריק פון באַלאַטן, אויב דו ווילסט, קום צו מיר, וועסטו אַרבעטן און האָבן חיונה".

אין אַ יאָר אַרום איז שוין די גאַנצע פאַבריק מיט זיין טאָכטער אַלס צולאָג — געווען מיינע. אין אַ צייט אַרום בין איך שוין געווען אַ שותּף צו אַ גרויסער צעמענט־פאַבריק. ס'מיר אַוועק ברוך־השם מיטן רעכטן פוס. פריִער איז געשטאָרבן די שוויגער און דערנאָך דער שווער. איך בין גע־

בליבן דער איינציקער יורש — איך מיין זייער טאָכטער — מיין ווייב. וואָס איז די נפקא מינה? איצט שטיי איך, גאָט צו דאַנקען — אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. געלט האָב איך, פּרנסה האָב איך, אַ ווייב האָב איך — אָבער קיין קינדער — פּאָר קיין יידן געדאַכט — האָב איך נישט. גלויבט מיר, נישטאָ קיין דאָקטאָר אין לאַנד און אין אויסלאַנד מיט וועלכן מיין ווייב זאָל שוין נישט האָבן געהאַט צו טאָן — אָבער עס גייט נישט! דאָ האָט מיר דאָס מזל נישט צוגעשפּילט.

ליג איך מיר אָפּט מאָל אויף דער ווייכער סאָפע, אין גרויסן סאַלאָן. איך קוק אויף די טייערע בילדער, אויפן שיינעם פּאָרטעפּיאַן, אויף די אויסלענדישע, ברייטע פאָטעלן — אויף כל־הגוטס, און איך טראַכט: פּיניע, וועמען וועסטו דאָס אַלץ איבערלאָזן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר? האָסט אַזוי פיל גאָלד סיי אין לאַנד און סיי אין אויסלאַנד, טאָ וואָס קומט אַרויס דערפון? ווען דו וואָלסט געקענט פּאַקן כאָטש איינעם פון יענע דריי מלאכים וואָס האָבן זיך אַ מאָל אַרומגעדרייט אין געצעלט פון דער מוטער שׂרה. אַזאַ איינער וואָלט דאָך דיר געקענט העלפן. אָבער ווּ געפינט מען איצט אַ מלאך אַפילו אויף אַ רפואה? נאָר אין חלום!

קלייב איך מיך איצט צו מאַכן אַ רייזע איבער דער וועלט. לאָמיך כאָטש אַליין הנאה האָבן פון מיין געלט. מיין ווייב רעכן איך צו שיקן אויף אַ באַזוך ביי אירע קרובים אין אַמעריקע, און איך וועל מיך אַראָפּכאַפּן קיין יאַפּאַן. מען דערציילט זיך אַזוי פיל אָן פון די „גיישעס". טאָ לאָמיך גיין זיי אָנקוקן.

אוי ווי! גיי ווייס, אַז איך, פּיניע, אַזאַ בר־מזל, וועל דווקא ביי אַזאַ קלייניקייט ווי פּריה ורביה זיך אַרויסווייזן פּאָר אַזאַ שלימזל.

מאָדערנע צרות

האָט אַ ביסל געדולד. הערט מיך אויס. איך ווייס, איר איילט זיך. טויזנטער געשעפטן! די הויט ברענט אויף אייך. איר לויפט, איר יאָגט, איר קרעכצט, איר האַלט זיך ביים האַרצן. די נשמה שטייט אייך אויפן שפּיץ נאָז. די קישקעס דרייען זיך איבער. די לונגען פּאַנפּען. דער אָטעם בלייבט שטעקן אין האַלדז. און איר פּושזעט ווי אַן אויסגעכאָליעט פערדל. דאָס פערד פאַרגייסט דעם ווידל און איר — דעם קאָפּ. ער טראַכט נישט — און איר טראַכט אויך נישט ווהין איר לויפט. דאָס פערד ספּאָטיקעט זיך און פאַלט — און איר גליטשט זיך אויס און פאַלט אויכעט. ער לעבט ווי אַ פערד — און איר — האָט נישט קיין פאַראיבל — לעבט אויך אַזוי. ער טראַכט נישט וועגן מאָרגנדיקן טאָג און איר טראַכט אויך נישט.

וואָס־זשע איז דער אונטערשייד צווישן מענטש און בהמה? — גאָר־נישט. גאָרנישט שבגאָרנישט! אַ בהמה לאָזט זיך מעלקן — און אייך מעלקט מען אויכעט. אַמאָל האָט מען עס געמאַכט מיט די הענט — און היינט מאַכט מען עס מיט אַ מאַשין. דאָס זעלבע טוט אונדזער פינאַנס־מיניסטער מיט אייך. ער מעלקט אייך אויך מיט אַ מאַשין, מיט אַן אַפּאַראַט. נאָר וואָס? די בהמה האָט כאָטש הנאה, אַז מ׳מעלקט זי, און איר האָט אַפילו קיין הנאה אויך נישט. ווען מ׳נעמט אייך מעלקן, וואַרפט איר זיך ווי אין קדחת, איר ברענט, איר שרפעט, איר צאַרנט, איר דריגעט מיט די פיס־לעך, איר שרייט, איר פרייכט, איר שוויצט, איר שפּייט אויס די גרינע גאַל — און סיי־ווי מעלקט מען אייך — איר צאָלט. איז דאָך די בהמה קליגער. זי לאָזט זיך מעלקן און מעלה־גירהט. קוקט מיט אירע בעלמישע אויגן — און קווּעלט. און אַז איר מעלה־גירהט — שלאָגט צו דער גאַל, ס׳באַפאַלט אַ חלשות, ס׳גלוסט זיך ברעכן. איר דברט אָן טעם, אָן טאַלק. נישט פאַר זיך — נאָר פאַרן פאָלק. איר קייט־איבער דאָס וואָס איר האָט געזאָגט נעכטן און אייערנעכטן און פאַראַיאָרן, און מיט צען יאָר צוריק. איר ווילט, אַז מ׳זאָל אייך גלויבן, כאָטש מ׳הערט אייך ווי יאַסקע דעם

טויבן. איר פליט אַרום ווי מלאכים. איר זעט קיינעם נישט — חוץ זיך אַליין. איר לויפט, איר טשוואַלעוועט, איר שוויצט. איר ווילט זיצן דאָרטן ווו יענער זיצט — אויף יענעמס שטול, אויף יענעמס פּרנסה. עס אַרט אייך נישט וואָס ער איז — און ווער — אַבי איר זאָלט האָבן מער. איר זענט גרייט יענעם דרעלעווען אַ צאָן — אַבי איר זאָלט זיצן אויבן־אָן. איר זאָלט קענען פון זיך בלאָזן און מיט אייך שאָס הרגענען צוויי האָזן.

גלויבט מיר, איך בין אויך געלאָפן. איך האָב מיך אויך געיאָגט. וויפל איך האָב געהאַט, איז מיר אויך ווייניק געווען. איך האָב שוין געהאַט אַ שיינע דירה, אַ שיין ווייב, שיינע חובות — און כ׳האָב געוואָלט נאָך. האָב איך געקויפט אַ גרויסע מאַשין, אַ „וואָלוואָ״. די שכנים האָבן געפּלאַצט פון קינאה. די שכנטעס האָבן נישט פאַרגינט. ווען זיי האָבן דערזען מיך און מיין פּאַניעטשקען אין דער מאַשין, האָבן זיי געברענט אַזוי ווי קין. מיין פּאַניעטשקע איז געזעסן פון פאָרנט, געקוקט אין שפּיגעלע אויף הינטן, אויף אַלע זייטן. געוואָרט, אַז אַ גוטע חברטע וועט אַוועקפאַלן אין חלשות — פון גרויס קינאה. די קעניגין עליזאַבעט איז געווען קלענער פון איר.

איז דאָך גוט — יאָ? גוט אין דר׳ערד. ווי קען זיין גוט, אַז אַ מענטש האָט גרויסע אויגן. זאָגט מיין פּאַניעטשקע: גאָדל, איך האָב עפּעס באַשלאָסן. פרעג איך זי: מותקל, וואָס האָסטו אַזוינס באַשלאָסן? זאָגט זי: איך וויל האָבן אַן אייגענע מאַשין. איך וויל האָבן אויף וואָס צו פאָרן. וואָס הייסט אויף וואָס — זאָג איך — האָסט דאָך מיך. זאָגט זי: דו פאָרסט וווהין דו ווילסט. איך וויל אויך פאָרן וווהין איך וויל. איך גיי מיך לערנען פירן אַ מאַשין.

טראַכט איך מיר: ס׳דאָך אַ מאָדערנע צייט. מ׳קען דען אָפּשטיין? זי האָט לאַנגע האָר — איך האָב לאַנגע האָר. זי רויכערט — איך רויכער. איך טראָג הויזן — זי טראָגט הויזן. איך טרייב אַ מאַשין — זאָל זי אויך טרייבן אַ מאַשין. אַז זי וועט האָבן צו טאָן מיט דער מאַשין, וועט זי האָבן ווייניקער צו טאָן מיט מיר.

האָט זי אָנגעהויבן נעמען לעקציעס, מיין פּאַניעטשקע. יעדן טאָג איז געקומען אַ יונגער לערער מיט באַקן־בערד, מיט אַ רויטן פּנים און כיטרע אייגעלעך. אַ בחור — אַ גבר! מיין פּאַניעטשקע האָט געקוואָלן. זי איז געלאָפן צו אים, צו די לעקציעס מיין איך, ווי אַ פרומע יידענע צו כּל־נדרי. און מיין פּאַניעטשקע איז נישט אַזוי אַלט ווי איר מיינט. אַז מ׳קוקט זי אָן פון הינטן, מ׳זעט אירע הויכע פּיס, איר מיטלמעסיקע טאַליע, קען מען

מיינען, זי איז נאָך אַ מיידל. פון פּאַרנט איז נישט אַזוי — אָבער זי קען נאָך אָנגיין. בפרט, איידער זי גייט נעמען די לעקציע, מאַכט זי צורעכט איר פריזור, דאָס פּנים, טוט אויס די הויזן און טוט אָן אַ קורץ קליידל — און שמייכלט אַזוי זיס, ווי צו מיר אַמאָל, ווען כ׳האָב זיך געשדכנט צו איר.

איין מאָל זאָג איך צו איר: פּאַניעטשקע, איין לעקציע קאָסט היינט עטלעכע און פערציק פונט. וויפל איז דער שיעור? זאָגט זי: וואָס זאָל איך טאָן? נאָך די ערשטע פופציק לעקציעס בין איך דורכגעפאַלן. איך מיין, אַז כ׳וועל דאַרפן נאָך אַ פופציק לעקציעס.

און זי איז צופרידן. דער שאָפער — דער לערער, קומט יעדן פּרי־מאָרגן מיט זיין גרויסער מאַשין. פּאַניעטשקע נעמט לעקציעס און איך — פּילן. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז כ׳טאָר מיך נישט אויפרעגן. גיי דערצייל אים, אַז איך האָב צו טאָן מיט אַ נהג אַ גבר, אַ שלעגער, און מיין ווייב פאַלט אַלע מאָל אַדורך ביים טעסט — און נעמט ווייטער לעקציעס. שוין נישט נאָר אין די פּרימאָרגנס, נאָר אויך אין די אָוונטן. דער לערער אירער האָט געזאָגט, אַז זי מוז זיך אויסלערנען פירן אַ מאַשין — אויך ביינאַכט.

וואָלט איך מיך אַרומגעקוקט: וואָס, ווען, ווו — האָב איך דאָך קיין צייט נישט. איך בין פאַריאָגט. געשעפטן! כ׳דאַרף דאָך אויסהאַלטן צוויי מאַשינען מיט אַ שאָפער, וואָס גיט לעקציעס מיין ווייב, אַ שטוב, אַן עוזרת, קינדער. ווערט מיר דער קאָפּ אויסגעדאַרט. איך דאַרף קאָמבינירן, שמירן, פירן, פאַרפירן, אויסבאַהאַלטן, וויַיסן, שוואַרצן, נעמען, געבן, צוזאָגן — אַבי פּרנסה; כ׳לויף — אַזוי ווי אַלע לויפן; כ׳יאָג מיך — אַזוי ווי אַלע יאָגן זיך; כ׳רייס־איין וועלטן — אַזוי ווי אַלע רייסן־איין וועלטן. כ׳קריך אויפן לייטער כּל־זמן ער האַלט זיך. דער לייטער שאָקלט זיך און ביי מיר טיאָכקעט דאָס האַרץ. אָבער איך קריך ווייטער.

בקיצור — איך בין שטאַרק פאַרנומען. בין איך דאָך אָבער אַ מענטש. און לייטן זאָגן — אַ גוטער מענטש. האָב איך ביי מיר אַ סעקרעטאַרקע. וויפל זי איז אַלט? אַז כ׳וועל אייך זאָגן, אַז זי איז דריי מאָל יינגער פון מיין ווייב, וועט עס נישט זיין קיין גוזמא. תּמרל הייסט זי. איז דאָס אַ תּמרל, האָט זי אַ פּנימל, אַ פיגורקעלע, אַ פּאָר גרויסע, קיילעכדיקע אויגן! און בלאָ זענען די אויגן אירע, ווי אונדזער ישׂראלדיקער הימל. און זיס איז דאָס תּמרל ווי האָניק. און כאָטש איך בין קראַנק אויף צוקער און האָניק איז פאַר מיר סם המוות — קען איך זיך פון איר נישט אָפּזאָגן. און זי, תּמרל, האָט אויך אַ מאַשין. דעם עקזאַמען האָט זי דווקא יאָ אויסגעהאַלטן,

אָבער פאָרן — פאָרט זי שלעכט. זי האָט נאָך נישט די זיכערקייט. פאַר איך, אין די אָוונטן, מיט איר. ווו איך פאַר? וואָס איז די נפקא מינה?

אַנומלט פאָרן מיר — איך און תּמרל — קיין הרצליה. פּונקט איז געווען אַ כאַמסין, אַ נעפּל, חושך מצרים. פאַר אונדז פאָרט אַ מאַשין און דער שאָפער, ווי ער וואָלט געווען אַ שיכּורער. דער אויטאָ זיינער לויפט זיגזאַגיק אַהין און אַהער. זאָג איך צו תּמרן: אַזאַ שאָפער ווי יענער דאָרט, מעג ברעכן רוקן־און־לענד. ער זאָל זיין אַ ריינע, שיינע כּפּרה פאַר אונדז און פאַר כּל ישׂראל. היט זיך, תּמרל, זאָג איך צו מיין שאָפערין, ווייל איך האָב פיינט צו ליגן אין שפּיטאָל און אויפן בית־עולם — אַוודאי נישט.

זעט אויס, אַז כ׳האָב דאָס אויסגערעדט אין אַ בייזער מינוט. ווייל אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ טראַסק. ביידע מאַשינען האָבן זיך „צעקושט". איין מאַשין האָט געגעבן אַ שפּרונג אין איין זייט און די צווייטע — אין דער צווייטער זייט. קודם־כּל האָב איך זיך גענומען באַטאַפּן צי איך לעב נאָך. און דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן באַטאַפּן תּמרן — צי זי לעבט. מיר קריכן אַרויס פונעם אויטאָ. יענע, דאָרט, קריכן אויך אַרויס פון זייער אויטאָ. מיר גרייטן זיך צו וואַרפן ווי די העגער איינע אויף די אַנדערע. תּמרל בעט זיך ביי מיר: גאָדעלע, רעג זיך נישט אויף, דו האָסט אַ שוואַך האַרץ. דער ביטוח* וועט אַלץ באַצאָלן. דאַנק גאָט, וואָס מיר זענען אַרויס מיטן לעבן. מיך אַרט אָבער וואָס יענער דאָרט, דער גזלנישער שאָפער, איז אויך אַרויס גאַנץ. איך גיי־צו צו יענעם צעקנייטשטער מאַשין. אַ הויכער, געזונטער פאַרשוין האַלט עמעצן אין די אָרעמס און רעדט גיך־גיך: באַרויִק זיך, טייערע, ס׳האָט גאָרנישט פּאַסירט. דער ביטוח וועט אַלץ באַצאָלן. אַבי דו ביסט אַרויס גאַנץ. איך בויג מיך אַראָפּ און ס׳ווערט מיר פינצטער פאַר די אויגן: ס׳נישט קיין שאָפער — נאָר אַ שאָפערין. און נישט קיין פרעמדע — נאָר אַן אייגענע. טאַקע זי — מיין פאַניעטשקע...

---

* פאַרזיכערונג — אַסעקוראַציע.

אַ פּחדן

איך האָב מורא. אַזאַ מענטש בין איך. אַפּנים עס פעלט מיר עפּעס אַ שרייפעלע. דער טאַטע האָט אַ מאָל געזאָגט אַז איך בין נישט דערבאַקן. ווער איז שולדיק? — ער, מיין טאַטע, האָט מורא געהאַט אַפילו פאַר אַ הונט — האָב איך אויך מורא. תמיד האָט ער מיך געוואָרנט: ווען אַ הונט באַפאַלט דיך, זעץ זיך אַוועק — און שוין. טו גאָרנישט. דער הונט וועט זען אַז דו זיצסט — וועט ער אַוועקגיין.

היינט, ווען איך דערצייל דאָס מיין בנ׳אָק מאַכט ער פון מיר ס׳גרעסטע געלעכטער. ווען אַ הונט באַפאַלט דיך — זאָגט ער — כאַפּ אַ שטעקן און גיב אים אין די ציין, וועט ער ליגן; און דו וועסט נישט דאַרפן זיצן.

וואָס זאָל איך טאָן? — איך בין אַ פּחדן. אַפילו דאָ, ביי זיך אין לאַנד, האָב איך מורא. פאַר ווענען? פאַר וואָס? — פרעגט מיך בחרם. עס שטייט דאָך געשריבן: אשרי אדם מפחד תמיד. „ווייל איז דעם מענטשן, וואָס האָט שטענדיק מורא״ און אַזוי ווי מיר איז ווויל — האָב איך מורא.

ווי נאָר איך בין אַרויס פון דער מאַמעס בויך האָב איך שוין גענומען שרייען: איך האָב מורא. איך דאַרף נישט קיין נייע זאַכן. איז מיר דען פריִער געווען שלעכט? עס האָט מיר געפעלט עסן? טרינקען? אַ מלבוש?

דערנאָך, ווען מען האָט מיך אַריינגעלייגט אין דער באַליע, גענומען באָדן, האָב איך מורא געהאַט איך וועל דערטרונקען. און איך האָב ווידער אַזוי געבעקעט, אַזוי זיך געריסן, אַז מיין מאַמע האָט זיך דערשראָקן און מען האָט זי געדאַרפט מינטערן. און אין אַ וואָך אַרום, ווען דער מוהל האָט מיך גענומען אין דער אַרבעט אַריין, האָב איך געמיינט, אַז ער שעכט מיך, אַז ער שניידט פון מיר אָפּ אַ שטיק. מיינע יללות האָבן געשפּאָלטן הימלען. די מאַמע האָט געוויינט. די יונגע וויבלעך האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ. דער טאַטע האָט געקוואָלן: „ער האָט, קיין עין־הרע כּוח, דער בחורעץ — האָט ער געזאָגט — ער וועט זיין אַ לייט״.

ווען איך בין אונטערגעוואָקסן און מען האָט מיך געשיקט אין חדר

אַריין, איז מיך באַפאַלן אַ פּחד: ס'טייטש? און אַז איך וועל נישט קענען לערנען? איך האָב מורא פאַר פּעטש. און וואָס וועט זיין אַז די שקצים וועלן מיך באַפאַלן אויפן וועג?

תמיד האָב איך מורא געהאַט — אַפילו שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אַ בחור. וואָס זאָל איך טאָן? אַזאַ נאַטור האָב איך. ווען איך בין געגאַנגען מיט אַ מיידל, האָב איך מורא געהאַט זי אָנצורירן. און ווען איינע איז מיר יאָ געפעלן געוואָרן, האָב איך מורא געהאַט צו בעטן איר האַנט, ווייל טאָמער זאָגט זי: יאָ. ווי אַזוי וועל איך מיך אַן עצה געבן? מען האָט מיר געזאָגט, אַז אַ פרוי איז אַזאַ באַשעפעניש וואָס וויל אויך עסן. און נישט נאָר דאָס: זי האָט ליב אַ שיינעם מלבוש, אַ ברילִיאַנטל און נאָך אַזעלכע זאַכן. וווּ וועל איך עס נעמען?

האָב איך מורא געהאַט. מילא זי — ווי זי. און וואָס וועט זיין, אַז זי וועט מיך באַגליקן מיט אַ האַלבן טוץ קינדערלעך? זיי האָבן דאָך די זעלבע טבע: זיי ווילן עסן. דאָ אָבער האָט זיך אַריינגעמישט דער טאַטע: „איך וועל דיר העלפן — האָט ער געזאָגט. און אויב נישט איך — וועט דיר דער אויבערשטער העלפן. איך האָב דאָך אויך חתונה געהאַט".

„ביסט אַ חכם — האָב איך צו אים געזאָגט — האָסט גענומען די מאַמע, אָבער איך דאַרף נעמען אַ פרעמדן מענטשן! איך האָב מורא"...

צו דער חופה האָב איך נישט געוואָלט גיין. נו, האָט מען מיך גע־פירט. נאָך ווי אַזוי! מיט קלעזמער. זיי האָבן געשפּילט און מיר איז אויס־געגאַנגען דאָס האַרץ פון פּחד: אָט וועלן אַלע זיך צעגיין — האָב איך גע־טראַכט — און איך וועל בלייבן אַליין מיט איר, מיט דער כלה, צי מיטן ווייב. מאַין יבוא עזרי?

און אַז דער אויבערשטער האָט טאַקע געהאָלפן, מיין ווייב איז פאַר־גאַנגען אין טראָגן, האָב איך ווידער מורא געהאַט: וואָס וועט זיין, אַז זי וועט מיר געבוירן אַ צווילינג און אפשר טאַקע אַ דריילינג? און אַלע וועלן זיין מיידלעך? — די הויט האָט אויף מיר געציטערט.

האָט מיר דער טאַטע באַרויִקט: „איך זע, אַז עס וועט זיין פון דיר אַ מענטש. ווען דו וואָלסט אַזוי געטויגט צו פּרנסה, וואָלסטו געגאַנגען אין גאָלד".

אין דער צייט איז מיר דווקא נישט געווען שלעכט. איך בין געוואָרן אַ טאַטע. קעסט האָט דער שווער געגעבן. איך האָב אָבער מורא געהאַט: וואָס וועט זיין, אַז די קעסט וועלן זיך ענדיקן?

לאַנג צו טראַכטן האָב איך נישט געדאַרפט. עס האָט זיך צעפלאַקערט די מלחמה. די וועלט האָט גענומען ברענען. האָב איך געכאַפּט דאָס ווייב מיטן קינד און גענומען לויפן פונעם פייער. דער פּחד איז געווען גרויס: וואָס וועט זיין, אַז דער דייטש וועט מיך איבעריאָגן? לויפנדיק האָב איך ערגעץ פאַרלאָרן דאָס ווייב מיטן קינד. דאָס קינד האָב איך שפּעטער אָפּגעפונען. ווי קען איך זיך אַליין אַן עצה געבן מיט אַ קליין קינד? האָב איך געפּאַקט עפּעס אַ פרוי, וואָס האָט, לויפנדיק, פאַרלאָרן איר מאַן. זי האָט געניאַנטשעט מיין קינד און איך בין געשטאַנען אויפן באַזאַר. איך האָב מורא געהאַט, אַז מיין ווייב וועט זיך אָפּגעפינען און מיך טרעפן מיט אַ פרעמדער פרוי. אין אַ צייט אַרום האָב איך מיך אָבער דערוווּסט, אַז זי, מיין געזעצלעכע ווייב, האָט זיך פאַרפלאָנטערט מיט עפּעס אַ גאַליציאַנער. פּשוט, צוליב אַ שטיקל ברויט. אויך זיין ווייב, דעם גאַליציאַנערס, איז לויפנדיק פאַרלאָרן געגאַנגען. איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז זי געפינט זיך גאָר ביי מיר.

מיט איין זאַך איז אין רוסלאַנד געווען גוט: מען האָט נישט גערעדט. מיין נייע, כּלומרשטע, ווייב האָט געשוויגן. איך האָב געשוויגן. מען זאָגט: שווייגן איז גאָלד. מיר זענען געגאַנגען אין שמאַטעס. אין רוסלאַנד איז אַזוי: ווער עס גנבעט — דער לעבט; און ווער עס רעדט — דער זיצט. איך האָב נישט געגנבעט, נישט גערעדט — און אויך געזעסן.

פאַרוואָס? אָסור אויב איך ווייס. מען האָט געפירט צען אַרעסטאַנטן. איז איינער פון זיי אַנטלאָפן. האָט מען מיך גענומען. עס האָט געפעלט צום מנין. ווען איך האָב געפרעגט: פאַרוואָס? האָט מען מיר געענטפערט: מ׳עט אויפקלערן. ביז מען האָט אויפגעקלערט, בין איך דערווייל געזעסן זעקס יאָר. נאָך די זעקס יאָר האָב איך מורא געהאַט, אַז מען וועט מיר צוקלעפּן נאָך אַ „צענערל״.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָב איך מורא געהאַט, אַז איך וועל דאַרפן פאַרבלייבן אין רוסלאַנד. האָב איך „געשמירט״ — און גע־פאָרן. רוסלאַנד איז אַ גרויסער ים און דער מענטש איז דאָרטן אַ טראָפּן. בין איך פאַרשוווּנדן געוואָרן. אין יאָרן אַרום האָב איך אויפגעטויכט אין היייליקן לאַנד, אין ישׂראל. ווי אַזוי? פרעגט נישט. איך האָב מורא צו דערציילן. וואָס איך טו? נישט וויכטיק. איך האָב אָבער מורא אַז מען וועט מיך פּאַקן. מיינט איר, אַז כ׳פּראַווע, חלילה, שוואַרצע געשעפטן? גאָט באַהיט: איך האָב דווקא צו טאָן מיט שיינע, ערלעכע יידן. וואָס איז דען

די נפקא מינה? מען טוישט, מען קויפט, מען פאַרקויפט. מען כאַפּט זיך אַריין אויף דער בערזע — און ברוך־השם! פּרנסה איז דאָ. אָבער ווידער דאָס זעלבע: איך האָב מורא. מ׳עט מיך נעמען פרעגן פון וואַנען איך האָב אַזוי פיל געלט צו לייען, צי איך האָב אַ פּריוואַטע באַנק. איך ווייס וואָס יידן קען איינפאַלן צו פרעגן?

טראַכט איך: איך וועל נעמען דאָס געלט און עס באַוואָרענען אין דער שווייץ. ווייס איך דען אַז דאָרט איז קראַנט? און איך בין דען זיכער, אַז מען וועט מיך נישט פּאַקן?

געפינען איך מיך אין שטענדיקן פּחד. חוץ דעם האָב איך מורא. טאָמער ברעכט ווידער אויס אַ מלחמה מיט די אַראַבער. איך האָב כּוח צו וואַיע־וועזן? ווען מיין בנ׳אָק קומט פון צבא אויף אַ פּאָר טעג אַהיים און ברענגט־מיט זיין אויטאָמאַט, ציטער איך, טאָמער וועט די „כּלי" פון זיך אַליין נעמען שיסן. איך שלאָף נישט גאַנצע נעכט. וואָס זאָל איך טאָן? אַזאַ מענטש בין איך. איך האָב מורא.

אויף דער עלטער

הייסן, הייס איך אייזיק פייגלשטיין — צפור־אבן, און רופן רופט מען מיך: „דער פענסיאָנער״. איך מוז אייך זאָגן ס׳מיר גוט. איין קלייניקייט: איך דאַרף נישט אויפשטיין יעדן פרימאָרגן צו דער אַרבעט; איך דאַרף נישט מאַכן פאַר זיך קיין סענדוויטשן; איך דאַרף מיך נישט קוועטשן אין אויטאָבוס; איך קוק נישט אָן דאָס אָנגעכמורעטע פנים פונעם באַלעבאָס. איך בין אַ פרייער מענטש. איך טו גאָרנישט, איך דאַרף גאָרנישט און מיין ווייב זאָגט, אַז איך בין גלאַט אַ גאָרנישט.

ווען מען פרעגט מיך וואָס איך טו — זאָג איך: כ׳בין אַ פענסיאָנער. זע איך באַלד ווי יענער פאַרקרימט מיט דער נאָז, גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און שמייכלט מיט אַן איראָניעלע: אַ פענסיאָנער?... ס׳הייסט געווען אַ מענטש און ער איז מער נישטאָ. כאָטש לעבן — לעבט ער נאָך; עסן — עסט ער; רעדן — רעדט ער — אָבער ער איז שוין אַרויס פון סטראָי. קיינער דאַרף אים נישט. ער איז שוין אַ לעבעדיקער מת — אַ פענסיאָנער.

אַפילו מיין אייגן ווייב פאַררייסט איר פנימל, פאַרקאָטשעט די ליפּעלעך, שטעלט אויף מיר אַן אירע גראָע אייגעלעך און רייצט זיך מיט מיר: „אייזיק, ׳גאָרנישט׳ מיינער, ווייסט כאָטש, אַז דו ביסט שוין אַ פענסיאָנער? ווען נישט איך, ווער וואָלט זיך אויף דיר אַרומגעקוקט?״

זאָג איך צו איר: „שרה־פייגעלע, מילא איך, ווי איך. עס אַרט מיך נישט, ווען אַלע ווייסן וויפל איך בין אַלט. אָבער וואָס וועט זיין מיט דיר? איצט, אַז דו ביסט אַלט פופציק — ביז הונדערט און צוואַנציק — זאָגסטו, אַז דו ביסט אַלט פערציק. און אין צען יאָר אַרום, ווען דו וועסט אַלט זיין זעכציק, ווי אַזוי וועסטו קענען זאָגן, אַז דו ביסט אַלט פינף און פערציק? מען וועט דאָך דיך אויך שיקן אויף פענסיע. ווער וועט וועלן האָבן צו טאָן מיט אַן אַלטער יידענע?״

ענטפערט אויף דעם מיין ווייבעלע: „מיינע שונאים זאָל מען ציילן די יאָרן. קוק אָן, „גאָרנישטל״, ווי אַזוי איך זע אויס, און ווי אַזוי דו זעסט

אויס. וואָס פאַר אַ האָר איך האָב, וואָס פאַר אַ פיגור. און וואָס פאַר אַ ליסינע דו האָסט. ווען נישט איך, וואָלסטו אויסגעגאַנגען פון לאַנגווייליקייט".

דעם אמת געזאָגט, איך האָב מיין שרה־פייגעלען אַ סך צו פאַרדאַנקען. זי זאָרגט, אַז איך זאָל נישט זיצן ליידיק. „אַ מענטש, אַז ער זיצט אויף איין אָרט — זאָגט זי — איז אַ קאַנדידאַט אויפן הייליקן אָרט. אַ מענטש ווי דו, וועלכער ווערט אַ פענסיאָנער — דערקלערט זי מיר — דאַרף ווייטער אַרבעטן, און דווקא פיזיש. דאָס פאַרלענגערט אים דאָס לעבן".

און איך אַרבעט. פאַרקערט, איצט, ווען איך בין אַ פענסיאָנער, בין איך נאָך מער באַשעפטיקט. גאַנץ פרי, ווען איך שטיי אויף פון שלאָף, מאַך איך פאַר מיין שרה־פייגעלען אַ גלאָז הייסע קאַקאַאָ און טראָג איר צו צום בעט. נאָך דעם ווי זי טרינקט אויס דעם קאַקאַאָ, פאַרמאַך איך שטילינקע די טיר פון שלאָף־צימער, כּדי זי זאָל ווייטער שלאָפן און איך נעם מיך צו דער אַרבעט. אין אַ באַלעבאַטישקייט איז שטענדיק דאָ וואָס צו טאָן. קודם־כּל גיי איך אין מכּולת אַריין. איך קויף־איין די נייטיקע פּראָדוקטן לויט אַ צעטל, וואָס שרה־פייגעלע גרייט מיר צו פריִער מיט אַ טאָג. אין מכּולת שטייען אין תּור צענדליקער מענטשן — שטיי איך אויך. רעדט מען וועגן פּאָליטיק, וועגן הויכע פרייזן, ווען מען האָט באַגנבעט און ווער עס האָט געמאַכט אַ „קראַך" און אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. ס'דאָ, ברוך השם, וועגן וואָס צו רעדן. נאָכן אָפּשטיין אַ פּאָר שעה אין מכּולת, ברענג איך די פּראָדוקטן. ביז איך צעסדר זיי, שטייט מיין ווייבעלע אויף פון שלאָף. ווייזט זי מיר, וואָס איך דאַרף ווייטער טאָן. למשל, אַראָפּטראָגן דאָס מיסט, אָפּווישן דעם שטויב, אויסרייבן די וואַש־שיסלען און נאָך אַזעלכע אַרבעטן. דערנאָך גיסט זי אָן אַ שיסל וואַסער, שיט אַהין אַריין עפּעס אַ זייף־פּראָשעק און זאָגט צו מיר: „אייזיקל, און איצט נעם זיך צו דער אַרבעט: וואַש די פּאָלן. זינט איך האָב אָפּגעזאָגט די עוזרת און דו האָסט איבערגענומען די אַרבעט, האָסטו אַזוי פאַרלאָזט די פּאָדלאָגעס, אַז זיי זענען שוואַרץ ווי די ערד".

מיין ווייבעלע האָט אַזוי אָרגאַניזירט די אַרבעט, אַז איך זאָל אַפילו קיין איין מינוט נישט זיצן ליידיק. זי זאָרגט פאַר מיר, אַ געזונט אין איר. זינט איך בין אַ פענסיאָנער, איז זי אַ ביסל געקומען צו זיך. איך פּאַרע מיך אין שטוב און זי גייט זיך באָדן אין שווים־באַסיין, אין אָוונט האָט זי ליב כאַפּן אַ קערטל. מיט איין וואָרט: זי האָט אויפגעלעבט.

פאַראַן אָבער טעג, ווען מיין שרה־פייגעלע גייט צו איר אַרבעט — זי איז אַ פּקידה אין דער עיריה. און דאָרט איז אַזוי: אַמאָל קומט מען און אַמאָל קומט מען נישט צו דער אַרבעט. פאַראַן דאָרט אַזוי פיל פּקידים, אַז ווען אַ דריטל פון זיי יאָוועט זיך נישט צו דער אַרבעט — פילט עס קיינער נישט. זי אַליין, מיין שרה־פייגעלע, וויצלט זיך: „ווען אַ בער וואָלט אַריין אין בנין פון דער עיריה און אויפגעגעסן אַ פּאָר פּקידים וואָלט עס קיינער נישט באַמערקט"...

ווען זי, מיין ווייבעלע, איז ביי דער אַרבעט, גיי איך אין קופּת־חולים. נישט וויכטיק צי איך בין יאָ קראַנק, צי נישט. איך גיי. דאָרט טרעף איך זיך מיט נאָך פּענסיאָנערן, מיינע באַקאַנטע. מיר זיצן און דערציילן זיך מעשׂיות. יעדער איינער דערציילט וואָס פאַר אַ קרענק ער האָט; וועלכע רעצעפּטן ער באַנוצט און וואָס פאַראַ אונטערזוכונגען ער מאַכט. איינער באַקלאָגט זיך, אַז ער האָט, איר זאָלט מיר מוחל זיין, מערידן; אַ צווייטער — אַז ער האָט פּלוצלונג באַקומען אַ ברוך; אַ דריי־טער — אַז די פּראָסטאַטע פאַרשאַפט אים ווייטיקן, אַ פערטער — אַז ער האָט צו טאָן מיט דער אורין און ער קען ביינאַכט נישט שלאָפן. דערנאָך גייט מען איבער צו פּאָליטיק. איינער האַלט, אַז מען דאַרף יאָ אָפּגעבן די פאַרנומענע געביטן, אַ צווייטער טענהט, אַז נישט. צייט איז דאָ גענוג. זיצט מען און מען רעדט. מען הרגעט אַוועק די צייט. איך מוז אייך זאָגן, אַז דאָס גיין כּמעט יעדן טאָג אין קופּת־חולים פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגן. דאָס איז פּונקט אַזוי, ווי איך וואָלט יעדן טאָג געגאַנגען אין שיל אַריין דאַווענען. מען רעדט מיט באַקאַנטע, מיטן דאָקטאָר, מיטן אַפּטייקער — און דערווייל גייט אַוועק די צייט. איידער מען קוקט זיך אַרום איז שוין צוועלף אַזייגער. לויף איך אַהיים צוגרייטן דאָס מיטאָג. באַלד וועט שרה־פייגעלע קומען פון דער אַרבעט. און זי האָט ליב, אַז דאָס מיטאָג זאָל שטיין אויפן טיש און וואַרטן אויף איר.

אָפּגעגעסן מיטאָג, גייט מיין ווייבעלע שלאָפן און איך וואַש די כּלים, שטעל אַוועק אַלץ אויפן אָרט און לייג מיך אויך צו.

אָפטמאָל, זיץ איך און טראַכט: וואָס וועט זיין, אַז איך וועל, חלילה, קראַנק ווערן, און שרה־פייגעלע וועט מיך דאַרפן באַדינען? וואָס וועל איך טאָן גאַנצע טעג, ווען איך וועל נישט קענען גיין אין קופּת־חולים? איך וועל דאָך משוגע ווערן פון לאַנגווייליקייט!

אַנומלטן זאָגט צו מיר מיין שרה־פייגעלע אַזוי:

„אייזיקל, דו ווערסט אַלט. ביסט שוין אַ פּענסיאָנער. וואָלט דען נישט געווען קיין פּלאַן, איך זאָל אַביסל אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד? תּחילת האָב איך געטראַכט, אַז דו זאָלסט מיטפאָרן. אָבער דערנאָך האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן אַליין. דו ביסט אַ פּענסיאָנער, אַן אַלטער, קראַנקער מענטש, ווי אַזוי קענסטו זיך שלעפּן מיט די עראָפּלאַנען, טראָגן דעם באַגאַזש, עסן די גויאישע מאַכלים? איך האָב מורא צו ריזיקירן. אַז דו וועסט בלייבן אַליין, וועט דיר זיין לייכטער. וועסט דאַרפן קאָכן נאָר פאַר איין פּערזאָן. יעדן טאָג וועסטו גיין אין קופּת־חולים, וועט דיר נישט זיין אומעטיק. און איך, נאָך אַזוי פיל יאָרן אַרבעט אין דער עיריה, מוז איך מיך אַביסל אויסרוען, קומען צו די כּוחות. דו מיינסט, אַז איך בין פון אייזן? וויפל קען איך דאָס האַרעווען?"

בין איך אַרומגעלאָפן און צוגעגרייט פאַר איר די דאָקומענטן צו דער נסיעה, זי האָט דאָך קיין כּוח נישט, מיין ווייבעלע, אַרומצושלעפּן זיך אין די אויטאָבוסן, בפרט אין אַזעלכע היצן.

איצט איז זי אין רומעניע, אין איר אַמאָליק פאָטערלאַנד. זי שרייבט מיר, אַז זי מאַטערט זיך, נעבעך, דאָרטן אין עפּעס אַ קוראָרט, אין די בערג. זי איז צופרידן — שרייבט זי — וואָס איך בין אין דער היים, און איך קען מיך אַ ביסל אויסרוען. דערפאַר איז זי מסכּים וואָס לענגער זיך מאַטערן דאָרטן, אין רומעניע, אַבי איך זאָל דאָ, אין ישׂראל, וואָס מער זיך אויסרוען. גיי ווייס, אַז זי, שׂרה־פייגעלע, וועט זיין אַזאַ געטריי ווייבעלע.

נאָך שרייבט זי, אַז זי וועט מיר ברענגען אַ שיינע מתּנה — אַ שניפּס. און אַן עלעקטריש וואַרעם־קישעלע צום בויך. כ'וועל אויך קענען אויסוואַרעמען דערמיט דעם רוקן, ווען איך וועל כאַפּן אַ „העקסן־שוס".

איצט, ווען איך האָב צייט צו טראַכטן, באַדויער איך זייער וואָס איך האָב מיך נישט פאַרנומען מיט כּלל־טוערײַ. ווען איך בין, למשל, אַ פּאַרטיי־עסקן, וואָלט איך ווייטער געאַרבעט, געקרודעוועט, אַרויסגעפאָרן אַלע מאָל קיין אויסלאַנד, געהאַלטן רעדעס, מיין פּרצוף וואָלט זיך באַוויזט אָפט אין דער טעלעוויזיע. איך וואָלט מיט שׂרה־פייגעלען געגאַנגען אויף קאָקטיילן — געמאַכט אַ לעבן. אוי אַזוי וואָס בין איך? — גאָרנישט!

מיין עלטערע טאָכטער וווינט אין חיפה. אָפט, ווען זי קומט קיין תּל־אביב, קלינגט זי צו מיר: „טאַטע, ביסט אַזוי פאַרנומען, אַז דו האָסט אַפילו קיין צייט נישט צו מיר אַמאָל אָנטעלעפאָנירן? ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ פאַרנומענער מענטש".

און מיין ייִנגערע טאָכטער, וואָס וווינט אין נתניה, האָט צו מיר און מיין ווייב אַזעלכע טענות:

„איר זיצט אַליין, צוויי אַלטע מענטשן אין אַזאַ גרויסער שטוב. צו וואָס דאַרפט איר דאָס? איז דען נישט בעסער, אַז איר זאָלט פאַרקויפן די דירה, און אַריבערגיין אין מושב זקנים? דאָרט וואָלט איר זיך געפונען צווישן מענטשן, אונטער אַ גוטער השגחה. טאַטע, ביסט דאָך שוין אַ פּענסיאָנער. און די מאַמע, מיינסטו, ווערט ייִנגער? אין מושב זקנים וואָלט איר דאָך ביידע געלעבט ווי אויף דאַטשע".

טייערע קינדער! אַלע זאָרגן זיי פאַר טאַטע־מאַמע. יעדעס יאָר, ערב ראש השנה, באַקום איך פון זיי שנה־טובהס. זיי ווילן וויסן, וואָס מיר — איך מיט שרה־פייגעלען — טוען מיטן געלט וואָס בלייבט אונדז יעדן חודש. זיי שרייבן, אַז ס'איז זיי שווער. די מענער זייערע פאַרדינען ווייניק. און פון טאָג צו טאָג ווערט ערגער.

ווען שרה־פייגעלע וועט צוריקקומען פון רומעניע, וועל איך כאַפּן מיט איר אַ שמועס. אפשר איז טאַקע אַ פּלאַן צו פאַרקויפן די דירה און אָפּגעבן דאָס געלט די קינדער? אַ רחמנות, נעבעך, אויף זיי. ווער קען זיי העלפן אויב נישט טאַטע־מאַמע?

נו, ברוך השם, איצט פיל איך מיך אַביסל בעסער. אין דרויסן בלאָזט שוין אַ קיל ווינטל. איך גיי פאַרנעמען אַ תּור אין קופּת־חולים. מיינע באַ־קאַנטע וואַרטן שוין דאָרט אויף מיר. האָטס מיר אַ גוטן!

אַשכּנזים און ספרדים

יעדער מענטש האָט זיך זיין מזל: איינער איז אַ גביר, אַן עושר, אַ תּקיף, אַ דרייער, אַ צעלייגער — און אַ צווייטער איז נישט אַהער און נישט אַהין — נישט קיין גביר און נישט קיין קבצן. אַזוי צו זאָגן: אַ מיטלמע־סיקער. אָבער, אַז גאָט וויל, האָט ער אַ רייכקייט, וואָס מעסט זיך נישט מיט קיין גאָלד, מיט קיין בריליאַנטן. און אַז אירווילט — איז עס נאָך מער ווי גאָלד מיט בריליאַנטן. דאָס זענען — קינדער. און נישט סתּם קינדער, וואָס איינער נעמט און פלאָדיעט אָן. נאָר לייטישע קינדער, גע־ראָטענע, איינס און איינס ווי שנירלעך עכטע פּערל. אָט אַזוינע זענען מיינע קינדער.

און מיינט איר, איך בין אַזאַ גרויסער מורה־מורינו? אַ דאָקטאָר, אַ פּראָפעסאָר, אַ ווייס איך וואָס דאָרט? הייבט זיך נישט אָן. און אפשר מיינט איר, בין איך אַ שיינער מאַנספּאַרשוין, אַ הויכער מיט אַ ברייטן ברוסט־קאַסטן, מיט אַ שיין פּנים, וואָס פאַלט יעדן אין די אויגן אַריין — אַ נעכטיקער טאָג! איך בין אַזאַ איינער ווי טויזנטער אַנדערע מאַנספּאַר־שוינען, וואָס איר זעט אין גאַס און קיינער קוקט זיך אויף זיי אַפילו נישט אום.

וועט איר דאָך אַוודאי פרעגן, ווי קומט צו אַזאַ איינעם אַזעלכע שיינע, לייטישע און געראָטענע קינדער? עפּעס מוז דאָך זיין דערביי. אויף דעם וועל איך אייך ענטפערן: זי, מיין עטעלע. אַלע קינדער זענען געראָטן אין איר, אין מיין ווייב. גאָטעניו, ווען איר זעט די דאָזיקע יידענע מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק! איר וואָלט פאַרכישופט געוואָרן פונעם ערשטן קוק. אַן אמתע פּרינצעסין. וואָס זאָג איך: אַן אמתע קעניגין אין שיין פון דער אויפגייענדיקער זון. עפּעס אַזוינס ווי די מלכּת שבאָ איז געווען. אָבער יענע, אין וועלכער שלמה המלך האָט זיך פאַרליאַפּעט, איז געווען אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, און מיין עטעלע איז געווען אַ בלאָנדע. איך זאָג: געווען, ווייל היינט איז זי שוין אַ ברוינע צי אַ געלע — איך קען זיך נישט אויף קיין מיאוסע קאָלירן.

הקיצור, ס׳איז געווען אַ פינצטערע מלחמה. עטעלע האָט געמיינט, די גאַנצע וועלט איז אונטערגעגאַנגען און איך בין איינער געבליבן. האָט זי מיך אַריינגעכאַפּט.

ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דער ערשטער, דער בן־זכר, דנילע, איז ביי אונדז געבוירן געוואָרן עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה. ערשט דעמאָלט, ווען מיר זענען שוין געווען אין ישראל. און דאָ, אין לאַנד איז אַזאַ לופט, אַזאַ זון, אַז די קינדער וואַקסן, קיין עין־הרע, ווי סאָסנעס. איר זאָלט אָנקוקן אַ בחור — אַן עכטער פילם־אַרטיסט. העכער פון מיר מיט צוויי קעפּ. אַ קצין איז ער אין צבא. אַן אָפיציר. ער האָט די זעלבע בלאָנדע האָר, וואָס זיין מאַמע האָט אַמאָל געהאַט און געראָטן איז ער אין איר — ממש צוויי טראָפּן וואַסער. אַפילו מיטן כאַראַקטער. אַן עקשן, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזוינס נישט געזען. האָט זיך אים פאַרגלוסט דווקא אַ תימנקע. אַ הויכע אַזוי ווי ער, אַ דאַרע ווי אַ שטשאַפּע, אַ טונקל־הויטיקע מיט בלענדיק־ווייסע ציין און אַ פּאָר גרויסע אויגן ווי קאַרשן. מען קען זאָגן: אַן אָריענטאַלישע קראַסאַוויצע. אָבער די מחותנים... שוין! לאָמיר בעסער נישט רעדן. ער — דער מחותן — אַ דאַר מענטשל מיט לאַנגע, געקרייזלטע פּיאות, אַ סאַמעראָדנע תימנטשיק פון תימן־לאַנד. אָט אַזעלכער, וואָס פירט די וועגעלעך אויפן מאַרק אָדער אַזאַ וואָס קערט די גאַסן. און זי — די מחותנתטע איז פונקט אַזאַ ווי מיין עוזרת — אויך אַ תימנקע. נאָר איין מעלה האָבן זיי, די תימנער, — זיי עסן ווייניק. קען זיין, אַז טאַקע דער־פאַר איז מזל אַזוי געפעלן געוואָרן מיין דנילען.

בקיצור, זיי האָבן חתונה געהאַט. מיין עטעלע איז שיער נישט קראַנק געוואָרן צוליב דעם. און מיינט איר, ווער איז געווען דער שולדיקער? — איך.

אַז מען האָט אַזאַ טאַטן — האָט עטעלע געזאָגט צו מיר — אַ לע־מעשקע ווי דו — קען אַ קינד אָפּטאָן אַזאַ זאַך — נעמען אַזוינע מחותנים.

— קענסט רעדן צו אים — האָב איך איר געענטפערט — פונקט ווי צו דער וואַנט. ער איז אין גאַנצן געראָטן אין דיר.

דער ברוגז האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז עס איז אונטערגעקומען דאָס ערשטע קינד — אַ יינגעלע. ער הייסט עמי. דאָ האָט מיין עטעלע שוין נאָכגעגעבן: „וואָס איז נעבעך דאָס קינד שולדיק? אַזאַ ברילאַנט, קיין עין־הרע״. און זי האָט געפאָדערט פון מיר, אַז כ׳זאָל פּראַווען פאַר עמילען אַ ברית כאָטשבי פאַר דריי הונדערט געסט. מילא, זאָל די עוזרת

אונדזערע, די תּימנקע — געמיינט אונדזער מחותּנתטע — אויך הנאה האָבן.

און דערביי האָט זי צוגעגעבן: — אַז איך זע דעם מחותּן מיט דער מחותּנתטע גלוסט זיך מיר לאַכן. מיר דאַכט זיך, תּמיד, אַז דאָס זענען פֿאַרשטעלטע אַקטיאָרשטשיקעס.

פֿון דעסטוועגן האָט זי זיך מיט זיי גאַנץ פֿיין צעקושט בעת דער שׂמחה. אַלע האָבן געווישט, פֿון פֿרייד, די טרערן. און ער, עמילע וואַקסט אַ בחור, וואָס וועט נאָך איבערשטייגן דעם טאַטן מיט דער מאַמען — און אַפֿילו די אַשכּנזישע באָבע אויכעט.

פּונקט צום צווייטן יאָר איז ביי מיין תּימנקע, — כ׳מיין ביי מיין שנור — אַרויסגעשפּרונגען אַ מויד. וואָס זאָל איך אייך זאָגן: יענע תּחיכה! דער מחותּן האָט איר באַלד צוגעטשעפּעט אַ קמיע קעגן אַן עין־הרע. מיין עטעלע איז גליקלעך: אויב עס וועט ווייטער אַזוי גיין וועט זי, מיין שנור, מיך פֿאַרשיטן מיט תּימנטשיקעס — אַ געזונט אין איר!

אויסער דנילען, דעם בכור, — האָבן מיר נאָך צוויי טעכטערלעך: אסתּר און אורה. די עלטערע — אסתּר — ממש אַ ליאַלקע! זי האָט גע־ענדיקט דעם אוניווערסיטעט. נעמט זי, און פֿאַרליבט זיך אין אַן איראַקער. פֿרעגט שוין גאָרנישט וואָס ביי מיר אין שטוב האָט זיך אָפּגעטאָן! מיין עטעלע האָט געקערט וועלטן: נאָך ווייניק, אַז איך האָב תּימנער, דאַרף איך נאָך האָבן איראַקער אין דער משפּחה? בלויז איך מוז פּראַוון דעם מיזוג גלויות?

די נייע מחותּנים זענען געווען אין גאַנצן אַנדערע. די מחותּנתטע — אַ נידעריקע, אַ דיקע, מיט אַ היפּשן גוידער און דווקא מיט אַ חנעוודיק פּנים. און דער מחותּן — אַ פּעמפּיק מיט אַ גרויסן פּליך. עלעגאַנט גע־קליידעט. די הענט האַלט ער אָפֿט פֿון הינטן און קייקלט די פּאַטשערקעס.

בעת דער חתונה פֿון אסתּרקען מיט איר בחור — אַלבערט אַבוטבול — בין איך מיט מיין ווייב געשטאַנען אין איין זייט און גענומען די טשעקן פֿון די אַשכּנזים; און אַבוטבול מיט זיין דיקער איראַקערין זענען גע־שטאַנען אין דער צווייטער זייט און געזאַמלט די טשעקן ביי די איראַ־קישע געסט. ביי די טישן איז מען אויך געזעסן באַזונדער: ס׳הייסט, איראַקישע טישן און אַשכּנזישע טישן. בלויז דער טיש פֿון חתן־כּלה און משפּחה איז געווען אַ געמישטער און אויך די יינגלעך מיט די מיידלעך זענען געזעסן צוזאַמען: אַשכּנזער, איראַקער, תּימנער, מאַראָקאַנער, גע־

ווען אַפילו אַ גרוזיניש פּאָרל. די מסדרי קידושין זענען אויך געווען סיי אַשכּנזים און סיי ספרדים. די אַשכּנזישע ווייבער האָבן נאָכן צעטראַסקען דאָס גלאָז געשריגן „מזל־טוב" און די איראַקישע ווייבער האָבן געגאָרלט משונהדיקע קולות פון וועלכע מיין טעטלע האָט זיך אַזש דערשראָקן — און באַלד אָנגעהויבן שלוקערצן. „הער נאָר די קולות — האָט זי געזאָגט צו מיר שטילערהייט — אַזוי ווי אין דזשונגל, ווײ איז מיר. קוק נאָר אָן דעם הילוך פון דער מחותנתטע, פון דער גברת אַבוטבול, דאָס גלאַנציקע קליידל מיט די קרעלן. און ער — דער מחותן... נאָך אַ נס וואָס ער קאַר־טשעט דאָ נישט די פּאַטשערקעס"...

און זי, די מחותנתטע פון איר זייט, די גברת אַבוטבול, האָט אויך שטילערהייט געזאָגט צו איר מאַן:

— וואָס זאָגסטו אויף דיין נייער מחותנתטע, אויף דער שיכּנאַזיכע, ווי זי בלאָזט עס פון זיך? טראָגט אַ קריינדל ווי אסתּר המלכּה אין פּורים. ביי די יאָרן, האָט זי געמעגט זיך דערלויבן אַ קלענערן דעקאָלט. פוי!..."

פון דעסטוועגן האָט מען זיך אַלע געקושט און געסמאָטשקעט. די בחורים און מיידלעך האָבן געטאַנצט. געסט האָבן מיר געהאַט אפשר אַ טויזנט! עס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. און ברוך השם — מיין טאָכטער האָט דווקא גוט געטראָפן. דער מאַן טראָגט זי ממש אויף די הענט. מילא, זיצט ער ביי טאָג אין אַ פּיזשאַמע, גייט ער אַליין אין קאַפּע. נו, איז וואָס? אָבער די אייניקלעך! צוויי מיידעלעך קראַסאַוויצעס. איצט שוואַנגערט שוין אסתרל מיטן דריטן. מיר דערוואַרטן אַ ייִנגעלע, אַן אַבוטבולטשיק. מיין ווייבעלע האָט שוין פּאַר זיינעטוועגן צוגעגרייט אַ שנירל פּאַטשערקעס, ער זאָל האָבן וואָס צו דרייען...

פון דער ייִנגערער טאָכטער, פון אורהן, האָבן מיר, זעט איר, גאָר גרויס נחת. זי גייט אַרום דווקא מיט אַ לייטישן בחור, אַ געענדיקטער אַדוואָקאַט. אים קען איך נישט אַזוי גוט, אָבער זיין טאַטן קען איך יאָ. ער איז אויך אַן אַדוואָקאַט. וואָס זאָל איך אייך זאָגן: איז דאָס אַ גנב — אַ פליִענדיקער! אָבער איין גרויסע מעלה האָט ער יאָ: ער איז אַן אַשכּנ־זישער, אַ „פּיילישע דריפּקע". דווקא פּאַר אים האָב איך מורא אימת מוות. אַפילו מיין טעטלע האָט אַנומלטן צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— אברהמל, דאַכט זיך, אַז דאָס מאָל זענען מיר זייער מיאוס אַריינ־געפאַלן. דער אַדוואָקאַט מיט זיין זינדל וועלן ביי אונדז אַרויסציִען די נשמה. האָסט זיך געקענט ריכטן אַז אורה וועט דווקא אויסקלייבן אַזאַ

פּאַרשוין? דער טוניסער בחור, פּיער, איז דאָך ממש אויסגעגאַנגען נאָך איר. זיין טאַטע איז אַ מולטי־מיליאָנער! האָט זי זיך איינגעשפּאַרט: דווקא נאָר די „פּיילישע דריפּקע״. ער געפּעלט איר. אַז ס׳באַשערט אַ צרה, קומט זי צו דיר אין שטוב אַריין. — הערסט אברהמל, — האָט מיין עטעלע אַ זיפץ געטאָן — דאַכט זיך, אַז מיר וועלן פון אים און פון זיין טאַטן, דעם פּוילישן זשוליק, האָבן צו זינגען און צו זאָגן.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— מילא, לאָמיר האָבן כאָטשבי איין אַשכנזער אין אונדזער משפחה...

איבער די פּוחות

— פּיניעלע, וווּהין לויפסטו? לאָז מיך שלאָפן. כ׳האָב מיך אַזוי שפּעט געלייגט...

אַזוי זאָגט צו מיר מירעלע, מיין זיס ווייבעלע. זי ציט די ווערטער אַזוי ווי מאַסטיק, הייזעריק זיס־זויערלעך — און דרייט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט.

איך גיי שנעל אַרויס פונעם שלאָף־צימער. איך אייל מיך. פאַרוואָס אייל איך מיך? ווייל צו דער אַרבעט מוז איך קומען צו דער צייט. כ׳דאַרף „אָפּקלאַפּן דעם זייגער״. און ווי נאָר איך האָב מיך פאַררעגיסטרירט, אויפן צעטל איז פאַרשריבן אַז איך בין דאָ, — אַרבעט איך. ס׳דאָך נישט וויכ־טיק צי כ׳זעץ מיך יאָ צום טיש, צי כ׳זעץ מיך נישט צום טיש. דער עיקר איז, אַז כ׳לייג אַוועק אויפן טיש אַ פּאָר פּאַפּירלעך — און שוין בין איך נישט קיין היגער, איך פאַרשווינד.

אויף צוריק „פון דער אַרבעט״ גיי איך מיר שוין פּאַוואָליע. איך וויל נישט אָנקומען תיכף אַהיים, מחמת מיין מירעלע שלאָפט נאָך. גיי איך אַריין אין קאַפע־הויז, טרינק אַ גלאָז קאַפע. דערביי כאַפּ איך אַ פלירט מיט דער שיינער קעלנערקע, מיט פּאַליעטשקען. מיר רעדן־אָפּ, אַז נאָך מיטאָג, ווען זי ענדיקט איר אַרבעט טרעפן מיר זיך ביי איר אין שטוב. זי וווינט אַליין, פּאַליעטשקע, אַן אַלמנה, נעבעך. דער מאַן אירער, אַ געזונ־טער, שיינער יונג איז מיט זיין אויטאָ אַרויפגעפאָרן אויף אַ סלופּ און — אַריבערגעפּעקלט זיך אויף יענער וועלט. איז זי געבליבן אַליין, אין אַ נייער דירה, מיט שיין מעבל, מיט גרויסע דיוואַנען אויף די פּאָדלאָגעס — און מיט גרויסע חובות. האָב איך זי גענומען אונטער מיין „אַפּיעקע״. איך אַרבעט אויף נאָך אַ פּלאַץ, כדי איך זאָל איר קאָנען העלפן, מוז איך, פאַרשטייט איר מיך, קאָמבינירן. אין איין אָרט פאַרשרייב איך מיך און אין צווייטן אָרט אַרבעט איך. אַזוי אַרום האָב איך צוויי לוינען. קען איך מיר שוין אַ ביסל צעפירן די הענט.

היינט האָב איך באַשלאָסן נישט צו אַרבעטן אויף ביידע פּאָסטנס. איך נעם חופש. וואָסי, מ׳עט מיך אָפּזאָגן? ווער קען היינט אָפּזאָגן אַן אַרבע־

טער? בפרט מיך, וואָס איך געהער נאָך אַפילו צום אַרבעטער־קאָמיטעט. איך באַשטים ווער עס אַרבעט גוט און ווער — שלעכט. ווען עס קומט אַ פּרעמיע פאַר „מאמץ", פאַר אָנשטרענגען זיך ביי דער אַרבעט. איך אַליין האָב שוין באַקומען אפשר אַ טוץ פּרעמיעס.

אָפּגעזעסן אין קאַפע־הויז אַ שעה־צוויי, קום איך צוריק אַהיים. מירעלע גרייט זיך שוין אַוועקצוגיין צו איר חברטע, צו זאָסיען. היינט גייען זיי ביידע „מאַכן די האָר". ווי נאָר זי גייט אַוועק, קלינג איך אָן צו מיין צווייטן באַלעבאָס, צום אדון כּרמי. איך זאָג אים, אַז היינט קום איך נישט צו דער אַרבעט, ווייל מיין פרוי האָט פּלוצלונג געקריגן הויכע היץ און עס קען זיין, אַז צוליב דעם וועל איך מאָרגן אויך נישט קאָנען קומען. צו מיין ערשטן אַרבעטס־פּלאַץ אין דער עיריה, דאַרף איך נישט טעלעפאָנירן, ווייל דאָרטן, צווישן אַזוי פיל הונדערטער אַרבעטער, איז נישט קיין מאַליער, אַז איינער קומט נישט. איינער? — אָבער וועגן דעם לאָמיר בעסער נישט רעדן. פאַרשרייבן, פאַרשרייב איך מיך יעדן טאָג צו דער צייט? מיין נאָמען פיגורירט אויף דער קאַרטע? יעדן חודש קום איך אָפּנעמען מיין געהאַלט? — שוין! וואָס וויל מען נאָך פון מיר?

דערנאָך כאַפּט איך דאָס טעלעפאָן־טרייבל און קלינג־אָן צו פּאַליעטש־קען: „טייערע, דו ביסט שוין דאָ? יאָ? גוט! גרייט־צו אַ גוטן מיטאָג. ווײַן און בלומען ברענג איך מיט. וואָס, האָסט נישט קיין פלייש? זאָרג נישט. איך וועל מיטברענגען אַ געבראָטן הינדל. וואָס? אַ קאַטשקע? בסדר! יאָ. אין אָרדענונג. די כּלבטע? וואָס פאַר אַ כּלבטע? אַה, מיין ווייב? יאָ. זי איז שוין אַוועק. גוט. אין אַ שעה אַרום קום איך צו דיר. זי האָט מיר איבערגעלאָזט אַ פּאָר טעפּ אויסצוואַשן. זאָל זי זען, אַז איך בין איר געטריי. פּאַליעטשקע, איך קום אין אַ שעה אַרום".

פּאַליעטשקע האָט גאָלדענע הענט. זי, אַז זי גרייט עפּעס צו — איז ממש צו לעקן די פינגער. אַ געזונט אין איר. זינט זי האָט פאַרלוירן איר מאַן, איז זי ביי מיר נאָך טייערער געוואָרן. ווי זאָל איך זי פאַר אייך אויסמאָלן? אַ שלאַנקע ווי אַ סאָסנע, אַ פּאָר אויגן ווי צייטיקע קאַרשן, אַ פּנים פון אַ בת־מלכּה. בויגעוודיק אין זי ווי אַ בעריאָזקעלע און זיס — ווי עכטער האָניק. זי איז מיר אַזוי טייער, אַז איך האָב באַשלאָסן צו פאַר־טרעטן איר אַ מאַן, אַ טאַטן, אַ מאַמען, אַ געליבטן אַ... כ'ווייס אַליין נישט וואָס.

עס איך אָפּ מיטאָג ביי פּאַליעטשקען און כ׳לייג מיך אַ ביסעלע צו, זיך אָפּרוען. דערנאָך גיי איך ווידער אין דער עיריה אָפּקלאַפּן מיין צעטל. איך בין דאָך פון די, וואָס קומען פּינקטלעך צו דער אַרבעט און גייען אַוועק פּינקטלעך פון דער אַרבעט. דערפאַר טאָקע פאָדער איך אַ פּרעמיע. וואָסי, ס׳קומט מיר נישט? אַ סך האָט איר דאָ, אין לאַנד, אַזעלכע פּינקטלעכע אַרבעטער, ווי איך?

פאַרנאַכט קום איך, אַ מידער, אַהיים. אַ קלייניקייט; נאָך אַזאַ אַר־בעטס־טאָג! זאָג איך צו מיין מירעלען:

— טייערינקע, איך בין אַזוי מיד, אַז כ׳קען אַפילו נישט נעמען עפּעס אין מויל אַריין. איך מוז מיך צולייגן, כאַפּן אַ דרעמל. אויב עמעצער וועט טעלעפאָנירן זאָלסטו מיך נישט אויפוועקן. איך פאַל ממש פון די פיס.

ווען איך וועק מיך איבער, איז שוין מירעלע נישטאָ. זי איז אַוועק צו די חברטעס שפּילן אין קאָרטן. גיי איך אויף דער „זיצונג״, צו פּאַליע־טשקען. זי מאַכט אַ גוטע טערקישע קאַווע, וואָס פונעם געשמאַקן ריח אַליין ווערט פריילעך אויפן האַרצן. דערביי טראַכט איך מיר: ווער איז געוועזן דער דאָזיקער רבינו גרשום, וואָס האָט פאַרבאָטן צו נעמען צוויי ווייבער? אַזאַ מענטש ווי איך, מיט צוויי פאָסטנס, מעג האָבן צוויי ווייבער. און אַז מ׳טאָר נישט, דאַרף איך מאַכן כּל־מיני קאָמבינאַציעס, כּדי נישט אַריינצופאַלן. נאָך אַ נס, וואָס איך האָב אַזאַ גוטע אַרבעט. קיינער ווייסט נישט וואָס איך טו און ווו איך געפין זיך. דער עיקר איז, אַבי איך בין פאַרשריבן. איך קום פּינקטלעך צו דער אַרבעט.

אַנומלטן בעת אַ פאַרזאַמלונג, האָט דער דירעקטאָר פון מיין אָפּטיי־לונג אַזוי געזאָגט צו די אַרבעטער:

— חברים, נעמט אייך אַראָפּ אַביישפּיל פון פּיניען. כאַפּט אַ קוק אויף זיין רעגיסטראַציע־קאַרטע, וועט איר זען, ווי פּינקטלעך ער קומט צו דער אַרבעט און ווי ער גייט אַוועק אין דער ריכטיקער צייט. פאַר־וואָס? ווייל ער ווייסט ווי וויכטיק עס איז — און בפרט אין דער דאָזיקער ערנסטער צייט אין וועלכער די מדינה געפינט זיך — צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט. אונדזערע קינדער ליגן אויף די פראָנטן, היטן אונדז, דאַרפן מיר זיי ווייזן, אַז מיר טוען נישט ווייניקער פון זיי. ווייל אָן אַ שטאַרקן הינטערלאַנד איז נישטאָ קיין שטאַרקע אַרמיי. מיר זענען דער יסוד אויף וועלכן די מדינה איז באַפעסטיקט. יעדער איינער פון אונדז מוז

ביישטייערן נישט נאָר לויט זיינע כּוחות — נאָר אַפילו איבער די כּוחות — פאַר אונדזער לאַנד. אָט אַזוי ווי דאָס טוט אונדזער ליבער חבר פּיניע.

בין איך צופרידן. בפרט, אַז אַזעלכע געטרייע אַרבעטער ווי איך, זענען דאָ אַ סך אין דער מדינה.

מ׳דאַרף צולייגן אַ האַנט

מיך גייען זיי פּאַקן... נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן. ווען ס׳כאַפּט מיך נישט אָן קיין שטעכעניש אין דער לינקער זייט, וואָלט איך געקייכט פון געלעכטער. זיי מיינען, אַז זיי זיצן דאָרט און פּלאַנעווען — שוין! וועט מען דאָ נעמען און דאָרט געבן און די מדינה ווערט זיין געראַטעוועט. מיך פרעגט מען גאָרנישט. וואָס בין איך — אַ בהמה, אַ פערד? מ׳עט מיך איינשפּאַנען און איך וועל ציִען דעם וואָגן? נישט ביי שמאַיען! איך בין שוין לאַנג אַרויס פון די האַלאַבאַליעס. קליגערע פון זיי האָבן מיך נישט געקענט פּאַקן. גייען זיי, מאַכן פּיחותן, דעוואַלואַציעס, מ׳העכערט די פּרייזן און מ׳וויל מיך, שמאַיען, אַריינגעמען אין קוטשעמענט אַריין: איך זאָל אויסהאַלטן אַלע דאַרמאַיעדניקעס, די טאַטעס פון אַ סך קינדער, די מאַמעס פון גרויסע משפחות, כּלערליי שלעפּערס און פּאַראַזיטן, וואָס ווילן לעבן אַ גוטן טאָג אויף מיין חשבון.

וויל איך אייך זאָגן: חברה, איר האָט נישט געפּאַקט דאָס אָרט! וועמען־וועמען, מיך וועט איר נישט אַריינציִען אין שפּאַן. גרעסערע חכמים פון אייך האָב איך איבערגעכיטרעוועט. איר ווילט ביי מיר נעמען, ווילט איר? וואָס זענט איר, נישט קיין היגע? איר ווייסט נישט, אַז איך גיב נישט?

וואָס־זשע האָבן זיי — כ׳מיין אונדזערע מיניסטאָרן, אויפגעטאָן? מ׳האָט געמאַכט אַ סומאַטאָכע, די ווייבער לויפן אין די געשעפטן, מ׳קויפט מען זשאַיבט, מ׳שלעפּט, מ׳רוימט פון די פּאָליצעס, אַזוי ווי אַמאָל די וואַנקעס, ווען זיי האָבן אונדז „באַפרייט" אין מערב־אוקראַיִנע. און דאָס איז אפשר דאָס בעסטע מיטל. אַז ס׳וועלן נישט זיין קיין סחורות — ווערט מען נישט קויפן. ווערט זיך דעמאָלט שאַפן אַ שוואַרצער מאַרק — און דאָ בין איך ווידער אויפן פערד.

אַז ס׳איז געקומען צו רייד וועגן שוואַרצן מאַרק, וויל איך אייך דער־ציילן וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט:

געווען איז דאָס אין טאַשקענט אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה. כ'בין געשטאַנען מיט אַ פּעקל סחורה — גאָלד מיט ברי־ליאַנטן! איר זענט טשעקאַווע צו וויסן וואָס כ'האָב געהאַט אין פּעקל? טאָ הערט!

אין דעטראַיט האָב איך אַ פעטער. ער הייסט ישראל־הערש. האָט אים גאָט געבענטשט מיט אַ סך מיידן, זאָלן געזונט זיין. ווען ער האָט פון מיר באַקומען אַ ידיעה, אַז איך בין אין טאַשקענט, האָט ער מיר אַריינ־געשיקט אַ פּעקל. אַז מ'האָט מיידן, וואָס קען מען שיקן? — אַ פּאָר אָפּ־גענוצטע קליידלעך. און וואָס, מיינט איר, נאָך? — ביוסטהאַלטערס. אָבער די אַמעריקאַנער קוזינקעס מיינע זענען, ווייזט אויס, דאַרע. ווייל ווי מ'האָט מיר אין רוסלאַנד געזאָגט, האָט מען נישט דאָרט, אין אַמעריקע, וואָס צו עסן. און די רוסקעס זענען דיקע, געקלאַרעוועטע, פולע ווי צייטיקע אַרבוזן. זיי לעבן דאָך אין אַ „גן־עדן". פון דעסטוועגן האָט מען געכאַפּט ביי מיר די סחורה ווי מצה־וואַסער. פאַר איין ביוסטהאַלטער האָב איך געפּאַקט צוויי לעבלעך ברויט. און ווען איך בין געשטאַנען אויפן באַזאַר, האָט מיך אונטערגעכאַפּט אַ מיליציאַנער. „דו האַנדלסט מיט אויסלענדי־שער סחורה" — האָט ער צו מיר געזאָגט. „דו שעדיקסט דיווירטשאַפט פון ראַטנפאַרבאַנד".

און ער האָט מיך גענומען פירן אין אוטשאַסטאָק * אַריין. הייס איך דאָך אָבער שמאַיע. האָב איך אים, הינטנאַרומער, געגעבן אַ רוק־אַריין אַ פּאָר ביוסטהאַלטערס. דעמאָלט האָט ער צו מיר געזאָגט: „סוואָלאָטש, אַנטלויף פון דאַנען, איך זאָל דיך דאָ מער נישט זען. אַז נישט וועסטו גיין קיין סיביר".

ווילן זיי מיך דאָ, אין ישראל, פּאַקן. נאָך מיט אַ צייט צוריק, ווען מ'האָט גענומען רעדן וועגן פּיחות **, האָב איך באַלד געקויפט דאָלאַרן. ווו איך האַלט זיי? איך בעט אייך, פרעגט מיך נישט קיין נאַרישע פראַגן. און דערנאָך, ווען ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מ'גייט העכערן פּרייזן, האָב איך איינגעקויפט אַזוי פיל סחורות, אַז אַפילו אין צוויי מאַגאַזינען זענען זיי נישט אַריין. און איצט, ברוך השם, אַז די פּרייזן זענען אונטערגעשפּרונגען ביזן הימל, בין איך אויפן פערד. די באַלע־

---

* פּאָליציי־סטאַציע.

** דעוואַלוואַציע.

באַסטעטשקעס שרייען: „דאַוואַי״, אַזוי ווי אין רוסלאַנד. אַ הויכער פּרייז, איז אַ הויכער פּרייז. מ׳צאָלט ווי אין טאָג אַריין. אָבער איך בין זיך מודה: איך כאַפּ מיך נישט צו פאַרקויפן. אין מיין מכולת ווייז איך זיי די ליידיקע פּאָליצעס: קוקט אָן, זאָג איך, מ׳האָט אַלץ צעכאַפּט אַזוי ווי ביי אַ שׂריפה. כ׳האָב נישט. קומטס מאָרגן.

און מאָרגן איז שוין ווידער טייערער. מיין שיינדעלע, אַ געזונט אין איר, קוועלט: „דו שלאָפסט און דיינס וואַקסט״ — זאָגט זי צו מיר — שמאַיעניו, פון דעם אַליין וואָס ס׳איז דיר צוגעקומען אין די לעצטע פּאָר טעג, קען איך שוין הנאה האָבן אַ שיינע פּאָר חדשים — אין אויסלאַנד״.

די סחורות ליגן, ביי מיר וואַקסט, און איך זיץ — מיט פאַרלייגטע הענט. וואָס דאַרף איך דען טאָן? די רעגירונג זאָרגט שוין פאַר מיינעט־וועגן. אויב ס׳פאַלט מיר אַריין אַ ביסל געלט, כאַפּ איך און כ׳קויף תיכף ומיד אַקציעס, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן אינדעקס. אַז ס׳וואַקסן די פּרייזן — וואַקסן די אַקציעס. נאָר די חובות וואָס איך בין שולדיק, זענען ניש׳ט פאַרבונדן מיטן אינדעקס. צו וואָס זאָל איך עס טאָן? איך בין משוגע? די רעגירונג קען זיך דערלויבן. אָבער איך? חס וחלילה!

אַדרבא, זאָגט מיר: וואָס האָב איך מורא פאַר פּרייזן־העכערונגען? קאָסטן די סחורות טייער — נעם איך נאָך טייערער. מיין פּראָצענט ריווח האָב איך תמיד. פאַרקערט, אַז ס׳איז טייערער, פאַרדין איך נאָך מער. איי, מ׳האָט מיר געהעכערט די שטייערן? אַוודאי איז דאָס אַ גאַזלאָוואַיע. אַ גראַביאָזש, אָבער מיט דעם גיב איך זיך אויך אָן עצה. נישט אומזיסט הייס איך שמאַיע. איר האָט מיך געדאַרפט זען אין טאַשקענט. ווען ס׳זענען אונטערגעקומען די אָקטיאַברסקע יום־טובים, האָב איך, אויף ביינאַכט, אויפן געלעגער, אונטערגעלייגט אונטער מיר די כאַקי־הויזן. זיי האָבן זיך גוט אויסגעפּרעסט. אויף צומאָרגנס האָב איך מיך אויסגעפּוצט און אַרויס אין גאַס. מיין מיידל, מאַרוסקע, האָט אָנגעקוואָלן: „קאַקיע שטאַני!״ ס׳הייסט, וואָס פאַר אַ שיינע הויזן דו טראָגסט!

דאָס איז שמאַיע. אומעטום דאַרף מען זיך קענען אָן עצה געבן.

און ווי איר קוקט מיך אָן, פאַרוק איך אין אַרבל אַלע חכמים און אַלע נבונים. וואָס דאַרפט איר מער? איך קען אַ יידן, וואָס איז געווען אין אוישוויץ — ער האָט נאָך זיינע פּיצויים, זיין אַנטשעדיקונג פון דייטש־לאַנד נישט באַקומען. פאַרוואָס? פרעגט מיך בחרם. אָבער שמאַיע האָט זיינע פּיצויים שוין יאָ אָפּגענומען. איך וויל נאָך אָפּנעמען פאַר פאַרמעגן,

פאַר קולטור, און פאַר אינוואַלידסטווע. וואָסי, די דייטשן זענען קראַנק צו באַצאָלן? ווייניק האָבן זיי ביי אונדז צוגעראַבירט? מיין טאַטנס מויער שטייט נאָך עד היום אין וואַרשע. הלוואי ער זאָל זיך זיי שטעלן, די פאָליאַקן, אין האַלדז פאַפעריק. פריִער די דייטשן, און דערנאָך זיי, האָבן דאָך ביי אונדז אַלץ צוגענומען. אָבער אונדז עצהן זיי, אַז מיר זאָלן די אַראַבער אַלץ אַוועקגעבן. אַ באַנדע צדיקים — אַ פאַהיבעל אויף זיי!

די אַרבעטער בונטעווען זיך, די פאַנטערן בושעווען — ס׳טוט זיך חושך. וואָסי, די רעגירונג האָט געמאַכט אַ פּיחות, געהעכערט די פרייזן. אָבער איך שווייג. פאַרוואָס? ווייל איך בין אַ געטרייער בירגער. איך ווייס, אַז וואָס די רעגירונג טוט — איז עס לטובת אונדז, לטובת דער מדינה. אין אַזאַ שווערער צייט דאַרף יעדערער פון אונדז אונטערשטעלן אַ פּלייצע. ווייל דאָס גאַנצע לאַנד איז איין פראָנט און אַלע זענען סאָל־דאַטן. מיר געפינען זיך אין באַלאַגערונג, און אַלע דאַרפן מיר צולייגן אַ האַנט, כדי מיר זאָלן, חלילה, נישט אויסציִען די פיס.

אַ קבצן

„האַלאָ, תודה רבה. האַלאָ, תודה רבה!"

אָט אַזוי שריי איך אַ גאַנצן טאָג, ביי דער תּחנה המרכּזית, אין תּל־אביב. איך שריי און שאָקל מיט דער פּושקע. אַז איך זאָג „האַלאָ", קוקט מען זיך אַרום. דעמאָלט רוק איך אונטער די פּושקע. און איידער מ'וואַרפט אַהין עפּעס אַריין זאָג איך שוין „תודה רבה". דערביי הינק איך מיט אַ פוס און טרייסל מיט אַ האַנט, שאָקל מיט אַן אויג און צוק מיטן קאָפּ אויף לינקס. כּאָטש אַליין בין איך אַ רעכטער. מיין ווייב זאָגט: אַ רעכטע קאַליקע. אָבער וואָס טוט מען נישט צוליב פּרנסה?

אַנומלטן האָב איך געפּרוווט גיין אויף קוליעס. ס'איז נישט געגאַנגען. מ'האָט צו מיר געזאָגט: ביסט אַן אינוואַליד — האָסטו אַ רענטע. מיין געשעפט איז שיִער נישט געגאַנגען אין דר'ערד אַריין. בין איך געוואָרן סתּם אַ קאַליקע. איצט גייט שוין בעסער. אויף קאַליקעס האָבן מענטשן רחמנות. מ'וואַרפט אַריין. איך קען מיך נישט באַקלאָגן.

פון וואַנען איך קום צו אַזאַ פּרנסה? הערט! איך בין געווען אַ פּקיד, אַ לויך־אַרבעטער. און דווקא פון די נישט גאָר נידעריקע קאַטעגאָריעס. איך האָב געאַרבעט אין דער עיריה. וואָס איך האָב געטאָן? מ'האָט מיך געהייסן זיצן ביי אַ טישל — בין איך געזעסן. אָט אַזוי ווי אַ סך אַנדערע זיצן און גענעצן.

איז מיר נמאס געוואָרן דאָס זיצן. בין איך אַוועק אין קופּת־חולים און געזאָגט: כ'בין קראַנק. האָט דער דאָקטאָר מיר געגעבן אַ קוויטל. האָב איך גענומען דאָס קוויטל, אַוועקגעגעבן אין דער עיריה און אַליין בין איך אַוועק שפּילן שעש־בעש. עמעצער האָט מיך אָבער געמסרט, אַז איך בין געזונט. האָט מען מיך גערופן אין דער עיריה. סטייטש — האָבן זיי געפרעגט — ביסט דאָך געזונט ווי אַן אָקס, טאָ וואָס פּראַוועסטו קונצן? האָב איך זיי געענטפערט: וואָס איז דער אונטערשייד ווו איך זיץ? לאָזט מיך שפּילן שעש־בעש אין דער עיריה, וועל איך זיצן ביי אייך.

פון דעסטוועגן האָט מען מיך אָפּגעשטעלט אין דער אַרבעט. האָט זיך דער ועד אַריינגעמישט. אָן זיין הסכמה קען מען מיך נישט אָפּזאָגן. האָב איך מיך מיישב געווען: אויב אַזוי, פאַדער איך אַ העכערע קאַטעגאָריע. מיינט איר מ׳האָט מיר נישט דערלייגט? נאָך ווי אַזוי! אָבער דאָ, אַז מ׳דערלייגט נעמט מען גלייך אַראָפּ — דורך כּלערליי הלוואות, שטייערן און אָפּצאָלונגען. צום סוף בלייבט גאָרנישט. און ווען כ׳האָב, סוף חודש, געבראַכט דעם „לאָקש״ סאַביכען, מיין ווייב, האָט זי אים געוואָרפן מיר אין פּנים אַריין. „פון דעם וועל איך האָדעווען זעקס קינדער? — האָט זי געשריגן — אַ ליאַדע שנאָרער וואָס שטייט אין גאַס און ציט־אויס אַ האַנט, פאַרדינט דאָך מערער פון דיר. וואָס ווילסטו, מיר זאָלן אויסציִען די פיס?״

זאָג איך צו איר, צו מיין סאַביכען:

וואָס באַקלאָגסטו זיך? איך בין, ברוך השם, אַ פּקיד אין דער עיריה. איך אַרבעט...

האָט זי מיר איבערגעריסן מיט אַ קוויטש: „חמור, פון אַרבעט קען מען דאָ מאַכן אַ לעבן?״

זעסט דאָך, אַז איך מאַך — זאָג איך.

„יאָ, צו דעם טויגסטו דווקא — גיט זי מיט דער לינקער האַנט אַ פּיר איבער איר גרויסן בויך — אָט שניידט זיך שוין דאָס זיבעטע״.

סאַביכעס רייד זענען מיר דאָס מאָל אַריין אין קאָפּ אַריין. איך האָב מיך אָנגעהויבן אַרומדרייען ביי דער תחנה המרכזית. איך האָב מיך גע־וואָלט דערקונדיקן ווי אַזוי מענטשן מאַכן אַ לעבן — אָן אַרבעט. ס׳הייסט, ווען מ׳איז אַליין באַלעבאָס איבער זיך.

איין מאָל, זיצנדיק אַזוי אין רעסטאָראַן, ביי אַ גלעזל ביר, האָב איך מיר געמאַכט אַזאַ חשבון:

אַ סך מענטשן לעבן דאָ פון שנאָררעריי. דער גרעסטער שנאָרער איז די מדינה אַליין. און די דאָזיקע מענטשן, די שנאָרער, פאָרן אין שיינע אויטאָמאָבילן, וווינען אין פּרעכטיקע דירות, זיצן זייער אָפּט אין אויס־לאַנד אין די טייערסטע האָטעלן, מאַכן אַ לעבן ווי אדם הראשון אין גן־עדן. טאָ פאַרוואָס זאָל איך, יעקב בן־יעקב, נישט ווערן אַזאַ שנאָרער? אמת, כּדי צו ווערן אַ גאָר גרויסער שנאָרער, דאַרף מען האָבן גאָר גרויסע פּראָטעקציע. מען דאַרף געהערן צו אַ פּאַרטיי. וואָלט איך געווען איינער פון די קאָך־לעפל, וואָלט איך געקענט ווערן אַ דירעקטאָר, לעבן אַ גוטן

טאָג, שוויצן, רודעווען. גנבענען לערנט מען זיך שנעל אויס. געהער איך דאָך אָבער צו די „שוואַרצע פּאַנטערן". קען איך העכסטנס צעברעכן אַ שויפֿענצטער, וואַרפן אַ פּאָר שטיינער אַ פּאָליציאַנט אין קאָפּ אַריין, אונטערצינדן אַן אויטאָבוס. אַלץ שיין און פיין, אָבער צו קיין פּרנסה קומט עס נישט.

האָב איך געטראַכט און געטראַכט, ביז כ'האָב מיך דערטראַכט:

אויב מיר האָבן, גאָט צו דאַנקען, אַזוי פיל שנאָרער, טאָ פאַרוואָס זאָל איך נישט זיין איינער פון זיי? אַ מענטש דאַרף דאָך האָבן אַ פאַך. און שנאָרעריי איז אַ גאַנץ חשובער פאַך דאָ, אין לאַנד.

די מעשׂה איז, וואָס אַ לייטישער שנאָרער דאַרף האָבן אַ לייטישן פּלאַץ. און די סאַמע חשובסטע פּלעצער, ביי דער תּחנה המרכּזית, זענען שוין פאַרנומען זינט די מדינה איז אַנטשטאַנען — און נאָך אַ שטיק צייט פאַר דעם.

בין איך אַוועק צו איינעם, אַן אמתער קאַליקע, נעבעך, אָן אַ רעכטער האַנט און אָן אַ לינקן פוס. איך זע, קוים וואָס ער זשיפּעט. טראַכט איך: לאַנג וועט ער שוין נישט אָנציִען. זאָג איך צו אים: אַבוטבול, פאַרקויף מיר דיין מגרש. כ'מיין דיין פּלאַץ, ביים אויטאָבוס. כ'וויל דאָ קלייבן נדבות.

קוקט ער מיך אָן מיט זיינע גלעזערנע אויגן:

„דו, נדבות? פאַר וועמען?"

זאָג איך: וואָס הייסט פאַר וועמען? פאַר זיך אַליין. כ'על ווערן אַ קאַליקע.

בקיצור, מיר זענען אַדורכגעקומען אויפֿן פּרייז. מיין שווער האָט מיר געגעבן אַ הלוואה — איך האָב אַבוטבולן איינגעצאָלט דאָס געלט — און גלייך צומאָרגנס בין איך שוין געוואָרן אַ שווערע קאַליקע — און כ'זאַמל געלט.

זינט איך בין אַן „עצמאי", אַ זעלבשטענדיקער, האָב איך נישט צו טאָן מיט קיין מס־הכנסה, מיט קיין פּריווילעגיע הלוואות, געצוווּנגענע הלוואות, פּריוואַטע הלוואות. איך בין אַ בכּבודיקער שנאָרער — נישט אַזאַ ווי פון דער סוכנות אָדער פון דער רעגירונג — אָבער אויף אַלע מיינע גוטע פריינד געזאָגט געוואָרן. איך מאַך פּרנסה. אלא וואָס? דער לעצטער פּיחות האָט מיך שטאַרק געטראָפן. דער דאָלאַר האָט זיך גע־הויבן און דער פונט איז געפאַלן. חוץ דעם זענען די פּרייזן געוואָרן אַזוי

אויפגעשוואָלן, ווי מיין סאַביכעס בויך. איך רעד שוין נישט וועגן פלייש, צוקער, מלבושים וואָס קאָסטן מער ווי טאָפּלט. אָבער אַזאַ זאַך ווי אַ פלעשל אַראַק, אַ גוטער אויסלענדישער קאָניאַק, אַ וויסקי — די זאַכן זענען דאָך איצט מיט גאָלד גלייך! ווי קען איך מיך באַגיין אָן דעם? כ׳על אָפּשטיין אַ גאַנצן טאָג אויף די פיס און ביינאַכט וועל איך טרינקען מיץ? דערפון וועל איך האָבן כּוח צו אַרבעטן? דאָס ביסל קאָניאַק האַלט מיך דאָך אויף די פיס! און אַ מיטאָג אין רעסטאָראַן קאָסט מיך אַ פאַרמעגן. די מענטשן, ווידער, פאַרשטייען דאָס נישט. זיי וואַרפן ווייטער אַריין די פּאָר פּיאַסטערס — און שוין. און אַפילו ווען מען וואַרפט מיר אַריין אַ גאַנצן פונט — האָט ער דען עפּעס אַ ווערט? די „הערצעלעך", די הונדערטערס האָבן שוין אויך מיין סאַביכעס פּנים.

דעריבער טראַכט איך אַ שמועס צו טאָן מיט מיינע קאָלעגן, די שנאָ־רער, און פּראָקלאַמירן אַ שטרייק. מיר וועלן פאָדערן גרעסערע נדבות. ווייניקער פון אַ לירה וועלן מיר נישט נעמען. חוץ דעם קומט אונדז אַ תּוספת יוקר *. די גאַנצע לאַסט קען נישט פאַלן בלויז אויף אונדזערע פּלייצעס. די אָפּיציעלע, גרויסע שנאָרער באַקומען אַ צוגאָב — קומט אונדז אויך אַ צוגאָב! חברים־שנאָרערס, פאַראייניקט אייך! אין אַמעריקע זענען דאָ זעקס מיליאָן יידן. זאָל יעדער צווייטער פון זיי אויסהאַלטן איין ישראלדיקן ייד — און אויס מיט די קאַמפּיינען! מיר קענען נישט לעבן פון האַנט צו מויל. אונדז קומט אַ בכבודיקע און געזיכערטע עקזיסטענץ. און דאָס פאָדערן מיר!

אפשר וועט איר זאָגן, אַז עס קומט אונדז נישט?

* אַ יקרות־הוספה.

אַ וויכטיקער פּלאַן

איך בין אַן אַרבעטער. וואָס איך טו? — נישט וויכטיק. איך פּאָרע מיך ביי פּאָדעם. אַ וועבער. מיינט איר, כ׳האָב מיך אויסגעלערנט ס׳פאַך? — אַ נעכטיקער טאָג. מ׳האָט מיך אַריינגעזעצט — זיץ איך.

ס׳אַזוי: דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק איז אַן אונדזעריקער, ס׳הייסט, ער געהערט צו מיין פּאַרטיי. איז ווען כ׳בין אָנגעקומען אין לאַנד אַריין, האָב איך אים געבראַכט אַ קוויטל, אַז מ׳דאַרף מיך איינאָרדענען. נו, האָט ער מיך אָנגענומען. ס׳דאָך נישט וויכטיק וואָס איך טו. געלט באַקום איך? — שוין.

דאָס ערשטע יאָר איידער איך בין געוואָרן „קבוע״ — אַ סטאַבילער אַרבעטער — האָב איך אַ ביסל צוגעשוויצט. כ׳האָב געשלעפּט די פּעק, די זעק, געלאָפן, געקומען פּינקטלעך צו דער אַרבעט. פאַרוואָס? — ווייל איך בין נאָך געווען אַ גרינער. כ׳האָב נאָך נישט געכאַפּט ווי אַזוי די אַרבעט גייט דאָ צו. אָבער שפּעטער, ווען איך בין געוואָרן אַ וותיק, האָב איך מיך צוגעפּאַסט צו די וותיקים: מ׳אַרבעט יאָ, מ׳אַרבעט נישט; מ׳קומט יאָ, מען קומט נישט — אָפּזאָגן דיך קען מען נישט. ביסט „קבוע״. אָט הערט:

געווען אַמאָל אַ פאַל, ווען כ׳בין נישט געקומען צו דער אַרבעט. דווקא איז דאָס נישט געווען מיין שולד. פּונקט איז דער „תור״ פון שפּילן אין קאָרטן געווען מיינער. האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי מיר אין שטוב עטלעכע פּאָרלעך. און ווי דער שטייגער איז, האָט מען אַ גאַנצן פרייטיק־צונאַכטס געגעסן און געטרונקען — און „געדאַוונט״. אַזוי ווי די געסט זענען געווען די פאַרשפּילטע און ס׳איז שוין געווען פיר אַזייגער פאַרטאָג, האָב איך צו מיינע חברים אַזוי געזאָגט: ס׳גייט מיר הײַנט אַ קאָרט. אַ פּאַקט: איר זעט דאָך. ס׳פּאַסט מיר נישט צו לאָזן אייך אין גאַנצן „גאָלע״. האָב איך אַ פאָרשלאָג: גייט אַהיים און קומט ווידער שבת־צונאַכטס. וועלן מיר ממשיך זיין די שפּיל. און ווער ס׳וועט געווינען — וועט בלייבן ביים געלט.

האָבן די פּאַרלעך אָנגענומען מיין פּאָרשלאַג. זענען זיי געקומען און מיר האָבן „געדאַוונט" אַ גאַנצע נאַכט. ווער ס'האָט פאַרלוירן — איז נישט וויכטיק. איך — נישט. ערשט פאַרטאָג בין איך איינגעשלאָפן. טאָ ווי האָב איך געקענט גיין זונטיק צו דער אַרבעט? וואָס־זשע מיינט איר האָב איך געטאָן? — איך בין טאַקע נישט געגאַנגען. נאָך מיטאָג, ווען כ'האָב מיך איבערגעוועקט, איז מיין שרהלע נישט געווען אין שטוב. אין דער צייט, יעדן זונטיק, מאַכט זי זיך די האָר. בין איך אַוועק אין רעסטאָ־ראַן עפּעס איבערכאַפּן. טרעפט מיך דאָרט, מעשה שטן, מיין דירעקטאָר, אדון שחורי. כ'האָב פונקט „געהאַקט" דעם צווייטן שניצל. פרעגט ער מיך: „ווי פילט איר זיך, אדון שפּילפויגל, איר האָט נאָך היץ? לויט ווי איך זע, האָט דער דאָקטאָר אייך געהייסן עסן ווינער שניצלען, אַז די היץ זאָל פאַלן... אייער פרוי האָט אייך געלאָזט גיין אַליין, ווען איר האָט אַזאַ הויכן פיבער? אדון שפּילפויגל, קומט מאָרגן אַריין צו מיר ווען מיר כאַפּן אַ שמועס".

בין איך אויף צומאָרגנס, אַריינגעקומען צו אים אין ביוראָ. כ'האָב מיך געפילט באַליידיקט: „ס'טייטש, האָב איך צו אים געטענהט, איר שפּיאָ־נירט נאָך די אַרבעטער? וואָס גייט אייך אָן — האָב איך צו אים גע־שריגן — וואָס איך טו אין מיין פּריוואַטן לעבן? איר ווילט דאָ איינפירן דעם סאָוויעטישן סיסטעם? וואָס מיינט איר, די אַרבעטער זענען שקלאַפן, זענען זיי? זיי געפינען זיך אין אַ לאַגער, געפינען זיי זיך, ס'איז אייער עסק מיך צו פרעגן צי איך עס אַ שניצל, צי אַ גולאַש? איך פּראָטעסטיר אַמשאַרפסטן קעגן אַזאַ האַנדלונג!"

איך האָב פאַרקלאַפּט די טיר פון דירעקטאָרס קאַבינעט און כ'בין אַוועק צום ועד, צום אַרבעטער־קאָמיטעט. דער פּאָרזיצער פון קאָמיטעט, דער חבר בן־לולו, האָט תיכף טעלעפאָנירט צום אדון שחורי. ער האָט אים געוואָרנט, אַז אויב ער, דער דירעקטאָר, וועט מיר מאַכן דעם מינדסטן פאָרוואורף, וועט באַלד אויסברעכן אַ שטרייק אין דער פאַבריק. ס'איז פאַראַן, האָט ער געזאָגט, אַן אינערלעכע דיסציפּלין־קאָמיסיע און זי וועט באַהאַנדלען דעם ענין. דער דירעקטאָר האָט זיך אַנטשולדיקט. איך האָב אים אָבער נישט מוחל געווען. כ'האָב געפאָדערט אַ פּרעמיע פאַר קומען פּינקטלעך צו דער אַרבעט. מיינט איר ער האָט מיר נישט געגעבן? — פאַרלאָזט אייך אויף מיר. איצט, אַז איך קום נישט אַמאָל צו דער אַרבעט, קוקט ער אַוועק, דער אדון שחורי. ער ווייסט, אַז מיט די

אַרבעטער איז בעסער נישט אָנצוהייבן. ס׳דאָ, ברוך השם, אַן אַרבעטער־קאָמיטעט, אַן אַרבעטער־ראַט, אַ הסתדרות. מ׳קען קיינעם נישט אָפּזאָגן, מ׳טאָר קיינעם נישט מאַכן קיין פאָרוואורף. דעמאָקראַטיע!

ווי איר זעט, בין איך, ברוך השם, פאַרזאָרגט מיט אַרבעט. אמת, לעצטנס זענען די באַשטעלונגען אין דער פאַבריק שטאַרק געפאַלן. מ׳קויפט נישט. די סחורות ליגן אויפן לאַגער. צו וואָס־זשע זאָל מען אויסאַרבעטן נייע סחורות? קומען מיר אין דער פאַבריק און מיר שפּילן אין שאַך אָדער שעש־בעש. דער עיקר: דעם געהאַלט באַקומט מען צו דער צייט — טאָ וואָס דאַרף מען נאָך?

אַ מענטש קען דאָך אָבער אַזוי פיל נישט לאָדאַרעווען. איז מיר איינגעפאַלן צו ווערן אַ „פּלאַנאָוויק״. איך גרייט־צו פּלענער, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די אַרבעט אין דער פאַבריק. לויט מיין פּלאַן איז אַזוי:

אויב בלויז צוואַנציק פּראָצענט פון די אַרבעטער האָבן באַשעפטיקונג, טאָ צו וואָס זאָלן די איבעריקע אַכציק פּראָצענט דאַרפן קומען יעדן טאָג צו דער אַרבעט? בפרט, אין אַזעלכע טעג ווען ס׳איז אַ כאַמסין. אָדער ווינטער־צייט, ווען ס׳כליאַפּעט אַ רעגן? דאַרף מען, לויט מיין פּלאַן, אַ פינפט־חלק פון די אַרבעטער באַשעפטיקן און די איבעריקע מעגן זיצן אין דער היים, אָדער פאָרן אויף אורלויב, אָבער דעם געהאַלט דאַרף מען זיי אַריינשיקן צו דער צייט, אין שטוב אַריין.

חוץ דעם זעט פאָר מיין פּלאַן אַ ראָטאַציע פון די אַרבעטנדיקע: יעדן חודש וועט אַרבעטן אַן אַנדער פינפט־חלק פון די אַרבעטער. איך האָב מיך, פאַרשטייט זיך, אַריינגעשטעלט אין לעצטן פינפטל. דאָס הייסט, אַז פינף חדשים וועל איך זיין פריי פון אַרבעט. די דאָזיקע צייט וועל איך אויסנוצן אויף אַ נסיעה קיין אויסלאַנד. מיין שרהלע דערגייט מיר שוין די יאָרן אַ לאַנגע צייט:

„גייסט אַרום פּוסט און פּאַסט — טענהט זי — טוסט נישט קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער. טאָ לאָמירביידע אַרויספאָרן, כאָטשבי אויף אַ חודש צייט קיין שווייץ. איך נייטיק זיך אין באַרג־לופט ווי אַ פרומער ייד אין טלית און תּפילין״.

קלייב איך מיך טאַקע פאַרצולייגן די טעג, מיין פּלאַן דעם אַרבעטער־קאָמיטעט (די קאָמיטעטשיקעס האָב איך אויך אַריינגעשטעלט אין לעצטן פינפטל). איך בין זיכער, אַז ער וועט דעם פּלאַן באַשטעטיקן. און אַז דער וועד וועט אים באַשטעטיקן, וועלן די באַלעבאַטים פון דער פאַבריק

אַוודאי אים מוזן אָננעמען. און דעמאָלט וועל איך פונעם דירעקטאָר פּאָדערן געלט אויף „השתלמות״. ס׳הייסט אויף פאַרפולקאָמען זיך אין מיין פאַך אין אויסלאַנד. ווי נאָר כ׳וועל פון אים באַקומען די נייטיקע סומע, וועל איך גלייך אָנגעבן אויף אַ פּאַס. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳וועל פּאָדערן אויף הוצאות נישט נאָר פאַר מיר — נאָר אויך פאַר מיין ווייב. און מיר וועלן טאַקע פאָרן קיין שווייץ אָדער קיין עסטרייך. נאָך אַזוי פיל יאָרן שווערער אַרבעט קומט אונדז שוין אַ ביסל זיך אָפּרוען.

נאָך איידער כ׳האָב איבערגעגעבן מיין פּלאַן, האָט שוין מיין ווייבעלע צעפּויקט צווישן אירע חברטעס, אַז זי פאָרט אין שווייץ. „די פאַבריק שיקט מיין מאַן, געשעפטלעך, פאַר־איך־מיט״ — האָט זי דערציילט די מענטשן. דער עיקר: די נאָענטע פריינד זענען אונדז שוין מקנא. מ׳ווינטשט אונדז מזל־טוב און מ׳באַשטעלט שוין „קליניקייטן״ פון אויסלאַנד. ביז איצט האָב איך שוין באַקומען אַ פּאָר צענדליק באַשטעלונגען. דאָס אַליין איז שוין אַ סימן, אַז מיר פאָרן. טאָ האָטס מיר אַ גוטן. איך גיי איבערגעבן מיין פּלאַן דעם אַרבעטער־קאָמיטעט און דערנאָך דעם דירעקטאָר. שלום!

ווידער זיך געטראָפן

איך הייס לייב זינגפויגל — יהודה זמיר. אין פּיליפּעווקע זענט איר אַמאָל געווען? דאָס איז אַ שטעטל, וואָס ליגט נעבן זימרינקע, קוראָוואָליער קרייז. איצט ווייסט איר שוין? — גוט.

איז אין פּיליפּעווקע געווען אַ גביר, אַ נגיד, אַן עושר, אַ דבר־אחר, אַ קמצן, אַן אָנזעצער, אַ ראש־הקהל, אַ תּקיף — דאָס איז געווען מיינער אַ שכן. און געהייסן האָט ער משה־אהרון סנאָפּ. ווייל ער איז געווען אַ נידעריקער, אַ קיילעכדיקער, אַ קרעמפּער יידל. אַלע אין שטעטל האָבן אים געווונטשן ער זאָל קיין עולם הבא נישט האָבן און אַלע זענען צו אים געלאָפן נאָך עצות.

בקיצור, דער אָ סנאָפּ האָט געהאַט אַ טעכטערל, איז זי געווען נידע־ריק ווי דער טאַטע אירער. און ווייל זי איז נישט געווען קלוג, איז זי דער־פאַר געווען גאַנץ שיין מיאוס. די פאָדערשטע ציין אירע זענען נישט געשטאַנען אינעווייניק ווי ביי אַלע מענטשן, נאָר חצי אין דרויסן. אַזוי צו זאָגן — פּאָפּעריק. און אויף דער סאַמע שפּיץ נאָז האָט זי געהאַט אַ בראָדעווקע די גרויס פון אַן אייזערן קייקעלע, אָט אַזאַ, מיט וועלכן מען פלעגט צעקלאַפּן די ניס פּסח־צייט.

און צו די דאָזיקע אַלע מעלות האָט זי נאָך געהאַט אַ פיינעם טאַטן אויך. טאַקע דעם אהרון סנאָפּ, וועלכן איך האָב אייך פריִער דאָ פאָרגע־שטעלט. נו, האָט אָט דער סנאָפּ געוואָרפן אַן אויג אויף מיר. וואָרעם גע־ווען בין איך אַזוי הויך, אַז ווען זיין טעכטערל — שיינדעלע, פלעגט זיך שטעלן נעבן מיר, האָט זי ממש גערעדט צום פּופּיק.

דער טאַטע מיינער, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, און די מאַמע — יאָ, זיי, און אַלע גוטע פריינד — ווייטע און נאָענטע, האָבן מיך אָנגע־הויבן צורעדן צום שידוך. זיי האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז מיט זייערע איי־גענע אויערן האָבן זיי געהערט ווי דער מלאך האָט, בעת מיין געבוירן־ווערן, אויסגערופן דורכן בת־קול: „שיינדעלע בת ר׳ אהרון סנאָפּ וועט זיין דער זיווג פון לייב זינגפויגל בן שמואל־יאָסל, בן אברהם־משה הלוי״.

נו, אַז דער מלאך האָט אויסגערופן איז דאָך נישט שייך, האָב איך דען געקענט זאָגן ניין? האָט מען אונדז פאַרשלייערט. איך בין געוואָרן סנאָפּס איידעם און שיינדעלע — מיין ווייב. די סנאָפּיכע איז פון מיר געוועז דווקא צופרידן, ווייל זי האָט שוין געזען באַשיימפּערלעך, אַז ס׳שניידט זיך פאַר איר אַן אייניקל. דאָ אָבער האָט זיך אָנגעכאַפּט די וויסטע מלחמה. איך האָב גענומען שיינדעלען און מיר האָבן אָנגעהויבן לויפן פון היטלערס פייער. ערגעץ אויף אַ וואָקזאַל, נישט ווייט פון קיִעוו, איז מיר מיין פריש ווייבעלע ראַפּטעם פאַרלוירן געגאַנגען. פּשוט, אויסגע־רינען אונטער די הענט. זוכן זי איז נישט געווען קיין צייט, מחמת די דייטשן האָבן מיר געטראָטן ממש אויף די פּיאַטעס. האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן: אַ ווייב און אַ וועקסל גייען נישט פאַרלוירן. און ווערליק מיין מזל איז, וועט זי זיך מסתמא נאָך אָפּגעפינען.

וכך הווה, ערגעץ אין טשימקענט, אויפן מילך־באַזאַר, פּונקט ווען איך בין געשטאַנען מיט דער שיינער קלאַוודיאַ פּאַוולאָוונאַ און מיר האָבן געקנאַקט באַניקערן, האָב איך, פון דערווייטנס, באַמערקט אַ בראָדעווקע און דערנאָך אַ נאָז, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַ קאָלירטער פּאַטשיילע. ס׳האָט מיר געגעבן אַ טיאָכקע אין האַרצן. כ׳האָב מורא, אַז דאָס איז זי, דעם סנאָפּס טאָכטער — האָב איך אַ טראַכט געטאָן — מיין פאַרלוירן ווייב. „קלאַוודיאַ טייערע" — האָב איך אַ זאָג געטאָן צו מיין מיידל — „גיב פּאַרזיכטיק אַ פאַרשווינד, ווייל דאָ דרייט זיך אַרום ענ.קאַ.ווע.דע. איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט האָבן צרות".

און ווי נאָר דאָס מיידל האָט זיך אָפּגעטראָגן, האָב איך מיר פּאַוואָליע דערנענטערט צום נידעריקן באַשעפעניש מיט דער פּאַטשיילע. און ברוך הבא — זי איז דאָ, מיין שיינדעלע. האָב איך מיך צוגעזעצט אויף אַ זייטיקער באַנק. דעמאָלט איז זי, מיין ווייב, געפאַלן מיר אויפן האַלדז און זיך צעהעשעט. געווישט די אויגן און די נאָז מיט דער פּאַטשיילע און אַזוי געזאָגט: „לייבעלע, ווו ביסטו פאַרשוונדן? כ׳האָב דאָך געמיינט, אַז איך בין שוין אַן אַלמנה".

„איך האָב דיך אַרומגעזוכט איבער גאַנץ רוסלאַנד — האָב איך גע־זאָגט. — אָבער רוסלאַנד איז אַזוי גרויס, אַז מ׳קאָן זוכן הונדערט יאָר — און נישט געפינען.

„זעסט דאָך, אַז ס׳איז באַשערט געפינט מען" — האָט זי געשמייכלט און געווישט די נאָז — און אָט בין איך דאָ".

„אַז מ׳האָט מזל, איז נישט שייך״ — האָב איך אַ קרעכץ געטאָן. — „קום, לאָמיר גיין. די פראַגע איז — וווּהין?״ — גיי דערצייל איר, אַז איך וווין ביי קלאַוודיאַ פּאַוולאָוונאַ. און איצט אַז כ׳האָב געפונען דאָס ווייב, האָב איך פאַרלוירן די דירה.

הייס איך דאָך אָבער לייב זינגפויגל. האָב איך מיך אָנגעהויבן דרייען אויפן באַזאַר. שיינדעלען האָב איך געשיקט פאַרקויפן פּאָדעשוועס. איך בין געווען זיכער, אַז אויף איר וועט זיך קיינער נישט אומקוקן. און אַזוי האָט מען געמאַכט אַ לעבן. ס׳איז מיר אַוועק אַזוי גוט, אַז ביי מיר אין דער קיביטקע האָט איר געקענט געפינען אַפילו אַ גרויסן זאַפּאַס מיט סוכאַרעס. אפשר אַ גאַנצן קילאָ צוקער און אַפילו אַ פּאָר שטיקעלך זייף אויך. מיט איין וואָרט: איך האָב געלעבט אין לוקסוס.

און דאָ וויל איך אייך דערציילן וואָס ס׳האָט ווייטער פּאַסירט: מ׳האָט מיך מאָביליזירט. איך האָב גאַנצע דריי יאָר געקעמפט אויפן פראָנט קעגן די נאַציס. אָנגעקומען ביז בערלין — און דאָרט פאַרבליבן נאָך דער מלחמה, דערנאָך בין איך געקומען קיין ישראל. איז דאָך גוט — יאָ? טאָ שטעלט אייך פאָר, אַז אין אַ צייט אַרום יאָרן זיך אַראָפּ אַהער, אין סאַמע תּל־אביב — ווער מיינט איר? טאַקע זי, דעם סנאָפּס טאָכטער, מיין סאַמאַראָדנע ווייב, שיינדעלע. און ווען זי האָט זיך באַוויזן ביי מיר אין שטוב, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב טאַקע אַמאָל מיט איר חתונה געהאַט. אָבער וואָס? ס׳מיר שווער געווען זי צו דערקענען, ווייל זי האָט אָפּגעשניטן די בראָדעווקע און געוואָרן אַ ביסל העכער, ווייל זי האָט געטראָגן שיך אויף הויכע קנאַפּל. „לייבעלע, — האָט זי צו מיר געזאָגט, — ווי דו זעסט, האָב איך דיך ווידער געפונען. איצט האָסטו שוין נישט וווּהין צו אַנטלויפן״.

„וואָס עפּעס אַנטלויפן, שיינדעלע? — האָב איך רויִק געענטפערט — דאָ, אין ישראל, איז מיין לעצטע סטאַציע. אָבער אין צווישנצייט איז געשען אַ שטיקל פּאַנטשער. איך האָב דערווייל חתונה געהאַט. נאָך אַזאַ מלחמה האָב איך דען געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז דו וועסט זיך אַראָפּ־יאָרן? ביסט דאָך ווי אַ מלאך — אָט ביסטו דאָ און אָט פאַרשווינדסטו. שפּילסט זיך אין באַהעלטערלעך. די צייט שטייט אָבער נישט אויף איין אָרט. און דאָ איז נישט רוסלאַנד. ס׳איז הייס, כאַמסינעוואַטע. אָן קיין ווייב

קען מען דאָ נישט לעבן. אַ „כאָלאָסטיאַק„ * באַקומט דאָ נישט קיין דירה. און אַ ווייב איז אויך ווייניק. כּדי צו האָבן אַ גרעסערע דירה מוז מען נאָך האָבן קינדער אויך — אַ סך קינדער. פאַרשטייסטו דאָך...

זאָגט צו מיר שיינדעלע אַזוי: אַז דו ביסט אַ שווינדלער, אַ פּאַסקוד־ניאַק, אַ שאַרלאַטאַן, אַ נואף־ישראל — דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג. און אַזוי ווי איך בין, נאָך דער מלחמה, געווען אין פּיליפּעווקע און אויפגע־גראָבן די לאַדישקע מיטן גאָלד, וואָס מיין טאַטע האָט פאַרגראָבן, איידער מ׳האָט אים אַרויסגעטריבן אין געטאָ אַריין, האָב איך געהאַט מיט וואָס צו צעפירן די הענט. איצט, לייבעלע, האָב קיין מורא נישט. איך האָב שוין אויך חתונה געהאַט. איך האָב שוין אויך קינדער. מיין מאַן, סעם, האָט אַ גרויס געשעפט פון שטוב־כּלים. אַז דיר וועט אויסקומען צו זיין אין פילאַדעלפיע, כאַפּ זיך אַראָפּ צו מיר, וועסטו אָנקוקן צו וואָס כ׳האָב מיך, ברוך השם, דאַראַביעט. האָסט כאָטש כּשרע פּאַפּירן אַז דיין ערשט ווייב איז טויט? — גוט. איך האָב אויך כּשרע פּאַפּירן, אַז מיין ערשטער מאַן איז אומגעקומען אויפן פראָנט, אין רוסלאַנד. ווי אַזוי כ׳האָב עס געמאַכט? מיין מאַן איז נאָך אַ גרעסערער גנב פון דיר. זענען מיר הייסט עס, ביידע טויט, טאָ לאָמיר איצט מאַכן אַ לעבן. די צרה איז, אַז ווען ס׳איז געקומען צום לעבן — איז שוין נישטאָ מיט וואָס. ווען נישט די רעצעפּטן, וואָלט איך שוין טאַקע געווען טויט.

„ביי מיר איז דאָס זעלבע״ — האָב איך געענטפערט. „מ׳צעפאַלט זיך. אָבער כּל זמן מ׳זשיפּיעט — איז חי געלעבט!״

און מיר האָבן זיך ביידע אַרומגענומען און הייס צעקושט — ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן.

---

* אַ בחור.

אַן אָפּטימיסט

דער דאָלאַר פאַלט, דאָס גאָלד שטייגט, די פּרייזן פליִען — און איך זיץ. אין דרויסן שיינט די זון. עס פּילט זיך שוין דער ריח פון ערב־פרילינג. דיביימער באַדעקן זיך מיט צווייט. אַ נײַ לעבן גייט־אויף.

די גרינע באַנק אין דער ברייטער אַלייע איז פריי, זיץ איך מיר אַליין און פּאַטש זיך אין בייכל: ס׳מיר גוט. איך בין רויק. איך שלאָף רויִק. צו דער דעוואַלואַציע וועל איך נישט דערלייגן. פונעם גאָלד וועל איך נישט פאַרדינען. שטרעק איך אויס מיין פּנים צו דער זון, כ׳וויל הנאה האָבן פון די גיין־גאָלדיקע שטראַלן, פון דער ריינער פרימאָרגן־לופט. ווען ס׳וואָלט געווען אַ ביסל וואַרעמער, וואָלט איך געלעגן אויפן ים־ברעג, געפּלוסקעט זיך אין די שוימיקע כוואַליעס, געגלאָצט מיט די צוויי קוקערס אויף שיינע פרויען — געהאַט הנאה פון לעבן.

יידן, ווען איר ווייסט ווי גוט מיר איז! ווען איך נעם די צייטונג אין האַנט און איך לייען וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, שריי איך צו זיך אַליין: חיים־יאַנקל, ס׳איז דיר ווויל און ליכטיק! און טאַקע: וואָס פאַר אַ צרות האָב איך? פון אַלע זייטן האָב איך מיך אַזוי באַוואָרנט, אַז קיין שום זאַך קען מיר נישט פּאַסירן. קיין שום דעוואַלואַציע אין דער וועלט קען מיר נישט ברענגען קיין שאָדן. ווען אַ קילאָ גאָלד זאָל אַפילו קאָסטן אַ מיליאָן, ליגט עס מיר אין דער לינקער פּאה. פאַרוואָס, ווילט איר וויסן? ווייל כ׳האָב נישט קיין דאָלאַרן, כ׳האָב נישט קיין גאָלד, כ׳האָב נישט קיין פונטן. זיי וועלן נישט פאַלן, זיי וועלן זיך נישט הייבן. איז ווער איז נאָך אַזוי גוט ווי מיר?

ביינאַכט שלאָף איך מיר ביי אַן אָפענעם פענצטער. איך וואַרט אויף גנבים. אַדרבא, זאָלן זיי קומען! כ׳וועל זיי זאָגן: „חברה, איך ווייס, אַז איר דאַרפט פּרנסה. נעמט וואָס אייער האַרץ גלוסט".

אָבער וואָס קענען זיי ביי מיר נעמען? — סיידן אַ פּאָר אַלטע טעפּ, עטלעכע צעשפּאָלטענע טעלער, אַ פּאָר צעריסענע הויזן. איך שרעק מיך נישט. און מיין פראַדעלע שרעקט זיך אויך נישט. שוין צוויי יאָר ווי זי

ליגט, נעבעך, אויפן עולם האמת. בין איך אַליין מיט מיינע מחשבות. ווען מיר אַליין טראַכט איך נישט. וואָס איז די נפקא מינה? נאָך אַ יאָר, נאָך צוויי. מ׳עט שוין ווי עס איז דערשלעפן. דער „שוואַרצער פאַרשוין" מיט דער קאָסע ווייסט, אַז איך וועל פון אים נישט אַנטלויפן. איבעריקנס, אַן מיר סטייעט אים אויך געגוג אַרבעט: אויף די שאָסייען, אויפן ים, אין דער לופט. פון דעסטוועגן גרייט ער מיך, ביסלעכווייז, צו. ער פירט קעגן מיר, דער „שוואַרצער טייוול", אַן אויסמאַטערונגס־מלחמה: ער האָט מיר צוגע־שאַנצט שטיינער אויף די נירן; געשווילעכץ אויף די לעבער; אַ שטעכעניש אין האַרצן; אַ ברעכעניש אין די פיס; אַ גרימעניש אין בויך; אַ ציטערניש אין די הענט. און פון דעסטוועגן האַלט איך מיך. אַז מ׳וויל לעבן — טאָר מען זיך נישט אונטערגעבן. און איך טו טאַקע אַזוי. וואָס איז דאָס כאַפּע־ניש? די וועלט, זאָגט מען, איז כולו פאַסקודסטווע. אָבער ס׳נאָך נישט געבוירן געוואָרן אַזאַ איינער, וואָס זאָל זיך כאַפּן פון איר אַוועקצוגיין. קיינער איילט זיך נישט צו עסן שטיקער פלייש פונעם שור הבר און פונעם לוויתן אויף יענער וועלט. בעסער עסן אַ שטיקל סוכאַר — אַבי אויף דער וועלט.

איך פיר מיך אויך אַזוי. ווען איך קוק־מיך־צו ווי מענטשן לויפן, האַוועון, שמאַיען, ווילט זיך מיר אויסשרייען צו זיי אויפן גאַנצן גאָרגל: אידיאָטן, וואָס פּושעט איר אַזוי? פאַר וועמען רייסט איר אַזוי איין וועלטן? שאַנעוועט בעסער אייער געזונט. גאָט האָט אייך געגעבן די פאַר צענדליק יאָר — צעשאַסטעוועט זיי נישט. קריגט זיך נישט אַרום מיטן ווייב, מיט די שכנים, מיט דער גאַנצער וועלט. זייט קיינעם נישט מקנא. יענער האָט אַ שיינע דירה — זאָל ער האָבן; יענער האָט אַ סך געלט — זאָל ער האָבן; און אַז ער האָט אַ גרויסן, שיינעם, טייערן אויטאָ, וועט ער, מיינט איר, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר פאָרן מיט אים אויף יענער וועלט? קוקט מיך אָן: איך האָב גאָרנישט, איך דאַרף גאָרנישט —— חוץ געזונט. און ס׳מיר גוט. מיך וועט קיינער נישט כאַפּן, ווייל איך פאָר נישט מיט קיין עראָפּלאַנען; איך זיץ נישט אין קיין אַמ־באַסאַדעס; איך פּראָווע נישט קיין געשעפטן; איך האָב נישט קיין האַרצווייטיק וואָס מ׳האָט מיך נישט אויסגעקליבן אין כנסת; איך וויל נישט זיין קיין פרעזידענט; איך רייס מיך נישט צו קיין כיבודים. מיינע קינדער וועלן זיך נישט אַרומקריגן איבער דער ירושה. איך האָב מיך באַוואָרנט פון אַלע זייטן.

איך דערמאָן מיך: דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק. מיין פראַדל, עליה השלום, איז נאָך געווען יונג. און איך — עלטער פון איר מיט קרוב פופצן יאָר. האָט זי איין מאָל צו מיר אַ זאָג געטאָן: „חיים־יאַנקעלע, מ׳איז דאָך מער נישט ווי מענטשן... טאָמער, חלילה, איינער פון אונדז שטאַרבט, וויל איך שפּעטער נישט האָבן צו טאָן מיט אונדזערע קינדער. איז אפשר וואָלסטו איבערגעשריבן די דירה אויף מיר?

בין איך אַוועק צום אַדוואָקאַט. איך וויל איבערשרייבן, זאָג איך, אויף מיין ווייב דאָס פאַרמעגן.

נעמט דער אַדוואָקאַט אַ בייגעלע פּאַפּיר און פרעגט מיך: „אדון חיים־יאַנקל, וואָס אַזוינס ווילט איר דאָס איבערשרייבן? געלט אין באַנק האָט איר?" זאָג איך: ניין. „מזומן־געלט, בריליאַנטן, טייערע בילדער — פרעגט ווייטער דער אַדוואָקאַט — האָט איר?" זאָג איך: ניין. „אַן אייגענעם אויטאָ, אַ מגרש? — דאָס ווילט איר אָפּשרייבן אייער ווייב?" זאָג איך: ניין, כ׳האָב נישט.

ווערט דער אַדוואָקאַט בייז און צעשרייט זיך:

„אויב איר האָט גאָרנישט איבערצושרייבן, טאָ וואָס זענט איר געקומען מיר דרייען דעם קאָפּ?"

זאָג איך צום אַדוואָקאַט: איך האָב יאָ. אַנומלטן בין איך געווען ביים דאָקטאָר פון קופּת־חולים. פרעגט ער מיך, דער דאָקטאָר: „אדון חיים־יאַנקל, ווי אַזוי איז ביי אייך מיטן מאָגן? ער אַרבעט נאָך?" ענטפער איך אים: אויסגעצייכנט!

זאָגט צו מיר דער דאָקטאָר: אַדון חיים־יאַנקל, דאָס איז ווערט אַ מיליאָן! נו, איז אָט דעם מיליאָן וויל איך איבערשרייבן מיין ווייב...

האָט דער אַדוואָקאַט געלאַכט — און איך אויך. דער סוף איז געווען, אַז מיין פראַדל איז שוין לאַנג נישטאָ אויף דער וועלט און איך האַלט זיך נאָך. נו, דאַרף מען זיין אַ חכם?

פון וועמען מיינט איר האָב איך זיך דאָס אַלץ אָפּגעלערנט? — פון מיין טאַטן. אַ ייד אַ צדיק געווען. רוט אַוודאי ערגעץ־ווו אין גן־עדן. ער איז תמיד געווען אַ שׂמח בחלקו. האָט ער געהאַט צו עסן אַ שטיקל סקאָרינקע, איז ער געווען צופרידן. אַבי ער האָט געקענט זיצן אין בית המדרש און לערנען. און וואָס פאַר אַ טייערע קינדער זיין ווייב האָט אויסגעהאָדעוועט! איינס און איינס! אָט, אַ שטייגער — איך. ווי צוויי טראָפּנס וואַסער בין איך געראָטן אין טאַטן. ער האָט אויך גאָרנישט

פאַרמאָגט — אויסער אַ לאָמען פוס, וואָס ער האָט זיך געמאַכט צום פרײ־זיוו. צוויי חדשים אין יאָר איז ער געזעסן ביים רבין. גלייבט מיר, ער האָט אַפילו נישט געוווּסט וויפל קינדער ער האָט געהאַט. און צו וואָס האָט ער עס געדאַרפט וויסן? דאָס ווייב האָט אַלץ ספּראַוועט. און זעט איר דאָך: אין די חדרים איז נישט געווען איינגעפירט קיין געשלעכט־לעכע דערציִונג, פון דעסטוועגן האָבן די קינדער חתונה געהאַט און יאָקאָש אַליין אויך געהאַט קינדער. מ׳איז נישט געגאַנגען אין קיין קינאָס, נישט געטאַנצט אין קיין דיסקאָטעקן, נישט באַזוכט קיין טעאַטערס — און אַלע זענען געווען פיינע, אָרנטלעכע מענטשן. מ׳קען זאָגן: יידישע יידן. מ׳האָט נישט געהערט אַמאָל וועגן פאַרגוואַלדיקונגען, וועגן רויב. נישט געווען אַזאַ פאַל, אַז איין ייד זאָל דערמאָרדן אַ צווייטן יידן. מ׳איז נישט גע־פלויגן מיט קיין עראָפּלאַנען, מ׳איז אַפילו נישט געפאָרן מיט קיין באַנען. אין שטאָט איז געווען איין פעלדשער, וואָס האָט געקענט אַ קרענק. און דאָך האָבן יידן דערלעבט קינדער און קינדס־קינדער, געפראַוועט גרויס אַרטיקע חתונות, געגעבן דרשה־געשאַנקן — און נישט קיין טשעקן. אַלע זענען געווען צופרידן. געטאַנצט, געהוליעט, געהאַקט די פעטע קוג־לען מיט די זשאַרקאָיעס, מיט די געפילטע קישקעס. נישט געוווּסט פון עקסידענטן, קאַטאַסטראָפעס און אַנדערע מאָדערנע שלעק. טאַקע דערפאַר זשיפּיע איך נאָך עד היום. איך מייד אויס די אַלע מאָדערנע אַנשיקענישן אויף צו קירצן דאָס לעבן פון דעם מענטשן. איך גיי מיר מיט מיין אייגע־נעם, זייטיקן וועג. דערפאַר האַלט איך מיך. איך קוק אויף דער נייער וועלט — און איך לאַך. יעדער שניעק טראָגט שוין אַ באָרד און איז אַ זקן. איך בין אַ בעלן צו וויסן, וואָס וועט ווערן פון אַזאַ וועלט און פון אַזעלכע מענטשן? וווהין גייען זיי, וווהין לויפן זיי און וואָס ווילן זיי? עפּעס אַזאַ צעמישעניש, אַ צעפאָרנקייט, אַ סומאַטאָכע, אַז איין גאָט זאָל זיך אויף זיי מרחם זיין.

אײנציִען דעם פּאַסעק

אַ סך מענטשן אין ישראל באַקלאָגן זיך: עס איז ביטער. מען צווינגט אונדז אײנציִען דעם פּאַסעק. מען הײסט שפּאָרן. מען פאַרגרעסערט די נסיעות־שטײַערן. מען העכערט די פּרײַזן. װי אַזױ — טענהן זײ — װעלן מיר לעבן?

אָבער װען מיר רעדן װעגן אַ פּשוטן בשׂר ודם, אַזאַ, למשל, װי איך, דאַרף ער, אין אַזאַ צײַט, מאַכן אַ גרױסן חשבון הנפש. ער דאַרף װיסן, אַז דאָס לאַנד איז קלײן. און װען אַלע דרײַ מיליאָן ייִדן (כּן ירבו!) װעלן חשק האָבן צו לעבן אַ גוטן טאָג — װעט נישט קלעקן קײן געלט. אמת טאַקע, אַמעריקע גיט אַ סך דאָלאַרן, ייִדן גיבן געלט, דײַטשלאַנד גיט געלט, אַ סך מיליאָנען דאָלאַרן פליסן אַרײַן פון כּלערלײ אַקציעס, פון טױטע (פון ירושהס, צװאות) און פון לעבעדיקע (פון באָנדס, הלוואות), פון גניבות. פון דעסטװעגן קען די פאַרטײלונג פון די פאַרדינסטן נישט באַפרידיקן אַלעמען. מחמת אײנער באַקומט גאָר אַ סך און דער צװײטער גאָר װײניק. אָבער דאָס איז דעמאָקראַטיע.

אַ געטרײַער בירגער, אַ פּאַטריאָט, אַ ציוניסט, אַן איבערגעגעבענער ייִד װײסט: ער איז געקומען אין לאַנד אַרײַן צו לעבן. זײַנע אָבות אבותינו האָבן געשטרעבט דערצו און זײ האָט עס זיך נישט אײַנגעגעבן. געװען אַמאָל ייִדן, װאָס האָבן זיך געלאָזט צופוס קײן ארץ־ישראל. הײַנט אָבער זענען דאָ ייִדן װאָס קענען פליִען אין לאַנד אַרײַן — מען באַצאָלט אַפילו פאַר זײערע הוצאות — אָבער זײ אײַלן זיך נישט. פאַראַן אױך אַזעלכע, װאָס דרײען אױס דעם דישעל און פאָרן צוריק אין גלות אַרײַן.

דאָס אַלץ נעמט זיך דערפון, װאָס עס פעלט די צוגעבונדנקײט צום לאַנד.

געװיס, אין אַזאַ לאַנד װי די שװײץ, למשל, איז לײַכטער. קודם־כּל איז דאָרט דער קלימאַט אַ בעסערער. דאָס זעלבע אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער.

די דאָזיקע לענדער האָבן אַ פּליוס: זיי זענען שוין אויפגעבויט. מען דאַרף דאָרט נישט פּלאָסטערן קיין שאָסייען, בויען הייזער, פּלאַנצן גערט־נער. אַלץ איז שוין דאָרט באַצייטנס געמאַכט געוואָרן. קען מען אַהין קומען — און זיך באַזעצן. די מעשׂה איז אָבער, וואָס אַ נאַש־בראַט, אַ ייִד, פילט זיך נישט וואָזשנע צווישן גויִים. ער איז דאָרט אַ פרעמדער, אַ שכן ביי עמעצן און מען קוקט אויף אים קאָסאָקע. און לאָמיר זאָגן, אַז דאָרט איז אַפילו בעסער. נו, איז וואָס? אָט, למשל, איז צו זיין אַ גוי אויך לייכטער. מען דאַרף אויף זיך נישט שלעפּן קיין משׂא פון תרי״ג מצוות. מען קען לעבן אַ גוטן טאָג, עסן און פרעסן און זויפן וואָס מען וויל — אַפילו אָן אַ ברכה. נו, פון דעסטוועגן האָבן יידן נישט אויסגעביטן דאָס רענדל, כאָטש מען האָט זיי אָנגעטאָן געברענטע צרות.

נעמט מיך, בערלען. מען רופט מיך „דער קיבוצניק". דאָס איז דער־פאַר, וואָס איך האָב אַ מאָל פאַרלאָזט דעם קיבוץ און זיך באַזעצט אין שטאָט. איך בין אַ גביר, מיינט איר? ניין. אלא וואָס? — איך בין אַ פּאַטריאָט, אַ הייסער ציוניסט, אַ ייד! מיר האָט קיינער נישט געגעבן קיין דירות, קיין מגרשים. קיין צאָל (מכס) האָב איך אויך נישט געצאָלט. אָבער איך האָב נישט געהאַט פאַרוואָס. פאַר קיין כאַקי־הויזלעך און אַ פּאָר אויסגעקרומטע שיך האָט מען אויך דעמאָלט נישט געפאָדערט קיין צאָל. אָבער איך האָב מיך ווי עס איז איינגעאָרדנט. גלייבט מיר, איך האָב ביי קיינעם נישט געבעטן, קיינער האָט מיר נישט געגעבן, איך האָב ביי קיינעם נישט גענומען. פאַרוואָס? — ווייל מיין איינציקער ציל איז געווען נאָר צו בויען דאָס לאַנד. און אַזוי בין איך מיך נוהג ביזן היינטיקן טאָג.

עס איז געווען אַ פּיחות, מען האָט געהעכערט די פּרייזן פון עלעקטריע, גאַז, באַהייצונג. נו, האָב איך, מיינט איר, זיך געקלאָגט ווי אַנדערע? איך האָב געפּראָוועט יעלות, געלאָפן, געקויפט, אויסבאַהאַלטן, מאַגאַזינירט? איך, בערל, „דער קיבוצניק" וועל עס טאָן? אין אַן אייגענער מדינה? ביי וועמען וועל איך גנבענען — ביי זיך? פאַר וועמען וועל איך אויסבאַ־האַלטן — פאַרן צאָל־אַמט צי פאַרן שטייער־אַמט פון דער יידישער מדינה? אויף דעם בין איך, מיט יאָרן צוריק, געקומען אַהער, כּדי צו לעבן אויפן חשבון פון כּלל? חס וחלילה? און דאָס, לײדער, פאַרשטייען נישט אַ סך מענטשן דאָ אין לאַנד, אַז מען דאַרף יאָ שפּאָרן, מען דאַרף יאָ איינציִען דעם פּאָסעק. אויב יעדער איינער וועט שאָסטעווען, אויב יעדער איינער וועט לעבן אויפן חשבון פון קהל, וועט דאָך די מדינה נישט קענען אויס־

האַלטן. און מיר האָבן דאָך אַזוי פיל שונאים, אַזוי פיל פיינד! זיי ווילן אונדז איינשלינגען לעבעדיקערהייט!

נו, פאַרשטייען עס דען אונדזערע יידן? זיי געוואַלדעווען: „אַלץ ווערט דאָ טייער, טאָ ווי אַזוי קענען מיר לעבן?"

יאָ, דאָס נעמט זיך פונעם יידישן כאַראַקטער. אינעם מדבר, גייענדיק פון מצרים, האָבן זיי געלעבט אויף אַלעם גרייטן — און דאָך האָבן זיי געליאַרעמט, נישט געוועז צופרידן. געוואַלד געשריגן: וויפל דאַרף מען? אָט נעמט מיך: עלעקטריע און גאַז קאָסטן דאָך מיך אַ שיבוש. מיין ווייב וויל פאָרן קיין אויסלאַנד? — פאָר! מיינט איר, איך פאַרדין צענדליקער טויזנטער אַ חודש, אַזוי ווי עפּעס אַ הויכער דירעקטאָר? אַ נעכטיקער טאָג! איך בין אַ פּקיד אין חברת החשמל*. אַן אַלטער פּקיד, אַ וותיק. ווען די רעגירונג האָט געהעכערט דעם פּרייז פון גאַז, האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז מען דאַרף שפּאָרן. זינט אַ באַלאָן גאַז קאָסט דרייסיק לירות — באַהייץ איך די דירה מיט עלעקטרישע אייוועלעך. אין יעדן צימער — אַן עלעקטריש אייוועלע. גלייבט מיר, עס קאָסט מיך אַ קלייניקייט. אַז איך אַרבעט אַזוי פיל יאָרן אין חברת החשמל, וועט זי מיר רעכענען פאַר עלעקטריע? חס וחלילה! נוץ איך וויפל איך וויל: בייטאָג און ביינאַכט. די אייוועלעך ברענען — און עס איז אַ מחייה!

מיט אויסלאַנד איז אויך אַזוי: מיין זון אַרבעט אין אַ פלי־געזעלשאַפט. באַקומט ער אומזיסטע בילעטן. גיט ער מיר מיט מיין ווייב — און מיר פאָרן אָפּט אַרויס. איך בין שוין געווען אין האָנג־קאָנג, אין יאַפּאַן, אין צפון־ און אין דרום־אַמעריקע, אין אַפריקע. איך וויל מיך נאָך אַראָפּכאַפּן אין עפּעס אַ דזשונגל, מיט חיות. איך וויל מיך אַביסל אויסרוען. ווען מיין זון וועט באַקומען אַ פּאָר בילעטן, וועל איך נעמען מיין ווייב און מיר וועלן מאַכן די נסיעה. צווישן די חיות וועט מיין פעסעלע אָטכאַיען.

זעט איר: מען קען לעבן אין דאָזיקן לאַנד. עס איז נאָך נישט הימל ביי דער ערד. מען קען נוצן עלעקטריע וויפל מען וויל, פליען וווהין מען וויל און פאָרן וויפל מען וויל.

יאָ, איך האָב פאַרגעסן אייך צו זאָגן: אַן אויטאָ האָב איך אויך. נישט קיין אומגליק. מען קען אויסהאַלטן. צי ס'קאָסט? אַוודאי! וואָס דען בענזין באַקום איך אומזיסט? איר ווייסט דען וואָס ס'קאָסט היינט אַ

---

* עלעקטריע־געזעלשאַפט.

נסיעה פון תּל־אביב קיין חיפה? און אַז מיין ווייב פאַרגלוסט זיך אַרויס־פאָרן קיין טבריה, צי קיין אילת, וועל איך איר אָפּזאָגן? נישטאָ אַזאַ זאַך, איך זאָל מיין פּעסעלען אָפּזאָגן. נו, שריי איך, מיינט איר, אַז בענזין קאָסט אַזוי טייער? איך מאַך סקאַנדאַלן? איך זידל די רעגירונג? איך פּראַווע שטרייקן? אַז מען דאַרף — דאַרף מען! אַז די אַראַבער האָבן געהעכערט דעם פּרייז פון נאַפט, איז שולדיק אונדזער רעגירונג? און וואָס וועט זיין, אַז מען וועט צוריקגעבן אַבו־ראָדעס און מיר וועלן דאַרפן אויסקוקן, אַז אַמעריקע זאָל אונדז פאַרקויפן נאַפט? דעמאָלט וועט מען אויך האָבן טענות צו דער רעגירונג, הלמאַי נאַפט וועט קאָסטן טייער? און אַז עס וועט קאָסטן טייערער, וועט מען נישט פאָרן? ווער עס וועט זיך קענען דערלויבן — דער וועט פאָרן. איך, למשל, וועל יאָ פאָרן. וואָסי, איך צאָל דען? חברת החשמל צאָלט! אַזאַ פּקיד ווי איך, אַ וותיק, פון די ראשונים, וועט גיין צופוס? ביי מיינע פאַרדינסטן וואָלט איך שוין גע־דאַרפט האָבן נישט נאָר אַן אייגענע מאַשין מיט אַ שאָפער, נאָר אויך אַ העליקאָפּטער. וואָסי, חברת החשמל, קען זיך דערויף נישט דערלויבן? ביי אַזעלכע רווחים? און אַז זי וועט פאַרטאָפּלען דעם פּרייז פון חשמל, וועט מען נישט צאָלן? מענטשן וועלן זיצן אין דער פינצטער?

דאָס אַלץ קען מען פאַרשטיין, ווען מען איז אַ פּאַטריאָט פונעם לאַנד, אַ ציוניסט, אַ ייִד, אָט אַזאַ ווי איך בין. דעמאָלט וועט מען וויסן, אַז אין אַזאַ צייט, ביי אַזאַ לאַגע — אין וועלכער מיר געפינען זיך, מוז מען איינ־ציִען דעם פּאַסעק. מען דאַרף שפּאָרן. נישטאָ קיין אַנדערע ברירה.

אַ פריילעכע גרושה

איך בין אַ פריילעכע גרושה. ס׳מיר גוט. איך גיי וווהין איך וויל. איך טו וואָס איך וויל. איך עס וואָס איך וויל. קיינער זאָגט מיר נישט קיין דעה. קיינער יאָדעט מיך נישט. קיינער גייט מיר נישט נאָך ווי אַ שאָטן. איך בין אַ פריי פייגעלע. איך לעב. איך געניס פון לעבן. איך פאַרזיס יענעם דאָס לעבן.

איך בין פריילעך און לוסטיק. דערפאַר וויל יעדער מיט מיר פאַר־ברענגען. מען פאַרבעט מיך אויף שמחות, מען קומט מיך נעמען אויף שפּאַצירן. מ׳לאַדט מיך איין אין טעאַטער, אין קינאָ, אויף קאָנצערטן. און איך גיי. אָבער נאָר מיט דעם, וואָס איז מיר צום האַרצן.

איך האָב ליב מענטשן מיט אַ חוש פאַר הומאָר: פריילעכע, זאָרגלאָזע, סימפּאַטישע.

מיין מאַן איז תּמיד געווען אָנגעכמורעט. פול מיט טענות ווי אַ מיל־גרוים מיט קערנדלעך: דאָ גיי נישט; דאָ שטיי נישט; מיט דעם פאַר־ברענג נישט. רק „נישט״ און „נישט״. האָב איך צו אים געזאָגט: וואָס בין איך — אַן אַרעסטאַנטקע? חיימקע — האָב איך אים געוואָרנט — צי נישט איבער דאָס שטריקל. כ׳וועל טאָן וואָס מיר געפעלט. איך בין אַ פרייער מענטש, אַ יונגע פרוי. נישט אויף דעם האָב איך חתונה געהאַט, אַז כ׳זאָל לעבן ווי אין אַ תּפיסה. כּל־זמן איך בין נאָך יונג — וויל איך געניסן. איך קוק דיר נישט נאָך — און דו קוק מיר נישט נאָך. האָב קיין מורא נישט, כ׳וועל נישט פאַרלוירן גיין. קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

האָט דער מאַן מיינער, חיים, גענומען מיר מאַכן דעם טויט: אסתרקע — האָט ער געזאָגט — ס׳וועט נישט גיין. אויס ווילדע ציג. איצט ביסטו מיין ווייב. זיי אַ מענטש!

האָב איך אים — דווקא מיט אַ שמייכעלע — צוריקגעענטפערט: איך האָב פיינט, אַז זייטיקע מענטשן מישן זיך אַריין אין מיינע געשעפטן. אַז מיין טאַטן האָב איך נישט געפאָלגט, מיין מאַמען האָב איך נישט גע־

פֿאָלגט — ווילסטו, אַז איך זאָל דיך פֿאָלגן? נישט ביי אסתּרקען! און אויב ס'געפֿעלט דיר נישט — האָסטו אַ ברירה.

האָט מיין מאַן, חיימקע, פֿאַרשטייט זיך, נאָכגעגעבן. וואָסי, מאָרגן געפֿינט ער אַזאַ ווייב ווי איך? וואָס פֿעלט מיר? שיין בין איך, יונג בין איך, אַ רייכן מאַן האָב איך. אלא, איך באַדין אים נישט, איך פֿרעס פֿאַר אים נישט, איך קאָך פֿאַר אים נישט — האָב איך דאָך אָבער אַנדערע מעלות: איך בין יונג און שיין.

בקיצור, האָט זיך געמאַכט אַ „פֿאַנטשער״. איך האָב פֿאַרשוואַנגערט. בין איך געוואָרן אַ ביסל סטאַטעטשנער. איך האָב דאָך געדאַרפֿט, אַז עמעצער זאָל זיך מיט מיר פֿאַרנעמען. דערנאָך, אַז דאָס קינד איז שוין געבוירן געוואָרן, איך האָב מיך באַפֿרייט פֿון דער לאַסט, איז מיר געוואָרן לייכטער. גאָר גיך בין איך געקומען צו זיך. איך בין נאָך שענער געוואָרן. קיין ברית האָבן מיר נישט געפּראַוועט. עס איז געווען אַ מיידעלע. שיין אַזוי ווי איר מאַמע. און געראָטן אַזוי ווי איר מאַמע. בלוט און מילך!

די צייט לויפֿט, דאָס קינד וואַקסט. איך האָב נישט באַוויזן זיך אַרומ־צוקוקן און מיין טעכטערל, רחלע, גייט שוין אין פֿאָלקס־שול, אין מיטל־שול. זי וואַקסט און בליט ווי אַ שיינע רויז. ווען מיר גייען ביידע אין גאַס, מיינט מען, אַז דאָס זענען צוויי שוועסטער. און אפשר גאָר אַ צווי־לינג. ווען מיני־קליידלעך זענען נאָך געווען אין דער מאָדע, האָט זי, מיין רחלע, געטראָגן אַ מיני, און איך האָב אויך געטראָגן אַ מיני. ווען חיים איז געווען אין מילואים, האָבן מיר ביידע גענומען בחורים און געגאַנגען אין קינאָ אַריין. רחלע האָט געזאָגט, אַז מיר זענען צוויי שוועסטער. זי איז געזעסן אַרומגענומען מיט איר בחור און איך — מיט מיינעם. רחלע דערציילט מיר אַלע אירע סודות און איך דערצייל איר מיינע סודות.

איין מאָל, ווען חיים, מיין מאַן, איז צוריקגעקומען פֿון מילואים, האָט מיך עמעצער פֿאַרמסרט, אַז איך פֿאַרברענג און אַזוי ווייטער. האָב איך אים באַרויקט: וואָס מיינסטו, איך וועל זיצן אין שטוב אַ חודש צייט און וואַרטן אויף דיר ביז דו וועסט זיך אַראָפּיאָוועןי? וואָס בין איך — אַ מנישקע? כ'בין שוין אַן אַלטע יידענע, מיינסטו? מיט וועמען פֿאַרברענג איך דען — מיט רחלען. איז דאָס אויך אַ חטא?

האָט חיים מיר אָנגעהויבן זאָגן דאָס און יענץ און נאָך אַזעלכע זאַכן. זע איך דאָך, אַז ער מישט זיך ווידער אַריין אין מיינע פּריוואַטע ענינים. זאָג איך צו אים: חיימקע, איך בין שוין מיד פֿון דיינע דיבורים. קרוב

צוואַנציק יאָר האָב איך פון דיר געליטן — גענוג! איך האָב נישט בדעה צו וואַרטן ביז כ׳וועל ווערן אַן אַלמנה. טאָ לאָמיר זיך בעסער צעגיין מיט גוטן. געלט האָסטו, וועסטו זיך קויפן אַן אַנדער דירה. וועסט זיך נעמען אַן אַנדער ווייב. און וואָס שייך מיך — וועל איך מער נישט חתונה האָבן. איין מאָל זיך באַנאַרישט — גענוג! איצט וויל איך זיין פריי. דער באַלע־באָס איבער מיר וועט זיין נאָר איין מענטש: איך!

האָבן מיר זיך צעטיילט מיטן פאַרמעגן: איך האָב גענומען די דירה, דאָס מעבל, די בילדער, דעם גרויסן פרידזשידער, דעם טעלעוויזאָר, דעם אויטאָ — און אויך פאַרשטייט זיך די טאָכטער — רחלען. און ער, חיים, האָט גענומען זיינע אנציגער, זיינע שיך, זיין ראַזיר־אַפּאַראַט — און ער איז אַוועק.

בין איך געבליבן מיט דער טאָכטער. מיר לעבן צווישן זיך זייער פיין. רחלע איז אַ סטודענטקע און איך בין אויך אַ סטודענטקע: איך לערן שפּראַכן. וואָס איך טו? — גאָרנישט. פון דעם געלט וואָס דער מאַן האָט מיר איבערגעלאָזט און פון די אַלימענטן וואָס ער צאָלט מיר, האָבן מיר ביידע גענוג צום לעבן. נאָר וואָס? לעצטנס איז צווישן מיר און מיין טאָכטער אַדורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ. זי איז אין כעס אויף מיר. איך הייב נישט אָן צו וויסן פאַרוואָס. זי טענהט, אַז איך שלאָג פון איר אָפּ אירע בחורים. וואָס הייסט איך שלאָג־אָפּ? יונגע מענטשן קומען אין שטוב אַריין. טאָ ווער קען וויסן וועלכע פון זיי עס קומען צו איר און וועלכע — צו מיר? און מאָדנע: דווקא צו מיר קלעפּן זיי זיך ווי בינען צום האָניק. אפשר דערפאַר, ווייל זיי ווייסן, אַז איך האָב באַשלאָסן מער נישט חתונה צו האָבן?

זאָגט רחלע, אַז איינער פון זיי, אַ בלאָנדער, אַ הויכער, אַן אָפּיציר אין חיל אויר, איז איר בחור. פון וואַנען, פרעג איך אייך, זאָל איך דאָס וויסן? עס הענגט אויף אים אַ פּלאָמבע? ער קומט אין שטוב אַריין, עסט און טרינקט ווי אַן אייגענער. זאָל איך מיך פאַר אים קרעמפּירן? שוין אַזאַ צייט ווי ער איז אַ בן־בית ביי אונדז אין שטוב, זאָל איך וויסן ווע־מען ער מיינט? ער קומט — איז ער דאָ. וואָס איז די נפקא מינה?

דאָס זעלבע איז געווען מיט אַן אַנדערן בחור. יענער איז געווען אַ שוואַרצער, אַ ברייט־ביינערער. ער האָט געאַרבעט אַלס מציל אין דער בריכה. אַ יונג מיט ביינער. רחלע האָט אים געבראַכט. האָט ער מיך איין מאָל איינגעלאַדן אין קינאָ אַריין. פרעגט שוין גאָרנישט וואָס עס האָט זיך

אָפּגעטאָן! רחלע האָט געוויינט, געקלאָגט, געפּראַוועט היסטערישע שטיק. איך האָב צוגענומען איר בחור — האָט זי געשריגן. איך האָב אים צוגענומען? ער האָט מיך צוגענומען! אָבער ס׳דאַרף פּאַרט אַן אייגענע טאָכטער. האָב איך צום בחור געזאָגט: גענוג! ביסט אַ מציל — טאָ גיי ראַטעווען אַנדערע. איך וועל מיך שוין, ווי עס איז, אַליין ראַטעווען.

זאָגט רחלע: אמאלע, צוליב דיר קען איך נישט חתונה האָבן. טענה איך צו איר: מיין טייער טעכטערל, איך וויל דיך פאַרהיטן פון אַן אומגליק. זעסט דאָך, איך האָב שוין אַמאָל חתונה געהאַט, בין איך קוים פּטור געוואָרן פון דיין טאַטן. ווילסטו אָפּטאָן די זעלבע נאַרישקייט וואָס איך? ווילסט זיך פאַרפינצטערן דאָס לעבן? האָב צייט, כאַפּ נישט! מיינט איר, אַז זי וויל דאָס פאַרשטיין? אַ נעכטיקער טאָג!

אַ געטרייער מאַן

איידער דער מענטש ווערט געבוירן רופט־אויס אין הימל אַ בת־קול: „דער געהערט צו דעם און די — צו יענעם". אַזוי שטייט געשריבן — זאָגט מען — ערגעצווו אין די הייליקע ספרים. ביי מיר האָט מען אָפּנים אויסגערופן: „יאַנטל, דיין באַשערטע וועט זיין ביילע־מירל". והראיה: עס איז דאָך טאַקע אַזוי. זי איז מיין ווייב.

אַוודאי טראַכט איר ביי זיך: וואָס פאַר אַ ווייב קען דאָס האָבן אַזאַ קליין, דאַר, און נידעריק פאַרשווינדל ווי איך? מסתמא עפּעס דאָרט אַ פערטל עוף, אַ שטיקל שטשאַפּע, אַ לאָמאַקע. איז אויב איר טראַכט אַזוי האָט איר דעם גרעסטן טעות אין דער וועלט. מחמת מיין ביילע־מירעלע איז פונקט דער היפוך פון מיר. אַזוי ווי איך בין דאַר און קוואַר, אַזוי איז זי, קיין עין־הרע, פעט און דיק. אַז איך זע פון דער ווייטנס ווי זי דער־נענטערט זיך, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס שפּאַנט אַזוי אַ בער אויף די הינטערשטע פיס, אָדער אַ העלפאַנט.

שטעלט אייך פאָר ווי דיק זי איז, מיין ביילע־מירעלע, אַז ביים קויפן די וווינונג האָב איך ביים קבלן באַשטעלט ספּעציעל ברייטערע טירן, כּדי זי, מיין ווייבעלע, זאָל קענען אַריין. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? ווען ביילע־מירעלע וואָלט זיך געשטעלט אויף איין וואָגשאָל און איך, מיט נאָך אַזעלכע צען פאַרשווינען אויף דער אַנדערער — וואָלט מיין ביילע־מירעלע איבערגעוויגן.

פאַרוואָס איך האָב דווקא אַזאַ אָסאָבע גענומען פאַר אַ ווייב? זאָג איך דאָך אייך: באַשערט! אַז דאָרט, אין די הימלען, איז געווען אָנגע־צייכנט, קען דען אַ בידנער בשׂר־ודם דאָס איבערמאַכן? און עס קען זיין, אַז טאַקע דערפאַר, וואָס איך בין אַ פליג, האָט עס מיך געצויגן צו אַ העלפאַנט. אַז איך, אַזאַ סוכאַר, האָב דערזען די אויסגעקלאָרעוועטע, אויס־געבעטע פון אַלע זייטן ביילע־מירעלען — בין איך גלייך געוואָרן אַן אָפּ־געקאָכטער. בלויז אירע צוויי הענט — האָב איך אַ טראַכט געטאָן — זענען

צוויי יאָנטעלעך. אָט דאָס איז טאַקע פאַר מיר. ווען זי וועט האָבן אַ קינד, וועט זיין אויף וואָס צו קוקן.

דאָס איז געווען אַמאָל. היינט קוק איך אויף איר שוין מיט אַנדערע אויגן. מיר דאַכט זיך איצט, אַז איין שיינע זאַך וואָס זי פאַרמאָגט, איז אַ שיינע פּאָר יאָר. פּלוצלינג האָב איך דערזען, אַז זי האָט אַ קרומלעכע נאָז, זי האָט אַ בראָדעווקע אויפן שטערן, זי האָט אַ שיקלדיק אויג, און וואָס האָט זי נישט? — קיין אייגענע ציין האָט זי נישט.

— און מיינט איר, איך בין אַ גבר? — ניין! איך בין שוין אויך אָפּגעפאָרן. פון דעסטוועגן זענען כמעט אַלע מיינע רמ״ח אברים — די צוויי הונדערט מיט אַכט־און־פערציק אברים — גאַנץ. בלויז דריי פון זיי זענען אַרויס פון סטראָי: דאָס האַרץ, די אויגן און די פיס. ווי זאָגט מען: אַפילו פון יאָרן ווערט מען אויך אַלט. און קיין יאָרן פעלן מיר ברוך השם נישט. איין טרייסט האָב איך: יונגערהייט וועל איך שוין נישט שטאַרבן.

איצט, אַז מיר האָבן זיך שוין באַקענט, וועל איך אייך דערציילן, וואָס פאַר אַ געטרייער מאַן איך בין. איך היט מיך אַזוי אָפּ, אַז ס׳זאָל אויף מיר אַפילו קיין שטויבעלע נישט פאַלן. איך גיב אַכטונג, אַז ביילע־מירעלע זאָל מיר דערלאַנגען דעם פרישטיק און דעם מיטאָג צו דער צייט. זי זאָל זאָרגן, אַז אין שטוב זאָל זיין רויק ווען איך גיי מיך צוליגן נאָכן מיטאָגעסן. בכלל, זי זאָל מיך נישט גריזשען, יאַדען, מאַטערן. פאַרוואָס, מיינט איר, בין איך איר אַזוי געטריי? ווייל איך וויל נישט, אַז זי זאָל חלילה פאַרבלייבן אַן אַלמנה. איר ווייסט דאָך ווי דאָס לעבן זעט היינט אויס: אַן אַלמן קען נאָך, ווי עס איז, זיך אַן עצה געבן. אָבער חלילה אַן אַלמנה? — זאָל גאָט אָפּהיטן. בפרט נאָך ווען אַזאַ האָט נאָך קיינעם נישט, — איז זי גאָר אויף גרויסע צרות.

אָבער מיין ביילע־מירעלע פאַרשטייט עס נישט. וויפל איך זאָל דאָס איר נישט אַריינהאַקן, קלעפּט זיך דאָס צו איר ווי אַרבעס צו דער וואַנט. אָט אַ שטייגער, זאָגט זי צו מיר: „יאָנטעלע, אפשר וואָלסטו מיר געהאָלפן אויסוואַשן די פאַדלאָגעס?״ דערויף האָב איך אַזאַ מין ענטפער:

„ביילע־מירעלע, זוכסט זיך צרות? דאַרפסט, אַז איך זאָל האָבן צו טאָן מיט דאָקטוירים? דו האָסט ווייניק אַרבעט? ווער וועט לויפן אין קופּת־חולים — נישט דו? און ווער וועט אַהין טראָגן מיין אשר־יצר־וואסער אָדער דעם מאָגן־זאַפט — נישט דו? טאָ צו וואָס ווילסטו מיך פאַרשטעלן צו רייבן פאָלן? ס׳דען פאַר מיינע כוחות? הער, טייערינקע

— זאָג איך צו איר — ווערסט ענדיקן איין צימער, ווערסטו אָנהייבן דעם צווייטן, דערנאָך — די קיך. דאַרפסט דען מאַכן אַלץ מיט אַ מאָל? עס ברענט חלילה? דער מיטאָג איז דאָך שוין פאַרטיק. אלא איין מכולת אַריין? — ווערסטו גיין שפּעטער. עמעצער יאָגט דיך דען? און וואָס שייך די כלים — ווערט זיי דען עמעצער ביי דיר אויסכאַפּן? נאָכן ענדיקן די פּאָדלאָגעס ווערסטו זיי אויסוואַשן. דער עיקר, טייערינקע: נישט געיאָגט, נישט געלאָפן! קענסט אַלץ מאַכן פּאַוואָלינקע, לאַנגזאַם. איך גיי דערווייל שלאָפן. קיינער וועט דיר נישט שטערן. קענסט אַרבעטן וויפל דיין האַרץ גלוסט".

„אַ דאַנק דיר, געטרייער מאַן מיינער — זאָגט צו מירביילע־מירע־לע — זאָל דיר גאָט אַזוי געטריי זיין, ווי דו ביסט מיר געטריי, יאָנטעלע. פון דעסטוועגן, „עופהלע" מיינס — אַזוי רופט זי מיך — זיי זיך מטריח מיט דיין כבוד, נעם אַ שמאַטקע מיט זייף, לאָז דעם קראַן מיט הייס וואַסער און וואַש אויס די כלים".

„און אַז נישט?" — פרעג איך.

„און אַז נישט, יאָנטעלע, וועל איך נעמען די נאַסע שמאַטע פון דער פּאָדלאָגע און דיר צולייגן צו דיין נאַרישן פּרצוף".

זע איך דאָך שוין, אַז די שפּיל איז פאַרן טייוול. גיי איך אַריין אין קיך און איך נעם מיך צו דער אַרבעט. געענדיקט דאָס וואַשן הייב איך אָן דאָס ווישן. דערביי גיב איך אַ לאָז־אַרויס איין גרויסן טעלער פונעם סערוויז — אַן אמתער „ראָזענטאַל" — פון די הענט. עס דערהערט זיך אַ טראַסק. די שטיקלעך צעשפּרינגען זיך איבער דער גאַנצער קיך. ביילע־מירעלע לאָזט אַרויס אַ האַרץ־רייסנדיקן „אוי": „דער אידיאָט האָט שוין מיר געמאַכט עפּעס אַ שאָדן!..." זי לאָזט זיך לויפן אין קיך אַריין. און ווען זי דערזעט וואָס דאָ האָט פּאַסירט, גיט זי אַ כאַפּ אין ביידע הענט איר פּנים און נעמט קלאָגן: „אַזאַ סערוויז"... אַזאַ טייערער „ראָזענטאַל"... געשלעפּט אים אַזש פון עסטרייך... קוקט־אָן וואָס דער מערדער, דער פאַרברעכער האָט פון אים געמאַכט..."

„וואָס זאָל איך טאָן" — האָב איך מיך פאַרענטפערט — עס פעלט מיר אַלץ פון די הענט. איך האָב דען געוואָלט וואַשן די כלים? דו אַליין האָסט דאָך מיך געצוווּנגען דערצו".

מילא — האָב איך געטראַכט — אַ כפּרה דער טעלער, אַבי זי וועט מיך מער נישט צווינגען וואַשן קיין כלים.

אָפּגעטאָן מיין „אַרבעט” האָב איך מיך צוגעלייגט. געכאַפּט אַ גוטן „דזשים”. ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז אין שטוב שוין אַלץ געווען פאַרטיק. כ׳האָב מיך גוט אויסגעגענעצט און גלייך אַ פרעג־געטאָן מיין ביילע־מירעלען:

„דער אָוונט־ברויט איז שוין צוגעגרייט? הער אַ מעשׂה — דערצייל איך איר — ווי איך שלאָף אַזוי, קומט מיר פּלוצלינג אַ קום־אָן, צו חלום, דיין מאַמע גנענדל, „אַלעשאַלעם”, און גיט מיך ראַפּטעם אַ פרעג: „וואָס מאַכט עפּעס מיין טעכטערל ביילע־מירעלע? לאָז איר גריסן פון מיר”...

„אוי וויי! — שרייט אויס מיין ווייבעלע. — עפּעס וועט שוין פּאַסירן. טפו! אויף מיינע שונאימס קעפּ! יאַנטעלע, שפּיי אויכעט אויס”.

און איך גיב צו:

„כ׳האָב געמיינט, אַז דיין מאַמע וועט מיך פרעגן וועגן צעבראָכענעם טעלער. און פּלוצלינג גאָר אַזאַ מעשׂה... נו, דאַרף מען זיך איבערנעמען צוליב אַזעלכע זאַכן? טאָמער האָסטו נאָך אַ שטיקל מאָן, האַלטסטו אים אין איין אַרומיאָגן: טו דאָס, טו יענץ. נאָך אַ נס וואָס איך האָב מער שׂכל און כ׳היט מיך, ווייל אַ מאָן אין שטוב — זאָגט מען — איז אַ צירונג אין שטוב. און דיר האָט גאָט געגעבן אַזאַ שטיק צירונג און דו ווייסט נישט ווי אים צו היטן. זאָג אַליין: וואָס פאַר אַ ווערט האָסטו, חלילה, אָן מיר? דערפאַר טאַקע האַלט איך דיך טייער. איך בין דיר געטריי. איך וויל אַז דו זאָלסט אויסלעבן די יאָרן מיטן מאָן. דעריבער דאַרפסטו מיך אָפּ־היטן, קעכלען — און בעטן גאָט דריי מאָל אין טאָג, אַז דו זאָלסט נישט בלייבן קיין אַלמנה. גיי, וואַש זיך אַרום, און מיר וועלן זיך זעצן קוקן אין דער טעלעוויזיע. מ׳האַלט דאָרט אין איין שיסן און הרגענען מענטשן. טאָ לאָמיר כאָטש הנאה האָבן וואָס מיר לעבן נאָך אויף דער וועלט.

דער מת...

די ערשטע וואָס האָט מיך געקרוינט מיטן נאָמען „משוגענער" איז געווען מיין ווייב.

געווען איז דאָס דעמאָלט, ווען ס'איז געקומען צו רייד וועגן איצטיקן מצב אין לאַנד. זי האָט צו מיר געטענהט, מיין ווייב, אַז היינט איז אַ צייט ווען אַ מענטש דאַרף האָבן אַלע וויגאָדעס. האָב איך צו איר געזאָגט אַזוי: וואָס הייסט „מ'דאַרף?" פאַר וואָס פרעגסטו נישט צי „מ'קען"? לאָמיר זאָגן, אַז מיר האָבן שוין אַלץ אין דער וועלט: אַ שיינע ווילע אין הרצליה־פּיתוח, אַ קאַדילאַק, מיר פאַרמאָגן אַ סך מגרשים, — נו, וועט דאָס אַלץ אונדז פאַרלענגערן די יאָרן? אַדרבה, זאָג מיר מיין טייערע, האָט כאָטש איינער פון אַזעלכע גבירים באַוויזן אַ קונץ, מיט דער הילף פון זיין עשירות, זיך אויסצוקויפן פונעם „שוואַרצן פאַרשוין"? וואָס איז די נפקא מינה? אַ גביר שטאַרבט און אַ קבצן שטאַרבט. קיינער פון זיי נעמט גאָרנישט מיט אויף יענער וועלט.

— טאָ פאַרוואָס זאָל דווקא יענער יאָ האָבן און איך — נישט? — האָט מיין ווייבעלע אַריינגעוואָרפן. — מיט וואָס אַ שטייגער, איז אַזאַ ראַפּאַלעק ראַפּאָפּאָרט, וואָס קען זיך אַפילו רעכט נישט אונטערשרייבן, אַ פאַבריקאַנט; און דו, וואָס נאָך פאַר דער מלחמה ביסטו שוין געווען אַן אינטעליגענט אין שטעטל, האָסט אַפילו געקענט ווערן אַ בוכהאַלטער אין אַ באַנק, פאַרמאָגסט נישט מער ווי דאָס אָרעמע שיכונדל און ביסט אַ פּשוט פּקידל? ראַפּאָפּאָרטס ווייב, דאָס פאַרזעעניש, טרייבט אַן אייגענע מאַשין, דרייט דאָס רעדל, און ביי מיר ווערן די קישקעס אין בויך איבערגעדרייט קוקנדיק אויף איר. מיינסט אַוודאי, אַז איך בין איר מקנא? פאַר מיינעטוועגן מעג זי אַפילו זיך איבערדרייען מיט איר מאַשין צוזאַמען און ברעכן האַלדז־און־נאַקן. מיך אַרט נאָר פאַרוואָס זי האָט, און איך — נישט.

— וויפל קען דאָס דאָזיקע אָרעמע לעבדעלע, ישראל, געבן? — זאָג איך צו איר — מיר לעבן דאָך פון שנאָרעריי.

הערנדיק דאָס, האָט מיין ווייבעלע שאַרף מיך אָנגעקוקט און אַרויס־געוואָרפן: „משוגענער!"

הערט, כ'האָב געהאַט אַ גוטן חבר, מיינס אַ שטעטישער. אַ ייד אַ קאַרגעניק, אַ סקנער, אַ בייגל־כאַפּער — איינער פון די זעלטנסטע דבר־אַחרס. ער האָט אָנגעזאַמלט אַזוי פיל געלט, אַזאַ עשירות, אַז ער אַליין האָט שוין נישט געוווסט וויפל ער פאַרמאָגט. ביי פינף־און־זיבעציק יאָר האָט ער נאָך גענומען אַ יונג ווייבל. ער האָט נאָך געוואָלט אַריינכאַפּן אַ יורש אויך. אָבער ס'איז אים נעבעך נישט געגאַנגען. תּמיד ווען כ'פלעג אים טרעפן, האָט ער געהאַט איין שבועה: „איך זאָל אַזוי שטאַרבן געז־זונטערהייט".

הקיצור, מאַכט זיך אַ מעשה, דער ייד כאַפּט פּלוצלינג אַ שאַרפע לונגען־אָנצינדונג און ער פּאַכעט מיט דער נשמה. זיין יונג ווייבל מיינט: שוין! אַזאַ רייכע יונגע אַלמנה, קען דאָך איצט נעמען אַפילו אַ פּרינץ פאַר אַ מאַן. די נאָענטע און ווייטע קרובים יאָווען זיך אַראָפּ. אַ קלייני־קייט: אַזאַ ירושה! דעם קראַנקן ווערט ערגער. דער אַרויסגערופענער דאָקטאָר גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט געזאָגט: „ער איז שוין פּיפּטער". שטילינקערהייט הייבן שוין אַלע אָן רעדן, וואָס פאַראַ לוויה מ'זאָל מאַכן דעם נפטר. איינער פון די קרובים זאָגט: צו וואָס זאָל מען אים פאַרוועןן אַ גרויסאַרטיקע לוויה? ס'איז דען פאַר אים אַ נפקא־מינה? אַ צווייטער קרוב גיט אַ קרעכץ: אַ גאַנץ לעבן איז דער מענטש געווען אַ קאַרגער. איז דאָך זיין ווילן אַוודאי געווען: אַ באַשיידענע לוויה. אַ דריטער קרוב רופט זיך אָן: אַוודאי, וואָס דען? סתּם נעמען געלט און וואַרפן אין בלאָטע אַריין? צו וואָס דאַרף מען באַשטעלן אויטאָ־בוסן? ווער ס'וועט וועלן, וועט פאָרן אַליין און ווער נישט — איז נישט.

זיצן אַלע און וואַרטן אויפן אַמבולאַנס פון מגן דוד אדום. פּלוצים באַמערקן די קרובים מיטן ווייב, צו זייער גרויסער שטוינונג, אַז דאָס בעטל פונעם קראַנקן גיט זיך ראַפּטעם אַ שאָקל. עס דערהערט זיך אַ צעצויגענער קרעכץ. דער חולה מסוכן גיט זיך פאַוואָליע אַ הייב־אויף פון בעט און זאָגט, שטילערהייט, צו די אַלע וואָס רינגלען אים אַרום:

— איר זענט אַלע גערעכט... טאַקע אַ שאָד דאָס געלט. דינגט נישט קיין אויטאָבוסן... איך וועל גיין צופוס...

און ער איז דאָס מאָל טאַקע געזונט געוואָרן. דער „שוואַרצער פאַר־שוין" מיט דער „קאָסע" האָט אים „דערטאַפּט" ערשט אין עטלעכע יאָר

אַרום. דער קאַרגעניק האָט גאָרנישט מיטגענומען אויף יענער וועלט. נו, פרעג איך אייך: דאַרף מען זיין אַ גביר? אָבער אַז איך זאָג אַזוי צו מיין ווייב, ענטפערט זי מיר: „גיי צו אַ פסיכיאַטער וועט ער דיר אַלץ אויפ־קלערן". משוגענער!

פרעג איך אייך: ווער פון אונדז איז דאָ משוגע?

חול־אַ מויד

חול המועד סוכות... די דאָזיקע טעג וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. אַך משה, משה, וואָס איז דיר איינגעפאַלן אויסצוטראַכטן אַזאַ וואָכעדיקן יום־טוב? ווען דו ווייסט, גרויסער צדיק, ווי דו האָסט מיך דערמיט גע־טראָפן. משה רבנו, וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך דיר געטאָן? האָב איך דען געזינדיקט מיטן עגל הזהב? האָב איך דען צו דיר געהאַט טענות, אַז ס'איז נישטאָ קיין פלייש, אָדער אַז דער מן שמעקט מיר נישט? צי האָב איך דען אַמאָל דיר פאַרגעוואָרפן, אַז דו פירסט שלעכט דיין עדה, אַז דו האָסט זי אַריינגעפירט אין מדבר און אַריינגעזעצט די מענטשן אויף גאַנצע פערציק יאָר אין מעברות?

משה, משה, וואָס האָסטו געהאַט צו מיר?

פון דיין חול־המועד נעמען זיך דאָך אַלע מיינע צרות. איך האָב געוווינט אַמאָל אין אַ שטעטל, האָב איך. און פאַר דער מלחמה איז ביי יידן געווען אַ מנהג צונויפפירן שידוכים אין די חול־המועד־טעג. איז אין אַ שיינעם חול־המועד־טאָג געקומען צו מיר פייסיע דער שדכן — עד היום שטייט ער, ווי אַ לעבעדיקער, פאַר מיינע אויגן — אַ געל יידל מיט אַ צעקנוידערט בערדל (ווען איך פּאַק אים איצט, וואָלט איך עס אים אויסגעפליקט) און געזאָגט צו מיר אַזוי: „מענדעלע, דו ווייסט, אַז היינט איז ביי יידן חול־המועד?" זאָג איך צו אים: „אַוודאי ווייס איך, וואָס דען?" זאָגט ער ווייטער צו מיר: „טאָ וואָס־זשע רעכנסטו צו טאָן?" זאָג איך: „וואָס דאַרף איך דען טאָן? — כ'לייען אַ ביכל, לייען איך". מאַכט ער: „אָט־אָט־אָט, פון דאַנען נעמט זיך טאַקע דאָס אומגליק. ווען מ'לייענט נישט קיין טריף־פּסולען, נאָר מ'לערנט אַ פּרק משניות וואָלט מען גע־ווּוסט, וואָס חול־המועד באַדייט".

„וואָס באַדייט ער, אַדרבה?" — בין איך געווען טשעקאַווע צו וויסן.

"חול־המועד באַדייט — חול־אַ מ ו י ד. אַז דו, מענדעלע דאַרפסט שוין האָבן אַ מויד, שוין צייט! עס שטייט געשריבן: בן שמונה עשרה לחופה

און דו ביסט שוין ווייט אַריבערגעפֿאָרן די דאָזיקע גרענעץ. אין גיכן וועט מען דיך נישט שוין פֿרעגן פֿאַרוואָס האָסטו נישט חתונה, נאָר פֿאַר־וואָס האָסטו נישט חתונה געהאַט. איז וואָס־זשע טראַכסטו, האַ? וואַרטסט אויף דער שיינער העלענע פֿון גראַף פּאָטאָצקי? וואַרף־אַוועק דאָס טריי־פֿהנע ביכל און לאָמיר רעדן תּכלית. יצחק־מאיר פּישביין — דעם גרויסן גביר, דעם שניט־סוחר, דעם ראש־הקהל, דעם נגיד, וואָס אין זיין גאַנצער משפּחה איז נישטאָ אַפֿילו קיין איין בעל־מלאכה — קענסטו? — אַוודאי, ווער קען דאָס נישט פּישביינען? און אין גאַנץ פּוילן קען מען אים נישט?

נו, האָט ער אַ בת־יחידקע, אַזוינס און אַזעלכס: ציפּע־זלאַטקע הייסט זי. אין גאַנצן געראָטן אינעם טאַטן — סאַמעט און זייד, מ׳זאָגט אַז זי האָט אַפֿילו שטודירט אין די גימנאַזיעס. דאָס איז פֿאַר דיר אַ סחורה! פּאַלסט אַריין אין אַ שמאַלץ־גרוב. וועסט האָבן אייביקע קעסט. ס׳איז אַ כּשרער לעפֿל אין אַ כּשרן טאָפּ. הונדערטער חתנים פֿון לאַנד און פֿון אויסלאַנד שלאָגן אָפּ אירע שוועלן, אָבער איר געפֿעלט קיינער נישט. ממש קיינער נישט! זי האָט זיך עפּעס אָנגעלייגט אין די ביכלעך, אַז איר באַשערטער דאַרף זיין ווי עוג מלך הבשן מיט ברייטע אַקסלען, מיט אַ געדיכטער, שוואַרצער טשופּרינע, מיט געפּוצטע אָפּיצערסקע שטיוועלעך און ער זאָל זיך קענען דרייען אויפֿן קנאַפּל. איז מיר איינגעפֿאַלן, אַז דאָס קען נאָר זיין מענדעלע שמדניק, מיכל־זעליק, שׂרה־ביילעס זונדל. און אָט בין איך געקומען צו דיר. — און זאָל זיין מיט מזל! איך וויל, אַז מאָרגן, אם ירצה השם, זאָלט איר זיך אָנקוקן און דער זיווג וועט, מיט מזל, עולה יפה זיין. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז ער וועט עולה יפה זיין. אוי גאָטעניו, אַזאַ שמאַלץ־גרוב, אַזאַ שמאַלץ־גרוב!״

און ער האָט אַוועקגעלייגט אַ דיבור, וואָס קען אַפֿילו נעמען אַ טויטן. טראַכט איך מיר, וואָס קען איך דאָ אָנווערן, איך וועל זי אָנקוקן, גלאַט אַזוי, אויף אַ שפּאַס, זאָל זיין פֿריילעך אין שטעטל...

און דער שפּאַס האָט זיך ליידער געענדיקט זייער טרויעריק: ס׳איז טאַקע געוואָרן אַ שידוך. ציפּקע־זלאַטקעלע, פּישביינס טאָכטער, איז גע־וואָרן מיין ווייב. דער חתן איז איר אַראָפּגעפֿאַלן אַזוי ווי פֿון הימל. פֿונעם חול־המועד איז געוואָרן חול־אַ מויד און פֿון דער מויד — אַ ווייבל און פֿונעם ווייבל — אַ יידענע און פֿון דער יידענע אַ באַבע. דאָס שמאַלץ איז אויסגערונען און דער גרוב איז געבליבן — עד היום הזה. זי עסט דעם מאַן אַזוי ווי די יידן האָבן אַמאָל געגעסן דאָס אומזיסטיקע פֿלייש אין דער

מדבר. זי גריזשעט די ביינדלעך און פּאַסמאַקעוועט זיך. און ווען ס׳קומט חול־המועד גיט זיך אַ שטעל אַוועק פּאַר מיינע אויגן יענע געשיכטע מיט פּייסיע דעם שדכן. ער האָט געהאַט מזל, דער ייד, וואָס ער איז באַצייטנס געשטאָרבן. ווען נישט, וואָלט איך אים נאָך איצט אויסגעזוכט אַפילו פון אונטער דער ערד און כ׳וואָלט אים עוקר מן השורש געווען. און אויך משה רבנו איז ערגעץ פּאַרשוווּנדן געוואָרן און עד היום ווייסט קיינער נישט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. געבליבן איז נאָר ציפּע־זלאַטקע און דער פּאַטאַלער חול־המועד, וואָס משה האָט אויסגעטראַכט און ער האָט מיך אַזוי צורעכטגעמאַכט. ס׳איז געווען שוין איינמאָל אַ חול־אַ מויד. כ׳וועל אים נישט פּאַרגעסן אַפילו אין צווייטן גלגול. אוי, משה, משה, וואָס האָסטו געהאַט צו מיר?

נאָענטע פריינד
פון ווייטע לענדער

ווי זענען מיינע קינדער...

פון מיין אַמעריקאַנער גליד־שוועסטער־קינד מאָטל זאַיקע האָב איך באַקומען אַ בריוו. ער שרייבט צו מיר בזה הלשון:

„מיין ליבער קוזין מיט דיין ווייב, מיט דיינע קינדער, מיט דער גאַנצער משפחה, נאָענטע און ווייטע, שטעטישע און דאָרפישע פון אונדזער סביבה אין דער אַמאָליקער יאַכנעדראַלעווקע, איר זאָלט אַלע לעבן און געזונט זיין אמן סלה.

ראשית קום איך דיר צוויסן טאָן, אַז איך טו צו דיר שרייבן, מחמת תּמיד, ווען ס'פאַרקלעמט מיך ביים האַרצן, ווען די קישקעס — נישט פאַר דיר געדאַכט, נישט פאַר דיין ווייב געדאַכט — דרייען זיך מיר איבער אין בויך, ווען ס'ווערט מיר שלעכט, ביטער ווי גאַל, קלאָגעדיק, פינצטער און חושך, מיינע שונאים, ס'שלאָגט מיר צו חלשות — דעמאָלט דערמאָן איך זיך אָן דיר, מיין טייערער קוזין און אין דיין ווייב פייגע־מירעלע. איך מאָל מיר אויס איר ליכטיקע צורה: דאָס קיילעכדיקע פּנים מיטן קובליק אויפן קאָפּ, די אָפּשטייענדיקע אויערן אירע מיט די גרויסע אויעררינגלעך, דעם גרויסן גוידער און די גאַנצע פּאַסטאַווע אירע; איך הער נאָך איצט ווי זי רעדט צו מיר גיך־גיך, שיסט ווי פון אַ קוילן־וואַרפער די ווערטער:

מאָטעלע, ס'איז דיר אַריין אַ „מיימבעראַש" אין קאָפּ? ווילסט פאָרן קיין אַמעריטשקע, ווילסטו, אָך און ווי איז צו דיין קליפּע — צו פעסעלען מיין איך. איך פרעג דיך, גרויסער אויפטוער וואָס דו ביסט: וואָס ועסטו דאָרט טאָן? דו קענסט נישט קיין ענגעליש, דיין ווייב קען נישט קיין ענגעליש, איר וועט אַריינפאַלן אין אַ ווילד־פרעמד לאַנד, ווער וועט זיך אַרומקוקן אויף אייך? — דער אַנגעבלאָזענער שוואָגעריק, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ שיקסע? ער וועט דאָך אייך אַפילו צו זיך אין שטוב אַריין נישט אַריינלאָזן. דו, שמואל־יאָסל, אַ ייד פון יאַכנעדראַלעווקע, וועסט קומען אין דעם גרויסן ניו־יאָרק, ווו אַ מענטש איז אַ מוראַשקע. האָסט געזען אַ גרויסע קופּע מוראַשקעס? אָט דאָס איז ניו־יאָרק. האָסט זיך אַ מאָל אומגעקוקט אויף אַ מוראַשקע? אָט אַזוי וועט מען זיך אומקוקן אויף דיר. ווי גאָט איז דיר ליב — פאָר נישט!

האָב איך, געדענק איך, דעמאָלט איר געהאַט אַ פרעג געטאָן:

וווּהין, אַ שטייגער, פייגע־מירעלע, וואָלט איך, לויט דיין שׂכל, געדאַרפט פאָרן?

וואָס הייסט וווּהין? — האָט זי מיר דעמאָלט געענטפערט: קיין ישׂראל! ווילסט בלייבן אין דייטשלאַנד? — אַדרבה! יידן האָבן זיך שוין דאָ אַרויפגעאַרבעט — אַזאַ יאָר אויף מיר. אויף דער טמאדיקער ערד האָט מען געמאַכט כשרע טויזנטער.

הערנדיק אַזעלכע ווערטער האָב איך געכאַפּט אַ שמועס מיט מיין פעסעלען: אפשר — זאָג איך — איז פייגע־מירעלע, חיים־יאַנקלס, טאַקע גערעכט? מיר האָבן אַזוי פיל געליטן אין דער פינצטערער מלחמה, ווען מיר איצט אָנהויבן אַלץ פונדאָסניי ערגעץ אין עק וועלט, צווישן אַמעריקאַנער גויים וואָס רעדן ענגליש?

האָט מיר מיין פעסעלע געענטפערט, געדענק איך, אָט אַזוי:

פערדעלע מיינס, מאָטעניו, ביים שטיק פלייש מיט די צוויי בעלמעוואָטעס אויגן גייסטו לערנען חכמה? ווי איז צו דיר און ווי איז צו מיינע יונגע יאָרן. פייגע־מירעלע הייסט מיר פאָרן קיין ישׂראל, הייסט זי מיר. אַז פאָרן זאָל זי, כ׳וואָלט שוין איר געזאָגט וווּהין. אָבער נאָך דעם ווי מ׳האָט, נעבעך, אַזוי פיל יידן אומגעבראַכט, איז אַפילו אַזאַ גאָרנישט, אַזאַ פּאַסקודסטווע, אויך אַ מענטש. זי וויל, חיים־יאַנקלס „שאָנהייט״, אַז איך זאָל פאָרן זיך פּרעגלען אין יענעם הייסן קלימאַט? איך, אַזאַ דעליקאַטנע אָסאָבע, וואָס מיין מאַמע „אָלעשאָלעם״ האָט מיר אַפילו אַ פעדער פון דער ערד נישט געלאָזט אויפהויבן. נו, און דו? ענגעליש קענסטו טאַקע נישט. און לשון קודש קענסטו יאָ? אייזעלע מיינס, אויף וועמען וועסטו רייטן? ווילסט נעמען אַ ביישפּיל פון אברהם אבינו? זיין ווייב שׂרה, אַ ליכטיקן „גן־איידעם״ זאָל זי האָבן, האָט געהאַט אַזעלכע „זאַפּאַטשעבאָוואַניעס״ ווי איך? דו ווילסט, אַז איך זאָל זיך אויך אַרויסהעלפן מיט מלאכים, ווילסטו? ביי מיר וועסטו דאָס נישט פועלן. אדרבה, פאָר דו קיין ישׂראל און איך וועל פאָרן קיין אַמעריקע.

נו, האָב איך אַ ברירה געהאַט? ווייסט דאָך, כ׳האָב מיך געלאָזט אין סעמס מדינה. און איך שטעק דאָרטן ווי אַ פליג אין האָניק — ס׳איז מיר אַזוי ביטער, אַז ווען מיין טאַטע וואָלט געוווּסט ווי עס האַלט מיט זיין בנאָק, וואָלט ער זיך צען מאָל איבערגעדרייט אין קבר.

און דאָ קום איך צום „והשנית״.

ווי כ׳האָב שוין דיר אַ מאָל געשריבן, מיין טייערער קוזין — דעמאָלט, ווען מיין בכור איז געוואָרן בר־מצווה — האָט מיר מיין פּעסעלע געשענקט אַ זון און אַ טאָכטער. צוויי קינדער — בּאַרליאַנטן, כ׳מיין, ווען זיי זענען געווען קליין. מיין ראָבערט, געדענק איך, האָט אָנגעמאָסטן די „תבילן״ און אויסגעשריגן פון גרויס פרייד: אָ, וואָס פאַראַ שיינע „קלעצלעך״ מיט לאַנגע לייצעס!... איך האָב אים געפּראַוועט אַ בר־מצווה אין שענסטן זאַל פון ניו־יאָרק. און דער טאָכטער, עלינאָרע — זאָלסט אָנקוקן אַ מויד „קאַנענאָרע״ — האָב איך אויך געפּראַוועט בר־מצווה. ווייַן האָט זיך געגאָסן... ווי זאָגט מען דאָס: ווי אין ים המלח... זעסטו: מ׳דאַרף דאָ נישט האָבן קיין קאָפּ. מזל דאַרף מען האָבן! אָבער וואָס? און דאָ טאַקע קום איך צום טראָוועריקן ענין:

ווי נאָר די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן זענען זיי באַלד געוואָרן מענטשן פאַר זיך. ס׳הייסט, ווי נאָר זיי האָבן ביי מיר געפּאַקט אַ פּאָר דאָלאָר האָבן זיי דאָס געלט גענומען פאַר זיך. מיין ראָבערטל איז גאָר אַ ספּעץ אויף אַזעלכע זאַכן. געלט — זאָגט ער — איז בלאָטע. כל זמן אַ מענטש האָט עס, דאַרף ער לעבן אַ גוטן טאָג. און איך — האַלט ער — האָב גענוג די דאָזיקע בלאָטע. אַ פּנים האָט ער אַזאַ ווי זיין שוועסטער עלינאָרע און באַוואַקסן איז ער נאָך מער פון איר. ווייס איך נישט, גלויב מיר, ווער ס׳איז „ער״ און ווער ס׳איז „זי״. וואָס איז די נפקא מינה? זיי זענען שוין ביידע אַוועק פון שטוב.

איין מאָל קומט צו מיר מיין זון מיט אַ שמחה:

— טאַטע — זאָגט ער — קענסט מיר אָפּגעבן מזל־טוב. כ׳האָב שוין חתונה געהאַט.

— חתונה געהאַט?! — שריי איך אויס ווי אַן אָפּגעבריטער — ווען, וואָס, מיט וועמען?

— מיט אַ נעגערקע, טאַטעניו, אַזאַ ליכטיק מזל זאָל איך האָבן — לאַכט ער מיר גלייך אין פּנים אַריין. זי איז אַזוי סעקסיש ווי די מלכּת שבא. איך האָב זי אַ מאָל געזען אין סינימאַ. דאַכט זיך, אַז כ׳האָב נאָך געמאַכט אַ בעסער געשעפט ווי דער קינג סאָלאָמאָן. יענע איז געווען אַן אַלטע און מיינע איז אַ יונגע. אַן אמתער שוואַרצער בריליאַנט, וואָס שיינט אַרויס פונעם חושך.

— זי איז דאָך אַ גויע — זאָג איך צו מיין בנאָק, — און דו ביסט אַ ייד. ווי איז דאָס מעגלעך?

— קודם איז זי נישט קיין גויע, נאָר אַ שיקסע — זאָגט ראָבערט — און צווייטנס, אַז איך וועל איר זאָגן, וועט זי זיך „שמדן" אויף אַ יידישקע. חוץ דעם, האָט זי גאָט שוין געגנוג געשטראָפט מיט דעם, וואָס זי איז שוואַרץ, דאַרף זי נאָך זיין אַ יידישקע אויך ? און אַז כ׳וועל נעמען אַ ווייסע, וועט זי דען ביי מיר נישט פאַרשוואַרצט ווערן ? וואָס איז די נפקא מינה, טאַטע ? דער עיקר : גיב מיר עטלעכע טויזנט דאָלאַר, ווייל מיר פאָרן איצט אַרויס פראַוווען דעם האָניק־חודש.

ווען מיין פעסעלע האָט דאָס דערהערט, האָט זי געגומען חלשן. כ׳האָב געמיינט : שוין ! זי וועט זיך אויסענדיקן. שטייט דאָך אָבער ערגעץ געשריבן, אַז גאָט האָט געגעבן כוח דער חיה און דער בהמה — איז זי געקומען צו זיך. און אַפילו שפּעטער, ווען איר טעכטערל עלינאָרע האָט געבראַכט אַ שייגעץ אין שטוב אַריין, האָט זי, די מאַמע, יאַקאָש דאָס איבערגעלעבט. אָבער וואָס זאָל איך דיר זאָגן ? ס׳טעכטערל ליגט דאָרט, ערגעץ, מיטן שייגעץ — זי האָט מיט אים חתונה געהאַט — און מיינע, פעסעלע מיין איך, ליגט נעבעך אין געהאַקטע צרות. איצט זעט זי ערשט וואָס זי האָט אָפּגעטאָן, ווען זי האָט זיך איינגעשפּאַרט ווי בלעמס אייזל און נישט געלאָזט מיר פאָרן קיין ישראל.

אַנומלטן, ווען כ׳האָב געגומען, סתם אַזוי, אונטערברומען דאָס אַלטע לידל, וואָס מ׳האָט אַ מאָל געזונגען אין יאַכנעדראַלעווקע, „ווו, ווו, ווו זענען מיינע קינדערלעך, ווו ?..." איז מיין פעסעלע אַוועקגעפאַלן אויף דער פאַדלאָגע און כ׳האָב געמיינט, אַז צו אַלע מיינע גליקן וועל איך נאָך ווערן, חלילה, אַן אַלמן אויך. מאַטעלע, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, אַזאַ יום־כיפור איז נאָך ביי מיר אין שטוב נישט געווען. ווען איך האָב זי אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער, האָט זי געגומען שוויצן. דערנאָך האָט זי זיך פּאַוואָליע אויפגעהויבן און געגומען מורמלען, אַזוי ווי אַ מענטש, וואָס קלייבט זיך שוין אַריבערצושפּאַנען די שוועל אויף יענער וועלט :

— מאַטעלע, לאָמיר אַלץ איבערלאָזן און פאָרן קיין ישראל... כ׳וועל גיין צו דער מאַמע אונדזערער, צו רחלען... זי וויינט דאָרט, וועלן מיר וויינען צוזאַמען... כ׳וועל פאָרן צום כותל המערבי, צו ר׳ מאיר בעל־הנס. איך וויל תשובה טאָן... פאַרדעקן מיינע זינד וואָס כ׳האָב דעמאָלט נישט געפאָלגט יענע שטיק... פייגע־מירעלען חיים־יאַנקלס, און נישט געפאָרן אין הייליקן לאַנד אַריין... ווו זענען מיינע קינדער, ווו ?... — האָט זי זיך צעהעשעט

— פאַרלאָרן. אונדזערע עלטערן וועלן דאָס נישט איבערלעבן אין גיהנום.. מאָטעלע, איך וויל קיין ישראל...

אַז כ׳האָב מיין פייגע־מירעלען געגעבן דעם בריוו, האָט זי אים שנעל איבערגעלייענט און דערביי געגומען שאָקלען מיטן קאָפּ:

— אַזאַ שטיק פערד, אַזאַ תמעוואַטע בהמה! איך האָב דאָך אים געוואָרנט... זע, וואָס ס׳איז, נעבעך, געוואָרן פון מאָטעלען! אַפילו אויף איר, אויף זיין קליפּע, האָב איך אויך רחמנות ווי אויף אַ שטומע צונג. נעבעך, געהאָדעוועט קינדער און וואָס איז פון זיי געוואָרן. אַמעריטשקע, אַ לאַנד, נישט געדאַכט זאָל עס ווערן!...

וואָס האָט מען צו אונדז?

מיין קוזין שמואל־יאָסל פון טשיקאַגאָ, האָט מיר אַריינגעשיקט אַ בריוו. ער איז אַזוי לאַנג, דער דאָזיקער בריוו און געשריבן מיט אַזעלכע קאָטשע־רעס און לאָפּאַטעס, אַז איך האָב געמוזט קאַליע מאַכן אַ גאַנצן אָוונט, ביז כ'בין פון אים, אַרויסגעקראָכן. און ער, שמואל־יאָסל, האָט צו מיר רק טענות. אָבער לאָמיר אים אַליין לאָזן רעדן.

ליבער קוזין — שרייבט ער צווישן אַנדערן — דיין ווייב, דיינע איידעמס און שנורן, מחותנים און מחותנתטעס — אויב דו האָסט נאָר אַזעלכע — זאָלן לעבן און געזונט זיין ביז הונדערט מיט נײַנצן יאָר. און דו — ביז הונדערט מיט צוואַנציק, אַז דו זאָלסט האָבן כאָטש איין גוט יאָר אין דיין לעבן. ווייל איך ווייס. אַז תּמיד ביסטו געווען אַ שלימזל, אַ לאָ־יוצלח, אַ גאָרנישט, אַ פּוילאַק — זאָלסט מיר מוחל זיין פאַרן אמת. מוז איך דיר העלפן מיט דעם, וואָס כאָטשבי צוועלף חדשים וועסטו האָבן גוטע. ביסט דאָך פאָרט מיינער אַ קוזין, אייגן בלוט און פלייש. דיין טאַטע סרוליע און מיין טאַטע זעליק „זאָזוליע" — אַ ליכטיקן גן־עדן זאָלן זיי ביידע האָבן — זענען דאָך געווען לייבלעכע ברידער. דו ביסט אַוועק קיין ישׂראל בויען אַ יידישע מדינה און איך בין געפאָרן אין אַ גרייטער מדינה, וואָס גוטיים האָבן פאַר מיר שוין געהאַט אויפגעבויט. ווייס איך נישט ווער עס איז בעסער: מיר — צי דיר. אמת טאַקע, כ'האָב מיך גוט אָנגעמאָרדעוועט ביז כ'בין געקומען צו עפּעס. מיין „סטאָר" איז ווערט אַ סך געלט. מענטשן זאָגן אַז כ'האָב די ווערט אַ מיליאָן. מיינסט, אַז כ'זיץ טאָג און נאַכט און צייל דאָס געלט? גלויב מיר, כ'זע נישט קיין גראָשן פאַר די אויגן. אַלץ אין באַנק. איך האָב אַ טשעק־ביכל, מיין ווייב האָט אַ טשעק־ביכל און מיינע זין האָבן טשעק־ביכלעך. אַלע שרייבן און די באַנק צאָלט — אויף מיין חשבון. איך האָרעווע טאָג און נאַכט, פּאַכע מיט דער נשמה. וויפל קרענק גאָט האָט אויסגעטראַכט כדי צו דערקוטשען דעם

מענטשן, געפינען זיי זיך ביי מיר. אָבער איך מוז דאָך האָרעווען, כּדי די פרוי מיט די קינדער זאָלן קענען אויסשטעלן טשעקן.

ליבער קוזין מיינער, כ'האָב שוין לאַנג געהאַט בדעה צו קומען קיין ישראל — נישט אויף צו באַזעצן זיך — חלילה! כ'על דיר זאָגן דעם אמת: כ'האָב נישט ליב צו לעבן צווישן יידן. איך זע דאָך ווי מ'זעט־אויס, אַז מען לעבט צווישן זיי. כ'מיין מיין פרוי מיט די קינדער. עס איז נישט! מיינע צוויי זין, מיין איך, ווערן שוין זיין מענטשן. זיי ביידע גייען אַרום מיט שיקסעס. און זיי אַליין, די בנים, כאָטש זיי זענען נאָך געמלטע, זענען שוין אויך גויים. זיי האָבן אַזאַ אַנונג אין יידישקייט ווי איך אין אַסטראָ־נאָמיע. אלא וואָס? כאָטש כ'האָב שוין געקויפט פאַר מיר און פאַר מיין פרוי אַ חשובן פּלאַץ אויפן בית־עולם אין טשיקאַגאָ — סאַמע אויבן־אָן, האָב איך געהאַט בדעה אינוועסטירן אויך עפּעס אין ישראל. כ'מיין, אַזאַ... ווי הייסט עס ביי אייך? יאָ, מיגרש, ווי איך האָב געקויפט אין טשיקאַגאָ. ווייל ווי מיין טאַטע עליו־השלום, האָט מיר אַ מאָל דערציילט, וועלן אַלע מתים זיך אָנהייבן קאַטשען קיין ישראל, ווי נאָר משיח וועט קומען. איז עס דען פאַר מיינע כּוחות זיך קאַטשען אַזש פון אַמעריקע אין הייליקן לאַנד אַריין? וואָסי, די יורשים וועלן נישט האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר אַן עראָפּלאַן, כּדי מיך אַריבערצופירן קיין ישראל צו תחיית המתים? דעם זעלבן טאָג, ווען איך פלי אַרויס פון טשיקאַגאָ אַ טויטער, קום איך דאָך אָן קיין ישראל — אַ לעבעדיקער. נישט קיין גרויסע זאַך. און ווען איך וועל, אם ירצה השם, שוין זיין אין צווייטן גלגול, וועל איך שוין וויסן ווי אַזוי צו לעבן אויף דער וועלט. קודם כּל וועל איך נישט חתונה האָבן. דערמיט אַליין האָב איך שוין געוווּנען אַ האַלב לעבן. צווייטנס, וועל איך קיינעם נישט איבערלאָזן קיין ירושה. דריטנס — וועל איך אָרגאַניזירן אַן עקספּעדיציע צום באַרג סיני כּדי צוריקצוגעבן דעם אויבערשטן די תורה. גלויב מיר, מיין ליבער קוזין, איך בין דאָך אַ ייד. אַ פאַקט! איך האָב אַפילו ליב זיך אַריינצוכאַפּן זייער אָפּט אין דער סינאַגאָגע — אין די יום כּיפּור טעג. אָבער דאָס יידישקייט דערגייט מיר שוין ביזן האַלדז. פון גרויס ליבע, וואָס גאָט האָט אונדז געשאָנקען, ווער איך שיער נישט דערשטיקט. אויף דער גאַנצער וועלט זענען דאָ מיליאַרדן גויים, ווי האָט אַ מאָל גאָט אַ זאָג־געטאָן: כּחול על שפת הים. און קיינער האָט מיט זיי נישט צו טאָן. און מיטן ביסל יידן, וואָס זענען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן אַלע צו זינגען און צו זאָגן. זיצן יידן אויף פרעמדער

ערד, זאָגט מען, אַז זיי זענען ווי אַ ווילד געוויקס אויפֿן גויאישן קערפּער; זיי זויגן־אויס דאָס בלוט פֿון די אָרנטלעכע קריסטן, עקספּלאָאַטירן זיי, ווערן נתעשר אויף זייער חשבון. קומען, ווידער, יידן אין זייער צוגעזאָגט לאַנד אויף וועלכן עס איז דאָ אַ בפירושער קאָנטראַקט שוואַרץ אויף ווייס — אין חומש, זאָגט מען, אַז זיי זענען פֿאַרכאַפּערס, אַגרעסאָרן און מען גיט די מערדער געווער אין די הענט אַריין, כּדי זיי, די יידן, צו פֿאַרטיליקן.

מיין ליבער קוזין, כ׳וואָלט דיר אַרויסגעשריבן אַלץ פֿאַדראָבנע, ווייל ס׳איז מיר זייער אָנגעזאָליעט אויפֿן האַרצן. אָבער איך בין שטאַרק ביזי, כ׳האָב קיין צייט נישט. פֿון דעסט וועגן, איינס מוז איך דיר יאָ זאָגן: איר האָט זיך, כ׳בעט דיך איבער, באַנאַרישט. שוין געהאַלטן גוט, געווען אַ גרויסע מדינה, אומעטום האָט מען פֿאַר אייך דרך־ארץ געהאַט, מיר זענען געווען שטאָלץ מיט אייך, האָט איר גענומען און אַוועקגעגעבן די מצרים די בר־לבֿ ליניע וואָס איר האָט געבויט פֿאַר אונדזער געלט. און דערנאָך האָט איר ווידער אַוועקגעגעבן שטיקער — דאָ און דאָרט. איצט האָט איר צו טאָן מיט די טעראָריסטן. זיי ווילן שוין אַלץ. מ׳דריקט אייך און מ׳שטיקט אייך פֿון אַלע זייטן. און גאָט, וואָס ער איז אַזאַ דערבאַרעמדיקער, אַזאַ האַרציקער, אַזאַ יושרדיקער האָט געגעבן די אַראַבער נאַפֿט און אונדז, יידן, האָט ער געגעבן די תּורה. וואָס זאָגסטו אויפֿן אויפֿטו? די אַראַבער פֿאַרמאָגן 20 מדינות און זיי ווילן איצט נאָך איינע. דאָס הייסט, אַז יידן זאָל קיין איינע אויך נישט האָבן.

הערסט, קוזין מיינער טייערער, אַ נס, וואָס אונדזער זיידע, וועלפֿל דער הינקענדיקער איז שוין געשטאָרבן מיט אַ סך יאָרן צוריק. ווייל ווען איך פּאַק אים דאָ, אין טשיקאַגאָ, וואָלט איך אים דורס געווען. פֿאַרוואָס מיינסטו? ווייל ווען ער שמדט זיך, וואָלט איך שוין איצט געווען אַ כּשרער גוי. אַ גוי גמור, אָן דאגות, אָן קאָפּ־פֿאַרדרייעניש. קיינער וואָלט מיך נישט געהאַט אין מויל, קיינער וואָלט מיך נישט גערודפֿט. וואָס איך וואָלט נישט געטאָן — וואָלט געווען כּשר וישר. אַ קלייניקייט: אַ גוי! איך וואָלט געקענט נעמען, גראַבירן, מאָרדן, פֿאַרכאַפּן, לייגן יענעם אין דר׳ערד אַריין. קיינער וואָלט אַפֿילו קיין פּיפּס נישט געטאָן. כ׳וואָלט געווען אַן ערלעכער, פֿיינער, כּשרער גוי. דער פּויפּסט וואָלט מיר געגעבן ברכות, געלויבט אין זיבעטן הימל. און ווו כ׳וואָלט געפּאַקט אַ יידן וואָלט איך אים דערגאַנגען די יאָרן, געריסן פֿון אים שטיקער. געצאַפּט דאָס בלוט. און

אַזוי וואָס בין איך? — אַ ייד. איז וואָס פאַר אַ טובה האָט מיין זיידע מיר געטאָן דערמיט?

פון דער אַנדערער זייט אָבער, אַז איך גיב אַ טראַכט וויפל הונדערטער מיליאָנען כינעזער, וויפל הונדערטער מיליאָנען הינדוסן און יאַפּאַנער עס זענען פאַראַן אין דער וועלט — און קיינער דערמאָנט זיי אַפילו נישט, ווערט מיר פריילעכער אויף דער נשמה. ווער הערט וועגן זיי? סתּם דרייען זיך אַרום מענטשן אויף גאָטס ערד ווי די מוראַשקעס — און גאָרניט. אָט לעבן זיי און אָט שטאַרבן זיי. אָבער אַז איך בין אַ ייד, קען מען מיך אין דער גאַנצער וועלט. מ׳לאָזט מיך פון מויל נישט אַרויס. איך בין באַרימט! איך דערגייי די יאָרן אַלע גויים, איך לאָז זיי נישט צו רו. זיי פייניקן זיך, זיי מאַטערן זיך מיט מיר. זיי עסן זיך אויף לעבעדיקערהייט וואָס איך עקזיסטיר, וואָס איך זשיפּע. און איך האָב זיי אַלע אין דער אדמה. און אויף צעזעצעניש אַלע שונאים לעב איך — און איך האָף נאָך זיי איבערצולעבן.

ווייסטו וואָס? מילא, כ׳וועל שוין פאַרבלייבן אַ ייד. און — קיינער הערט דאָך נישט — כ׳וואָלט געוואָלט, אַז מיינע קינדער זאָלן אויך בלייבן יידן. זיי רויִק, כ׳וועל נישט טוישן דאָס רענדל. כ׳האָב נאָר געוואָלט אַראָפּ־רעדן זיך פון האַרצן. אַז כ׳וועל קומען קיין ישׂראל, וועלן מיר שמועסן וועגן דעם.

סעם — פון דעטראָיט

— דער טעלעפאָן! אפשר וועט זיך עמעצער מטריח זיין צוצוגיין? איך האָב נאָסע הענט — האָט מיין זיסעלע „אַרויסגעזונגען" פון באָד־צימער — ווו זענט איר אַלע? — דער טעלעפאָן קלינגט!

מיין טעכטערל האָט לאַנגזאַם, אָן חשק, זיך אויפגעהויבן, גענומען דאָס טרייבל:

— אבא, דאָס מיינט מען דיך.

— וואַרט, איך וועל צוגיין — האָט זיסעלע געווישט די הענט — געוועז הפּנים ציעקאָווע צו וויסן ווער עס דאַרף אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, נאָך מיטאָג, דעם אבא, איר געטרייען מאַן, מענדעלען.

— ווער רעדט? — האָט זיסעלע אַריינגעשריגן אין טרייבל?

— איך דאַרף דעם מיסטער מענדל קוראָוואָליער.

— ווער זענט איר?

— אַ טוריסט פון אַמעריקע. איך געפין מיך איצט אין „הילטאָן"־האָטעל. כ׳בין אויך אַ קוראָוואָליער. מעגלעך, אַז אייער מאַן איז מיינס אַ משפחה.

— קען זיין — האָט זיסעלע געענטפערט זייער דעליקאַטנע.

— קען איך רעדן מיט אייער מאַן?

— ביטע זייער. אָט רוף איך אים שוין צו.

און האַלטנדיק דאָס טרייבל אין דער האַנט האָט זי געלאָזט הערן איר מוזיקאַלישע שטימע:

— מענדעלע, קום! עפּעס אַ טוריסט, דיינס אַ משפחה.

און ווען איך בין צוגעקומען, האָט זי שטילערהייט צוגעגעבן:

— אפשר עפּעס אַ גביר, אַ מיליאָנער אָדער גאָר אַ מולטי־מיליאָנער. רעד צו אים איידל. זאָל ער אונדז פאַרבעטן צו זיך...

— ביטע, דאָס בין איך, מענדעלע — האָב איך אַריינגערעדט אין טרייבל — איר זענט אַ קוראָוואָליער?

— יאָ. שמואל־חיים. היינט הייס איך סעם. דער זון פון אברהם־געצל חנה־זלאַטעס. אין שטעטל האָט מען אים גערופן „געצעלע די פּאָס". ער איז געווען, עליו השלום, נידעריק און קיילעכדיק. איך בין געראָטן אין אים ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. נאָר וואָס ? ער איז נעבעך געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס און איך בין, ברוך השם, אַ ייִד אַ עושר — אַזוי זאָגט מען. איר דאַרפט אַליין פאַרשטיין, אַז אויב איך שטיי־איין אין „הילטאָן"־האָטעל, בין איך שוין עפּעס ווערט...

— שמואל־חיים ? שאַ, עפּעס דערמאָן איך מיר. דאַכט זיך איר האָט געהאַט אַ זון... פּייוועלע האָט ער געהייסן. אַ ביסעלע געשטאַמלט... מ'האָט אים גערופן...

— פּייוועלע זאַיִקע... יאָ. ווי נאָר ער האָט אין אַמעריקע געמאַכט די ערשטע הונדערט טויזנט — האָט ער אויפגעהערט צו שטאַמלען. איך האָב שוין פון אים גאַנץ פייגע אייניקלעך. און וועמענס ביסטו ? — האָט דער טוריסט מיך געפרעגט — דיין טאַטן האָב איך דאָך אַוודאי געקענט.

— אברהם־זעליק וואָליושניק. מיר האָבן געוווינט נישט ווייט פון דער שניידערישער שיל.

— אברהם־זעליק „די גוליע" ? אַ שאלה צי איך האָב אים געקענט ! ער האָט געהאַט אַ סך זין. אויב אַזוי איז גוט. איך האָב געטראָפן אין רעכטן מיטן. ביסט נישט נאָר מיינס אַ שטעטישער, נאָר אַ קרוב אויך : נעם טאַקע דיין ווייבל און קומט ביידע צו מיר, אין האָטעל אַריין. איך וויל אייך זען אין „הילטאָן". מיר וועלן דאָ עסן אַ „לאַנטש".

דערהערט, אַז דער טוריסט פאַרבעט צו זיך אין האָטעל, איז מיין זיסעלע אַזש אויפגעשפּרונגען פון פרייד. „מענדעלע, מיר גייען !" — האָט זי אויסגערופן און גלייך צוגעלאָפן צו איר שאַפע — וואָס זאָל איך אָנטאָן ? אַ לאַנג קליידל אָדער אַ קורץ קליידל ?

און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער פון מיר האָט זי אויפן אָרט באַשלאָסן : „יאָ, אַ לאַנג קליידל, מ'עסט דאָך אַ „לאַנטש" אין „הילטאָן". וואָס איז ער — אַ יונגער, אַן אַלטער, אַ גרויש, אַן אַלמן ?"

— זאָל איך אַזוי וויסן פון ביין. ער זאָגט, אַז ער איז אַ קרוב. מירן צופאָרן, וועלן מיר זען.

נאָך דעם ווי זיסעלע האָט זיך אויסגעפּוצט, ס'האָט געדויערט נישט לאַנג — אַ וועלכע צוויי שעה — האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין אונדזער אויטאָ און געקומען אין „הילטאָן". ווען מ'האָט אונדז אָנגעוויזן אויפן

טוריסט, אויף מיין „קרוב״ שמואל־חיים קוראָוואָליער, האָט זיסעלע אַזש אַרויסגעלאָזט אַ שטילן „אוי״ און שיעור נישט אומגעפאַלן פון גרויס איבעראַשונג. מיר האָבן דערזען אַ נידעריקן, דיקן און פליכעוואַטן זקן אין אַ רויט העמדל און בלאָע, שמאָלע הויזן. ער האָט אויסגעשטרעקט צו אונדז זיינע ביידע, ציטערנדיקע הענט:

— דאָס בין איך, סעם... וועל... שמואל־חיים פון דעטראָיט. זיצט, מיינע טייערע געסט. איך וויל זאָגן: מיינע קרובים. אַזוי, אַזוי... אַ באַרג מיט אַ באַרג טרעפט זיך נישט, אָבער אַ מענטש מיט אַ מענטש — יאָ. גיי וויים, אַז איך וועל טרעפן אין תל־אביב מיינעם אַ שטעטישן, אַ קוראָוואָליער, אַ קרוב. נאָך וואָס פאַר קרוב! אברהם־זעליגס אַ זון. אוי, דיין טאַטע „די גוליע״ שטייט מיר פאַר די אויגן. אַ געל יידל מיט אַ גרויסער גוליע אויפן שטערן. דער וואַלושניק. און דו ביסט זיין זון. ווי רופט מען דיך?

— מענדל.

— און ווער איז די דאָזיקע יפהפיה?

— מיין ווייב.

— האָסט אַ גוטן געשמאַק, מענדעלע — האָט דער קרוב מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט. איך קען זיך אויף די זאַכן...

— איר זאָגט: „מיר זענען קרובים״. כ׳וואָלט וועלן וויסן ווי אַזוי — האָב איך אים געשטעלט אַ פראַגע.

— הער — האָט ער אַ גלעט געטאָן דעם פּליך — מיין טאַטנס זיידע איציק־מאיר און דיין טאַטנס באָבע הינדע די טיקערין זענען געווען גליד־שוועסטער־קינדער. ווידער, מיין ערשט ווייב, שרהלע — „אָלעשאָלעם״ — האָט זיך אָנגעקערט מיט דיין טאַטנס ווייבס אַ שוועסטער פון איר צווייטן מאַן. מיין דריט ווייב — אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן — האָט זיך אָנגעקער׳ט מיט ביילען שמואל יאָסלס, וועלכע איז געווען דיין פעטערס ערשט ווייב. היינט קענסטו שוין פאַרשטיין ווי מיר זענען געקניפּט און געבונדן. ממש נאָענטע קרובים. אייגן בלוט און פלייש.

— ווי לאַנג זענט איר אין אַמעריקע? — האָב איך אים געפרעגט.

— מער ווי דו ביסט אַלט — האָט ער אַ לאַך געטאָן — העכער פופציק יאָר. כ׳האָב אַ גרויסע שיך־פאַבריק. זיבעצן אייניקלעך, זעקס אור־אייניקלעך. געהאַט דריי ווייבער — אונדז צו לאַנגע יאָר — און איצט בין איך אַליין. ווען ס׳מאַכט זיך מיר דאָ עפּעס אַ שידוך — אָט אַזאַ, למשל, ווי דיין ווייב — וואָלט איך נאָך חתונה געהאַט צום פערטן מאָל. איך בין אַלט

אַכציק יאָר ביז הונדערט און צוואַנציק. און אונדזער מדינה איז אַלט זיבן־און־צוואַנציק. בעסער וואָלט געווען ווען ס׳איז פאַרקערט. אָבער מסתמא האָט גאָט אַזוי געוואָלט.

ער האָט זיך ראַפּטעם פאַרהאַקט. אָפּגעהוסט. אָפּגעווישט די ליפּן מיט אַ ווייס טיכל און פאַרגעזעצט.

— און וואָס טוסטו ?

— איך בין אַ זשורנאַליסט.

— און דערפון מאַכסטו אַ לעבן ?

— ברוך השם, נישט צו פאַרזינדיקן.

— כ׳פאַרשטיי : איך אַליין גיב געגנוג געלט פאַר ישראל אויף אויס־צוהאַלטן כאָטשבי אַ צען משפחות. אַז מען באַקומט יעדן יאָר אַזוי פיל מיליאָנען, קען מען זיצן און שרייבן ספרים.

ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיסעלען און געזאָגט :

— הערסט, דו ביסט אין גאַנצן געראָטן אין מיין דריט ווייב, אין ציפּ־קעלען — דיר צו לאַנגע יאָר. די זעלבע פיגור. זי איז נעבעך געשטאָרבן מיט זעקס יאָר צוריק און איבערגעלאָזט אַ גאַנצע שאַפע מיט מלבושים. אויף דיר וואָלטן זיי געווען ווי געפּאַסט. קום קיין אַמעריקע, וועל איך זיי דיר אָוועקשענקען... איך וואָלט זיי דיר אַרויסגעשיקט אַהער, אָבער איך האָב נישט קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט קיין פּעקלעך. און דיר, מענ־דעלע, וועל איך אויך שענקען מיינע אַ פּאָר קאָסטיומען, וועלכע איך טראָג שוין נישט... האָסט אַ שיינע דירה, אַ מאַשין, קינדער ?

— יאָ, ברוך השם.

— פאַר וואָס נישט ? מיר, אין אַמעריקע, גיבן דאָך געלט. אַז גאָט וועט העלפן, אַז כ׳וועל פּראַווען בר־מצווה פאַר מיינעם אַן אור־אייניקל, וועל איך קומען קיין ישראל און מיר וועלן פאַרפאָרן צו דיר. גיב מיר דיין גענויעם אַדרעס. זעסט, ביי מיר זענען קרובים אויפן ערשטן אָרט. שוין העכער פופציק יאָר ווי איך וווין אין אַמעריקע און דאָך האָב איך דיר געהאַט אין זינען. נישט נאָר אייך האָב איך אין זינען, נאָר אַלע יידן אין ישראל. איך גיב אויף די „באָנדס״, אויפן „יונייטעד דזשואיש אַפּיל״ און אַז דער אויבערשטער וועט העלפן, כ׳וועל דאָ געפינען עפּעס אַ לייַ־טישן שידוך פאַר מיינעטוועגן, וועל איך אייך אויך פאַרבעטן אויף דער חתונה.

מיין זיסעלע האָט זיך געדרייט אויפן ווייכן פאָטעל, ווי זי וואָלט

געזעסן אויף האַרטע ניס... די קאָלירן אויף איר פּנים האָבן זיך געטוישט. לסוף האָט זי נישט אויסגעהאַלטן און אויסגעשאָסן:

— מענדעלע, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן, אַז אויפן גאַז קאָכט זיך אַ טעפּל מיט זשאַרקאָיע. קיינער איז נישטאָ אין שטוב... ס׳קען נאָך חלילה אויס־ברעכן אַ שׂריפה. קום, שנעל, פיר מיך אַהיים. ווער ווייסט וואָס דאָרט האָט שוין פּאַסירט...

— איך פאָר מיט! — האָט מיין קרוב אויסגערופן — איז פאַר־ברענט געוואָרן די שטוב, וועט איר דאָך רייך ווערן, אלא ס׳האָט, חלילה, גאָרנישט פּאַסירט, וועל איך, נאָך אַזוי פיל יאָרן, פאַסמאַקעווען זיך מיט אַ היימישער זשאַרקאָיע. אַזאַ ווי מיין מאַמע פלעגט מיר צוגרייטן אויף יעדן פרייטיק־צונאַכטס. מענדעלע, האָסט אַ קאַר? גוט. איין מינוט, איך זאָג זיך נאָר אָפּ פונעם מיטאָג, וואָס איך האָב באַשטעלט. כ׳גיי שוין!...

מיט שנעלע טריט האָט זיסעלע זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג, איך בין איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ פאַרשולדיקטער, וויסנדיק וואָס פאַר אַ גזר־דין עס דערוואַרט מיר פונעם בייזן שופט. דער „זאַכלעכער באַוויַיז״, מיין קרוב, האָט פּאַוואָלינקע געשפּאַנט הינטער אונדז.

נויטיקע זאַכן

איך הייס מלך פריילעך — אַ טוריסט פון פראַנקרייך, אַ פּאַריזער. איר זענט אַמאָל געווען אין פּאַריז? אַ גאַנץ שיין שטעטל. אויף אונדז אַלעמען געזאָגט — כאָטשבי אין הונדערט יאָר אַרום. אָבער ווינטער־צייט איז קאַלט, כמורנע, די לופט איז אָנגעדראָלן מיט ווינט און מיט שניי אָדער מיט רעגן. די גאַסן — איינגעהילט אין געדיכטן נעפּל. טריב, קאַלע־מוטנע, בלאָטיק.

דערמאָן איך מיר, אַז אין אַזעלכע טעג איז אין ישראל ליכטיק. די לופט איז ציכטיק. דער הימל — בלאָ. וואַרעם. מען קאָן זיך גיין באָדן אין ים. ווער שמועסט נאָך אין אילת — דאָרט איז דאָך בכלל זומער. טאָ וואָס זשע — טראַכט איך — זאָל איך אין אַזעלכע טעג זיצן אין פּאַריז?

זעץ איך מיך אַוועק און שרייב אָן אַ בריוו צו מיין קוזין אין תל־אביב, צו בערל פריילעך. איצט הייסט ער: דב שמח. בערל — שרייב איך צו אים — איך האָב באַשלאָסן אַראָפּצוכאַפּן זיך קיין ישראל אויף אַ צוויי־דריי וואָכן. באַשטעל פאַר מיינעטוועגן אַ צימער אין „דן"־האָטעל. איך מוז מיך אָפּרוען. דערפאַר פאָר איך אָן זשאַנעטן, — אָן מיין ווייב. איך וויל נישט שלעפּן קיין פּעקלעך.

אין אַ צוויי וואָכן אַרום באַקום איך פון מיין קוזין — פון בערל פריילעך — דב שמח — אַ בריוו. ער שרייבט צו מיר אַזוי:

„מלכקע, דו טוסט ווי אַ חכם. וואָס דאַרפסטו פרירן אין פּאַריז, אַז דו קענסט זיך וואַרעמען אין ישראל. דיין שיינדעלע — זשאַנעט וועט זיך אָן עצה געבן אָן דיר. זי דאַרף דאָך אויך זיך אָפּרוען. צו וואָס דאַרפסטו האָטעלן, מלכקע? וואָסי, איך האָב נישט קיין שטוב? מיר זענען נישט מער ווי צוויי מענטשן אין פיר צימערן. און וואָס שייך די צוויי הינט אונ־דזערע — וועלן זיי דיר נישט שטערן. די ערשטע עטלעכע טעג וועלן זיי אפשר בילן, אָבער אין אַ וואָך־צוויי אַרום, וועלן זיי זיין מיט דיר די בעסטע גוטע ברידער. דער גרויסער וואָלף־הונט — „רעקס" איז לעצטנס, נישט

פאַר דיר געדאַכט, געוועזן שטאַרק קראַנק — אַזוי שרייבט ער מיר, מיין קוזין, — אָבער איצט איז ער שוין ווידער אַ מענטש. ווען ער דערהערט עמעצן גיין אויף די טרעפּ — קערט ער וועלטן. ער האָט אַ שטאַרקע באַסאָווע שטימע אָט דער דאָזיקער „רעקס", אַ געזונט אין אים. ער שפּאָרט מיר איין הונדערטער פונטן. ווייל אַז ער איז אַ שומר, — דאַרף איך נישט מאַכן קיין אַסעקוראַציע.

מלכקע, איך וועל דיר געבן אַ צימער און דו וועסט זיך אויסרוען — אַבי געזונט. מיין מלכהלע איז אַ טייערע באַלעבאָסטע — זי קויפט־איין פון טייערסטן און פון בעסטן. די פּאַריזער האָבן דאָך ליב צו פרעסן און צו זויפן. והעט זי דיר צושטעלן אַלץ, וואָס דו פאַרלאַנגסט. זי, אַז זי וויל, איז נישטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, אַז זי זאָל עס נישט באַקומען.

איבערגעלייענט דעם לאַנגן בריוו, האָב איך תּיכף מודיע געווען מיין קוזין:

„בערעלע, אַ דאַנק פאַר דער איינלאַדונג. כ'האָב שוין באַשטעלט אַ צימער. כ'וועל דיר קומען באַזוכן. לאָז גריסן מלכהלען — און „רעקסן". זיי נישט ברוגז. כ'וויל נישט זיין קרעמפּירט — און אייך דערקוטשען. ווי נאָר כ'וועל קומען קיין תּל־אביב, וועל איך צו אייך אָנקלינגען".

כ'האָב געמיינט: שוין! מיטן דאָזיקן בריוו האָט זיך געענדיקט די קאָרעספּאָנדענץ צווישן מיר און מיין קוזין. הייבט זיך נישט אָן!

אין אַ וואָך אַרום באַקום איך אַן עקספּרעס־בריוו. בערעלע בעט פון מיר אַ טובה:

„אַזוי ווי דו האַלטסט שוין ביי קומען — שרייבט ער — בעט איך דיר דו זאָלסט קויפן פאַר מיינעטוועגן עטלעכע קלייניקייטן. נישט אַזוי פאַר מיינעטוועגן — ווי פאַר מלכהלען. ביי דיר שפּילט עס נישט קיין ראָלע, אָבער פאַר אונדז איז דאָס ממש לעבנסוויכטיק — ווייסט דאָך, מלכקע, וואָס פאַר אַ שווערער מצב עס איז היינט דאָ אין לאַנד. און דאָס זענען זאַכן, וואָס מען קען זיך אָן זיי נישט באַגיין. כ'וויל נישט, חלילה, קיין געשענק פון דיר. אָבער דו קענסט עס אַריינברענגען אָן מכס, אָן צאָל. פאַרשטייסט?

און דאָ רעכנט בערעלע אויס אַ צעטל פון די „לעבנסוויכטיקע זאַכן", וואָס איך דאַרף אים ברענגען:

קאָניאַק „ביסקוויט",

וויסקי „דזשאָני וואָקער",

ליקער „שאָקאָלאַד מענטאַ“,
דריי קאַרטאָנען אַמעריקאַנער סיגאַרעטן,
עטלעכע פּעשלעך קאָרטן,
אַ גוטן טראַנזיסטאָר,
אַ קליינעם טעלעוויזיע־אַפּאַראַט.

דאָס אַלץ — שרייבט מיין קוזין — קענסטו קויפן אין פּאַריז אָדער אין „דיוטי פרי“ — גיט ער מיר אַן עצה — און אויב דו וועסט קענען מיט־ברענגען נאָך זאַכן — באַמערקט ער — איז אַדרבה ואַדרבה! כ׳על דיר נישט בלייבן שולדיק.

דערנאָך קומט אַ צעטל — „פּאַר מלכהלען“. דאָס — שטרייכט אונטער מיין קוזין — מוזסטו אַוודאי און אַוודאי ברענגען. ווייל אָן דעם טאָרסטו זיך נישט באַווייזן אין ישראל.

פּערפומען: „דזשיוואַנשי“, „איוו סאַן לאָרען“, „קאַרוועז“, (מאַ־גריף ריח) און קאָלירן צו די אויגן: „מאַקס פעקטאָר“ און „מאַרי קוואַן“. וועגן ליפּסטיק זאָלסטו פרעגן ביי דיין זשאַנעט. זי ווייסט שוין וועלכן מען באַנוצט היינט.

איצט: עלעקטרישע ראָלן צו פאַרדרייען די האָר, אַן עלעקטרישן האָר־טריקענער, אַ קליינעם גרילער צו טריקענען ברויט, אַ טאַש פון שלאַנגען־לעדער און שטאָף אויף אַן אָוונט־קליידל. אויב עס וועט זיך דיר מאַכן אַ שיינער ליס (אַ פוקס) זאָלסטו אויך קויפן. געדענק: אַלץ לוינט זיך צו ברענגען — אָבער אָן צאָל.

און צום סוף גיט ער צו:

מלכקע, די קלייניקייטן פאַר אונדז ווייס איך, אַז דו וועסט קויפן. די סך קוזינען, וואָס דו האָסט? בפרט, אַז איך וועל דיר אומקערן דאָס געלט מיט אַ דאַנק. אָבער אַ קאַמפּיוטער — אַ רעכן־מאַשינקע — (דאָ הייסט עס: „מחשב“) פאַר מיין אייניקל, מוזסטו ברענגען. זאָלסט אַפילו דאַרפן איבערקערן גאַנץ פּאַריז. ער גייט שוין, גדי׳לע, אין פינפטן קלאַס און ווען ער דאַרף מאַכן די לעקציע פון חשבון, ווייסט ער נישט מיט וואָס מ׳עסט עס. און מיט דער רעכן־מאַשינקע וועט עס אים אָנקומען לייכט. ער וועט זיך ניט דאַרפן ברעכן דעם קאָפּ. מלכקע, — גיט ער מיר צו וויסן — דאָס זעט אויס ווי אַ טראַנזיסטאָרל. מען קען עס אַריינלייגן אין בוזעם־קעשענע און קיינער וועט דיר נישט קאָנטראָלירן. אָבער עס מוז זיין פון יאַפּאַן און פון אַ רויטן קאָליר. געדענק: פון אַ רויטן קאָליר.

ווען כ׳האָב געוויזן דעם דאָזיקן בריוו מיין זשאַנעטן, האָט זי אויס־געבייטלט אַלע בייזע חלומות אויף אירע שונאימס קעפּ און צו מיר האָט זי אַזוי געזאָגט:

— מלכקע, ווייסט שוין ביי מיר זיצן דאָ אין פּאַריז. הער אַ חוצפּה פון שנאָרער! מלכהלע דעם בעקערס איז אַנדערש נישט געווינט נאָר צו „איוו סאַן־לאָרען״, צו „קאַרוון״. אַ טאַש פון שלאַנגען־לעדער דאַרף זי מען דאַרף דען אַ בעסערן שלאַנג ווי זי איז? און ער, דער כניאָק, דאַרף וויסקי מיט ליקערן. ביי זיין טאַטן, דעם בעל־עגלה איז ער אַנדערש נישט געווינט געווען. און דאָס אייניקל דאַרף רעכענען אויף אַ מאַשין, ווייל קיין קאָפּ האָט ער נישט.

זי האָט געכאַפּט דעם בריוו פון מיין קוזין, צעריסן אים אויף פּיץ־פּיצלעך און אַריינגעוואָרפן אין קאָרב אַריין.

אין אַ טאָג אַרום, ווען דער כעס איז איר אַריבער זאָג איך צו מיין ווייבעלע:

— זשאַנעט טייערע, דאַרפסט פאַרשטיין, אַז די מענטשן זענען נישט שולדיק. זיי זענען אַזוי צוגעווינט. בערעלע שרייבט, אַז אַן די דאָזיקע זאַכן קענען זיי זיך נישט באַגיין. עס איז ממש אַ לעבנס־פראַגע. און וויפל קוזינען האָב איך דען נאָך אויף דער וועלט?

אָבער מיין זשאַנעט האָט זיך נישט באַרויִקט:

— ביי אַזאַ זון ווי זיי האָבן דאָרט, ביי אַזאַ היץ דאַרף מען נאָך מאַשינקעס צום טריקענען? און אַזוי, אָן דעם, ווערט מען ניט אויסגע־טריקנט? איך בין דאָרט נישט געווען? כ׳ווייס נישט? מלכהלע דאַרף פּערפומען — דאַרף זי? גענוג אַז זי וועט זיך אויסרייבן אין דער וואַנע הער נאָר, הער: אַזאַ חוצפּה! ברענג זיי כאָטשבי גאַנץ פּאַריז!

נו, האָב איך מיר געטראַכט: צוליב אַזאַ זאַך זאָל איך נישט פאָרן קיין ישראל? און צוריקגערעדט, בערל איז דאָך פאָרט מיין לייבלעכער קוזין האָב איך געקויפט דעם אייניקל אַ קאָמפּיוטער — אָן דעם ווי קען ער לערנען? פאַר מלכהלען — די עלעקטרישע ראָלן — דאָס איז דאָך אַוודאי לעבנסוויכטיק און פאַר בערעלען — וויסקי, קאָרטן און סיגאַרעטן.

ווען איך בין אַריינגעקומען צו מיין קוזין — ער וווינט אין חולון — האָט ער זיך זייער דערפרייט. מלכהלע האָט זיך מיט מיר הייס צעקושט בערעלע האָט אַרומגענומען דעם הונט, „רעקסן״, ווייל ער האָט געבילט

מיט זיין באַסאָװער שטימע, געשטשירעט צו מיר די ציין און רק געװאָלט זיך װאַרפן אויף מיר. דאָ האָט מלכהלע זיך אַריינגעמישט:

— דב — האָט זי צו אים אַ געשריי געטאָן — פיר אַרויס דעם הונט און פאַרנעם זיך בעסער מיט דיין קוזין. אַזאַ גאַסט, אַזאַ גאַסט!

נאָך דעם װי בערעלע האָט באַזייטיקט דעם כּלב בין איך אַריין אין סאַלאָן. כ'האָב געעפנט דעם טשעמאָדאַן — און אַרויסגענומען די מתּנות.

— דאָס האָב איך אייך געבראַכט אַלס אַ מתּנה — האָב איך געזאָגט — מער האָב איך, ליידער, קיין צייט נישט געהאַט צו קויפן. אפשר אַ צװייט מאָל...

—אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד — האָט מיין קוזין אַ טיפן זיפץ געטאָן און שטיל געזאָגט: און איך האָב געמיינט, װער־װער, נאָר דו װעסט עס מיר טאָן. װען דו זאָלסט װיסן, װי מיר ביישיקן זיך אין דעם — האָט ער צוגע־געבן.

איך האָב געװאָרפן אַ בליק אויף מיין קוזינקע, אויף מלכּהלען. איך האָב באַמערקט, װי די פאַרבן אויף איר פּנים מיניען זיך. אויף די באַקן האָבן זיך באַװיזן רויטע פלעקן, אַ סימן, זי איז אין כּעס, װאָס כ'האָב נישט אויסגעפירט די באַשטעלונג. די אַנטוישונג זייערע איז געװען גרויס. איך האָב געװאָלט עפּעס זאָגן, פאַרענטפערן זיך, אָבער דאָ האָט „רעקס" זיך פּלוצלונג באַװיזן און געעפנט אויף מיר אַזאַ מויל, אַז כ'האָב געמיינט, ער װעט מיך איינשלינגען לעבעדיקערהייט. בערעלע האָט אויסגעלאָזט דעם צאָרן אויפן הונט און זיין שטימונג האָט זיך אַ ביסל געבעסערט. מען האָט מיך מכבּד געװען מיט אַ גוטער װעטשערע. אָבער דאָס עסן איז מיר נישט איינגעגאַנגען. כ'האָב געפילט, אַז לגבי די דאָזיקע מענטשן בין איך באַ־גאַנגען אַן עװלה. אַ גרויסע עװלה. זיי װעלן מיר דאָס קיין מאָל נישט מוחל זיין.

ער איז אויפגעבראַכט

די טעג האָב איך באַקומען אַ בריוו פון מיין קוזין זעליק שפּילפויגל. כאָטש ער וווינט אין ווייטן אויסטראַליע, איז אים ישראל זייער נאָענט. „איך זיץ אין מעלבורן און דו אין תּל־אָביב — שרייבט ער — ציטער איך מער פון דיר פאַרן גורל פון אונדזער לאַנד. וואָס פּאַסירט דאָרט מיט אייך — זאָגט ווייטער זעליק אין זיין בריוו — איר זענט משוגע געוואָרן? אַראָפּ פון זינען? די זיבעטע קלעפּקע איז ביי אייך קאַליע געוואָרן? אין אַזאַ צייט, ווען דער חלף ליגט ממש אויפן האַלדז, פאַרנעמט איר זיך דאָרט מיט נעכטיקע טעג, אויפן הימל אַ יאַריד, בוידעם, קלאָץ און קובעבע? איר האָט שוין נישט קיין אַנדער קאָפּ־ווייטיק ווי צו גריבלען זיך, איר זאָלט מיר מוחל זיין, אין די הויזן פון יעדן פאַרשוין, כדי צו וויסן צי ער איז יאָ אַ ייד, צי ער איז נישט קיין ייד?״

מיין קוזין זעליק גיסט פעך און שוועבל אויף אַלץ און אויף אַלעמען: „ווען איך וואָלט דיך געפּאַקט דאָ, אין מעלבורן, וואָלט איך דיך צעריסן ווי אַ הערינג — שרייבט ער ווייטער — פאַר וואָס דיך? ווייל דו שמירסט דאָך אין די גאַזעטן. דו שרייבסט די פריילעכע מעשׂיות. טאָ וואָס שווייגסטו? איי, איי, איי, איי, ווען דער גרויסער שלום־עליכם וואָלט איצט געלעבט: איי, וואָלט ער געהאַט וואָס צו שרייבן! ווי קומט יעהופּעץ, ווי קומט בויבעריק, ווי קומט כּעלם צו דעם וואָס איר פּראַוועט דאָרט, אינעם הייליקן לאַנד? ער, שלום־עליכם, וואָלט איצט נישט געשריבן „שווער צו זיין אַ ייד״, נאָר: „ווער איז אַ ייד״. יידן וואָלטן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער. אָבער איך, דאָ אין מעלבורן, לאַך נישט. גלייב מיר, איך שעם מיך אויפצוהייבן די אויגן.

„איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, ליבער שמואל־יאָסל — דאָס מיינט ער מיך — נאָך מיט יאָרן צוריק האָב איך געהאַט אַ מחשבה צו פאַרלאָזן דאָס גוטע לעבן אין אויסטראַליע, די צוועלף צימערן מיט די צוויי דינסטן — און באַזעצן זיך אין הייליקן לאַנד. ס׳הייסט, מאַטערן זיך, ווי איר אַלע

מאַטערט זיך דאָרט. וואָסזשע האַלט מיך דערפון אָפּ — ווילסטו וויסן ? — טאַקע דאָס, וואָס איך וויל פאַרבלייבן אַן איבערגעגעבענער, געטרייער ציוניסט. איך וויל מיך נישט אַנטווישן. דו פאַרשטייסט מיך ? פון דער ווייטנס זעט יעדע זאַך אויס שענער, בעסער, צוציִענדיקער. ווילסט אַ משל ? אַדרבה, נעם מיין שׂרה־פייגעלען. דו געדענקסט וואָס פאַר אַ שיינהייט זי איז געווען ? דו אַליין האָסט דאָך איינגענומען די ניכפּה נאָך איר. ווען איך האָב זי געזען פון דער ווייטנס, האָב איך געמיינט איך קראַפּיר. ס׳האָט מיך צו איר אַזוי געצויגן, ווי מיט אייזערנע קייטן. און אַמאָל, ווייסט דאָך: כּל־זמן כ׳בין נישט געשטאַנען מיט איר אונטער די פיר דרענגלעך, האָב איך נישט געטאָרט זיך צורירן צו איר. איין מאָל, ווען איך בין אַריין צו איר אין שטוב, האָט זי מיך יאָ געלאָזט אַ קוש טאָן... די מזוזה. זי האָט פאַר מיר געשיינט ווי אַ לעבל ראָזעווע ברויט אין דער פאַנטאַזיע פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט קיין ביסן אין זיין מויל. פאַר איר בין איך גרייט געווען צו גיין אין פייער און אין וואַסער אַריין. אָבער ווען כ׳האָב מיט איר חתונה געהאַט, זי איז געוואָרן מיין ווייב, איז די גאַנצע פאַנטאַזיע, דער גאַנצער חלום מיינער, פאַרשוווּנדן. פאַרשטייסט מיך ?

„וויל איך מיך בעסער קוויקן מיטן שיינעם חלום, מיט דער פאַנטאַזיע, צאָלן געלט, פירן ציוניסטישע אַרבעט, קומען פון צייט צו צייט אין לאַנד אַריין — אָבער זיצן דערווייל אין מעלבורן. קען זיין, אַז ווען כ׳וואָלט געווען אַ ביסל ייִנגער, וואָלט איך אַפילו געקומען וואָיעווען מיט די אַראַבער. אָבער געדענקען זאָלסטו, שמואל־יאָסל, אַז איך בין אַ געטרייער שותּף צום גאַנצן עסק. און דערפאַר טוט מיר אַזוי ווי, וואָס מ׳איז דורכגעפאַלן און געמוזט אַוועקגעבן דעם קאַנאַל.

מילא, ס׳האָט דאָך שוין פּאַסירט, דעם קאַנאַל מיטן גושן־לאַנד האָט מען אַוועקגעגעבן. אָבער איצט זאָג איך: סטאָפּ! מ׳דאַרף בלייבן שטיין און נישט רירן זיך מער פון אָרט. אלא וואָס ? מ׳מוז זיך גוט צוגרייטן צו אַ נייער מלחמה.

„אָבער כּדי צו זיין גרייט ווי עס דאַרף צו זיין, דאַרף מען אויפהערן צו פאַרנעמען זיך מיט נאַרישקייטן. כ׳מיין, די מעשה: „ווער איז אַ ייד״. וואָס הייסט, איר ווייסט דאָרט נישט אַזאַ קלייניקייט ? פרעגט יעדן ערשטן בעסטן גוי, וועט ער אייך זאָגן ווער ס׳איז אַ ייד. צווישן טויזנט גויים האָט אַ נאַריש שייגעצל אין פּוילן דערקענט ווער ס׳איז אַ ייד און ער האָט אים אַרויסגעגעבן די דייטשן פאַר אַ קילאָ זאַלץ.

„פאַרשטייט זיך, אַז צו דערקענען ביי אייך דאָרט, אין ישראל, צווישן אַזוי פיל אַראַבער, ווער ס׳איז אַ ייד, איז אַ ביסל שווערלעך. ווייל, ווי זאָגט מען דאָס: אַלע יוונים האָבן איין פנים. בפרט, אַז אַראַבער פּראַוועון אויך ברית מילה. אָבער דאָ קענען אונדז אַרויסהעלפן טאַקע די סאָוויעטן. זיי ווייסן גענוי ווער ס׳איז אַ ייד, אַ ציוניסט, אַן אימפּעריאַליסט, אַן אַגרעסאָר, אַ קאָסמאָפּאָליט. וואָס דאַרפסטו מער? אין פּוילן זענען דאָך שוין כמעט נישטאָ קיין יידן. אַלע שטעט זענען יידן־ריין, פון דעסט וועגן וועט אייך יעדער פּאָלאַק אָנווייזן ווער ס׳איז אַ ייד. אַזוי אויך אין דייטש־לאַנד, אין עסטרייך און אין אַ סך אַנדערע לענדער. אַ ליאַדע גויעץ ווייסט ווער ס׳איז אַ ייד און ווער ס׳איז אַ יידענע — און איר ווייסט נישט״.

און מיין קוזין זעליק ענדיקט זיין שרייבעניש אַזוי:

„שמואל־יאָסל, זע, מ׳זאָל דאָרט, אין ישראל, מאַכן אַ שטיקל טאָלק. ווייל אַז כ׳וועל מיך אָננעמען מיט כוח און אַראָפּכאַפּן זיך אין הייליקן לאַנד אַריין, וועט נישט זיין וואָס דיך מקנא צו זיין. און נישט נאָר דיך, נאָר די אַלע מנהיגים דיינע, וואָס ווייסן נישט פון זייערע הענט און פיס און פאַרשאַפן אונדז חרפּות און בושות״.

„ווי עס ווינטש דיר און גריסט דיך דיין לייבלעכער קוזין,

זעליק שפּילפויגל״

געצל לאָקש האָט טענות

איך האָב אַ קוזין אין דרום־אַפריקע. אמאָל האָט מען אים גערופן געצל „לאָקש". היינט הייסט ער: זשאָרזש סטאָן. זיין טאַטע, געדענק איך, איז געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, איין מעלה האָט ער יאָ געהאַט: יעדעס יאָר האָט אים זיין ווייב, די געלע מאַכליע, געבוירן אַ „פּיקער". געצל „לאָקש" איז — אויב כ׳האָב נישט קיין טעות — דער צענטער צי דער עלפטער. ער איז געווען אַ שוואַרץ־חנעוודיקער מיט אַ קרומער ליפּ און ליב געהאַט, ווי ס׳לעבן, לאָקשן מיט מילך. דערפאַר טאַקע האָט ער באַקומען דעם צונאָמען „לאָקש".

ווי אַזוי פון געצל „לאָקש" איז געוואָרן זשאָרזש סטאָן, איז מיר נאָך עד היום שווער צו צעקייען. אַ פאַקט איז, אַז אָט דער סטאָן איז שטיין־רייך. מען שאַצט אים אין מיליאָנען. ער האָט פאַרלוירן דעם „לאָקש" און געפונען אַ סך „לאָקשן" — דאָלאַרן און פונטן.

ווי נאָר געצל האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און מגולגל געוואָרן אין זשאָרזש סטאָן, האָט ער מיט אַ מאָל איבערגעריסן מיט זיינע אַמאָליקע שיפּיליאָוווער קרובים. ראשית, האָט סטאָן נישט געוואָלט עמעצער זאָל וויסן, אַז ער שטאַמט פון אַ קליין שטעטעלע אין וואָלין, אַ זון פון שמואל־יאָסל „פּעמפּיק". והשנית, סטאָן איז דאָך אַ נייער מענטש, טאָ וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט דער אַלטער וועלט?

בקיצור, מאַכט זיך אַ מעשה, און איינעם פון מיינע פריינד קומט אויס צו זיין אין יאָהאַנעסבורג. ער איז געפאָרן זאַמלען געלט פאַר ישראל. נאָך דער רעדע, וואָס מיין פריינד האָט דאָרט געהאַלטן, האָט מען אים פאַר־בעטן צו אַ גרויסן גביר אויף אַ באַנקעט. ווי דער שטייגער איז, האָט מען דאָרט געגעסן און געטרונקען על חשבון הגביר. נאָך דעם ווי מען האָט אָפּגעהאַלטן די רעדעס און אונטערגעשריבן די טשעקן, איז דער עולם זיך פונאַנדערגעגאַנגען. מיין פריינד איז געבעטן געוואָרן דורכן מיסטער סטאָן צו פאַרבלייבן. ער האָט אים באַוויזן דעם פּאַלאַץ, אין וועלכן ער

וווינט, די קונסט־בילדער, דאָס אַנטיק־מעבל. לסוף האָבן זיי זיך אָוועק־געזעצט און ער, סטאַן, האָט אים, דרך אגב, דערציילט, אַז שטאַמען, שטאַמט ער פון אַ קליין שטעטעלע אין וואָלין, שיפּיליאָווע הייסט עס. און זיין טאַטן האָט מען אַמאָל גערופן „פּעמפּיק״.

וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען: סטאַן האָט זיך דערוווּסט, אַז איך, זיין לייבלעכער קוזין, בין געבליבן לעבן פון דער ביטערער מלחמה און וווין אין תל־אביב. און איך האָב זיך דערוווּסט, אַז געצל „לאָקש״ — וועל זשאָרזש סטאַן געפינט זיך אין יאָהאַנעסבורג, וואָס איז איינע פון די שטעט אין דרום־אַפריקע. ער לעבט ווי אַ גביר. און איך בין נישט קיין גביר — און איך לעב אויכעט. און אַזוי ווי איך שרייב אין די גאַזעטן — האָט ער מיר צוגעשיקט זייער אַ שיינע און טייערע מתנה — אַ פּעדער.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונדז אַ בריוו־אויסטויש. איך האָב זייער אָפּט צו אים געשריבן און ער האָט מיר זייער זעלטן געענטפערט. לסוף האָט ער מיר געסטראַשעט, אַז אויב איך וועל נישט מאַכן קיין שטיקל טאָלק אין דער מדינה, וועט ער איבעררייסן די קאָרעספּאָנדענץ.

זיין לעצטער בריוו לייענט זיך אַזוי:

„מיין טייערער און האַרציקער קוזין אייזיק מיט דיין ליבער פרוי און זיסע קינדערלעך זאָלן לעבן און געזונט זיין עד מאה ועשרים, אָמן סלה.

ראשית, טו איך דיר צו וויסן, אַז דיינע אַלע לעטערס האָב איך באַ־קומען. און איך בין זייער צופרידן, וואָס איך האָב אַ קוזין, אַ טאַלאַנ־טירטן בריוו־שרייבער. וואָלסטו געקענט שרייבן אין ענגליש, וואָלט איך דיינע בריוו איבערגעלייענט אַפילו פאַר מיין פרוי און קינדער, ליידער האָב איך נישט אַזאַ טאַלאַנט. ווי דו. פון דעסטוועגן, האָב איך, דאַכט זיך, דיר געענטפערט אויף דיין לעצטן בריוו.

איצט וויל איך דיך פרעגן: וואָס קומט דאָרט פאַר ביי אייך? פריִער בין איך געווען שטאָלץ מיט ישראל, איך האָב שוין אַפילו געוואָלט שיקן מיינע ביידע זין אויף אַ באַזוך אין הייליקן לאַנד. און היינט שעם איך מיך פאַר די גויים, ווי איך וואָלט, חלילה, פּלוצלינג געוואָרן אַ יורד. יעדער שליח וואָס קומט אַהער זאַמלען געלט, כליפּעט ווי אַ יידענע, פּירט זיך אויף פּונקט ווי די קבצנים, וואָס זיצן ביי אייך, ביי דעם באַס־סטיישן, רוקן־אַרויס זייערע נאַקעטע, אויסגעדרייטע און צעקרומטע הענט און בעטן אַ נדבה. איך וויל דיר זאָגן, אייזיק, פע! זאָג דיינע פירער, אַז מיט אַזעלכע מעטאָדן איז גוט צו קלייבן קליינע נדבות, אָבער נישט צו

זאַמלען מיליאָנען. איך אַליין האָב שוין נישט געוואָלט געבן קיין געלט. פאַר וואָס? ווייל איך גיב געלט פאַר אַ שטאָלץ ישראל, פאַר אַ זיגרייכער יידישער אַרמיי, פאַר אַ גרויסער יידישער מדינה. דו פאַרשטייסט, אייזיק? איך האָב געמיינט, אַז ווען עס איז אויסגעבראָכן די יום־כּיפּור־מלחמה, וועט צה״ל נעמען גאַנץ מצרים און איך וועל קענען באַזוכן די פּיראַמידן. מיינסט, אַז בלויז איך האָב אַזוי געמיינט? אַלע האָבן געמיינט אַזוי. אַפילו די גויים. און דאָ האָט איר גענומען און אַריינגעלאָזט די מצרים קיין סיני. און האָט איר שוין יאָ געהאַט אַ שטיקל לאַנד, ווי הייסט עס? נו, דאָרט, וווהין די יידן האָבן אַמאָל עמיגרירט, אויף דער צווייטער זייט פונעם סועץ־קאַנאַל, אין וועלכן משה רבינו האָט טרוקענערהייט אַריבערגעפירט די יידן. דאָס דאָזיקע פּרוכטבאַרע לאַנד האָט איר אויך אַוועקגעגעבן — אַפילו אָן אַ מלחמה. סתּם אַזוי גענומען און אַוועקגעגעבן מיט די אייגענע הענט. אויף געבן געלט קומט איר צו אונדז, אָבער פרעגן צי מען דאַרף יאָ אַוועקגעבן, צי נישט — אויף דעם זענען מיר נישטאָ.

אייזיקל, קענסט דאָרט זאָגן דיינע חברה׳: עס וועט נישט גיין! ווער ס׳לייגט אַריין געלט אין געשעפט, וויל אויך האָבן אַ דעה.

איצט, ווען עס איז אַוועק אַ ביסל מיט דער פּוטער אַראָפּ, האָט איר דאָך אין גאַנצן פאַרלוירן דעם קאָפּ. אין אַ געשעפט איז אַזוי: אַמאָל גייט בעסער, אַמאָל ערגער. אַמאָל מאַכט מען אויך אַ שטיקל באַנקראָטל. אָבער האַלטן דאַרף מען זיך! אַפילו ווען עס גייט, חלילה, שלעכט טאָר מען נישט אַראָפּלאָזן די הענט. אַ גוטער, געניטער קאַפּיטאַן וועט תּמיד קערע־ ווען די שיף אַזוי, אַז זי זאָל גאַנץ אַרויסגיין פון אַלע טאַראַפּאַציעס. אָבער איר האָט נישט קיין קאַפּיטאַן! איר אַלע האָט, כ׳בעט דיך איבער, פאַרלוירן די קעפּ. איר לויפט אַרום צעטומלטע און איר זוכט די קישקע צו לעשן די שׂריפה. און נישטאָ איז קיין קישקע, נישטאָ קיין וואַסער, און די שׂריפה קען זיך, חלילה, נאָך מער פאַרשפּרייטן.

אייזיקל, ס׳פעלן אייך גוטע קאַפּיטאַנען! ס׳פעלן אייך געניטע פאָ־ זשאַרניקעס. וויל איך דיר פרעגן אַזאַ מין שאלה: דאַלאַרן האָט איר אייגענע? — ניין! דאָס אַלץ מוזט איר אַריינפירן פון אויסלאַנד. טאָ פאַר וואָס זאָלט איר נישט אַריינפירן קיין מנהיגים פון אויסלאַנד? ווען איר נעמט, למשל, מיך — נישט מער ווי אויף אַ שטיקל צייט, וואָלט איך דאָך איינגעפירט אַ שטיקל טאָלק אין אונדזער מדינה. און אויב נישט איך —

פעלן דען גוטע יידן, באַקאַנטע פירער, אין אַמעריקע? גיט זיי איבער די בייטש און זאָלן זיי אָנטרייבן די פערד. זיי וויסן, אייזיקל, אַז אַפילו די פערד פילן ווער עס זיצט אויף דער קעלניע. מען דאַרף האָבן כּוח אַ ציי־צו־טאָן מיט די לייצעס, אַ כוואַשטשע טאָן מיט דער בייטש, און אַזאַ איינעם האָט איר נישט. קען זיין, אַז איר האָט יאָ, אָבער איר לאָזט אים נישט צו. ביי אייך איז אַזוי: אָדער עס איז קיינער נישטאָ, אָדער אַלע יאָגן זיך צום וואָגן, ווילן זיך אויף אים אַרויפכאַפּן. איך זאָג דיר, אייזיקל, אַז ווען מיר לייענען און הערן דאָ וואָס עס טוט זיך ביי אייך, אין ישראל, שלאָגט אונדז אַ חלשות צום האַרצן. ווו נעמט מען עפּעס אַ משה רבינו, אַ דוד המלך, אַפילו כאָטשבי אַזאַ יידן ווי עס איז געווען הערצל — זיי וואָלטן שוין יאָ געוווּסט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו פירן. זענען זיי דאָך אַלע אויסגעשטאָרבן פאַר דער צייט. נישטאָ. און אַלע קלוגע יידן, זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. טאָ געפינט זיי! ברענגט זיי קיין ישראל. זאָלן זיי פירן אונדזער מדינה. אייזיק, דערבאַרעם זיך! טו עפּעס, טוט עפּעס, ווייל אַלע לאַכן דאָ אין די פויסטן פון דעם, וואָס עס קומט איצט פאַר ביי אייך".

אָט אַזוי שרייבט צו מיר מיין קוזין, זשאַרזש סטאָן. ער בעט מיך, אַז איך זאָל זיין בריוו אָפּדרוקן אין די „פּייפּערס". ער זאָגט, אַז אַפילו זיין טאַטע, שמואל־יאָסל דער „פּעמפּיק", אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, וואָלט שוין געווען אַ בעסערער גבאי ווי די דאָרטן, וואָס פּאָרען זיך אין ישראל און שלאָגן זיך פאַר גבאות".

און ער ענדיקט מיט די ווערטער:

„אייזיקל, טו מיר אַ טובה, פאָר־צו קיין ירושלים און שטופּ אַריין אַ קוויטל, אין מיין נאָמען, אין די שפּאַלטן פון כּותל המערבי, אָבער שרייב אונטער — נישט זשאָרזש סטאָן, נאָר געצל „לאָקש", מחמת דער, וואָס זיצט אויבן, קען מיך נאָך לויט מיין אַלטן נאָמען. שרייב אים, אַז ער זאָל זיך אויף אונדז מרחם זיין און אַריינגעבן אַ ביסל שׂכל אונדזערע מנהיגים אין הייליקן לאַנד. ווייל אויב זיי וועלן אַזוי ווייטער פירן ווי ביז איצט, וועט חלילה חרוב ווערן דאָס שטיקל וואַנט, וואָס איז אונדז נאָך פאַרבליבן פון די אַמאָליקע גוטע צייטן. פאַרגעס נישט: שרייב־אונטער געצל בן שמואל־יאָסל המכונה לאָקש, דק"ק יאָהאַנעסבורג".

און מיינט איר, ער האָט מיר צוגעשיקט, כאָטשבי אויף הוצאות? — אַ נעכטיקער טאָג!

אַ באַזוך

די טיר פון מיין רעדאַקציע־צימער האָט זיך האַלב געעפנט. פּאַוואָליע האָט זיך אַריינגערוקט אַ ראַנד פון אַ קאַפּעלוש, אַ נאָז, אַ קיילעכדיק, בלאַס פּנים און אַ געשטעל פון אַ דאַר, קליין מענטשעלע אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט זיך דערנענטערט, מיט שטילע טריט, צו מיין טיש. געעקבערט מיך מיט זיינע קליינע אייגעלעך און שטיל געזאָגט:

— דערקענסט מיך נישט, האַ? האָסט מיך שוין פאַרגעסן... קוק מיך גוט אָן.

איך האָב אים אָנגעקוקט אָבער געזען אַ פרעמד פּנים — צעקנייטשט, צעאַקערט, אָפּגעבליאַקעוועט. דער גרויסער, גלאַנציקער פּליך אַרומגעזוימט מיט אַ ווייסן ראַנד.

— ליידער קען איך אייך נישט. ביטע, זיצט. נישט וויכטיק ווער איר זענט. כל ישראל חברים.

ער האָט זיך נישט אַוועקגעזעצט. ווייטער געשטאַנען פון דער אַנדערער זייט טיש, געבויערט מיך מיט זיינע קליינע אייגעלעך און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אוי ווי, ווי, וואָס פון דיר איז, נעבעך, געוואָרן. דערקענסט שוין אַפילו קיין מענטש נישט. דיין בעסטן חבר דיינעם... און ווי לאַנג האָסטו מיך נישט געזען — אַזוי ווי נעכטן איז דאָס געווען... אין גאַנצן אַ יאָר פערציק... ווי ווערט מען דאָס אַזוי אָפּגעפרעמדט?...

— איר קענט מיך?

— וואָס הייסט קענען? ווען מ׳שינדט דיך אָפּ וואָלט איך דיך אויך דערקענט. אַ פייער זוכט דיך! האָסט זיך גאָר נישט געענדערט! הפּנים, דו האָסט אַ גוט ווייב, זי פּילנעוועט דיך. און קינדער וויפל האָסטו? מסתּמא אַ טוץ. איר דאַרפט דאָך דאָ עולים, דאַרפט איר... און אויסהאַלטן, האַלטן מיר דאָך זיי אויס. כ׳מיין די יידן פון דער גאַנצער וועלט.

— זייט מוחל, זאָג איך, איר ר׳עדט צו מיר ווי צו אַ גוטן באַקאַנטן,

אַבער...

— וואָס אָבער — רייסט ער מיר איבער — האָבער גיט מען די פערד. איציקל, מאַך זיך נישט תּמעוואַטע, שפּיל נישט דעם בלינדן מאיר. ס׳פּאַסט דיר נישט? ביסט געוואָרן אַ גרויסער גביר? רעד אַ וואָרט. מירקע גיב לשון!

— באמת, איך ווייס נישט. אַזוי פיל יאָרן, מלחמות... נע־ונד... צרות, פאַרדרייעניש. ווער קען געדענקען?

— דאָס שטעטל קוראָוואָליע געדענקסטו?

— קוראָוואָליע? — אַ שיינע מעשׂה! ווער קען דאָס נישט די וואָלינער קוראָוואָליע? איך בין דאָך דאָרט געבוירן געוואָרן.

— גוט — זאָגט ער — זענען מיר שוין אויף אַ שטיקל דרך. און אַ סטאָליער מיטן נאָמען מאָטל „דער לאָמער״ געדענקסטו?

— מאָטל „דער לאָמער״? דער, וואָס האָט געהאַט זיין סטאָלערײַ ביי דער באָד?

— אָט־אָט — טאַקע דער. דאָס איז געווען מיין זיידע. און יאָסל „די גוליע״ איז געווען זיין זון.

— יאָסל „די גוליע״? יאָ, איך דערמאָן מיך שוין. ער האָט געהאַט אַ גוליע אויפן שטערן... דערפאַר, האָט ער תּמיד געטראָגן אַ גרויס היטל. געווען נישט קיין איבעריקער חכם. ער האָט חתונה געהאַט, געדענק איך, מיט פעסעלען, דעם בעדערס טאָכטער. אַ דיקע איז זי געווען, אַ צעגאַסענע, מיט אַ רויט פּנים. מ׳האָט זי גערופן „פעסעלע דאָס פעסעלע״...

— אָט די „פעסעלע דאָס פעסעלע״ איז געווען מיין מאַמע...

— אַזוי?! ביסטו, הייסט עס, בערל?

— כמעט געטראָפן. מיין נאָמען הייבט זיך טאַקע אָן מיט אַ „בית״ — פּיניע.

— פּיניע דער געלער, דאָס ביסטו? טאָ ווי קען איך דיך דערקענען, אַז דו ביסט גאָר געוואָרן פּיניע דער ווייסער. או וואַ, אַ ביסל יאָרן אַריבער. און דאָס איז פּיניע דער געלער!

— און דאָס איז איציק דער לאַנגער... די וועלט האָט זיך געענדערט, די מענטשן האָבן זיך געענדערט און דו, איציקל, ביסט געבליבן דער זעלבער. איך געדענק נאָך דיינע אַמאָליקע שמירעכצן. האָסט געהאַט אַ טבע צו באַשרייבן מענטשן, צעשמירן אין די גאַזעטן. מ׳האָט פאַר דיר

דעמאָלט מורא געהאַט ווי פאַר דעם משוגענעם וואַסער־טרעגער, פאַר יאָנטלען דעם הינקענדיקן.

— פון וואַנען קומסטו איצט?

— וואָס הייסט פון וואַנען? פון אויסטראַליע. געקומען צו גאַסט אין אונדזער לאַנד. כ׳האָב דאָ אַ גאַנץ גרויסן חלק. ווייסט כאָטש וויפל איך גיב פאַר ישראל?

— וויפל?

— נאָך מער! בין איך געקומען זען, וואָס מ׳האָט דאָ אויפגעטאָן מיט מיין געלט. ווערדליק מיר, די יידן אין אויסלאַנד גיבן מיליאָנען, וואָלט שוין דאָ געדאַרפט זיין אַן אַמעריקע. יעדער ייד וואָס וווינט דאָ, וואָלט זיך געדאַרפט באָדן אין גאָלד. און יעדע יידענע וואָלט געדאַרפט פאָרן אין גאָלדענע קאַרעטעס, אַזוי ווי די ענגלישע קעניגין. איך אַליין, האָב דאָך שוין דאָ אַריינגעבראַקט אַ פאַרמעגן. מיר לייגן אַריין — און איר באַגראָבט. ווען געלט וואָלט געקענט וואַקסן, למשל, אַזוי ווי קאַרטאָפלעס, וואָלט דאָ געווען יענץ גערעטעניש!

איך האָב אָנגעקוקט מיין אַמאָליקן חבר וואָס איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַן אַלטן יידן, און עפּעס נישט געגלייבט, אַז דאָס איז פיניע „ממזר״, דאָס פאַרשייטע יינגל, וואָס איז אַמאָל געקראָכן ממש אויף גלייכע ווענט.

— זעסט, איציקל, האָט ער געזאָגט — דאָס רעדל דרייט זיך, מיר פאָרן ווייטער אין דער עלטער אַריין. קוק אָן וואָס פון פיניען איז געוואָרן. אַ שברי־כלי. אַ שטשאַפּע, וואָס מ׳קען פון איר גאָר נישט מאַכן. גע־דענקסט, ווי מיר האָבן אַמאָל גערודעוועט? געקערט וועלטן! דערמאָנסט זיך, ווען מיר זענען געשטאַנען צום פּריזיוו? גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן, זיך געפּייניקט, מ׳זאָל אונדז אויסבראַקעווען. וויפל טשאָלנטער האָבן מיר אַרויסגעגנבעט און אויפגעפרעסן? און ווי אַזוי מיר האָבן אברהם־יאָסלס, דעם איזוואָשטשיקס וואָגן, אַרויפגעשלעפּט אויפן דאַך, ווייל ער האָט אונדז נישט געוואָלט געבן קיין טשאָלנט — געדענקסטו? געווען אַ לעבן, האַ? און איצט פאַרט מען שוין פונעם יאַריד. מ׳קען שוין נישט הייבן קיין פוס. דאָ טוט וויי, דאָרט שטעכט. מ׳טויג שוין צום כ׳בעט־דיך־איבער. אָבער דו, איציקל, ביסט נאָך געבליבן דער זעלבער פאַרשוין. אַפילו צווישן אַ סטאַדע פערד וואָלט איך דיך דערקענט. האָסט, דאַכט זיך, געלאָמט אויף אַ פוס.

— יאָ, צום פּריזיוו. כ׳האָב מיר „געמאַכט״ אַ חסרון. מיין טאַטע, עליו השלום, האָט מיר פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל אַראָפּנעמען דעם רעכטן פינ־גער, פון דעם לינקן פוס, אַזוי ווי ער האָט עס אַמאָל געטאָן, כּדי נישט צו גיין דינען דעם צאַר. מיין מאַמע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, האָט נישט געלאָזט. זי האָט געטענהט: דיין בנאָק איז שוין, ברוך השם, אַ קאַליקע אויפן קאָפּ, ווילסטו נאָך, אַז ער זאָל זיין אַ קאַליקע אויפן פוס אויך? נו, האָב איך מיר געמאַכט נאָר אַ שטיקל חסרון אויף ציינטווייליק, און שפּעטער איז דאָס מיר אַריבער.

— שאַדט נישט, האָסט זיך גוט ספּראַוועט — מאַכט פּיניע — איך לייען דיינע אַרטיקלען — ביסט געוואָרן אַ גאַנצער „שראַבער״. יענע וואָך — זאָגט ער — האָב איך געלייענט דיין גרויסן אַרטיקל וועגן קליינעם מענ־טשעלע. אויסגעצייכנט! דער עיקר — דער אָנהייב. גאָלד מיט ברילִיאַנטן! פּערל! ער איז געווען אַזוי גוט, אַזוי אויסגעמייסטערעוועט ווי אַ טייערע שפּיגל־שאַפע. זאָג מיר, איציקל, ביי וועמען האָסטו אים געלקחנט? כ׳האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט דיין שרייבעכץ. עס איז צו גוט פאַר דיר. פון וואַנען קומען צו דיר אַזעלכע פרעמדע ווערטער ווי „קאָנסטיטור־ציע״, „רעזאָלוציע״, „דעטאַנט״. אין קוראַוואַליע האָט מען אַזוי נישט גע־רעדט. איציקל, איי ביסטו, אַ גנב! מיט דעם האָסטו זיך אויך נישט געענ־דערט.

— אָבער — זאָגט ער — כ׳האָב צו דיר אַ סך טענות! קודם כּל רעדט איר דאָ מער ווי איר טוט. והשנית, איר ווילט, אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן דעם גלות און קומען אַהער. טאָ זיי וויסן, אַז פאַרן פאָרן אַהער, האָב איך מיך געזעגנט מיט מיין ווייב און קינדער, מיט דער משפּחה און אַלע האָבן מיך באַוויינט אַזוי, ווי כ׳וואָלט געפאָרן אויפן פראָנט. דאָרט מיינט מען דאָך, אַז דאָ גייט ווייטער די מלחמה. נאָ, גיב אַ קוק, אָט טראָג איך אַ קאָמזויל קעגן קוילן. אָבער נישט אַלע יידן זענען אַזעלכע העלדן ווי איך. זיי האָבן מורא צו קומען.

איצט נאָך אַ זאַך — זעצט־פאָר פּיניע — אייער פּרעמיער זאָגט און אַלע מיניסטאָרן זאָגן, אַז מ׳וועט זיך צוריקציִען, מ׳וועט אָפּגעבן, מ׳וועט פאַרלאָזן שטחים. מילא, ווען מ׳פרעגט מיך, למשל, וואָלט איך געגעבן אַן אַנדער עצה. אָבער נישט וועגן דעם גייט מיר. נאָך צוויי טויזנט יאָר האָבן מיר, מיט גאָטס הילף, צוריק באַקומען אונדזערע הייליקע מקומות — דעם כּותל המערבי, רחלס קבר, די מערת המכפּלה. קיסינדזשער וועט דאָס אַלץ

אַוודאי הייסן צוריקגעבן. טאָ פאַר וואָס זשע נעמט מען נישט די הייליקע מקומות און מ׳פירט זיי נישט אַריבער, באַצייטנס, קיין תל־אביב? אויף וואָס וואַרט מען? אַז זיי זאָלן ווידער אַריינפאַלן אין אַראַבישע הענט? מיר האָבן דען כּוח צו וואַרטן נאָך צוויי טויזנט יאָר כּדי זיי ווידער אַמאָל צו באַפרייען? אָט וועגן די זאַכן — זאָגט ער — דאַרפט איר שרייבן. דאָס דאַרפט איר טאָן. און וועגן דעם טאַקע וויל איך רעדן מיט אייער פּרעמיער. נישקשה, ער מעג מיך אויסהערן. דאָס דאָזיקע לענדעלע קאָסט מיך געננוג. און ווער ס׳גיט די מאה דאַרף אויך האָבן די דעה. וואָס זאָגסטו, איציקל, בין איך נישט גערעכט?

דאָס רעדל דרייט זיך

אַ שמועס אין גיהנום

זינט די אַראַבער האָבן איינגעפירט זייער נאַפט־טעראָר פעלט אויס ברענשטאָף אין גיהנום. אַנומלטן האָט זיך, צוליב דעם, געמאַכט אַ גרויסע הפסקה אין דער אַרבעט: נישט געווען קיין סמאָלע. זענען אייניקע סטאַבילע איינוווינער פון גיהנום אַרויס פון די פעסלעך, אויסגעגלייכט זיך די ביינער און אַוועקגעזעצט זיך אין אַ ווינקל שמועסן.

דער ראש המדברים איז געווען אַדאָלף היטלער, ימח שמו. זיין פנים האָט אויסגעזען ווי אַן אָפגעבערענט, געגלייסט טעפל. די וואָנצעלעך — אָפגעסמאַליעט; די טשופרינע — פאַרברענט. ער האָט אויסגעזען אַזוי פאַרחושכט, אַז אַ שענערן פון אים לייגט מען אין דר׳ערד אַריין. נעבן אים איז געזעסן סטאַלין מיט אַ פנים פון אַן אָפגעפליקט הינדל. ער האָט געהאַלטן אין איין שלוקערצן. דאָס האָט ער אַזוי געגעבן צו וויסן זיין יורש, ברעזשניעוון, אַז ער, דער טאַטע פון די פעלקער, איז נאָך דאָ. צו זיי האָט זיך צוגעשאַרט אונדזער אַלט־באַקאַנטער המן. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ גרעגער און אַן אייזערנעם המן־טאַש.

— נו, חברה — האָט ער געזאָגט צום געזינדל — מ׳רוט זיך אָפ! דאָס האָט מען צו פאַרדאַנקען די אַראַבער. ווען נישט זיי, וואָלטן מיר זיך ווייטער געבראָטן אין דער סמאָלע. לויט ווי עס גייט, וועלן מיר, דאַכט זיך, אָפט האָבן אַזעלכע הפסקות. כ׳האָב געהערט, אַז זיי גייען שוין ווידער העכערן דעם פרייז פון ברענשטאָף. דאַכט זיך, אַז דער גאַנצער גיהנום וועט בלייבן שטיין. די מלאכי־חבלה וועלן טאַפן אַ וואַנט: אויס צוגאָבשעהן, אויס מתנהלעך פון אונטערן טיש. זיי וועלן דאַרפן איינציִען דעם פאַסעק.

— דעם יום־טוב האָבן מיר געמאַכט — האָט סטאַלין געזאָגט און דערביי אַ שלוקערץ געטאָן. מיינע מענטשן, מיין יורש, לעאָנידקע, האָט אָנגערייצט די אַראַבער, געלערנט זיי וואָס צו טאָן. ער איז אַ כיטרער רוס, דער דאָזיקער ברעזשניעוו. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיטן אַראַבישן נאַפט

קען ער מער געווינען ווי מיט צענדליקער רעוואָלוציעס. גאַנץ אייראָפּע וועט ער אָנוועקלייגן אויף די לאָפּאַטקעס. די וועלט טראַכט, אַז ער מיינט ישראל, די יעווריעס, העלפט מען אים צו, דעם יורש מיינעם. אָבער דער כיטרער מוזשיטשאָק מיינט גאָר עפּעס אַנדערש — כאַ־כאַ־כאַ.

סטאַלין האָט צעעפנט זיין מויל וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַראַדזע־טער קוימען. היטלער האָט געכיכיקעט:

— ווירקליך, קאָלעגע — האָט ער געזאָגט און אַ מאַך געטאָן מיט דער רעכטער האַנט, ווי מיט אַ האַלעוועשקע, אויף „הייל" — נאָר איך האָב געמיינט ערנסט מיט די יודען — האָט ער צוגעגעבן — אויך דעמאָלט האָט מיר די גאַנצע וועלט געוואָלט העלפן זיי „אויסצוזידלען". אַפילו ענגלאַנד און אַמעריקע... אַלע האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון די יודען...

— און דיך האָט מען אַרויסגעשטעלט — האָט זיך אַנגערופן המן — ביסט געגאַנגען וואָיעווען מיט יידן, וואָס זשע האָסטו אויפגעטאָן? האָסט געהאַט דעם זעלבן סוף וואָס איך: מיר ליגן ביידע אין דר׳ערד און פּרעג־לען זיך אין גיהנום. מילא, מיר איז כאָטש געבליבן דער גרעגער מיטן המן־טאַש. און וואָס האָסטו? — קרענק מיט קדחת. מיך האָט מען כאָטש אויפגעהאָנגען ווי אַ מענטש, און דו האָסט זיך אַליין אַריינגעקנאַלט אַ קויל אין קאָפּ. ביסט געגאַנגען וואָיעווען מיט יידן, אַך און וויי איז צו דיר. האָסט דאָך געוווסט וואָס פאַר אַ סוף איך האָב געהאַט, טאָ צו וואָס ביסטו געקראָכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט? ביסט משוגע געוואָרן?

— און איך, סטאַלין, האָב מיך אויך פאַרנומען מיט די זשידעס, איזווי־ניטיע, מיט די יעווריעס. כ׳האָב אויסגעטראַכט אַ שטיקל בלבול מיט די יידישע דאָקטוירים. נו, איז וואָס געוואָרן? באַלד נאָך דעם האָב איך קראָפּירט. מיין שוואָגערל לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש האָט מיר אונטערגעשטעלט אַ פּיסל. ווען נישט דאָס, וואָלט איך זיי אַלע „עקספּעדירט" קיין סיביר.

פון ערגעץ ווייט דערטראָגט זיך אַ פאַרשטומט געזאַנג. דער שומר פונעם גיהנום צעשרייט זיך:

— העי, נומער אַכציק טויזנט, הער דאָרט אויף צו גרימפּלען! אַז דער „באָס" וועט דערהערן, וועט ער דיך אַריינשליידערן אין קף־הקל. מאַך צו ס׳מויל־לאָך, סטערווע!

אין לאַנגן קאָרידאָר באַוויזט זיך דער מופטי כאַדזש אַמין על כוסייני.

— אַ בראָך איז צו מיר, ווי דו זעסט, נעבעך, אויס! — גיט היטלער

אַ פּאַטש מיט זײַנע צוויי האַלעוועשקעס־הענט — וואָס מ׳האָט דאָ פֿון דיר געמאַכט! פּונקט ווי אַ מוזלמען אין מײַנע קאַצעטן זעסטו אויס. אוי, אַמין, אַמין, וואָס האָסטו געטאָן? געמאַכט אַ שטאַרב און אויס! דו געדענקסט ווען מיר האָבן זיך ביידע געטראָפֿן אין בערלין? געווען אַ לעבן, האַ? מיר האָבן געהאַט גרויסע פּלענער ווי אַזוי צו בויען אַ נײַע וועלט אָן יידן. נו, ליגן מיר ביידע אין דער אדמה און די יידן מאַכן אַ לעבן. זיי האָבן אַ מדינה, און איך האָב איינגענומען אַ מיתה משונה. כ׳על נאָך צוריקקומען, ווי דו זעסט מיך אַ טויטן.

— אַדאָלפֿקע, הער אויף צו בלאָפֿן, דאָס מאָל האָסטו נישט געטראָפֿן. המן האָט עפּעס אויפֿגעטאָן? די אַלע, וואָס האָבן געפּרוווט אַריבערפּעקלען די יידן אויף יענער וועלט — האָבן זיך אַליין אַריבערגעפּעקלט. און וואָס פֿאַר אַ נאָמען האָב איך געהאַט? אַ קלייניקייט: דער מופֿטי! נו, ליג איך נישט אין פּעסל? נאָך אַ נס, וואָס מײַנע אַראַבישע ברידער האָבן זיך איבער מיר דערבאַרעמט און געהויבן דעם פּרייז פֿון נאַפֿט. האָבן מיר דאָ אַ שטיקל פּערעדישקע.

— דו הייסט אַמין און איך המן, מסתּם דער זעלבער נאָמען — רופֿט זיך אָן דער אַלטער שיכּור — כ׳האָב געהערט, אַז אין אוגאַנדע איז דאָ נאָך איינער, אָן אידי אַמין — אויך אונדזערס אַ קאַלעגע. מסתּמא וועט ער אין גיכן קומען אַהער, צו אונדז. עפּעס אַ האַלבער משוגענער, זאָגט מען. אָבער אַזעלכע ווי ער פֿירן היינט אָן מיט דער וועלט. זאָג זשע מיר, כאַדזש אַמינטשיקל, וואָס הערט זיך דאָרט ביי די יידעלעך? ביסט דאָך אַ נײַער עולה, נאָר וואָס געקומען אַהער. טאָ דערצייל עפּעס נײַעס פֿון דאָרט.

— וואָס האָב איך אײַך צו דערציילן? — מאַכט דער מופֿטי — אַבדאַללאַן האָב איך אַמאָל אַריבערגעפּירט אַהער, אין גיהנום אַריין, האָט דאָס אייניקל זײַנס, כוסיינטשיק, אָנגעהויבן קיניגן. די יידעלעך האָבן ביי אים, אין 1967, אָפּגעריסן אַ שטיק טעריטאָריע. איצט וויל עס אַראָפּפּאַט צונעמען.

— רעד קלאָרער, כאַדזש אַמין, דריי נישט מיט דער צונג אַהער און אַהין — מישט זיך אַריין היטלער — וואָס צונעמען, ווער צונעמען?

— דײַנע תּלמידים, די מחבלים...

— די וואָס?

— די טעראָריסטן. די גאַנצע וועלט קניט פֿאַר זיי.

— כאַ־כאַ־כאַ — שיסט סטאַלין אויס אין אַ הילכיק געלעכטער — וויפל דיוויזיעס האָבן זיי? וועלכן כּוח?

— נאַפט האָבן זיי? — רופט אויס דער מופטי — ברענשטאָף.

— פאַרשרפעט זאָלן זיי ווערן! קען מען דען נישט אָוועקנעמען ביי זיי דעם נאַפט? — חידושט זיך היטלער — די גאַנצע וועלט איז דען נישט שטאַרקער פון די אַראַבער?

— די רוסן...

— וואָס די רוסן?

— די רוסן שטייען הינטער זיי?

— די קאָמוניסטן? די באָלשעוויקעס? דאָנער וועטער! איך האָב געפּרוּווט זיי ליקווידירן. שוין געשטאַנען ביי מאָסקווע. זענען די יידן געקומען זיי צו הילף... קאַמעראַד, זאָג נאָר: ווער איז דאָס דער דאָזיקער פאַרשוין, דער יאַסער אַראַפאַט?

— דער פירער פון די מחבלים.

— אַ „פירער״ איז דאָ נאָר איינער — איך!

— אַדאָלפקע, דו ביסט שוין טויט. און יענער לעבט נאָך.

— ווי לאַנג?

— כ׳ווייס נישט. דערווייל פאַרנעמען זיך מיט אים סטאַלינקעס יורשים. מען מאַכט פון אים אַ גאַנצן צימעס. ער וויל ליקווידירן די יידישע מדינה.

סטאַלין איז ווידער אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרק געלעכטער:

טאָוואַרישטשי, איך פּלאַץ... האַלט מיר צו דעם פאַרברענטן בויך... די קישקעס... יאַסער אַראַפאַט וועט ליקווידירן... נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן... איך האָב געהאַט צו טאָן מיט שוצלאָזע, אומבאַוואָפנטע יידן און כ׳האָב נישט געקענט מיט זיי זיך אַן עצה געבן, און יאַסער וויל באַזיגן די שטאַרק־באַוואָפנטע יידן... זאָג אים, כאַדוש אַמין, אַז דער דאָזיקער יאַסער אַראַפאַט וועט גאָר גיך ליגן דאָ אין אַ פעסל. ער וועט זיך פרעגלען אין דער אַראַבישער סמאָלע.

דאָ מישט זיך אַריין המן:

— היינט רעדט מען וועגן ליקווידירן יידן? — שטותים! איך האָב עס געפּרוּווט מאַכן מיט טויזנטער יאָרן צוריק — און ס׳האָט זיך נישט איינגעגעבן.

— און איך האָב עס געפּרוווט מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק — און כ׳האָב אַריינגעכאַפּט אַ וויסטע מפּלה — זאָגט היטלער.

— און איך, סטאַלין, דער פירער פון די פעלקער, די זון, האָב אָנגע־כאַפּט די יעווריעס פאַרן גאָרגל — און איך בין אַליין דערשטיקט גע־וואָרן.

— און איך, דער מופטי, האָב געוואָלט, מיט דער הילף פון היטלערן, וואַרפן די יידן אין ים אַריין — האָט מען מיך געוואָרפן אין גיהנום אַריין. הערט מיין וואָרט: די יידן קענען אומקומען נאָר דעמאָלט, ווען די גאַנצע וועלט וועט אומקומען. און אַפילו אַז עס וועט קומען אַ נייער מבול, וועט זיך געפינען עפּעס אַ נוח, וואָס וועט מאַכן אַ קאַסטן. ער וועט אַריינגעמען אַהין זיינע יידעלעך און מ׳עט ווייטער שווימען אויפן וואַסער.

דער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן, ווייל אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען אַ נייער טראַנספּאָרט מיט סמאָלע און דער גיהנום האָט זיך ווידער צעפלאַקערט.

עפּעס האָט זיך געענדערט

ווען איך בין, אַנומלט, געקומען אַהיים פון דער אַרבעט, האָט מיר מיין ווייבעלע אָנגעזאָגט די פריילעכע בשורה:

— אויף היינטיקן פרייטיק זענען מיר איינגעלאַדן צו די פּישמאַנס.

— וועלכע פּישמאַנס? — פרעג איך — די, פון חולון?

— הער, וואָס אים קאָן איינפאַלן! — מאַכט מיין ווייבעלע אַ ברוגזע מינע — צו זיי וועל איך גיין פּטרן אַן אָוונט? עס ליגן מיר נאָך אין זכּרון אירע שטעקעלעך און פאַרשימלטע ביסקוויטן, מיט וועלכע פּישמאַנס ווייב האָט אונדז מכבד געווען מיט אַ יאָר צוריק, אין די גוטע צייטן. קען מען זיך שוין פאָרשטעלן מיט וואָס זי קאָן אונדז מכבד זיין איצט, אין די שלעכטע צייטן. איך מיין די פּישמאַנס פון ביאַליק־גאַס, אונדזערע אַמאָ־ליקע שכנים.

— וואָס גייט מיך אָן דער כּיבוד? איך גיי דען צו עמעצן, ווייל איך וועל דאָרט באַקומען אַ גוטע וועטשערע? — גיב איך צו פאַרשטיין מיין מותּקל — היינט דאַנקט מען גאָט, אַז מען טרינקט אויס אַ גלאָז טיי אָן צוקער. ווער דאַרף פרעסן? איך מוז מיך אָנשטאָפּן מיט פּלערליי פּאַס־קודסטעוועס, אַז דערנאָך זאָל מיר דער בויך געשוואָלן ווערן ווי אַ פּאַס, דאָס האַרץ זאָל זעצן ווי מיט האַמערס און איך זאָל, מיינע שונאים, פּאַכען מיט דער נשמה? ביי אונדזערע יאָרן, אין דעם עלטער, איז מיר אַ נפקא־מינה וואָס איך עס, וויפל איך עס? ווער דאַרף מיר געבן און ביי וועמען דאַרף איך נעמען? איך האָב אייגענעם צוקער, אייגן וואַסער — אין די קני — אַ קאַליעדיקע לעבער, אַ ברייט האַרץ, צעצויגענע לונגען, ציטער־דיקע פּיס...

— און אַ פאַרקאַלעכטן קאָפּ, אַ נאַרישן שׂכל, סימנים פון סקלעראָזע

— גיט צו מיין ווייבעלע. אייזיקל, גלייב מיר, איך ווייס מערער פון דיר, אוי, ווייס איך! אָבער איך שוויג. פאַר וועמען וועל איך רעדן און וואָס וועל איך גיין יענעם דערציילן? ס׳דאָך אייגענע צרות. דו ווערסט אַלט, אייזיקל — און צו מיין קאָפּ לאָזט זיך עס אויס.

— נאָר איך װער אַלט און דו נישט ?... מותקל, קוק מיר אין די אויגן אַריין: דאָ זענען דאָך קיין פרעמדע מענטשן נישטאָ. דו ביסט יונג, ביסטו ? האָסט דאָך אַמאָל געהאַט אַ פּאָר בלאָע אויגן, װי אונדזער הימל, אין װעלכע מען האָט זיך געקענט שפּיגלען. װוּ זענען זיי, מותקל, די דאָזיקע אויגן ? און אַ פיגורקעלע האָסטו געהאַט אַן עלאַסטישס, אַ בויגעװדיקס, אַזוי װי אַ יונג סאָסנעלע אין װינט... און אַ ביוסטיקל איז ביי דיר געװען אַזוי װי אין פּסוק שטייט: שני שדייך כשני עפרים...

— װאָס שטייט, װען שטייט, מיינע שונאים זאָל זיך שטעלן אַ ביין אין האַלדז פּאָפּעריק, זיי זאָלן אים נישט קענען אַראָפּשלינגען און נישט אויסשפּייען. טפו! װאָס פּלאַפּלסטו ? געהאַט... און דו האָסט נישט געהאַט ? קוק זיך אַן אין שפּיגל, מיין טייער אייזיקל, װעסטו אויפן אָרט פונעם אַמאַליקן בחורעץ — אייזיקל אברהם־יאָסלס — טרעפן דאָרט אַ צע־קנייטשטן, אַן אויסגעדאַרטן און אַ פאַרװועלקטן מאַנספּאַרשוין אין די הויכע „מיטעלע יאָרן״. װיפל בין איך אין גאַנצן אַלט ? נישט מער זאָלן מיינע שונאים און דיינע שונאים קרענקען. היינט שפּילט דען אַ ראָליע װיפל מען איז אַלט ? איך קען יונגע מענטשן, יונגע פרויען, װאָס זעען־אויס װי אויסגעקװעטשטע לימענעס, אָדער װי אָפּגעשלאָגענע הושענא׳ס. און איך קען עלטערע פרויען װאָס זעען אויס יונג, און לעבן אַ גוטן טאָג. ביי היינ־טיקער קאָסמעטיק, ביי היינטיקע קאָסמעטישע אָפּעראַציעס דאַרף מען אויסזען אַלט ? שאַ, קענסט דאָך פריידעלען פון הערצל־גאַס. מיטן גרויסן גוידער און מיטן צעאַקערטן פּנים. דאַרפסט זי אָנקוקן! װאָלסט זי היינט נישט דערקענט. זי איז אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד — קיין אַמעריקע זאָגט מען — און דאָרטן האָט מען זי איבערגעניצעװעט. געשניטן, גענייט... געלאַטעט, איינגעצויגן, פאַרגלעט און עס איז אַרויסגעקומען אַ נייע יידענע װי פון דער נאָדל אַרויס. זי טראָגט שוין אַפילו אַ קורץ קליידעלע. װען דו קוקסט פון הינטן מיינסטו טאַקע, אַז ס׳עפּעס אַ „חתיכה״. נישט מער, װען זי, פריידעלע מיין איך, דאַרף אַרויפגיין אויפן פערטן שטאָק, דעמאָלט פּילט זי, אַז זי איז נעבעך אַלט. מחמת דאָס מאָטאָרל, דאָס האַרץ, קען מען נישט טוישן — איבער דעם קען מען נישט מאַכן קיין אָװעראַל. װי נאָר זי קומט צום דריטן שטאָק האַלט זי זיך ביים האַרצן, שװיצט, פרייכט...

— אַזוי װי דו.

— יאָ, אַזוי װי דו, אייזיקל. איז װאָס־זשע װיל איך דיר זאָגן ? מען

דאַרף נאָר האָבן געלט. און אַז מען האָט געלט איז מען יונג; איז מען פֿריילעך, מען קען אַרויספֿאָרן אַפֿילו קיין האָנג־קאָנג צו קויפֿן מציאות און קיין װענעציע צו קלעטערן אויף די בערג...

— האָסט אַ טעות, מותּקל, אין װענעציע פֿאָרט מען נאָר אויף שיפֿלעך. קיין בערג זענען דאָרט נישטאָ.

— אַ שאָד! אַבי פֿריידעלע האָט מיר געזאָגט, אַז װען זי איז געלעגן אין האָטעל ביים פֿענצטער, האָט זיך איר אויסגעװיזן, אַז פֿון דער װייטנס שטייט דער אייפֿל־טורעם און מענטשן פֿאָרן אויף שיפֿלעך.

— יאָ, ריכטיק. זיי פֿאָרן אַרויף אויפֿן אייפֿל־טורעם. דאָס האָט זי הפּנים געמיינט פּאַריז.

— װאָס איז דען װיכטיק, אַבי מען פֿאָרט — און דער עיקר אָן דעם מאַן.

— גערעכט. מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק װאָלסטו אויך געקענט פֿאָרן אָן דעם מאַן.

— איצט קען איך אויך פֿאָרן.

— קענען, קען מען. מען דאַרף נאָר האָבן אַ בעלן. מותּקל, האָסט דאָך אָנגעהויבן מיט די פֿישמאַנס און ביסט פֿאַרפֿאָרן קיין פּאַריז. װאָס האָסטו געװאָלט זאָגן?

— יאָ, װוּ־זשע האַלט איך?

— ביי די פֿישמאַנס.

— נו, האָבן זיי אונדז איינגעלאַדן צו זיך אויף אָװנט־ברויט, די פֿיש־מאַנס, אונדזערע אַמאָליקע שכנים פֿון ביאַליק־גאַס. אָ, זי, די פֿישמאַנאָװע, אַז זי גיט עפּעס — איז מיטן גאַנצן האַרצן. זי גרייט אַזוי פֿיל צו, אַז אַ גאַנצן פֿאָלק סאָלדאַטן קען זי צופֿרידנשטעלן און עס װעט איר נאָך עפּעס פֿאַרבלייבן. אַ גאָלדענע באַלעבאָסטע! איז דאָך גוט, האַ? פֿון דעסטװעגן האָט איר מאַן, מאָטל פֿישמאַן, אָנומלטן מיר דערציילט אַ װיץ װעגן זיין גערעאָטן װייבל, פֿון װעלכן עס איז צו דרינגען, אַז עפּעס קלאַפּט נישט צװישן זיי. „אַלע װייבער — האָט ער געזאָגט — דאַרף מען, ביי תּשליך, אַריינװאַרפֿן אין ים אַריין — אָבער נישט מיין מירעלען. פֿאַר װאָס? װייל ביי תּשליך װאַרפֿט מען דאָך אַריין עבֿירות און מיינע אַריינצװװאַרפֿן איז אַ מצװה״...

— גאָלדענע װערטער!... אָבער עס רעדט זיך נאָר אַזוי... לאָמיר זיך צוריקקערן צו דער פֿישמאַנאָװע. דו זאָגסט, אַז זי גרייט צו אַ סך... מותּקל,

איך מיין, אַז עפּעס האָט זיך געענדערט. מסתּמא וועט זי איצט נישט דער־לאַנגען אַזוי פּיל. ביי די איצטיקע פּרייזן.

— אייזיקל, איי ביסטו אַ לעמעשקע! קענסט מיר אפשר זאָגן וואָס עס האָט זיך געענדערט ביי די פּישמאַנס? דאָרט, אַז מען דערלאַנגט צום טיש איז דאָ וואָס צו זען.

— ווער דאַרף דעם פּרעס? היינט פּראַוועט מען דיעטעס.

— אייזיקל, איך ווייס, אַז ווי נאָר מען קומט צו עמעצן אויף אַ „פּשיִעניציע", אויף אַן אויפנאַמע, פאַרגעסט מען אין אַלע דיעטעס, אין אַלע אָפּמאָגערונגען, און מען האַקט אויף וואָס די וועלט שטייט. עס ווערט אַזאַ שׂריפה, אַז אַפילו די פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע קען זי נישט איינלעשן. דו אַליין, אייזיקל, כאַפּסט אַ טעלער און לייגסט אַרויף אויף אים אַזוי פיל ווי אויף אַ לאַסט־מאַשין. אַ פּולקע — איז אַ פּולקע; אַ קאָטלעט — איז אַ קאָטלעט; אַ שניצל — איז אַ שניצל; טשאָלנט — איז טשאָלנט; ווורשט — איז ווורשט; אינדיטשקע — איז אינדיטשקע. די גראָבע מירעלע אַליין, די פּישמאַנאָווע, מיין איך, וואָלסטו אויך איינגעשלונגען. ביי עמעצן איז אַלץ גוט און אַלץ געשמאַק. נאָר ביי מיר דרייסטו מיטן קאָפּ: דאָס איז רוי און דאָס איז צו פיל געזאַלצן; דאָס עסטו יאָ, און דאָס עסטו נישט. אָבער ביי עמעצן איז אַלץ גוט, אַלץ געשמאַק.

— מילא, אַז דו ווילסט דווקא מיר זאָלן גיין — איז מהיכא תּיתי.

— אַוודאי וועלן מיר גיין. מירעלע וועט פּראַוועןן אַ גרויסאַרטיקע וועטשערע. דו וועסט זיך אָנשטאָפּן אַ פולן בויך און איך וועל דערנאָך מוזן דיר צולייגן אַ גאַנצע נאַכט הייסע קאָמפּרעסן. און אם ירצה השם, אין צוויי וואָכן אַרום וועלן מיר אויך גיין צו די פינקלשטיינס אויף זייער טאָכטערס חתונה. ווי זאָגט דאָס לידל? „יאָרן לויפן, יאָרן גייען, דאָס רעדל דרייט זיך — און עס וועט זיך ווייטער דרייען"...

ייִדן — עקשנים

מאַדנע, ווי אַלץ דרייט זיך דאָס איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פּיס אַרויף. אַמאָל איז געווען אַ פּרעה — איר קענט דאָך אים. נו, דער, פון דער הגדה, וואָס האָט באַקומען די צען מכּות. ער האָט זיך איינגעעקשנט, דער גוי, און נישט געוואָלט אַרויסלאָזן זיינע ייִדן. אָט אַזוי, ווי די היינטיקע פּרעהס פון מאָסקווער קרעמל. האָבן מיר דאָך געהאַט אַ גרויסן גאָט, האָט ער אונדז געגעבן אַ גרויסן משה רבינו מיט אַ צויבער־שטעקן. ווי נאָר ער האָט אַ הויב־געטאָן דעם שטעקן איז געוואָרן חושך מצרים און די מכּות האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן ווי די קוילן פון די היינטיקע ראַקעטן מיט די צעשפּריצנדיקע קעפּ.

און פאַר וואָס מיינט איר, האָבן ייִדן אַזוי שטאַרק געוואָלט אַרויסגיין פון מצרים? טאַקע דערפאַר, ווייל פּרעה האָט זיך געהאַט איינגעעקשנט און נישט געוואָלט זיי אַרויסלאָזן. האָבן די ייִדן געוואָלט ווייזן, אַז זיי זענען גרעסערע עקשנים, און זיי ווילן דווקא יאָ אַרויס. אָבער ווען דער דאָזיקער גוי, פּרעה מיין איך, וואָלט געהאַט שׂכל, וואָלט ער צו זיי געזאָגט: גייט! דעמאָלט וואָלטן ייִדן אים געענטפערט: אַ מכּה! דווקא ווייל דו ווילסט, אַז מיר זאָלן גיין — גייען מיר נישט. און זיי וואָלטן עד היום פאַרבליבן אין גושן־לאַנד.

די זעלבע געשיכטע האָט דאָך פּאַסירט אין פּוילן. די פּאָליאַקן האָבן געשריגן „זשידקי דאָ פּאַלעסטיני״, נעמט די פּעקלעך און פּאַרקלייבט זיך אין צוגעזאָגטן לאַנד אַריין. אַז ייִדן האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי געזאָגט: רעדט צום לאָמפּ! האָבן די פּאָליאַקן גענומען אָנטאָן די ייִדן צרות־צרורות: ס׳זענען געווען פּאָגראָמען, מען האָט געשלאָגן, געהרגעט, גערויבט, צוגענומען די פּרנסה — דאָס אַלץ האָט געהאָלפן די גויים ווי אַ טויטן באַנקעס. ייִדן זענען געזעסן, געהאַנדלט, געוואַנדלט, געלערנט תּורה און געהאַט אַלעמען אין טראָק.

איר געדענקט דאָך אַוודאי דעם פאַל שפּאַניע. יענע, ווי הייסט זי דאָרט,

איזאַבעלאַ און איר מענזשולעק פערדינאַנד, וואָס איז געווען אַ שטיק פערד, האָבן זיך זניוכעט מיטן שוואַרצן פּאַרשוין, מיט טאָרקוועמאַדאַ, און זיי אַלע האָבן צו די יידן אַזוי געזאָגט: ווילט איר לעבן, טאָ נעמט־אָן די תורה פונעם יויזעלע, שמדט זיך. אַז נישט — וועט מען אייך ברענען און בראָטן. נו, האָבן דען יידן געפאָלגט? אַ נעכטיקער טאָג! ווייל איר ווילט אַזוי — האָבן זיי געזאָגט — מעגט איר אַפילו קראַפּירן, וועלן מיר פאַר־בלייבן יידן. זיי האָבן זיך געלאָזט ברענען און בראָטן, אָבער אויסגעפירט זייערס: קיין גויים זענען זיי נישט געוואָרן.

אַלץ דערפאַר, ווייל יידן זענען עקשנים בני עקשנים. אָבער ווען דאָס וואָלט געווען פאַרקערט: ווען גויים פאָדערן, אַז זיי זאָלן זיין כשרע, אָפּ־געהיטענע יידן, וואָלטן זיי אַרויס מיט אַ ירגזון: איר ווילט אונדז צווינ־גען? ניין! מיר וועלן דווקא זיין גויים.

אָט ווייסן מיר, אַז די גויים — אומעטום — האָבן נישט ליב, אַז יידן זאָלן ווערן מיט זיי גלייכע מחותנים. די מעשה האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דעמאָלט, ווען אונדזער טאַטע יעקב, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, האָט גראַנדאָוונע אָפּגעפּרייערט זיין בראַטשיק, עשיוקען, און אויסגענאַרט ביי אים די בכורה. ווען עשיו האָט זיך אָנגעפּרעסן מיט די לינדזן און פאַר־טרונקען מיט קאָבילע־מילך, און עס האָט אים גענומען דרייען אין בויך, איז ער גלייך אַרויס מיט אַ ירגזון אויף יעקבן.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער מעבל־סוחר פון נצרת האָט זיך געקרוינט פאַר אַ גאָט — נאָכן טויט — איז דער כעס אויף יידן נאָך גרעסער געוואָרן. די טענה איז, אַז זיי, די יידן, האָבן אים אַוועקגעהרגעט. איי, דער איינ־ווינער פון נצרת איז אַליין געווען אַ ייד — אויף דעם פרעגט מען נישט קיין שאלות.

דערנאָך איז צוגעקומען נאָך אַן ענין: אין אַלטן רוסלאַנד האָט מען אויסגעפונען, אַז יידן גרייטן זיך צו פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט. האָבן די גויים זיך דערשראָקן. לויט זייער תורה קענען זיי לעבן אַ גוטן טאָג און דאָ דראָט זיי אַ געפאַר, אַז מען וועט זיי הייסן מקיים זיין דעם „לא תרצח", דעם „לא תנאף" און נאָך אַזעלכע לאָוון. איז ביי זיי געוואָרן אַ סומאַטאָכע. דעריבער איז קיין חידוש נישט, וואָס זיי האָבן אַלץ געטאָן, כדי צו זיין פון יידן פון דערווייטנס. מען האָט זיך אָפּגעגרענעצט.

און ווי נאָר יידן האָבן דערשנאַפּט, אַז עס איז „קראָמיע יעוורעיעוו", האָט מען זיך, אויף צו להכעיס, אָנגעהויבן דערנענטערן צו די גויים:

נאַט אייך — און פּלאַצט! איר ווילט נישט? אייך פּאַסט נישט? — ווען מיר דווקא זיך אַרומדרייען צווישן אייך, מיר וועלן נאָכטאָן אייערע מנהגים. מיר וועלן חתונה האָבן מיט אייערע שיקסעס. מיר וועלן זיין נאָך אַ סך גויאישער פון אייך.

דאָס אַלץ ציט זיך שוין הונדערטער יאָרן. די גויים אַנטלויפן — און די יידן יאָגן זיי נאָך.

זינט די יידן זענען אַרויס פון מצרים און געשאַפן אין הייליקן לאַנד אַן אייגענע מדינה, און ווערדליך זיי האָבן זיך געפּרוכפּערט און געמערט — וואָלטן שוין געדאַרפט זיין מער יידן ווי כינעזער. טאָ וווּ־זשע זענען זיי? איז דער תירוץ אַזאַ: נאָכלויפנדיק די גויים, מישן זיי זיך אויס צווישן זיי — און קיינער ווייסט נישט ווו זיי זענען פאַרשווונדן געוואָרן.

דאָס אַלץ קומט צוליבן יידישן איפכא מסתברא. אַט האָבן יידן איינגעזען, אַז אָן אַן אייגענער מדינה וועלן זיי אין גאַנצן פאַרשווינדן פון דער וועלט. האָבן זיי אָנגעהויבן קערן וועלטן, מע זאָל זיי אַריינלאָזן קיין ארץ־ישראל. ווען מען האָט זיי געשטערט אין דעם, נישט געלאָזט קומען אַהער, זענען זיי געשווומען אין צעבראָכענע שיפן איבער שטורעמדיקע ימען, געגאַנגען אַפילו צופוס. אַבי אָנצוקומען אין צוגעזאָגטן לאַנד. אָבער ווי נאָר די טירן פון דער יידישער מדינה זענען ברייט צעעפנט געוואָרן, האָבן יידן נישט קיין חשק צו קומען. פאַרקערט, אַ סך פאָרן אַרויס צוריק, אין פינצטערן גלות אַריין. און ווייל פון רוסלאַנד לאָזט מען נישט אַרויס — ווילן זיי דווקא יאָ קומען אַהער.

צו וואָס גאָט האָט אונדז, אַזאַ עם קשה־עורף, אויסגעקליבן פאַר זיין עם סגולה, איז ממש נישט צו פאַרשטיין. ווי האָט ער געקענט מאַכן אַזאַ מיאוסן „מחדל״?

ס׳נאָך נישט עק וועלט

ביי די פינקלשטיינס איז דאָס לעבן געפלאָסן ווי וואַסער אין אַ שטילן טייך. ער, אַדאַם פינקלשטיין, איז געוווינט געווען, זינט ער האָט זיך איינ־געפונדעוועט אויף זיין נייעם רעגירונגס־פּאָסטן, אויפצושטיין אין די פריי־מאָרגן־שעהן לאַנגזאַם, שטיליטשקע, אָן רעש. תּמיד האָט ער אין זינען געהאַט נישט איבערצוּוועקן זיין פרוי, אַדעלקען, מחמת זי קומט אָפט זייער שפּעט אַהיים, פון די קאָרטן. ער ווייסט, אַז זי האָרעוועט, נעבעך, שווער. ביז זי מאַכט אין אָרדענונג די האָר, דאָס פּנים, ציט אויף זיך אַרויף דאָס צוגעפּאַסטע קליידל — נעמט אַ סך צייט. און ווען מ׳דאַרף נאָך צוגרייטן אַ מיטאָג אויך, איז זי בכלל פאַרפאָרעט ביז איבערן קאָפּ.

איז נישט קיין חידוש, וואָס אַדאַם פינקלשטיין שאַנעוועט זיין ווייב. ער ווייסט, אַז די אַלע שפּילערייען וואָס ער האָט דאָ און דאָרט מיט יונגע דאַמעלעך אָדער מיט לייכטזיניקע מיידלעך זענען ווערט אַ שמעק טאַבאַק קעגן דער געטריישאַפט פון אַן אייגן ווייב. תּמיד האָט ער ליב איבערצוחזרן פאַר זיך אַליין: אַ ווייב — איז פאָרט אַ ווייב. פון איר איז כּדאַי צו ליידן. אָפט קען מען מיט איר זיך ווערטלען, אַרומקריגן. כאַפּן פון איר געזידלט — אָבער דער עיקר איז, אַז מ׳לעבט בשלום. בפרט, ווען דאָס ווייב איז נאָך אַזוי געטריי אַזוי ווי זי, זיין אַדעלקע. דאַרף מען דעריבער אַזאַ איינע טראָגן אויפן קאָפּ.

און ער האָט טאַקע תּמיד אַזוי געטאָן. זעלטן ווען ער האָט איר פאָר־געוואָרפן הלמאי זי קומט שפּעט פון די קאָרטן. אַז זי האָט פאַרגעניגן — טאָ זאָל איר ווויל באַקומען. וואָס, איינער האָט פאַרגעניגן פון אַנדערע זאַכן — אַזוי ווי למשל ער — און זי האָט הנאה פון אַ ברידזש, פון אַ רעמי, פון אַ גוטן שווים אין שטאָטישן באַסיין — זאָל איר זיין צום געזונט. אַפילו דעמאָלט, ווען ער גיט אַ טשעפּע זיין סעקרעטאַרקע ווייסט ער, אַז אין דער היים וואַרט אויף אים אַ געטריי ווייב. און דאָס גיט אים נאָך מער מוט צום לעבן. בפרט נאָך, אַז קיין קינדער האָבן זיי נישט. רופט ער זי, אַדעלקען,

טאַקע מיט צערטלעכע נעמען, ווי: „מיין קינדעלע", „מיין קעצעלע", „מיין מיידעלע", כאָטש דאָס „מיידעלע" וואָלט שוין רויִק געקענט זיין אַ „באַ־בעלע".

אַנומלטן האָט אים זיין סעקרעטאַרין אַ זאָג געטאָן: „מיין אַלט יינגע־לע, מיר וואָלטן אַ מאָל געדאַרפט זיך אַראָפּכאַפּן קיין אויסלאַנד. וואָס קען מען דאָ אויפטאָן, אין תּל־אביב? ווי נאָר דו גיסט זיך אַ ריר, ווייסט שוין די גאַנצע שטאָט".

אויף דעם האָט איר פינקלשטיין אַזוי געענטפערט: „מיידעלע, דו פאַר־געסט, אַז עפּעס האָט זיך געענדערט אין דאָזיקן לאַנד. ס׳איז געווען אַ ביטערע מלחמה. פריִער האָט מען געקענט גיין, פאָרן, רודערן — קיינער האָט דיר נישט אַריינגעקוקט אין טעפּל אַריין. פאַר וואָס? ווייל אַלע האָבן געטאָן דאָס זעלבע. געלט איז געווען בלאָטע. מ׳האָט זיך דערמיט אַזוי געוואָרפן, ווי מען וואָלט עס געפונען אויף דער גאַס. מיר האָבן גע־לעבט אין אַ גן־עדן פון נאַראָנים. איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, נאָך דער מלחמה האָב איך מיך דערפילט אַזוי ווי אדם הראשון ווען מ׳האָט אים אַרויסגעטריבן פונעם גן־עדן. היינט אָבער, מיידעלע, דאַרף מען זיך שוין רעכענען מיט יעדן גראָשן. חוץ דעם, איז עפּעס די שטימונג אין גאַנצן אַן אַנדערע. ווי זאָגט מען: „גיי לאַך, אַז ס׳לאַכט זיך נישט".

יאָ, אַלץ האָט זיך געענדערט און אַדאָם פינקלשטיין אויכעט. אין די טעג האָט ער זיך פּלוצלונג געכאַפּט, אַז ער איז שוין אַריינגעפאָרן טיף אין די פופציקער. גאַנץ פרי, ווען ער איז געשטאַנען אין באַד־צימער, ביים שפּיגל, האָט ער באַמערקט די קישעלעך אונטער זיינע אויגן, דעם קיילעכדיקן פליך. ביים באָדן זיך האָט ער גענומען טאַפּן דעם גרויסן בויך זיינעם. „איך בין שוין אַן אַלטער ייד" — האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין. און צוגעגעבן: „מאָדנע, פאַר דער מלחמה האָב איך עס אין גאַנצן נישט באַמערקט".

מיט אַ מאָל האָט זיך דאָס שטילע, זאָרגלאָזע לעבן פון אַדאָם פינקל־שטיין געענדערט. נעכטן, ביים אויפשטיין פון בעט, האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף זיין פרוי, אויף אַדעלקען. „זע נאָר ווי זי שלאָפט דאָס אַזוי רויִק" — האָט ער גערעדט צו זיך — „ווי קען איצט אַ מענטש אַזוי שלאָפן?"

אַדאָם האָט פאַרחידושט געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט זי צום ערשטן מאָל דערזען. „וואָס פאַר אַ צעאַקערט פּנים זי האָט" — האָט אים

אַ מחשבהלע אונטערגעזאָגט — „זעט אויס, אַז פון דער זיקנה קען מען נישט אַנטלויפן".

ער האָט אומגערן אַ רוק געטאָן דעם שטול ביים בעט און אַדעלקע האָט געעפנט די אויגן.

— וואָס טאַראַבאַנעסטו אַזוי? — אָט זי אַ זאָג געטאָן, רייבנדיק די אויגן פון שלאָף. — איך בין אַזוי מיד... וויפל איז דער זייגער.

— האַלב אַכט.

— האַלב אַכט? איז וואָס־זשע לאָזסטו מיך נישט שלאָפן? כ'בין נעכטן געקומען אַזוי שפּעט...

— האָסטו געדאַרפט קומען פריִער. מ'צווינגט דיך דען מיט פּאָליציי, אַז דו זאָלסט זיצן שפּעט און שפּילן אין קאָרטן? קענסט קומען פריִער און גוט זיך אויסשלאָפן. ביי דיר, זע איך, האָט זיך גאָר נישט געענדערט. דו פירסט זיך אַזוי ווי פאַר דער מלחמה — האָט ער בייז צו איר געזאָגט.

— אַזוי? אַדאַמקע, וויפל קליידלעך האָב איך געקויפט אין דער לעצטער צייט? וויפל פאַר שיך? דו זעסט דען נישט, אַז איך טראָג נאָך דאָס פאַרמלחמהדיקע קליידל?

— פאַר וועלכער מלחמה?

— וואָס הייסט פאַר וועלכער? פאַר דער לעצטער מלחמה. אַוודאי, דו וואָלסט געוואָלט, אַז איך זאָל טראָגן קליידלעך פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אפשר נאָך פון פאַר דער ערשטער.. אַבי דו שטייסט אויף גאַנץ פרי, פאַרקעמסט דיין ליסינע, גאָלסט זיך אַרום „אויף גלאַט", טוסט אָן די שמאָלע הייזלעך מיטן געקעסטלטן העמדל און דו מיינסט, אַז דו ביסט נאָך אַ יונגערמאַנטשיק. אַדרבה, פאַרלאָז אַ באָרד וועסטו זען, אַז דו ביסט ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו דיין טאַטן דעם שניידער, וועלכער האָט אין דיינע יאָרן שוין געהאַט עטלעכע אייניקלעך.

— אַדעלציו, אַבי דו ווערסט יִינגער פון טאָג צו טאָג... ווער־ווער, איך ווייס דאָך יאָ ווי אַלט דו ביסט... כאַפּ אַ קוק אין שפּיגעלע, מותקל מיינער, אָבער איידער דו האָסט פאַרשפּאַכליעוועט דיין שיין פּנימל, וועסטו דערזען אין גאַנצן אַן אַנדער פרוי, מיידעלע מיינס...

— אַדאַמקע, צו וואָס זאָלן מיר אָנהייבן דעם טאָג מיט קריגערייען? אויב כ'האָב מיך שוין יאָ אויפגעכאַפּט, טאָ זיי אַזוי גוט, קאָך־אויף אַ גלאָז קאַווע און דערלאַנג מיר אין בעט אַריין, איידער דו גייסט אַוועק. איך מוז נאָך שלאָפן.

— מותקל, זיי זיך מטריח, הייב־אויף דיין דעליקאַט מיידלש קער־פּערל, צי אויף זיך אַרויף אַ שלאָפראָק און גיי אין קיך אַריין. דאָרט וועסטו אויפקאָכן, וועסט צוגרייטן, אָפּעסן, אָפּטרינקען אַזוי ווי בײַ זיך אין דער היים.

— אַדאַמקע, וואָס האָט פּאַסירט? פון ווען־אָן האָסטו עס אָנגעהויבן רעדן צו מיר אַזוי? איך בין נישט געוווינט צו אַזאַ לשון.

— וועסט זיך צוגעוווינען, מיין טייער מיידעלע. סוף־כל־סוף דאַרפסטו פאַרשטיין, אַז עפּעס האָט זיך געענדערט נאָך דער לעצטער מלחמה. ס'איז שוין נישט דאָס וואָס ס'איז געווען.

אַדעלקע האָט נישט באַנומען די ענדערונג. זי האָט געפילט, אַז אין לאַנד בכלל האָט זיך יאָ עפּעס געענדערט. אָבער אַז איר מאַן, אַדאַם, זאָל זיך באַנוצן לגבי איר מיט אַזאַ שפּראַך — אויף דעם האָט זי זיך טאַקע נישט גערעכנט. דערפאַר טאַקע האָט עס איר אַזוי איבעראַשט. זי האָט זיך אויפגעזעצט און געזאָגט צו איר מאַן אַזוי:

— אַדאַמקע, אויב דו מיינסט, אַז דאָ, אין לאַנד, וועט זיך עפּעס ענדערן, האָסטו אַ גרויסן טעות. אַ מלחמה איז דען בײַ אונדז אַ נייעס? זינט די מדינה עקזיסטירט האָט מען דאָ מלחמה געהאַלטן. אַדאַמקע, איך קלייב מיך נאָך נישט צו שטאַרבן. יידן האָבן איבערגעלעבט נאָך ערגערע צייטן — פון דעסטוועגן האַלטן זיי זיך און קענען נאָך געבן אַ גוטן קלאַפּ אויך. ס'נאָך נישט עק וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז מ'דאַרף איצט לעבן מיט חשבון. אָבער לעבן — און נישט גריזשען זיך. האָסט מיך פאַרשטאַנען. אַדאַמקע?

אַבסאָלוטע רו

— וואָס זענט איר אַזוי טרויעריק, אדון פריילעכמאַן? עפּעס זעט איר מיר היינט אויס אַנדערש ווי אַלע מאָל. דערציילט. טוט אייך עפּעס וויי?

— ס׳איז גוט צו זאָגן: „עפּעס״... אַ קנויל נערוון איז פון מיר געוואָרן. עס קראַצט מיך, עס בייסט מיך, עס צוקט מיך. איך בין אויס מענטש. דאָקטאָר, איך ווייס נישט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט.

— טוט זיך אויס, אדון פריילעכמאַן. אָט אַזוי, לייגט זיך דאָ, אויפן בעטל. מיר וועלן כאַפּן אַ קוק.

ד״ר זאָזוליאַ האָט גענומען דעם סטעטאָסקאָפּ, אויסגעהערט דעם אדון פריילעכמאַן, באַקלאַפּט, באַטאַפּט, געהייסן טיף אָטעמען, נישט אָטעמען און אַ זאָג־געטאָן צום פּאַציענט:

— איר קאָנט זיך אָנטאָן.

— וואָס איז מיר, דאָקטאָר? איך מיין, עפּעס אַן ערנסטע קרענק?

— איך האָב גאָר נישט געפונען.

— וואָס הייסט גאָר נישט? פון טאָג צו טאָג ווערט מיר ערגער און איר זאָגט, אַז איר האָט „גאָר נישט געפונען״.

— דאָס האַרץ איז געזונט, דער פּולס איז אין אָרדענונג. דער בלוט־דרוק איז בעסער ווי גוט. נאָר וואָס...

— נאָר וואָס, דאָקטאָר? איר מעגט מיר זאָגן דעם אמת.

— דעם אמת?

— יאָ. דעם ריינעם אמת.

— איר זענט נערוועז.

— דאָס האָב איך שוין נישט איין מאָל געהערט פון מיין ווייב: „משוגענער, ס׳איז דיר גאָרנישט. האָסט זיך איינגערעדט אַ קרענק. ביסט געזונט ווי אַ פערד, דאַרפסט גיין צו אַ פּסיכיאַטער״...

— ווי אַזוי זענען אייערע באַציִונגען מיטן ווייב? כ׳מיין...

— נאָרמאַל: מען קריגט זיך, מען ווערטלט זיך איבער. מען סקאַנדאַ־לעוועט. אָבער אַלץ שאַ־שטיל.

— און דאָס פירט אייך אָפּט אַרויס פון גלייכגעוויכט?

— וואָס הייסט אָפּט?... ווי אַמאָל.

— איך וועל אייך פאַרשרייבן באַרויִקונגס־פילן. איר טאָרט זיך נישט דענערווירן. נאָר רו. אַבסאָלוטע רו. איר האָט פאַרשטאַנען, ה׳ פריילעכמאַן?

— איך זאָל מיך נישט דענערווירן, וואָס רעדט איר, הער דאָקטאָר? ווי איז דאָס מעגלעך?

— איר מוזט זיך נעמען אין די הענט אַריין, אַדון פריילעכמאַן: עס איז אַ פראַגע פון געזונט.

— גלייבט מיר, איך טו עס שוין פון לאַנג. עס העלפט נישט.

— וואָס טוט איר?

— איך וווין אין אַ „פענטהאַוז״ אויפן 11טן שטאָק. אַ וווּנדערבאַרע לאַנדשאַפט. אַז איך קוק אַרויס אין דרויסן זע איך דאָס גאַנצע לאַנד און אַפילו אַ שטיק עבר הירדן.

— איז דאָך גוט. דאָס באַרויִקט אייך די נערוון.

— איך וויל אייך שטעלן אַ פראַגע, ה׳ דאָקטאָר.

— ביטע, פרעגט.

— ווי אַזוי קענען אַזעלכע קליינע באַשעפענישן, ווי יתושים, קאָמאַ־רעס, אַרויפפליִען אַזש אויף דעם עלפטן שטאָק? מילא, די שלעכטע ריחות, דאָס פאַרשטיי איך. זיי קומען מיט דער לופט.

— און דאָס דענערווירט אייך?

— אַוודאי.

— מאַכט מען צו די לאָדנס.

— טו איך טאַקע אַזוי. איז דאָך ווידער הייס. נישטאָ קיין לופט.

— עפנט מען די לאָדנס. מען זיצט רויִק און מען מאַכט נישט קיין ווען פון אַזעלכע קלייניקייטן.

— און אַז איך דאַרף מיך וואַשן און ס׳נישטאָ קיין וואַסער?

— עפנט מען דעם קראַן.

— ווי איז דער דין, אַז דער קראַן איז אָפן און ער איז טרוקן ווי אַ דאָרן אין מדבר?

— איך פאַרשטיי נישט.

— און פאַר וואָס זאָלט איר יאָ פאַרשטיין? איר זענט דאָך אַ דאָקטאָר.

אָבער אַז מען וווינט אויפן עלפטן שטאָק, ווייסט מען, אַז אָפט דערגייט נישט אַהין דאָס וואַסער. איך האָב דען אַ קאָנטראַקט מיטן וואַסער, אַז עס זאָל אַרויפקריכן צו מיר יעדן טאָג אַזש אונטערן הימל, באשר בכן מיין ווייב האָט זיך פאַרגלוסט צו וווינען אין אַ „פּענטהאַוז" אַזש אויפן עלפטן שטאָק?

— און דאָס פירט אייך אַרויס פון די כלים?

— אַ שיינע פראַגע! דאָס מאַכט מיך משוגע.

— וואָס־זשע טוט איר?

— איך גיי אַראָפּ אונטן, צו אַ שכנה.

— גוט. אַבי רויק.

— יאָ. איך באַרויִק מיך טאַקע, אָבער זי, מיין ווייב, איז אויסער זיך. פשוט, זי מאַכט מיר דעם טויט. זי קירצט מיר די יאָרן.

— נו, און דער קראַן ווערט אָפט קאַליע? איך מיין דאָס וואַסער דערגייט נישט און דערפאַר מוזט איר דערגיין צו דער שכנה?

— זייער אָפט. און דאָס דענערווירט מיך... כ׳מיין, מיין ווייב.

— אויב איר ווערט זיך אָפט דענערווירן, ה׳ פריילעכמאַן, וועט איר רויִנירן אייער געזונט. איך האָב דאָך אייך געזאָגט: אַבסאָלוטע רו. די נערוון ביי אייך זענען ווי געשפּאַנטע סטרונעס.

— איר זענט גערעכט. און אַ סטרונע קען אָפט אויך פּלאַצן. וואָס־זשע זאָל איך טאָן?

— גאַנץ פּרי, נעמט דעם ערשטן פּיל. כאַפּט אַ קוק אין דער פרי־מאָרגן־צייטונג.

— ווי נאָר איך נעם אַ צייטונג אין האַנט אַריין דרייען זיך מיר איבער די קישקעס אין בויך. איך דערוויס זיך, אַז דאָ האָט מען באַרויבט אַ באַנק, דאָרט האָט מען איבערגעפאָרן צום טויט עטלעכע מענטשן. עס ווערט דערציילט וועגן גאָר גרויסע גניבות, וועגן קליינע גניבות. די עקאָנאָ־מיסטן רעדן וועגן אינפלאַציע. די מיניסטאָרן רעדן וועגן נייע שטייערן. און מיין ווייב שרייט, אַז די פּרייזן שטייגן פון טאָג צו טאָג.

— זי איז גערעכט, אַדון פריילעכמאַן. אָבער איר טאָרט זיך נישט דענערווירן. דאָס ווירקט אויף אייער געזונט. איצט איז נאָך אייער לאַגע, ווי זאָגט מען דאָס: צו דערליידן. אָבער דאָס קען ווירקן אויפן האַרץ. און אין אייער עלטער איז דאָס געפערלעך. איר פאַרשטייט שוין וואָס איך מיין?

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן, וואָס?

— איך זאָג דאָך אייך: נישט דענערווירן זיך. אַבסאָלוטע רו. גייט אין גאַס, שפּאַצירט אַ ביסל. פאָרט צום ים.

— שפּאַצירן? בייטאָג און ביינאַכט גלוסט זיך זיצן ביי דער טעלע־וויזיע. וואָס שייך דעם ים — איז ער שמוציק. חוץ דעם — שווימען קען איך נישט.

— טאָ פאָרט אַרויס אויף אַ שטיקל צייט, קיין אויסלאַנד.

— פליִען? מען זאָל מיך פאַרכאַפּן? ביי מיינע נערוון?

— פליט מיט „אל־על״.

— ווען איך קוק פון עלפטן שטאָק פאַרדרייט זיך מיר דער קאָפּ. וועל איך גיין פליִען צווישן די וואָלקנס. און אַז ביי מיר אין „פּענטהאַוז״ איז קיין וואַסער נישטאָ, טאָ ווו וועט זיין וואַסער אַזש צווישן די וואָלקנס? סיידן עס וועט נעמען רעגענען...

— ווייסט איר וואָס? טוישט די וווינונג.

— וויפל איז דער שיעור צו טוישן? איך וווין שוין אין דער פינפטער דירה. שטעלט אייך פאָר: פינף מאָל זיך אַרויסציִען, פאַרבן, מאָלן, שמירן, איבערשטעלן ווענט, טוישן די טאַפּעטן, דאָס מעבל, מאַכן רעמאָנטן. און איר וווּנדערט זיך וואָס איך בין נערוועז. אַז איך זיץ ביי אייך דאָ און נישט אין משוגעים־הויז בין איך אַ גבור, אַ העלד.

— ווער האָט אייך דען געצווּונגען צו דעם אַלעם? צו וואָס דאָס יאָגעניש? איר וועט זיך אַזוי לאַנג יאָגן, ביז איר וועט פּלוצלונג אַוועק־פאַלן און אויסציִען די קאַפּיטעס.

— וואָס קען איך טאָן? איך בין דען איינער? אַלע טוען אַזוי, טו איך אויכעט. איך וויל נאָכגיין נאָך דער מאָדע. אָט אַפילו איר, איך מיין די דאָקטוירים, וואָס זיצן זיך רויִק — אַזוי ווי איר דאָ אין צימער, לויפן נישט אַרום און פון דעסטוועגן פאָדערט איר אויך אַלע מאָל אַ העכערן געהאַלט. איר שטרייקט אַפילו. וואָסי? איר ווילט מער. אַלע דאָ אין לאַנד ווילן וואָס מער. נו, יאָגט מען זיך.

— וואָס ווילט איר? ישראל איז אַ מאָדערנע מדינה. מען קען זאָגן: עס איז אַ קליין אַמעריקע. אַפילו רוסלאַנד האַלט אין איין נאָכיאָגן אַמעריקע...

— און שטייט נעבעך אָפּ.

— אָבער מיר נישט. מיר וועלן דאַכט זיך שוין באַלד איבעריאָגן

אַמעריקע — אין אַלע הינזיכטן. אויפן געביט פון אויטאָ־קאַטאַסטראָפעס זענען מיר שוין אויפן ערשטן אָרט אין דער גאַנצער וועלט.

— דאַכט זיך, אַז אויף אַ סך אַנדערע געביטן אויך.

— דאָקטאָר, זייט מוחל וואָס איך וועל אייך שטעלן אַ פּערזענלעכע פראַגע: ווי אַזוי קענט איר אין איין טאָג, אויפנעמען אַזוי פיל פּאַציענטן? אַפילו בלויז אַ קוק־טאָן אויף יעדן קראַנקן דאַרפט איר אַ גאַנצן טאָג.

— איר זאָגט, ה׳ פריילעכמאַן, אַז איר ווערט משוגע, און איך גיי ממש אַראָפּ פון זינען. איר זעט די פּילן? אַזעלכע זיבן שטיק שלינג איך יעדן טאָג.

— דאָקטאָר, אַ שאָד אייער געזונט. איר האָט אַ ווייב מיט קינדער זאָלן געזונט זיין. נאָר אָן נערוון, ה׳ דאָקטאָר. איר דאַרפט רו. אַבסאָלוטע רו. איך האָב אייך נישט געוואָלט זאָגן: איר זעט שלעכט אויס. זייער שלעכט. נעמט אורלויב. רוט־אויס אייערע נערוון. דאָקטאָר, פאָלגט מיך. היט אייער געזונט.

אַזוי ווי ביי לייטן

מ׳זאָגט, אַז יידן זענען אַ קלוג פאָלק. והראיה: אַ סך גרויסע און שטאַרקע פעלקער, וואָס האָבן געלעבט ביי זיך, אין זייערע אייגענע מדינות, זענען מיט דער צייט אונטערגעגאַנגען און די יידן, וועלכע מען האָט פאַרטריבן פון זייער לאַנד און אַלע גויים האָבן פון זיי געריסן שטיקער, דווקא זיי, די יידן, האָבן יאַקאָש אַלע צוררים איבערגעלעבט — און זיי זענען דאָ, ווידער אין זייער לאַנד — די שׂונאים אויף צעפּיקעניש.

אָבער מאָדנע: ווען יידן זענען געווען — אָדער זענען נאָך איצט — צווישן גויים, זענען זיי אַלע קלוג, ממש חכמים ונבונים: גרויסע מנהיגים, מיניסטאָרן, טעאָרעטיקער. מיט איין וואָרט: זיי קערן וועלטן.

פאַראַן אַ סך גדולים, יידן, אין דער גאַנצער וועלט. זיי שאַפן נייע תּורהס, וואָס לייגן מענטשן אין דר׳ערד אַריין. און פאַראַן אויך יידן, וואָס האָבן — למשל, דערפונדן אַזעלכע רפואות, וואָס פאַרלענגערן דעם מענטשן דאָס לעבן.

אַז די וועלט זאָגט: יידן זענען קלוג, איז דאָך נישט שייך. מסתּמא ווייסט זי, די וועלט, וואָס זי זאָגט.

קומט דאָך אויס, אַז ווען יידן לעבן צווישן יידן, ס׳הייסט צוזאַמען, בפרט אין אַן אייגענער מדינה, דאַרפן זיי דאָך אַוודאי זיין קלוג און שאַפן גאָר גרויסע זאַכן, אַז די וועלט זאָל אַזש שטוינען. און דאָך קלאַפּט עפּעס נישט. די מנהיגים — זאָגט מען — זענען נישט קיין מנהיגים, די מיניסטאָרן זענען נישט קיין מיניסטאָרן, די פאַרטייען זענען נישט קיין פאַרטייען. עס הייסט — זיי זענען יאָ, אָבער נישט אַזוי ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זיין.

ווען מ׳פרעגט ביי איינעם, וואָס איז „בקי״ אין פּאָליטיק: היתּכן, ווי קומט עס וואָס מיר זענען אַזוי אָרעם אין גרויסע מענטשן דווקא דאָ, אין ישראל? ענטפערט ער אייך, אַז תּמיד איז אַזוי געווען. דער גרויסער משה רבינו איז געקומען פון מצרים. דער באַרימטער מיליטער־פירער און דראַ־

בערער יהושע בן־נון איז געקומען צוזאַמען מיט משהן. די תורה האָט מען מיטגעבראַכט פון סיני. ס׳הייסט, אַלץ אויסלענדישע סחורה, אימפּאָרט. און ווען יידן האָבן זיך געהאַט באַזעצט אין ארץ־ישראל, האָבן זיי שוין נישט געשאַפן אַזעלכע גרויסע זאַכן — חוץ דעם בית המקדש, וואָס זיי האָבן אויפגעבויט. און צו דעם צוועק האָט מען אויך געמוזט ברענגען צעדער־ביימער פון לבנון, גאָלד פון מצרים און צעמענט אַוודאי אויך פון אויסלאַנד. די אַרבעטער זענען מסתמא געווען פון די פאַרנומענע געביטן.

זאָג איך צום דאָזיקן „בקי" פון דעסטוועגן איז אַמאָל געווען אַנדערש. למשל, שמשון הגבור. ער האָט געטראָגן לאַנגע האָר און היינט טראָגט מען אויך לאַנגע האָר. נו, האָט דאָך שמשון מיט זיינע האָר עפּעס אויפגעטאָן. ער האָט געשלאָגן די פּלישתים. און וואָס טוען־אויף די היינטיקע בחורים מיט זייערע האָר? אָט דער שמשון, זאָג איך, איז געווען אַ גבור דווקא ביי זיך אין לאַנד. ווי נאָר אָבער ער איז אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד, צו די פּלישתים, איז ער געוואָרן אויס קאַפּעלוש־מאַכער.

מאַכט צו מיר יענער ייד, דער קלוגיטשקער, אַזוי: ער האָט זיך פאַר־פלאָנטערט מיט אַ נקבה, יענער שמשון. און זי האָט אים צערעכט געמאַכט.

מ׳זאָגט אַ גביר האָט מזל. פאַרקערט, איך מיין, אַז ווייל ער האָט מזל איז ער אַ גביר. אַזוי איז אויך געווען ביי אונדז. ווען ס׳איז געגאַנגען דורך טירן און דורך פענצטער איז יעדערער געווען אַ חכם. אָבער ווען עס האָט זיך איבערגעדרייט דאָס רעדל, ס׳האָט אָנגעהויבן גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ, האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן, אַז עס איז אויס חכמים, אויס נבונים — מ׳טאַפּט אַ וואַנט.

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט דער אַרומרייסעניש ווענן בענקלעך. אייגנטלעך, קאָן מען עס פאַרשטיין. אין אויסלאַנד קען אַ ייד זיך דער־שלאָגן צו אַ מיניסטער־פּאָסטן אפשר איין מאָל אין אַ נאָווינע. און אויך דערצו דאַרף מען האָבן שוין גאָר גרויסע פעיקייטן. אָבער דאָ, אין ישראל, קען יעדער ייד זיין אַ מיניסטער. מ׳דאַרף אים נאָר צולאָזן. רייסט מען זיך אַרום. ס׳דאָך אַ נאַטירלעכע זאַך: ווען די נאָכפראַגע איז גרעסער פונעם אָנבאָט — שאַפן זיך אָטשערעדן. ווער עס איז געווען אין רוסלאַנד, ווייסט עס. אָבער ווען מען וואָלט געהאַט שׂכל, וואָלט מען די דאָזיקע גרויסע נאָכפראַגע אויך געקענט לייזן. ווי אַזוי? — פּשוט: מער דעפּו־טאַטן, מער מיניסטאָרן. אַ דעפּוטאַט באַקומט געהאַלט פון דער מדינה? — באַקומט! טאָ זאָל ער ווערן אַ מיניסטער און באַקומען דעם זעלבן גע־

האַלט. אַזאַ איינער קען זיין אי דעפּוטאַט, אי מיניסטער. טאָ פאַר וואָס זאָלן מיר האָבן בלויז דריי און צוואַנציק מיניסטאָרן? פאַר וואָס נישט זעכציק?

איצט וועגן די דעמיסיעס אין צה״ל.

גרויסע, באַרימטע סטראַטעגן, גענעראַלן, פאַרלאָזן אָפּט זייערע אַמטן. גייען אַוועק. פאַר וואָס? ווייל אַזאַ איינער, ווען ער זיצט עטלעכע יאָר אין גענעראַל־שטאַב, וויל ער ווערן רמטכ״ל. ס׳הייסט, שעף פון שטאַב. אָבער אַזאַ הויכער פּאָסטן איז דאָ בלויז איינער, טאָ ווי קען מען באַפריי־דיקן אַלע גענעראַלן? ווייל איך פרעגן אונדזער פירערשאַפט אַזאַ מין פּשוטע פראַגע:

אַ סך תורהס און מנהגים האָבן מיר ליב איבערצונעמען פון די גויים. אמת, זיי האָבן טאַקע גוייִשע קעפּ, אָבער פאַראַן זאַכן, וואָס מען דאַרף זיך לערנען פון זיי. למשל, ביי זיי אין די אַרמייען זענען דאָ מאַרשאַלן, פעלדמאַרשאַלן, אַדמיראַלן, טאָ פאַר וואָס זאָל מען אַזעלכע ראַנגעס נישט איינפירן אין צה״ל? ווען מיר וואָלטן דאָס איינגעפירט, וואָלטן מיר דאָך געקאָנט באַפרידיקן אַ סך גענעראַלן, וואָס ווילן שטייגן אין זייער אַמט. וואָס איז דאָ דער חידוש? אַזאַ איינער, וואָס דינט אין מיליטער אַ דרייסיק יאָר, וויל ער באַקומען דעם העכסטן פּאָסטן אין דער אַרמיי — רמטכ״ל. אָבער אַזאַ פּאָסטן איז פאַראַן נאָר איינער. טוישט מען דעם דאָזיקן אַמט יעדע 4 יאָר. ווי איז אָבער דער דין, אַז מיר האָבן אַ טוץ גענעראַלן, וואָס וואַרטן אויפן דאָזיקן פּאָסטן? קומט דאָך אויס, אַז אַזאַ איינער, וואָס שטייט אין דער לעצטער ריי, קאָן ווערן רמטכ״ל ערשט אין אַ פערציק יאָר אַרום. נו, איז דאָך נישט קיין חידוש, וואָס זיי זאָגן זיך אָפּ און גייען־איבער אין ציווילן לעבן.

וואָס־זשע טוט מען, אַז אונדזערע גענעראַלן זאָלן בלייבן אויף זייערע אַמטן? — מ׳דאַרף זיי געבן אַ מעגלעכקייט צו שטייגן אויפן לייטער פון דער מיליטערישער היעראַרכיע. אַ רמטכ״ל — דאַרף שפּעטער ווערן אַ מאַרשאַל, אַ פעלדמאַרשאַל. עס דאַרף באַשטימט ווערן אַ הויפּט־קאָמאַנ־דיר פון אַלע באַוואָפנטע כוחות אין ראַנג, למשל, פון אַ מאַרשאַל אָדער גאָר פון אַ גענעראַליסימאָ. אין ים־פלאָט דאַרף זיין אַן אַדמיראַל. אָט אַזוי ווי עס פירט זיך ביי לייטן. אַזוי אַרום וואָלט געלייזט געוואָרן דאָס גאַנצע פּאָסטן־פּראָבלעם אין צה״ל.

אויף דעם דאַרף מען דאָך אָבער זיין אַ חכם. טאָ ווו נעמט מען אים?

אַ האַרבע שאלה

די טעג איז צו מיר געקומען אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן. „איך בין אייערס אַ לייענער" — זאָגט ער צו מיר — „ווען מיין ווייב הייבט אָן אין מיטן דרינען צו כיכיקען, פאַרשטיי איך שוין, אַז זי לייענט אייערע פריי־לעכע מעשיות. און אין אַזאַ שווערער צייט, אַז מ׳באַקומט אַ לייכט געמיט, איז דאָס ווערט מי יודע וויפל".

„איך בין געקומען צו אייך — גיט ער צו — וועגן אַ וויכטיקן ענין. איך וויל זיך מיט אייך באַראַטן. די שרייבערס, די זשורנאַליסטלעך זענען דאָך קליגער פון דער גאַנצער וועלט. זיי גיבן אַלעמען עצות. זיי ווייסן תמיד פריִער וואָס עס וועט זיין שפעטער... כ׳מיין פאַרקערט... אַזוי ווי מיין ווייב... טאָ וויל איך אייך פרעגן אַזאַ מין קשיא:

ווען משה רבינו האָט אַמאָל אַרויסגעפירט די יידן פון מצרים, האָט ער געהייסן פראַווען פסח, זיבן טעג עסן מצות און קניידלעך און אין די חול־המועד־טעג פראַווען שידוכים, אַרויספאָרן אויף פיקניקן — און טאָן אַלץ, כדי צו דערמאָנען יענע היסטאָרישע טעג. עפּעס אַ קלייניקייט? מען איז אַריבער דעם ים — צופוס, אָן בריקן. דאָס וואַסער האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אַוועק — אַזוי ווי אַ וואַנט פון רעכט און פון לינקס — און די בני ישראל האָבן אַדורכגעשפּאַצירט, פונקט ווי צו תשליך, אין מדבר אַריין. און ווי נאָר מ׳האָט געהאַט דאָס וואַסער הינטער זיך, האָט מען זיך באַלד אַוועקגעזעצט, מיט פאַרלייגטע פיס, אויף דער ערד און מען האָט זיך גענומען צום באַקן מצות און אייער אויף די גליִענדיקע זאַמדן. טאָ זאָגט־זשע מיר, כ׳בעט אייך, ווי אַזוי האָבן זיי דאָס געמאַכט?

מיין גאַסט עקבערט מיך מיט זיין גליִענדיקן בליק. ווען ער באַ־מערקט, אַז איך וויל אויך עפּעס זאָגן, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט: „איך ווייס, איך ווייס... איצט רעד איך, טאָ האַקט מיר נישט איבער אין מיטן"...

און ער איז ממשיך:

יאָ, זענען זיי, הייסט עס, געזעסן, יענע יידן, און זיי האָבן זיך פאַרסמאַקעוועט מיט די מצות, מיט די אייער, מיט כריין. זיי האָבן גאָרנישט מורא געהאַט, אַז די מצרים וועלן זיי באַפאַלן. איר וועט דאָך אַוודאי זאָגן, אַז דאָס וואָסער אין טייך האָט זיך צוריקגעקערט אין זיין קאָריטע, טאָ ווי האָבן די מצרים געקענט אַריבערגיין? וועל איך אייך אויף דעם ענטפערן: און ווי אַזוי זענען זיי איצט אריבערגעגאַנגען? אויב פרעהס כישופמאַכערס האָבן געקענט פון אַ שטעקן מאַכן אַ שלאַנג, האָבן זיי דאָך פון אַ שלאַנג געקענט מאַכן אַ בריק. זיי האָבן געדאַרפט וואַרטן אויף די רוסן? פאַרוואָס האָט דער פאַרמיטלער נישט געפאָדערט דעמאָלט קיין צעשיידונג פון די כוחות? ווער דער פאַרמיטלער איז אין יענע צייטן געווען? וואָס הייסט ווער? — דער אויבערשטער! ער האָט דאָך אָנגעפירט מיטן גאַנצן עסק. געגעבן אונדזער משה רבינו דעם שטעקן — דאָס אויסגעקליגלטע געווער און פרעהן — די מכות.

איצט — זאָגט ווייטער דער ייד — קום איך צו צום עיקר: מה נשתנה? — וואָס האָט זיך געענדערט פון דעמאָלט ביז היינט? דעמאָלט זענען די יידן געזעסן אין גושן — און היינט זענען זיי דאָך אויך געזעסן. דעמאָלט זענען זיי פון דאָרט אַרויס און אויך היינט זענען זיי פון דאָרט אַרויס. ס'דאָך נישט קיין אונטערשיד צי דעמאָלט זענען זיי געגאַנגען איבערן וואַסער צופוס, צי היינט זענען זיי געפאָרן איבער בריקן. דער עיקר: זיי זענען אַרויס. אַמאָל איז דאָס געווען „ברכוש גדול" און היינט האָבן זיי מיטגעבראַכט אַ ביסל צעקלאַפּטע טאַנקן און אויטאָמאָבילן. אַמאָל האָבן די יידן אַרומגעבלאָנקעט אין סיני גאַנצע פערציק יאָר און היינט ווער ווייסט, צי זיי וועלן דאָרט בלייבן כאָטשבי אַ פערציק חדשים. אַמאָל האָבן יידן געגעסן דעם מן און היינט עסן זיי פון קאָנסערוון־פושקעס. אין תוך האָט זיך דאָך גאָרנישט געענדערט. אַמאָל האָבן די יידן נישט געוואָלט נעמען די תורה און היינט זענען דאָ אַ סך יידן, וואָס ווילן זי אויך נישט. אַ טייל האָט זיך אויסגעקליבן אַנדערע תורהס און אַ טייל קען זיך גאַנץ גוט באַדרייען בכלל אָן דעם.

איר וועט דאָך מיר אַוודאי זאָגן, אַז היינט איז דאָ אַן אויסערן־מיניסטער וואָס פליט הין און צוריק און דעמאָלט איז אַזאַ נישט געווען.

איז אויב איר וועט אַזוי זאָגן, וועט מען לאַכן פון אייך.

פאַרוואָס? — ווייל אַזעלכע וווּנדער וואָס משה רבינוס צויבער־שטעקן האָט באַוויזן, וועלן נישט באַוויזן אַפילו קיין צען היינטיקע אויסערן־

מיניסטאָרן. בקיצור, דאָ וויל איך פרעגן די קשיא, צוליב וועלכער איך בין געקומען צו אייך. דהיינו: אויב אין די דאָזיקע טעג האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע וואָס אַמאָל, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, צי דאַרפן מיר פּראַווען נאָך אַ פּסח? צי דאַרפן מיר זאָגן אַ נייע הגדה? צי דאַרפן מיר עסן נאָך מצות מיט נאָך קניידלעך?

מיין גאַסט האָט זיך נישקשהדיק צעהיצט. זיין קיילעכדיק פּנים האָט זיך באַדעקט מיט צונטער־רויטקייט. די אויגן האָבן געגליט. איך האָב אים געוואָלט באַרויקן.

— דער קלוגער קוהלת זאָגט: „אין חדש תחת השמש”. ס׳האָט זיך גאָרנישט געענדערט. איר האָט רעכט, ר׳ ייד. ס׳איז, ווי מ׳זאָגט, די זעלבע יענטע נאָר אַנדערש געשלייערט. אָבער אויף דער פראַגע וואָס איר שטעלט מיר, קען איך אייך לײַדער נישט ענטפערן. די תשובה אויף דעם קענען אייך געבן אונדזערע רבנים.

— דאָ איז מען געוווינט צו שיקן פון איינעם צום צווייטן — און איר טוט אויך אַזוי — מאַכט צו מיר דער ייד. ווען איך וואָלט געדאַרפט גיין צו די רבנים, ווייס איך אַליין זייער אַדרעס. ווען איך וועל גיין, למשל, צום הויפּט־רב, וועט ער דאָך מיך באַלד פרעגן: וואָס פאַראַ פאַקטן האָט איר? ס׳הייסט וועלכע ניסים? טאָ ווי אַזוי קען איך אים דאָס באַווייזן? איך דאַרף דאָך, אין אַזאַ פאַל, נעמען אויספרעגן אונדזערע גענעראַלן. וואָס־זשע וועט דערפון אַרויסקומען? אויב איין גענעראַל וועט זאָגן, אַז דער ענין פון איצטיקן יציאת מצרים איז געווען אַ נס, וועט דער צווייטער אויפ־ווייזן, אַז דאָס איז גאָר געווען אַ מפּלה. און אויב דער אַשכנזישער רב הראשי וועט מסכים זיין, אַז מ׳זאָל פּראַווען אַ נייעם פּסח מיט אַ נייער הגדה, וועט דער ספרדישער הויפּט־רב אויפווייזן, אַז מ׳דאַרף זיך האַלטן נאָר ביי דער אַלטער הגדה און ביים אַלטן פּסח. און אַפילו ווען די וועלט זאָל זיך איבערדרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, טאָר מען נישט ענדערן די הלכה. חוץ דעם איז נאָך דאָ אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלע פאַרטיי און אַן אגודת ישראל און אַ נטורי קרתא, אַ מעשה מיט אַ „סטאַ־טוס־קוואָ”, מיט „צינגלעך”, מיט שטולן, מיט טישן, מיט פּאָזיציעס. טאָ וווהין זאָל איך גיין? בין איך געקומען צו אייך. איר גיט דאָך אַלעמען עצות. טאָ פאַרוואָס שיקט איר מיך צו די רבנים ווען עס האַנדלט זיך אין אַזאַ קלאָרן און פּשוטן ענין. איך פרעג דאָך אייך: אין די איצטיקע טעג האָט פּאַסירט מיט יידן דאָס זעלבע וואָס מיט טויזנטער יאָרן צוריק,

יאָ צי ניין? מ׳איז אַרויס פונעם גושן־לאַנד, עס הייסט פון מצרים — יאָ, צי ניין? דאַרף מען זאָגן אַ נייע הגדה — יאָ, צי ניין?

— זאָג איך דאָך אייך...

— וואָס זאָגט איר מיר? — שרייט אויס דער ייד און שטעלט זיך אויף — פאַררעדט מיר נישט די ציין. פון אייער שרייבעכץ קומט דאָך אויס, אַז איר ווייסט אַלץ, איר פאַרשטייט אַלץ, אָבער ווען ס׳קומט צו אַן ערנסטן ענין — זענט איר נעבעך שטומפּיק אויפן לשון. ווו איז אייער שאַרף צינגעלע? הערט, איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן? ווען איך ווייס דאָס, וואָס איר ווייסט נישט, וואָלט איך שוין געוווּסט וואָס אַ מענטשן צו ענטפערן. אַבי איר שרייבט, איר שמירט, איר רעדט — אָבער אין תּוך איז אַ גרויסע בראָך. האָטס מיר אַ גוטן. שלום!

און ער איז אַוועק — אַ צעצאָרנטער און אַן אַנטוישטער — וווּהין — ווייס איך נישט.

מחשבות אין אַ כאַמסין־טאָג

זינט די כאַמסינען זענען געוואָרן אָפטע געסט אין לאַנד, זענען די מחשבות אַ ביסל מבולבל געוואָרן. גאָר קיין חידוש נישט: אין דרויסן שׂרפֿעט די זון, סמאַליעט, אַ שווערקייט צעלייגט זיך אויפֿן האַרצן. דער מוח איז ווי איינגעדרוטעוועט. דער שווייס בייסט דאָס לייב. די נערוון ווערן אָנגעשפּיצט. פֿאַר אַ ליאַדע נאַרישקייט ווערסטו אָנגעצונדן ווי אַ שמאַטע איינגעווייקט אין בענזין. ביסט גרייט אַלעמען דורסן, אַפֿילו דאָס אייגענע ווייב.

אין קאָפּ איז אַ פֿאָלנער מיש־מאַש. איך קוק אַרויס אין דרויסן. עפֿן איך דאָס פֿענצטער — דרינגט אינעווייניק אַריין אַ הייסער ווינט. פֿאַר־שליס איך ווידער דאָס פֿענצטער — איז דושנע, נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. זעץ איך מיך אַוועק אויפֿן ברייטן פֿאָטעל, נעם אַ צייטונג אין האַנט אַריין. מיינע אויגן לויפֿן איבער די גרויסע קעפּלעך: „די דאָקטוי־רים זעצן־פֿאָר דעם גרויסן שטרייק. די אַסיסטענטן מיט די פּראָפֿעסאָרן שטרייקן. די לערער גרייטן זיך צו אַ שטרייק. אין ראַדיאָ און טעלעוויזיע שטרייקט מען. די באַאַמטע פֿון מס־הכנסה האָבן אָנגעהויבן מיט סאַנקציעס. די אָנגעשטעלטע פֿון דער עיריה האָבן דערקלערט אַן אַרבעטס־סכסוך".

אַזוי פֿיל מענטשן האָבן אַוועקגעלייגט די אַרבעט, נאָר די זון טוט דאָס פֿאַרקערטע: זי בראָט און שׂרפֿעט די ערד אָן רחמנות. די חמימה פֿאַרשלאָגט דעם אָטעם. כאָטש קריך אַריין אין וואַנע, לאָז אויף זיך קאַלט וואַסער — און ליג.

וואַרף איך אַוועק די בלאַט־צייטונג און די מחשבות הייבן זיך אָן צו באָמבלען ביי מיר אין מוח: מענטשן שטרייקן. ס'הייסט, זיי אַרבעטן נישט. וואָס איז דאָ דער חידוש? ווער עמען גלוסט זיך אַרבעטן אין אַזאַ היץ? די חמימה מאַכט מיד דעם מענטשן. זיינע אברים ווערן שלאַבעריק. זיינע צוויי הונדערט מיט אַכט און פֿערציק שרייפֿלעך ווערן צעלוזשעוועט. אין אַזאַ טאָג איז גוט צו כאַפּן אַ גוטן דרימל. די פֿוילקייט כאַפּט אַרום דעם

בשׂר ודם, דריקט אים ווי מיט אייזערנע צוואַנגען. וואָס־זשע וויל מען פון די מענטשן, די שטרייקערס? אמת, זיי שטעלן־אַרויס פאָדערונגען, זיי דערקלערן אַרבעטס־סכסוכים. וואָס דען זאָלן זיי טאָן? זיי קענען דען קומען צו דער רעגירונג, צו די אַרבעטס־געבער און זאָגן: „חשובע הערן, איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז אין אַזאַ היץ איז אונדז אַפילו שווער צו קומען יעדן ערשטן אין דער פאַבריק, אָדער אין ביוראָ, אָפּצונעמען דעם לוין, טאָ וואָס פאָדערט איר פון אונדז אַז מיר זאָלן נאָך אַרבעטן אויך? וואָס זענען מיר — מאַשינען, אויטאָמאַטן?"

דעם אמת געזאָגט, וואָלט מען געקענט לייזן ראַדיקאַל דאָס גאַנצע שטרייק־פּראָבלעם. צו וואָס, כ׳בעט אייך, זאָלן די שטרייקן נישט זיין אָרגאַניזירט? אויף דעם געביט הערשט דאָך אַ פולשטענדיקער כאַאָס. היינט שטרייקט דער, און מאָרגן — יענער. פאַרוואָס זאָל מען דאָס נישט קענען מאַכן מיטאַמאָל? למשל, אין די הייסע חדשים שטעלט מען אָפּ אַלע אַרבעטן אין דער מדינה און די מענטשן פאָרן־אַרויס ערגעץ, אין די קאַלטע מקומות, אין די בערג — און דווקא קיין אויסלאַנד. איידער מ׳פאָרט אַרויס לאָזט מען איבער אַן אולטימאַטום: „ווען מיר וועלן צוריקקומען פון אורלויב, דאַרף אונדזער לוין שוין זיין העכער מיט פופציק פּראָצענט. אויב נישט — וועלן מיר ווידער אַרויספאָרן אין די בערג".

וואָס וווּנדערט איר זיך — עס איז נישט קיין גלייכע זאַך? נעמט דעם ספר־הספרים אין האַנט אַריין, מישט־אויף די פּרשיות פון „במדבר" וועט איר זען, ווי יידן האָבן, גאָט צו דאַנקען, געלעבט אָן אַרבעט. מ׳איז געלעגן אין די געצעלטן און דאָס לעבן איז געגאַנגען נאָרמאַל. מ׳האָט געבויט הייזער? — ניין! מ׳האָט געפּלאַסטערט כבישים? — אַ נעכטיקער טאָג! איז וואָס־זשע מוז דער היינטיקער דור, די יידן, וואָס זענען געקומען אַהער נאָך צוויי טויזנט יאָר, די ישראלים, און די סאַברעס, וואָס זענען דאָ געבוירן געוואָרן — דווקא אַרבעטן? איז דען עמעצער פון יענע יידן, אין מדבר געשטאָרבן, חלילה, פון הונגער?

יאָ, יענע יידן האָבן אַמאָל געגעסן מן. ריכטיק. אַמאָל האָט עס געהייסן מן און היינט הייסט עס „שילומים", „פּיצויים", „מגביות", „תרומות". וואָס איז די נפקא־מינה? דאָס אַלץ מוז דען פאַלן דווקא פון הימל? און אַז שליחים, מיניסטאָרן, עסקנים, גענעראַלן, פּקידים, כּלערליי טוער, ברענגען דאָס פון אַמעריקע, דייטשלאַנד אָדער פון אַנדערע לענדער, איז שלעכט? דער עיקר איז דאָך, אַז ס׳קומט אַריין. ס׳איז דאָ. איז צו וואָס־

זשע, פרעג איך אייך, דאַרף אַ היגער מענטש, אַ ישׂראלי, אַרבעטן, מען זאָל אים צאָלן דאָס געלט, אַז מ׳קען עס מאַכן איינפאַכער, פּשוטער, לייכטער. כ׳מיין, אַז דער מענטש זאָל דירעקט באַקומען דאָס געזאַמלטע געלט — און נישט אַרבעטן. דאָס וואָלט דאָך געווען דער בעסטער אויס־וועג. אַזוי אַרום וואָלט מען מיט איין קלאַפּ פּטור געוואָרן פון אַלע שטרייקן.

זעט איר, אַז די דאָקטוירים שטרייקן, אַרט מיך דווקא נישט. איך בין מסכּים זיי זאָלן שטרייקן — אַפילו ביז משיח וועט קומען. דער עיקר: אַבי איך זאָל זיין געזונט און נישט דאַרפן צו זיי אָנקומען.

היינט האָבן די אויטאָבוסן געשטרייקט. בין איך געגאַנגען צופוס. דער דאָקטאָר האָט מיך שוין לאַנג געוואָרנט: „דאָס איינציקע וואָס קען אייך נאָך ראַטעווען איז אַ סך גיין און ווייניק עסן — און וואָס מער פיזישע אַרבעט״.

זאָג איך צו אים: „פּאַניע דאָקטאָר, איר ווייסט דאָך, היינט איז אַ מאָדע, אַז אַלע שטרייקן, טאָ ווי קען איך אַרבעטן? כ׳וואַש די כּלים, איך טראָג אַראָפּ דאָס מיסט, איך רייב די פּאָלן — ווייל מיין ווייב האָט אויך פאַרשטרייקט״.

זאָגט דער דאָקטאָר (ער האָט עס געזאָגט דעמאָלט, ווען ער האָט נאָך נישט געשטרייקט): „דאָס איז נישט קיין פיזישע אַרבעט. איר דאַרפט פּראָווען גימנאַסטיק, שווימען״.

„איך שווים אין וואַנע״, זאָג איך — „און מיין ווייב מאַכט מיר יעדן פרימאָרגן אַזאַ טוש, אַז עס ווערט מיר קאַלט און וואַרעם״.

ענטפערט דער דאָקטאָר:

„איך וואָלט מיט אייך נאָך גערעדט, אָבער לײדער מוז איך איבעררייסן, ווייל נאָר וואָס האָב איך באַקומען אַ באַפעל, אַז שוין מוז איך אָנהייבן שטרייקן״.

טראַכט איך מיר: אַז אַלע שטרייקן, אפשר וועט דער מלאך המוות אויך פאַרשטרייקן. און אויב נישט — זאָל ער כאָטשבי פּראָווען סאַנק־ציעס, פאַרלאַנגזאַמען די אַרבעט. זאָל ער זיך צופּאַסן צו דער נייער צייט, דער „שוואַרצער פאַרשוין״.

אינהאַלט

צייטן בייטן זיך
9 ווי נעמט מען אַמאָליקע יאָרן
13 אויך מיר אַ לעבן
17 אין הונדערט יאָר אַרום
22 נאַפט
27 אברהם אָבינו — אין ירושלים
32 אַ שטורמישע פאַרזאַמלונג
36 קינדער-שטרייק

היימישע מענטשן
43 העפלעכקייט
48 אַ זעונג
53 אויף אַ באַלעט
58 געפונען אַן אויסוועג
63 יאַסקע
67 אַ לעקציע וועגן סעקס

עולים און יורדים
75 געדולד, ברידערלעך!...
79 צווישן יידן
84 אַ בריוו פון אַ יורד
88 וואָס עס געפעלט זיי נישט
92 דער נייער עולה

אויפגעקומענע גבירים
99 ליניעס
103 אַ שרייבער
107 אינפלאַציע
111 טאַטע און זון
115 מיט די אייגענע צען פינגער
119 מען שפילט

שׂרה-חיה און משה כלאַצע און זייערע שכנים
127 מחותנים
132 שרה-חיה קלעטערט אויף מצדה
136 אויף אָפרו
140 ס'איז איר אומעטיק
143 ווי נעמט מען אַ דירה?
146 איינשפּאָרונגען
150 פאָרן — אַרויספאָרן
154 „סטערעאָ"
158 אַ מאָדנער חלום
163 אַ שטיין
167 פריילעך און לוסטיק
171 וואַרעם וואַסער
176 אַ חתונה

מאַנאַ-לשון
183 אויף איר חשבון
187 אַ שליח
192 אַ משפחה מיט אַ סך קינדער
196 געסט
201 געקניפּט און געבונדן
205 נישטאָ קיין נחת
209 מאָדערנע צרות
213 אַ פחדן
217 אויף דער עלטער
222 אשכנזים און ספרדים
227 איבער די כוחות
231 מען דאַרף צולייגן אַ האַנט
235 אַ קבצן
239 אַ וויכטיקער פּלאַן
243 וויז ע.ר. זיך געטראָפן
247 אַן אָפּטימיסט
251 איינציען דעם פּאַסעק
255 אַ פריילעכע גרושה
259 אַ געטרייער מאַן
263 דער מת
266 חול-אַ מויד

נאָענטע פריינד פון ווייטע לענדער
271 ווי זענען מיינע קינדער
276 וואָס האָט מען צו אונדז
280 סעם — פון דעטראָיט
285 נוויטיקע זאַכן
290 ער איז אויפגעבראַכט
293 געצל לאָקש האָט טענות
297 אַ באַזוך

דאָס רעדל דרייט זיך
305 אַ שמועס אין גהינום
310 עפעס האָט זיך געענדערט
314 יידן — עקשנים
317 ס'נאָך נישט עק וועלט
321 אבסאָלוטע רו
326 אַזוי ווי ביי לייטן
329 אַ האַרבע שאלה
333 מחשבות אין אַ כאַמסין-טאָג